STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11534

KSOVIM

Gershon Gerszuni

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ד"ר גרשון גרשוני

☆

כ ת ב י ם

הספר יוצא לאור בסיועו של החבר גבריאל אוסטרובסקי

דאָס בוך ווערט אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פון חבר גבריאל אָסטראָווסקי

ד״ר גרשון גרשוני

כתבים

פארלאג י.ל. פרץ ישראל

תל־אביב, תשל״ד — 1974

DR. GERSHON GERSZUNI

WRITINGS

I. L. PERETZ Publishing House
31, ALLENBY St. TEL-AVIV

ד״ר גרשון גרשוני / כתבים

פארלאג י. ל. פרץ,
תל־אביב, רח׳ אלנבי 31

יוצא לאור על ידי מכון רינגלבלום

ארויסגעגעבן דורך דעם רינגעלבלום־אינסטיטוט

©

נדפס בישראל תשל״ד
Printed in Israel 1974

דפוס „אור״ בע״מ, תל־אביב, שדר׳ הר־ציון 104, טל. 822481

ד"ר גרשון גרשוני

18.11.1900 — 18.7.1959

משה ארם

גרשון גרשוני

אינני יודע מהו הזמן הדרוש לו לאדם להגליד פצעי נפש. אחת אדע: כי הקרום הדק נקרע כל פעם שזכרונו של גרשוני ודמותו עולים לפנינו. עוד הוא נצב חי בחיוכו המלבב, בדיבורו השקט, כולו קורן אצילות, חכמת חיים וכח שיפוט משכנע. ומעל לכל קסם החברות, שריתק אליו לבבות ועשה אותו מספג לכל מרי שיח ולהרהורים בקול רם. כושר ההקשבה המופלא שלו היה משרה עליך הרגשת בטחון רוגעת, שאכן נקלעת למסלול פתוח מלב אל לב, ללא חציצה, ללא עינים מזדקפות בקוצר רוח. על כן כה רבים היו שהשיחה עם גרשוני היתה בשבילם ממש צורך נפשי. לא לשם „תכלית" אלא פשוט משום שהיה טוב לשבת במחיצתו ולהחליף דעות אתו. היה קל עם גרשוני, משום שמעולם לא נטל לעצמו כתר של פוסק הלכות, אף כי היה מלא וגדוש, בהיר מחשבה וביטוי וברוך כשרון לנתח בעיות ומצבים מסובכים. וכשם שידע ללמד, כך ידע ללמוד מפי כל שנזדמן אתו. ברוך בעדינות היה מדובב חברים ופורק מהם מועקות שהצטברו.

אחת לא ידע גרשוני: להידחק לראש התור, לעמוד מול זרקורי פרסומת. על כן כל כך קשה היה להוציא אותו אל הפומביות, אל הבמה. אך כשהופיע, נתגלה במלוא שיעור קומתו כמסביר ומרצה מחונן, המזין את שומעיו במחשבה מעמיקה.

ארבעים שנה הלכנו שלובי זרוע, ומותר לומר — שלובי נפש בשדות התנועה שנצמדנו אליה מנעורינו, תנועת פועלי ציון שמאל.

הכרתי את גרשוני, בעודו עלם, שאך זה ירד מספסל הגימנסיה ברוסיה, בוויטבסק וחזר בימי המהפכה לעיר מולדתו, לגרודנו. נפגשנו בביאליסטוק, בכנס מחוזי של המפלגה במחתרת. עם נסיגת הצבא האדום מגבולות פולין עשינו בצוותא את הדרך לווילנה ומשם לקובנה. שנתיים שיקענו עצמנו בתנועה בליטא, יחד עם יוסף רוזן ז"ל ושמעוני יבדל לחיים ארוכים. ידענו את חדוות התסיסה והפעולות הבלתי ליגליות, את טעמו החריף של המאבק הרעיוני עם היבסקציה, הבונד מחד ועם הימין

בתנועת הפועלים הציונית מאידך. יחדיו חושלנו וחישלנו את התנועה מפני קסמה של התנועה הקומוניסטית בעולם.

לאחר זמן נפגשנו בברלין בשנות „הסופה והסער", וגרשוני כבר דוקטור לכלכלה ופילוסופיה. פעיל באיגוד הסטודנטים, איש ההלכה והמעשה הפועל־ציוני ומקובל בחוגי השמאל הבין־לאומי כ„מרקסיסט ציוני". לשנים נפרדנו. אני עליתי ארצה וגרשוני חזר לחרוש ולזרוע בתנועה בפולניה. חבר הועד המרכזי, חבר מרכז הנוער, שליח ציבור נאמן בכל השלוחות של המפלגה.

בשנות השלושים אף הוא מגיע ל„תחנה הסופית" — לארץ. עד מהרה הוא נהיה לאחד מעמודי התווך במפלגה על כל גלגוליה — ב„אחדות העבודה — פועלי ציון", ב„מפ"ם" וחוזר ל„אחדות העבודה — פועלי ציון". חבר הוועד הפועל של ההסתדרות, חבר הוועד הפועל הציוני, חבר המזכי־רות המרכזות של המפלגה, עם זאת — חבר המזכירות בוועד הסניף ומזכירות הברית העולמית. מעולם לא נשא לשוא את ה„תארים הגבוהים". בקלות היה מרים כל משא ציבורי שהוטל עליו ומטפל בו בשלווה פנימית מקסימה. והנה גם הוא נגדע ללא עת.

מותו של גרשון גרשוני בא עלינו כחתף, כמחץ לא ייאמן. עדיין היה האיש בעיצומה של הפריחה, הצעיר שבחבורה. ואני נזכר גם עכשיו, אחרי שנים, בסיוט הזה — יצאנו שנינו מישיבת המזכירות של המפלגה, של אחדות העבודה — פועלי ציון, ברחוב ליליבלום. חכינו לאוטובוס. גרשוני הפליט בחיוך מבוייש שהוא מרגיש משום מה לא טוב. אמרתי שאלווה אותו הביתה. הוא צחק: אין צורך, זאת היא סתם חולשה חולפת. אחרי שעה קלה טילפנתי אליו ובתיה אשתו הרגיעה אותי: שום דבר מיוחד. בא הערב ואיזו שהיא תחושת פחד עמומה תקפה אותי. הפעם ציפה לי הלם: טלפון מבתיה: גרשוני קיבל התקפת לב והועבר לבית־החולים. וכך התחיל הסיוט, החרדה הבלתי פוסקת. במשך הימים הלך מצבו והשתפר. רווח לנו. הגיע היום העשרים ואחד — היום הקריטי — יום הסיום לשכיבה במיטה, בבית־החולים. ביקרנו אותו בבוקר. היה עליז, התבדח, ראה את עצמו כשם שאנו ראינו אותו נחלץ מהמחלה. לא עברו שעות ובאה הבשורה השחורה: גרשוני איננו! לפתע פסק הלב לדפוק. נכרת מאתנו אבר מן החי.

✡

עברו 15 שנים. כל הגוף האנושי מתקופת חייו של ג. גרשוני הולך ונמחק בקצב טרגי, מהיר. נסתלק מהעולם רוב־רובה של החבורה

המפוארת: זרובבל, ניר, יוסף רוזן, יצחק לב, פטרזיל, דניאל לייבל (אלכסנדר), שמואל טייכמן ורבים אחרים — חבורה שעליה נמנה ג. גרשוני, אתה חי, חלם ופעל, אהוב על כולם.

גם עכשיו, לאחר כמה שנים, נפתח כפעם בפעם הפצע, החלל בלב, שאינו מקבל סתימת הגולל. ייתכן שזאת היא התנגדות אינסטינקטיבית, „ביולוגית", לתהליך הפרידה מתקופת הליבלוב בחייך, תקופה שבמהלך השנים אתה נמשך אליה בערגה, באידיאליזציה. אך האמת היא שלא רק התחושה הסובייקטיבית פועלת כאן. התשתית של „תקופת הליבלוב" היתה מעוגנת במתיחות הרוחנית, שהולידה את החברות ואת הקשר בין חבר לחבר, שהיה שותף לך בחלומות, בכיסופים לראות את החזון כדרך לחיים. כזאת היתה השותפות עם גרשון גרשוני — שותפות בלב ונפש ללא חציצה. לא היה עובר שבוע בלי פגישה ושיחה אתו, אם בביתו, אם במשרדו בועד הפועל, אם במועדון המפלגה. היה זה ממש צורך נפשי להחליף אתו רשמים, דעות, הרהורים בקול רם על המציק לך, המטריד אותך, כדי להתחסן נפשית מול המאבקים הפוליטיים והחברתיים, אליהם היינו „משועבדים" בחדווה, בנכונות מתמדת. אני אומר: היינו; היינו „חבורה כזאת" דבוקים זה בזה „בשדה מגניטי" נפשי אחד. ולכן כה רב ונורא היה הכאב, כאשר נותק מאתנו ע"י המות.

יוסף באַנקאָווער

דער גייסטיקער אַריסטאָקראַט

די לעבעדיקע בלומען ביי דער מצבה פון ג. גרשוני פאַרשטעלן נישט דעם ביטערן אמת, אַז אַ יאָר איז שוין פאַרביי זייט ער איז אַוועקגעריסן געוואָרן פון אונדז. אַ יאָר איז פאַרביי — און דער ווייטיק איז נישט אַריבער, די וווּנד איז נישט פאַרהיילט געוואָרן. די געפילן פון אָנערקע־נונג און ליבע צו גרשונין זענען טיף איינגעקריצט אין די הערצער פון די חברים אין לאַנד און ווייט אויסער די גרענעצן, ווייל גרשוני איז געווען דאָס קינד פון דער גרויסער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין לאַנד און אין דער וועלט.

די מעכטיקע רוסישע רעוואָלוציע האָט פאַרכאַפּט דעם יונגן גרשוני אַ שטרעבנדיקן צו דער באַפרייונג פון זיין פאָלק. די טעג פון גרויסע האָפענונגען פאַר די פעלקער פון באַפרייטן רוסלאַנד זענען געווען טעג פון שטאַרקער דערוואַכונג צווישן די יידישע מאַסן אין דער רוסישער מלוכה, וואָס איז אויפגעטרייסלט געוואָרן דורך דער רעוואָלוציע, וועלכע האָט אַרויסגעפירט די אונטערדריקטע פעלקער אויף דער היסטאָרישער אַרענע.

נישט קיין אויסגעפּלאָסטערטער וועג איז געשטאַנען אָפן פאַר אַ יונגן יידן, וועלכער איז פאַרכישופט געוואָרן פון די מעגלעכקייטן, וואָס זענען געעפנט געוואָרן דורך דער רעוואָלוציע — און דאָך פאַרבליבן טריי צו זיין פאָלק, געוווּסט אַז עס האָט נישט קיין פאָטערלאַנד און נישט קיין געזונט נאַציאָנאַל־עקאָנאָמיש לעבן. גרשוני איז געווען אַ מענטש פון דער פּועלי־ציון באַוועגונג, פון די, וועלכע האָבן געשטאַלטיקט דעם כאַראַקטער פון דער באַוועגונג אין אירע גרויסע און שווערע געראַנגלען פון יענער צייט.

עס האָבן זיך אין אים אָרגאַניש צונויפגעשמאָלצן די רייכע פּראָגרע־סיווע רוסישע קולטור, די ברייטע אייראָפּעישע קולטור, די זאַפטיקע יידישע פאָלקס־קולטור און דער פערזענלעכער חן פון נשמהדיקער איידלקייט.

אַלס שליח פון ציוניסטישן סאָציאַליזם, וואָס זיין וועג איז נישט געווען באַדעקט מיט רויזן סיי אויף דער יידישער אַרבעטער־גאַס, סיי אויף דער

אינטערנאַציאָנאַלער, האָט גרשוני געווידמעט זיינע אַנאַליטישע פעיקייטן, זיין פּילזייטיק וויסן און קולטור דער באַוועגונג. ער האָט זיך פולשטענדיק אידענטיפיצירט מיט דער באַוועגונג.

ער איז געווען אַ גוטער חבר, אַן איידעלער, אַ גייסטיקער אַריסטאָקראַט. פון זיין הייס האַרץ האָט אויסגעשטראַלט ליבע צו זיין סביבה. ער איז נישט געווען בלויז דער „קאָמענטאַטאָר" פון טעאָריעס. ער איז געווען אַ מענטש פון זעלבסטשטענדיקן געדאַנק. ער פלעגט זעלטן אַרויסטרעטן מיט רעדעס, אָבער יעדער אַרויסטריט זיינער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט דער גרינטלעכקייט פון געדאַנק און טיפקייט פון אַנאַליז.

גרשוני איז פאַר אַ סך געווען אַ חבר און אַ פריינד. מיט זיינע פּערזענלעכע מעלות האָט ער זיך דערוואָרבן ליבע און צוטרוי. ער איז געווען פאַרוואָרצלט אין דער ישראלדיקער געזעלשאַפטלעכקייט, אין דער אַרבעטערשאַפט און אין דער וועלט־באַוועגונג. אַ געטרייער טוער פון דער הסתדרות, אַ געשטאַלט, וואָס האָט געוועקט צו זיך דרך־ארץ אין דער ציוניסטישער באַוועגונג.

זיין איידלקייט, פּערזענלעכע און געזעלשאַפטלעכע אָרנטלעכקייט, געטריישאַפט צו דער זאַך און צו חברים, האָבן צעשטערט אַלע מחיצות אַרום אים. אין מאָמענטן פון געזעלשאַפטלעכער שפּאַנונג, פון שפּאַנונג צווישן חברים, האָט מען געוווּסט, אַז גרשוני איז דער אַדרעס פאַר אַן אָפנהאַרציקן נישט געצווונגענעם שמועס.

דער זכר פון גרשונין וועט פעסט לעבן אין דער באַוועגונג און מיר וועלן נאָך אַ סך יאָרן טיף פילן דעם גרויסן פאַרלוסט פון אַ גוטן, געטרייען און דורך אַלעמען געשעצטן חבר. מיר וועלן פילן אונדזער פאַראָרעמונג צוליבן פעלן פון גרשונין.

ד״ר יעקב גרשוני

גרשון — מיין איינציקער ברודער

פאַר דעם מחבר פון די שורות איז דאָס אפשר די איינציקע — אויסער דעם גיין צו יאָרצייט צום בית הקברות — געלעגנהייט זיך צו געזעגענען מיט טרערן אין די אויגן און מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ מיט דער ליכטיקער געשטאַלט פון דעם עלטערן ברודער זיינעם. זיינע נאָענטע פּאַרטיי־חברים האָבן זיך געגעבן די מי צו דערמאָנען זיינע גרויסע פאַרדינסטן פאַר דעם אַרבעטער־ציוניזם. מיין אויפגאַבע איז דאָ צו באַשרייבן דעם משפחה־הינטערגרונט און די ענגע פאַרבונדנקייט וואָס האָט זיך מיט די יאָרן נאָך מער פאַרפעסטיקט צווישן ביידע ברידער גרשוני.

זיין באַציִונג צו די עלטערן און צום יינגערן ברודער און שוועסטער איז געווען אַ מוסטערהאַפטע. ער איז שטענדיק געווען, און געבליבן ביז צום חורבן, פאַרבונדן מיט דער היים אין גראַדנע און האָט קיין מאָל נישט פאַרזוימט צו זיין אין דער היים. אין דעם פּאָליטישן שטורעם־און דראַנג־פּעריאָד האָט ער געפונען ביי דער מאַמען אין האַרצן אַ ביסל וואַרעמקייט און צערטלעכקייט. זיין באַציִונג צו די יינגערע קינדער איז געווען אַ כמעט פאָטערלעכע און וועגווייזערישע. זיין שטרעבן איז געווען איינצוהאַלטן די איינהייטלעכקייט פון דער משפחה אין די שווערע יאָרן פון דעם צווישן־קריג־פּעריאָד. יעדער משפחה־צווייג האָט זיך זיינע פּראָבלעמען און גורלדיקע פראַגן. מיין ברודער גרשון האָט זיי שטענדיק געזוכט אויסצוגלייכן און משפּטן מיט חסד און ליבע.

ווי אַ קליין יינגל איז ער אויפגעוואַקסן אין אַ נישט אָרעמער יידישער פאַמיליע. די דאָזיקע פאַמיליע האָט געלעבט פון טראַדיציעס און פון אַ מין יחוס, וואָס די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין אַמאָליקן רוסלאַנד האָט געשאַפן, אַרויסרוקנדיק דעם אָנפירער פון די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן גריגאָרי אַנדרייעוויטש גרשוני, אַ קינד פון דעם משפחה־צווייג אין שאַוול, און אויך אונדזער אומפאַרגעסלעכע מומע ד״ר ראַשעל גרשוני, פון די ערשטע רייען פון „בונד״. מיר זענען אויסגעוואַקסן אין אַ משפחה וואָס אין איר נשמה איז פאַרבליבן דער טיפער איינדרוק פון אונדזער זיידן בערל גאַלאַנטע, וועלכער האָט אין יאָר 1912 פאַרלאָזן די

באָבען און זיין היים און איז אַוועקגעפאָרן שטאַרבן קיין ארץ ישראל. דעם זיידן איז באַשערט געווען צו לעבן דאָרט בלויז פינף טעג און ער איז געשטאָרבן אין ירושלים.

דער דאָזיקער אויסטערלישער פאַקט האָט אויפגערודערט אונדזער משפחה. מיר פלעגן זיך דערמאָנען די געזעגענונגס־סצענע אויפן גראָדנער וואָקזאַל, פאַרן ערשטן וועלט־קריג. די וועלט האָט זיך אין יענע יאָרן דערגענטערט צום קריזיס־פונקט, פון וועלכן עס האָט זיך אָנגעהויבן די אומגעשטאַלטונג פון דער הייגטיקער געזעלשאַפט אין מזרח־איירָאָפּע. מיר קינדער האָבן געפילט, אַז אונדזער גורל איז אויפצוואַקסן אין אַ ברויזנ־דיקער אַטמאָספער און ווערן אַקטיווע עדות פון אַ פּאָליטישער און סאָ־ציאַלער איבערקערעניש פון אַ היסטאָרישן פאַרנעם. גרשון האָט אָנגעהויבן צו פילן דעם פולס פון דער געשיכטע זייער פרי אין זיין יוגנט. זיינע יונגטלעכע יאָרן האָט ער פאַרבראַכט נישט ווי די הײַנטיקע יונגעלייט, וואָס זוכן אין רעש און אין דעם היסטערישן דינאַמיזם דעם „קאַרפּע דיעם" די פאַרטויבונג אין ווילדע טענץ און אין פאַפּיסטישן געזאַנג, נאָר אין ביכער און אידעען און אין רעוואָלוציאָנערע מעשים.

זיינע און אויך מיינע ערשטע שריט אויף דעם געזעלשאַפטלעכן שטח זענען געווען די ערשטע אַקטיווע אַרבעט אין די קרייזן פון די גימנאַזיע־תלמידים, וואָס זענען שוין פאַר דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד געווען אָרגאַניזירט אין אַזוי גערופענע „קרייזן" (קרוזשקי) אין וויטעבסק אין די יאָרן 1915—1916.

מיין ברודער האָט פון יענער צייט אָן, דאָס הייסט פון יאָר 1915/16 געהאַט און האָט דערוואָרבן אַן אידעאָלאָגישע פּאָזיציע, וועלכער ער איז געבליבן געטריי זיין גאַנץ לעבן און וואָס האָט געפונען זיין נאַטירלעכן ענטפלאָג אין דער שאַפונג און אין דער עקזיסטענץ פון מדינת ישראל.

די דאָזיקע פּרינציפּיעלע פּאָזיציע האָט זיך מיט דער צייט פאַר־וואַנדלט אין דער צוגעהעריקייט צום אַרבעטער־ציוניזם און צו זיין לינקן פליגל — דער לינקער פועלי־ציון־באַוועגונג.

אַ גאָר וויכטיקער אָפּשניט האָט זיך אָנגעהויבן פאַר מיין ברודער בשעת דער מלחמה צווישן דעם סאָוויעטן־פאַרבאַנד און פּוילן. דאַן — דאָס הייסט אין יאָר 1920 — איז געקומען דער ערשטער שיידוועג צווישן די ברידער גרשוני. ביז דעם יאָר זענען מיר שטענדיק געווען צוזאַמען. דער ניואַנס אין אונדזער פּאָליטישער צוגעהעריקייט האָט זיך אַנטפּלעקט זייער פרי. שוין אין וויטעבסק איז גרשון שטענדיק געבליבן געטריי דעם יידיש־נאַציאָנאַלן אַספּעקט, בשעת זיין יינגערער ברודער איז געווען מער צוגעצויגן צו דעם אַלגעמיינעם רוסיש־רעוואָלוציאָנערן פראָנט.

אין יאָר 1920 זענען זיך אונדזערע וועגן פונאַנדערגעגאַנגען. גרשון איז אָפּגעטרעטן קיין ווילנע און קאָוונע, זיין ברודער יעקב איז אַוועקגעגאַנגען מיט דער רויטער אַרמיי און האָט נאָך אַ גאַנץ יאָר פאַרבראַכט אין רוסלאַנד, אין פּאָליט־אָטדעל פון דער אַרמיי און אָנטייל גענומען אין דער מלחמה מיט די ווייסע אַרמייען. שפּעטער איז גרשון געפאָרן קיין בערלין, ווו ער האָט אידעאָלאָגיש געקעמפט פאַרן אַרבעטער־ציוניזם.

זיין ברודער יעקב איז צוריקגעקומען אַן אַנטוישטער פון רוסלאַנד און איז אויך געקומען קיין דייטשלאַנד, אָנגעהויבן לערנען אין די דייטשע אוניווערסיטעטן און אין דער שווייץ.

דער ברודער גרשון איז אויך געקומען זיך לערנען אין דער שווייץ און מיר פלעגן זיך טרעפן סיי אין באַזעל, סיי אין ציריך. ער האָט געענדיקט דעם דאָקטאָר־עקזאַמען אין יאָר 1926 און איז גלייך אַוועקגעפאָרן צו די עלטערן אין גראָדנע און איז געבליבן אין פּוילן און האָט אויך געדינט אין דער פּוילישער אַרמיי.

אין 1936 איז ווידער געווען פאַר גרשונען אַ גורלדיק יאָר, ווען ער האָט באַשלאָסן צו פאָרן קיין ארץ־ישראל. דאָס איז געווען דער וויכטיקסטער און שווערסטער באַשלוס, ווייל ער האָט זיך געמוזט צעשיידן מיט זיין ערשטער פרוי, גיטען. דאָס דאַזיקע אָפּזאָגן זיך פון אַ יוגנט־ליבע און דאָס צעשיידן זיך פון דער היים און פון זיין ברודער איז אים אָנגעקומען זייער שווער, נאָר די אידעאָלאָגישע ריינקייט, אויסגעהאַלטנקייט און פּרינציפּיעלע אינטעגריטעט זענען ביי גרשונען געווען אַזוי טיף פאַרוואָרצלט, אַז ער איז אַרויסגעגאַנגען פון אָט דעם דאַזיקן זעלישן קאָנפליקט ווידער אַ שטאָלצער, ווילנסשטאַרקער און אידעאָלאָגיש אויסגעהאַלטענער קעמפער פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון דעם ציוניזם.

זיין מאָראַלישער פּרצוף איז געווען פון קרישטאָל ריינער קלאָרקייט. ער האָט זיך געהאַלטן ביי דער משפּחה־טראַדיציע וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין גרויסער באַשיידנקייט. ער האָט נישט גערעדט צו פיל, נישט דעקלאַמירט ווען ער האָט גערעדט און האָט נישט פאַנטאַזירט ווען ער האָט געשריבן. די דאַזיקע באַשיידנקייט האָט מיין ברודער גרשון, געירשנט ביי אונדזער איידעלער, באַשיידענער, גוטהאַרציקער מאַמען. זיין איידלקייט האָט אים נישט דערלאָזט צו גיין אויף שטאַרקע הנחות, זיך צו באַנוצן מיט די אויסגעקינצלטע טאַקטישע אָדער אָפּאָרטוניסטישע מאַנעווערן. ער איז געווען דער געבוירענער פירער און אידעאָלאָג און אויב ס׳איז אים נישט באַשערט געווען צו קריגן אַ געהעריקן פּאָסטן אין ישראל, איז דאָס אין אַ גרויסער מאָס אָפּהענגיק געווען פון דער איינגעבוירענער איידלקייט און זעלישער קאָרעקטקייט. פּאָליטישע אָדער אידעאָלאָגישע

צביעות איז אים געווען פרעמד. זיין לעבן איז געווען דער לייכטנדיקער ביישפיל פאַר אַ ליכטיקער נשמה אין קאַמף קעגן טייוולאַנישער אויסגע־קינצלטקייט.

זיין טרייקייט צו דער היים אין גראָדנע און צו טאַטע־מאַמע, ברודער און שוועסטער איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכע. פון ישראל האָט ער זיך שטענדיק באַמיט אָנצוהאַלטן אַ קאָנטאַקט מיט דער משפחה. בשעת דער גרויזאַמער צווייטער וועלט־מלחמה איז ער אין ישראל פּשוט אויסגעגאַנגען אין בלוט און טרערן טראַכטנדיק וועגן דער טראַגעדיע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט מיט די עלטערן אַזוי ווי מיט כלל ישראל, מיט דער שוועסטער און די קרובים אין גראָדנע. ער האָט אַלץ געפּרוווט כדי צו העלפן ראַטעווען די משפחה. דאָס איז אים נישט געלונגען. ס׳איז אים אויך נישט געלונגען די ווידער־פאַראייניקונג מיט זיין ברודער, וואָס איז אַלס איינציקער מיט־גליד פון דער משפחה לעבן געבליבן דורך אַ צופאַל און דורך אַ מזל אין אייראָפּע. מיר רעדן דאָ נישט פון דער געפיל־פאַרבונדנקייט מיט דעם ברודער, וואָס האָט קיין מאָל נישט אויפגעהערט. מיר מיינען די פּרינצי־פּיעלע, די וועלט־פּאָליטישע, די יידיש־אידעאָלאָגישע.

וועגן דעם דאָזיקן אַספּעקט פון דעם פּראָבלעם וויל איך מיך דאָ אָפּשטעלן. דעם ברודער גרשון האָט זייער ווי געטאָן וואָס זיין יינגערער ברודער האָט זינט זיין דאָקטאָר־עקזאַמען אין ציריך און ביז 1947 נישט אָנטיילגענומען אַקטיוו אין דעם אידעאָלאָגישן און פּאָליטישן קאַמף פאַר ישראל. דאָס איז געווען דער גרויסער ווייטיק וואָס גרשון האָט געטראָגן אין זיין האַרץ און דער באַוווסטזיין אַז זיין ברודער גייט אויף אַפּיקורסישע וועגן האָט אים געמאַטערט און שטאַרק ווי געטאָן. דעריבער איז ער געווען גליקלעך, ווען דער ברודער יעקב האָט נאָך דער וועלט־טראַגעדיע פאַר־לאָזן די אַרבעט צווישן די גויים און גענומען אַרבעטן אַקטיוו פאַר דער פּועלי־ציון־באַוועגונג. ער האָט פון ישראל שטענדיק נאָכגעפאָלגט מיט זאָרג און ליבע די פּאָליטישע אַקטיוויטעטן פון זיין יינגערן ברודער.

זיין יידיש־נאַציאָנאַלע און פּועלי־ציוניסטיש גייסטיקע איינשטעלונג האָט אים געגעבן דעם מאָראַלישן גלייכגעוויכט. זי האָט אים געגעבן דעם זין פון לעבן, טראַכטן און דענקען. זיין לעבן איז געווען געווידמעט דעם קאַמף פאַר דער טעריטאָריאַלער און דאָקטרינערער סאָלידאַריטעט מיט און פאַר ישראל. זיין אָרנטלעכקייט איז געווען אַזוי גרויס, אַז די יינגערע חברים האָבן געקוקט אויף אים ווי אויף דעם לערער און עצה־געבער.

דער יינגערער דור איז היינטיקן טאָג געשאַפן פון אַזאַ מאָראַלישער און פּאָליטישער סובסטאַנץ, אַז וועגן אַזעלכע ריטערלעכע געשטאַלטן ווי

גרשון גרשוני וועלן זיך נאָר דערמאָנען איינצלנע לעבן־געבליבענע חברים און פריינד.

☆

ווי אַ דערגענצונג וואָלט איך געוואָלט ברענגען דעם טעקסט פון דעם לעצטן בריוו פון מיין ברודער גרשון, וואָס איך האָב דערהאַלטן אין ניו־יאָרק און וואָס איז דאַטירט פון 21.6.1959, דאָס הייסט וויי‌ניקער ווי אַ חודש פאַר זיין טויט (דער בריוו איז געשריבן אין רוסיש און די איבערזעצונג איז מיינע):

תל־אביב, 21.6.1959

מיין ליבער יאַשענקע,

איך האָב נישט געקענט דיר גלייך ענטפערן אויף דיין קורצן בריוו פון ניו־יאָרק. דאָ איז געווען ביז דעם 20טן מאַי אַ פיבערהאַפטע וואַל־קאַמפּאַניע צו דער הסתדרות און אין די לעצטע צוויי וואָכן האָב איך זיך נישט געפילט גוט. איך בין פאַרמאַטערט און מסתם האָבן אויך די אויפ־רעגונג און דענערווירונג שטאַרק אָפּגעשוואַכט דעם אָרגאַניזם. עס וואָלט נישט געשאַדט אָרויסצופאָרן אויף אַ מאָנאַט, צוויי, כדי צו בייטן דעם קלימאַט (דאָס ראַטן די דאָקטוירים). נאָר צו וואָס נוצן די ווערטער, ווייל אַזאַ מעגלעכקייט איז נישטאָ. איך האָב נישט געהאַט קיין בריוו פון דיר און האָב זיך געמוזט באַגנוגענען מיט מינדלעכע גרוסן פון די חברים רייס, מלך נוי און אַ ראַדיאָ־פאַבריקאַנט פון פּאַריז (געמיינט איז דער באַקאַנטער כלל־טוער און גוטער פריינד האַנדקאַן — י. ג.).

צי האָסטו זיך געטראָפן מיט טאָלאַרסקין — ער איז אונדזער משפחה־פריינד. מיט איין וואָרט, צי דו האָסט אַרבעט צי נישט — מוזסטו מיר שרייבן אויספירלעכער.

איך וואַרט אויף דיין ענטפער. איך קוש דיך שטאַרק. דיין גרשון.

פּ. ס. איך וועל דיר שיקן אַ פאָטאָגראַפיע, ווייל איך מוז זיך אויפסניי פאָטאָגראַפירן. חנה און בתיה גריסן דיך הערצלעך. נאָר שרייב. אויף דער עלטער ווערן די מענטשן אומגעדולדיק. איך ווייס נישט פאַרוואָס. נאָר איך בין געוואָרן אַזוי איילִיק.

גרשון

יעקב זרובבל

גרשון גרשוני

אין דער משפּחה פון לינקע פּועלי־ציון האָט ער געהערט צו די, וואָס האָבן אויסגעבילדעט דעם טיפּ פון דער יינגערער גענעראַציע אין דער פּאַרטיי אין פּוילן.

אַ קינד פון גראָדנע, אַ זון פון אַ מיוחסדיקער יידישער משפּחה, האָט גרשוני געהערט צו דער נייער נאַציאָנאַלער יידיש־סאָציאַליסטישער אינ־טעליגענץ; ער האָט געהאַט דעם דירעקטן צוטריט צו די קוואַלן פון אייראָפּעיִשער קולטור און געשעפּט בילדונג מיט אַ פולער האַנט. אַ מענטש מיט אַיינגעבוירענעם טאַקט און אַנטוויקלטן מוזיקאַלישן געהער, האָט ער פּאַרמאָגט גראָדן שכל און אויפגענומען דערשיינונגען, ווי זיי זענען, רעאַל, לאָגיש, טרוקן, כמעט קאַלט. ער האָט אָבער געהאַט זיין אייגנס אַ וואַרעם האַרץ, און יעדער געדאַנק איז ביי אים געלייטערט געוואָרן דורך דעם עמפּינדלעכן געפיל. האָט זיך נאַטירלעכערהייט אויספאָרמירט זיין מערק־ווערדיקע שפּירונג פון אחריות און מסירת־נפש. גרשוני האָט זוכה געווען אַריינצוגלידערן זיך מיט מוח און האַרץ אין דער דעמאָלט ענג היימישער משפּחה פון פּועלי־ציון־טוער און איינשפּאַנען זיך, גלייך ווי זיינע עלטערע חברים, אין יאָך פון זאָרג און פליכט לגבי דער באַוועגונג. אָנגעלאָדן מיט ויסן, געווווינט צו טעאָרעטישער דיסציפּלין, האָט גרשוני זיך אויסגע־צייכנט מיט זעלבסטשטענדיקייט פון געדאַנק, פעסטקייט און אויסגע־האַלטנקייט אין פּאָליטישער פּאָזיציע, ערלעכקייט און טרייקייט צו זיינע פּרינציפּן.

ער האָט דערקענט די יידישע ווירקלעכקייט אין רוסלאַנד, אין ליטע און פּוילן. שפּעטער — אויך אין אייראָפּע און אין צפון־אַמעריקע. ער האָט געהערט צו דעם אַמאָליקן ראשונדיקן טיפּ שליח. ער איז געווען דער אידעאַלער שליח־ציבור, אויסגעבונדן מיטן ציבור, מיט זיינע נויטן, פּאַרלאַנגען, יכולת און קראַפט. ער האָט די שליחות געטראָגן מיט ווערדע, נישט ווי אַ פּאַך, נאָר ווי אַן אינערלעכן אימפּעראַטיוו, ווייל אין דעם האָט ער זיך גייסטיק אויסגעלעבט און פּסיכיש באַקומען אייגענעם אויסדרוק.

גרשוני איז לויט זיין מהות געווען אַ מענטש פון פּאַרשן. ער האָט

זיך נישט פאַרלאָזט אויף אַנדערע און זיך באַמיט אַליין צו דערגרונטעווען די טיפערע סיבות און דערשיינונגען און אויסגעפינען די פאַרקייטלונג פון געשעענישן, כדי פעסטצושטעלן די באַוועגנדיקע פאַקטאָרן אינעם באַשטימטן פּראָצעס. ווי אַן עקאָנאָמיסט און אַ סאָציאָלאָג האָט ער באַנומען דעם אָביעקטיוון אַנטוויקלונגס־פּראָצעס; אַלס רעוואָלוציאָנער זיך געשטעלט די אויפגאַבע צו ריכטן באַוווּסטזיניק אין אַט דעם קאַנאַל די אָרגאַניזירטע געזעלשאַפטלעכע ענערגיע, די אַקטיווע סאָציאַלע האַנדלונג.

ס'איז געווען די תקופה, ווען ס'איז אָנגעגאַנגען דער היסטאָרישער וויכוח אויף דער יידישער גאַס צווישן די פאַרשיידענע קעגנזײַטלעכע גייסטיקע שטרעמונגען, ווי אַסימילאַציע און נאַציאָנאַליזם, בונדיזם און ציוניזם, טעריטאָריאַליזם און סיימיזם, חלוצישע עליה, רעאַלע אַרבעט אין פּאַלעסטינע און צוטרוי צו די מאַנדאַט־אַפּוטרופּסים פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע. אָפּאָרטוניסטישער רעפאָרמיזם און רעוואָלוציאָנערער סאָציאַליזם; סאָציאַליזם און ציוניזם ווי אַנטיפּאָדן אָדער ווי אַ העכערער האַרמאָנישער סינטעז.

גרשוני איז מיט לייב און לעבן געוואָרן אײַנגעפלייצט אין דער פּועלי־ציון־מחנה, מיט איר צוזאַמען געפּאַקט און געמאָזלט, דורכגעמאַכט טעאָרעטישע גילגולים און אויסגעשטאַנען דעם אַנבראָיז פון געוויטערן, וואָס האָבן זיך געווירבלט איבער דער באַוועגונג.

אַן אויסגעשפּראָכענער אינדיווידואַליסט לויט זיין כאַראַקטער, איז ער געוואָרן אַן אָרגאַנישער טייל פון דעם קאָלעקטיוו, אין וועלכן עס האָט זיך געלייטערט און קריסטאַליזירט אויף זיין יחידישע וועלט־באַנעמונג און אַנשויונג.

אים איז אויסגעפאַלן צו טראָגן אין פאַרשידענע צייטן די שליחות פון ציש"אָ, ייווו"אָ אין פּוילן און פון דער הסתדרות אין ארץ־ישראל, אַ חוץ די כסדרדיקע אומאיבערגעריסענע שליחות זיינע אין נאָמען פון אין אויפטראָג פון זיין פּאַרטיי. די פּאַרטיי־פאָן האָט אים תמיד אַרומגענומען און אין איר האָט ער זיך געוויקלט בעת אַלע טואונגען; פון דאַנען האָט זיך גענערט זיין אידעיִשע און פּסיכישע שלימות. ער איז נישט געווען פון איין גוס געגאָסן, זיין גאַנצקייט איז געקומען אין רעזולטאַט פון אַ קאָמפּליצירטן פאַרשמעלצונגס־פּראָצעס, ווו עס זענען אָפּגעפאַלן איבעריקייטן און ס'האָט זיך אויסגעטיגלט אַ סינטעטישע און עסטעטישע פּערזענלעכקייט.

דורך ציש"אָ (צענטראַלע יידישע שול־אָרגאַניזאַציע אין פּוילן) איז גרשוני אַרײַנגעדרונגען אין קדשי קדשים פון דער גרויסער לאַבאָראַטאָריע, ווו עס האָט זיך געפורעמט די פּסיכיק פון דעם יידישן קינד

און ס׳האָט זיך צעמענטירט זיין גייסטיקער צובונד צום יידישן פאָלק. דאָ האָט ער געקאָנט זען בחוש, וויפל פרייד און זוניקייט עס ברענגט אַריין אייגענע פּראָגרעסיווע דערציִונג אין דער נשמה פון דעם יונגן דור אויך אין דער יידישער היים, אין לעבן פון זיינע עלטערן. דאָ האָט גרשוני געלערנט צו דערשפּירן די גוואַלדיקע אחריות וואָס די באַוועגונג טראָגט כלפּי דער צוקונפט פון פאָלק און וואָס איז זי מחייב מיט דעם פולן ערנסט פאַר דער דערציִונג און גייסטיקער באַוועגונג פון זיינע יינגסטע שביינגסטע בויער.

דורך ייוו״א האָט גרשוני געהאַט די געלעגנהייט מיטצובאַטייליקן זיך אין דער מאָביליזאַציע פון פאָלק ביים געפינען און צונויפזאַמלען די אַלטע, אין ניוועץ אויסגעבראַכטע, אָדער פאַרשליידערטע אין מיסטקאַסטנס, אוצרות פון יידישן פאָלקס־שאַפן. דאָ האָט ער אַליין זיך אויסגעלערנט, און געלערנט אַנדערע צו שאַצן, ווי וויכטיק עס איז צוצוברענגען די דורותדיקע שאַפונג פון פאָלק צו יעדן איינעם, פאַרהיימישן די ברייטסטע שיכטן מיט זייער אייגענעם גייסטיקן פאַרמעג, שפּע, אַז די קולטור־דערפאַרונג פון פאָלק זאָל נישט בלייבן קיין אויסשליסלעך אייגנטום פון יחידי־סגולה, נאָר דער קנין פון די המונים, פאַר וועמען עס גילט ווי דער קוואַל פון אייביקער באַנייונג און אויפפרישונג.

גרשוני איז געווען אַ נאה דורש ונאה מקיים. אַן אַקטיוויסט אויפן געביט פון פאַלעסטינע־אַרבעט, איז ער ביי דער ערשטער געלעגנהייט געוואָרן אַ פולער בירגער פון ארץ־ישראל, פון דער חלוצישער רעוואָלוציאָנערער שאַפנדיקער אַרבעטערשאַפט אירער און ער האָט זוכה געווען צו זיין דער שליח פון דער הסתדרות אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון צפון־אַמעריקע, בלייבנדיק טריי צו זיינע פאָליטיש־פּאַרטייאישע אָנשויונגען. אין דעם אָקעאַן פון גרעסטן יידישן מאַסן־ישוב האָט ער געזוכט דעם יידישן מענטש, וואָס זאָל מסוגל זיין צו דערהויבונג דורך דער רעאַליזירטער וויזיע פון אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל. ער האָט געוואָלט צונויפזאַמלען דעם יידישן מענטש פאַר זעלבסט־רעאַליזירונג דורך פאַרבינדן פּערזענלעכן לעבנס־גורל מיט דעם ווערק פון אונדזער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַפרייונג.

צו גרשוניס וואָרט האָט מען זיך צוגעהערט. מען האָט אין אים געשפּירט אוממיטלבאַר דעם אמת פון ארץ־ישראל, פונעם יידישן סאָציאַליזם, וואָס פירט דורך מיט אייגענע אָנשטרענגונגען די שענסטע, עמאַציפּאַנירנדיקסטע רעוואָלוציע אין דער געשיכטע פון פאָלק און לאַנד.

גרשונין האָט מען געגליבט. ער האָט אין זיין וואָפנטאַש נישט פאַרמאָגט קיין בליציקע מליצות און קיין קינסטלעכע פייערווערק. עס האָט

פון אים אַרויסגעלויכטן אַן אינעווייניקסט פייער פון אויפריכטיקער אי־בערצייגונג. פון זיין גלייכן, דירעקטן, אָפענעם בליק האָט אַרויסגעשיינט דער גלויבן אין דעם צוהערער, וועמען ער וועט נישט נאַרן, ווייל ער איז נישט געניידעריקט צו נאַרן זיך אַליין און פאַלשעווען מיט זיך גופא.

גרשוני האָט זיך נישט געשאַרט מיט זייטן־געננגלעך, אָבער ער האָט זיך אויך נישט געשפּאַרט מיט די עלנבויגנס צום אויבנאָן און דאָך — אים האָט מען געמוזט פריער־שפּעטער דערזען. מ׳האָט אים נישט געקאָנט פאַרבייגיין, צו שלאַנק איז געווען זיין הויכע פיגור, צו שאַרף איז געווען זיין בליק, און צו זיכער איז געווען זיין גאַנג.

איז ער געגאַנגען מיט דער באַוועגונג אַן קווענקלעניש און געווירקט מיט זיין גייסטיקער געשטאַלט, אַז די באַוועגונג זאָל כסדר גיין פאָרויס, נישט אָפּשטיין און נישט פאַרגליווערן זיך.

ער איז נישט געווען פאַרגליווערט און נישט געליטן פון דאָגמאַטיש־קייט. ער האָט געוווסט צו אַכטן טראַדיציע. אָבער גאָר יענע עלעמענטן אין איר, וואָס פאַרלירן נישט מיט דער צייט זייער זאַפטיקייט, נאָר ווערן, אַדרבא, רייפער און דעריבער באַטעמטער. ער האָט נישט געדינט קיין שום עבודה זרה און נישט געלאָזט זיך בוקן און קני׳ען פאַר אָפּגעטער. ער האָט געהאַלטן פעסט די לוחות הברית פון אונדזער גרויסן לערער און וועגווייזער בער באָראָכאָוו, און זיינע געבאָטן, געשטאַלטע און געהאַר־טעוועטע אינעם תחום פון ייד׳ישן גלות־לעבן און פונאַנדערגעשטראַלטע אינעם אויפגייענדיקן ישראל, האָט ער געהויבן הויך ווי אַן עמוד האש פאַר די בויער און קעמפער פון יידישן נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן רענעסאַנס.

גרשוני האָט געהאַט די גרויסע זכיה צו באַטייליקן זיך אַקטיוו אין דער פאַרווירקלעכונג פון זיין לעבנס־אידעאַל, העלפן אויספּלאַסטערן דעם וועג צו אים פאַר מיליאָניקע מאַסן אין אייגענעם אַלט־יונגן פאַטערלאַנד, זען מיט אייגענע אויגן און צוהעלפן מיט אייגענער האַנט דעם פּראָצעס פון קיבוץ־גליות און אַליין געשטעלט ווערן בראש פון דעם וועלט־פאַרבאַנד, די בראשית־שאַפונג פון דער אַלוועלטלעכער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג פועלי־ציון.

יאָרן זענען אַדורך. שטורמישע, דינאַמישע. די באַוועגונג האָט איר ראַם אויסגעברייטערט, די פּאָליטישע השפעה פון אחדות־העבודה — פועלי־ציון איז אומגעהויער געשטיגן סיי ביי די אַרבעטער, סיי אין דער מדינה. גרשוני איז געשטיגן דורך זיין טרייער טעטיקייט, צוליב זיין פּאָליטישן פאַרשטאַנד, טאַקטישן באַנעמען זיך און אידעלער חברישער אויפפירונג. ער האָט פיינלעך איבערגעלעבט די אכזריותדיקע ראָל צו זיין אַן עדות פון דעם פּראָצעס, ווי דער גורל איז עוקר חבר נאָך חבר גריילעך פון

יענער אַוואַנגאַרד־שורה, ווו גרשוני האָט געשעפּט יניקה און ווו זיינע גייסטיקע אינדיווידועלע כוחות האָבן זיך פונאַנדערגעבליט. ער האָט זיך אַלץ מער געפילט פאַריתומט און אין דער זעלבער צייט געשפּירט די לאַסט פון פאַרגרעסערטער אחריות כלפּי דער פונאַנדערגעצוויייגטער באַוועגונג. האָט זיין האַרץ מער נישט אויסגעהאַלטן, און די פאָן פון אבלות איז ווידער פאַרצויגן איבער אונדזערע געמיטער.

די באַוועגונג וועט אויך די איידעלע גרשוני־געשטאַלט אַריינפלעכטן אין געוועב פון אירע מוסטער־געשטאַלטן, וואָס סטימולירן זי צו ממשיך זיין איר היסטאָרישן גאַנג ביז צום פולן ניצחון פון סאָציאַליסטישן ציוניזם.

שמואל חורש

ד״ר גרשון גרשוני

איש רעים להתרועע ואיש שיחה מעניין היה גרשוני; יפה תואר ויפה נפש היה — ברו כתוכו. „יפה נפש" או „אריסטוקרט" — לפעמים נאמרים הדברים בלשון סגי־נהור. אך לא כן אם המדובר באצילות נפש בה חונן האיש. משכיל ואינטלקטואל אמיתי, אך לא „יושב במגדל־שן" היה; איש הפעולה המדינית והפעילות התנועתית היום־יומית. מרדן היה גרשוני מטבעו — מורד במציאות העגומה של עמו בגולה, מורד במוסכמות החברה, בחוסר־אונים ואף במה שנראה כגזר־דין שנחתם. בן חמישים ותשע היה בלכתו ולא הספיק לחלום את חלומותיו עד תום.

גרשוני נולד בגרודנו ובה עברו עליו שנות בחרותו, בה עוצבה דמותו. קשה במקצת לקבוע מה היתה גרודנו העיר: רוסית או פולנית. מוטב לומר: פולין רוסית; מכל מקום, לגבי חיי היהודים דומה היתה למאות ערי רוסיה וערי פולין. היהודים נמצאו בתחתית החברה וחייהם מעוותים. כלכלתם מעוותת, משוללי זכויות אזרח, לרוב — משוללי זכויות אדם; ניצבים היו על פרשת דרכים — מופקרים לרוח זלעפות.

„פרשת דרכים", „צדי דרכים", תוהו לא דרך, היא הדרך הקלה והכוזבת — האסימילציה. היה זה כמעט טבעי אילו עלה גרשוני על הדרך „הקלה יותר", הכוזבת. אך היו אלה כנראה, תהפוכות הגורל היהודי עצמו שהצילו את גרשוני מן ההתבוללות ושמרו אותו למען עמו ולמען הציונות הסוציאליסטית. ידע גרשוני שיכול להיות אביב לעם הרוסי והפולני וסגריר וסתיו לעם היהודי. כך בימי „אביב" וזמנים „נורמליים" ולא כל שכן בזמן מלחמת עולם. טבעי ומובן שראשוני הקרבנות יהיו שוב היהודים: עקירה ממקום למקום, עקורים, פליטים, מקל נדודים.

בימי מלחמת העולם הראשונה נעקרה משפחתו של גרשוני מגרודנו, שם היכתה שרשים, שם הפרנסה היתה מצויה בשפע ושם הכבוד והיקר היו נחלת אבות. לוויטבסק נדדו. וויטבסק זו של מארק שאגאל: בתי יהודים המטים לנפול; מעוקמים הבתים כי מעוקמים חיי היהודים, „יהודים על הגג", מרחפים בין שמים לארץ כי קרקע אין מתחת לרגליהם. אנומליה

יהודית ומבנה כלכלי מעוות; מודחים מתעשיות יסוד יצרניים בכלל. נדחפים למסחר ותיווך, מלווים ברבית ולאחר מכן מוכים על־כך.

גרשון גרשוני, בן גרודנו ובן ויטבסק, הציץ אל חיי היהודים ומצא אותם חסרי תוחלת, חסרי עתיד. בן שמונה עשרה היה והספיק לקחת חלק במהפכת אוקטובר, בה ראה, כרבים אחרים „גאולה לעולם". אך בעינו החדה הבחין שאין כאן גאולה לעמו הוא, ואין מהפכה זאת מרפא למדווי עמו.

צמא דעת היה ונדד לאוניברסיטאות של גרמניה ושויצריה. בבאזל קיבל תואר דוקטור למדעי המדינה והכלכלה. מדעי המדינה? והאיש חסר מדינה, אך זה למראית עין, כי הרי יש לו מדינה, זו „שבדרך", עליה יעמול ובה יזכה לחיות וללכת לאורך כל הדרך עשרים וחמש שנים, ובינתיים — שוב פולין.

היתה זו פולין העצמאית, משוחררת מעול הצאר. אך גרשוני לא היה בעל חלומות. הוא ידע להבחין בתהליכים היסטוריים, סוציולוגיים וכלכליים ולכן לא נתפס לאשליה ש„יש מה לעשות" על אדמת פולין, ליהודי, לפועל יהודי ולמשכיל יהודי. הוא גם לא סונוור ע"י ברק מהפכת אוקטובר בה השתתף בפועל ולא ע"י רצון לחבוק זרועות עולם ולגאול את העולם כולו, שע"י כך תבוא הגאולה לעם היהודי ולפועל היהודי. גרשוני קשור לעמו ולפועל היהודי, להם התמסר בכל הלהט המהפכני, בכל רמ"ח ושס"ה. „המכון היהודי למחקר" (יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט) ולאחר מכן „פועלי ציון שמאל" אלה חלומותיו של האיש.

ב־1935 עלה ארצה ובצקלונו מטען רעיוני עשיר של אינטלקטואל יהודי ולו קונצפציה בורוכוביסטית של „הציונות הפרולטרית". איתרע מזלו של בורוכוב ו„הפרוצס הסטיכי" לא הובן כראוי והתפרש כ„שב ובל תעשה", כי הקטסטרופה ממילא תבוא ותפתור בעיות ההגירה היהודית.

לא כן רבים, ובתוכם גרשוני, שידעו להעריך נכונה, כי תורת בורוכוב על „הפלאטפורמה שלנו", על „הפרוצס הסטיכי" ועל „אינטרסים מעמדיים והשאלה היהודית" אינה אלא מזיגה בין ציונות וסוציאליזם; ליתר דיוק: מה שהחסיר הרצל, שלא הבחין בקיום מעמדות בעם היהודי; ודבר שהתכחש לו מארכס ע"י שלילת קיומו של העם היהודי, השלימה תורת בורוכוב ו„פועלי ציון". בתורה זאת דבק גרשוני ובה האמין אמונה כמעט דתית.

„אמונה דתית"? הן סכנה רובצת לפתחו של המאמין; עלולה זו ליהפך ל„קנאות דתית" ואף לקנאות חשוכה. אך לא כזאת היתה אמונתו של גרשוני. היתה אמונתו פרי ותוצאה של מחקר אנאליטי, של תהליכים היסטוריים, לאומיים וסוציולוגיים, של מצוקות העם היהודי, וסימון הדרך לפתרון, היא הדרך למדינה, למדינה יהודית סוציאליסטית. באמונה זו החזיק עד השבת 18 ביולי 1959, שבת של אימה, של מות וחדלון.

יעקב מענדעלסאָן

אַ יאָר אָן גרשונין

נאָר־וואָס האָבן מיר אים געזען אין זיין איבערגעגעבענער טעטיקייט מיט גרשונין — דעם קלוגן, איידעלן און שאַרפזיניקן מענטשן, און אָט — אַ יאָר שוין ווי גרשוני איז מער נישטאָ מיט אונדז.

נאָר־וואָס האָבן מיר אים געזען אין זיין איבערגעגעבענער טעטיקייט אין דער הסתדרות, אין דער פּאַרטיי, אין דער וועלט־באַוועגונג, אָבסער־ווירט ווי ער האָט געווירקט מיט דער גאַנצער קראַפט פון זיין אינטעלעקט און ס'איז שוין אַ יאָר פאַרביי פון יענעם ווייטיקלעכן טאָג, ווען ער איז אַוועקגעריסן געוואָרן פון אונדז.

גרשוני האָט געהערט צו די מענטשן, וועלכע מען קען נישט פאַרגעסן. ער פעלט דער משפחה, דער פּאַרטיי, די חברים; זיין אָרט ווערט דורך קיינעם נישט פאַרנומען. ווען אַ מענטש פעלט, פילט מען נישט ווי די צייט לויפט.

גרשוני האָט זוכה געווען נאָך ביי זיין לעבן, צו וואָס נישט יעדער געזעלשאַפטלעכער טוער איז זוכה: אַלע האָבן אים געשעצט און הויך אָפּגעשאַצט — חברים און קעגנער, פריינד און אָפּאָנענטן.

אין די הספּדים וועגן גרשונין איז געזאָגט געוואָרן: „ער האָט ליב געהאַט מענטשן און געווען באַליבט דורך אַלעמען. נישט געווען קיין מענטש, וואָס זאָל טראָגן אַ בייז האַרץ אויף גרשונין".

דאָס איז געווען געזאָגט אויפריכטיק, אָן אַ שמץ פון איבערטרייבונג. אַזאַ איז געווען גרשוניס פּאָזיציע אין דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט אין לאַנד און אין אויסלאַנד און אַזאַ איז געווען די באַציִונג צו אים מצד אַלעמען.

כאָטש ער איז געווען אַן אויסגעשפּראָכענער אינטעלעקטואַל, דער־צויגן אין אוניווערסיטעטן פון דייטשלאַנד און שווייץ, אַ מענטש פון גרויסן וויסן און פאַראינטערעסירונגען אין פאַרשידענע קולטור־צווייגן, האָט ער זיין גאַנץ לעבן געווידמעט דער פּאַרטיי, אירע פּראָבלעמען און זאָרגן. אין משך פון די פערציק יאָר אַקטיוויטעט אין די רייען פון „פּועלי־ציון", דערנאָך אין דער פאַראייניקטער פּאַרטיי און אין „אחדות־העבודה — פּועלי־

ציון״, האָט ער שטענדיק געוווסט צו פּאַרטיידיקן, מיט פלייס און קאָנ־סעקוועגץ, זיינע שטעלונגען און שטאַנדפּונקטן. אָבער אַפילו אין דעם גרעסטן ברען פון וויכוחים האָט ער נישט אַראָפּגעגידערט פון זיינע גייסטיקע הויכן, נישט אַפּגעטראָטן פון זיין דרך נישט אָנצוגרייפן פּער־זענלעך קיין מענטשן. די ליבע צו מענטשן איז געווען ביי אים איבער אַלץ. איר איז ער טריי געבליבן זיין גאַנץ לעבן. און דערפאַר האָבן אַלע אים אַזוי ליב געהאַט.

גרשוניס היים און זיין אַרבעט־צימער אין „ועד הפועל״ זענען געווען שטענדיק אָפן פאַר חברים, זייערע דאגות און פּראָבלעמען. גרשוני האָט באַהערשט די קונסט פון הערן אַ צווייטן און דאָס האָט גלייך געשאַפן די אַטמאָספער פון נאָענטקייט און דאָס געפיל פון גרייטקייט צו העלפן דעם מענטשן.

היינט זיין באַשיידנקייט. ער איז שטענדיק געזעסן אויף די הינ־טערשטע בענק און נישט געריסן זיך צום רעדן. ווען ער האָט עפּעס רעפערירט, איז עס געווען געמאַכט גרונטיק; אַ וואָרט אין אַ דיסקוסיע האָט ער גענומען נאָר דאַן, ווען ער האָט באמת געהאַט עפּעס נייס אַריינ־צוטראָגן. ער פלעגט רעדן נאָר דאַן, ווען ער האָט באַדאַרפט פּאַרטיידיקן אַ שטעלונג און ווען דאָס דאָזיקע איז נישט געטאָן געוואָרן פון אַנדערע.

און כאָטש ער האָט זיך נישט געריסן צום אויבן־אָן, האָט די פּאַרטיי אים איבערגעגעבן אַנפירנדיקע פּאָסטנס: אין סעקרעטאַריאַט פון דער פּאַרטיי, אין ועד הפועל פון דער הסתדרות, אין ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט און אין סעקרעטאַריאַט פון וועלט־פּאַרבאַנד.

די וועלט־באַוועגונג איז געווען זיין באַליבט קינד. וועגן איר האָט ער געזאָרגט מיט אַלע פיבערן פון זיין נשמה. ער פלעגט אָבער נישט גרינגשעצן די קלענסטע אַרבעטן און מיט פאַרגעניגן אָנטיילנעמען אין דער טעטיקייט פון גרונטיקע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס. דער תל־אביבער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע און אירע קאָמיסיעס האָט ער אַוועקגעשאָנקען אַ סך צייט און פלייס, אַפילו נאָך דעם, ווען זיין האַרץ איז אָנגעגריפן געוואָרן. אומעטום האָט ער געשאָנקען זיינע אינטעלעקטועלע כוחות, זיין גרויסן וויסן אין דער טעאָריע און פּראַקטיק פון ציוניסטישן סאָציאַליזם, דעם חלוצישן, דעם פּראָלעטאַרישן.

(יולי 1960)

נחום ניר

ג. גרשוני

עס איז מיר זייער שווער מספיד צו זיין גרשונין. וואָס נענטער דו ביסט צו אַ מענטש, אַלץ שווערער איז צו רעדן וועגן אים אויף אַן אָביעקטיוון אופן. דאָס ווייטיק־געפיל שטערט דיר צו דענקען וועגן מענטש. און ער איז מיר אַזוי נאָענט געווען צום האַרצן.

איך ווייס נישט צי דאָס איז גוט אָדער שלעכט, אָבער אַ פאַקט איז אַז אין דער באַוועגונג טרעפן מיר זיך כמעט טאָג־טעגלעך, און אונדזער קעגנזייטיקע באַציונג איז נאָר אויפן שטח פון דער באַוועגונג. עס זענען זעלטן די פאַלן, ווען דו זעסט אין אַ חבר, וואָס איז דיר נאָענט ביי דער אַרבעט, אויך אַ מענטש, וואָס דו אינטערעסירסט זיך מיט זיין פּריוואַטן לעבן. אויסנאַמען זענען די פאַלן. ווען אַ חבר איז אַ האַרציקער פריינד און דו האָסט אים ליב, נישט נאָר ווייל ער איז אַ חבר אין דער באַוועגונג.

איך האָב אים ליב געהאַט. איך האָב ליב געהאַט זיינע אויגן: ווען ער האָט געקוקט אויף דיר מיט זיינע ערנסטע אויגן, איז ווי ער זאָל דיר אַריינדרינגען אין האַרץ אַריין. אַ שרייבער האָט אַמאָל געזאָגט, אַז די אויגן זענען אַ פענצטער צו דער נשמה. און דורך גרשוניס אויגן האָסטו געזען זיין אידעלע נשמה.

✡

גרשוני איז נישט געווען פון די ערשטע. ער האָט געהערט צו דער צווייטער שיכט, צוזאַמען מיט לעוון, פעטערזיילן און נישט פיל אַנדערע, וואָס כאָטש זיי זענען געקומען אַ 15 יאָר נאָך אונדז, זענען זיי אין משך פון דער צייט געוואָרן גלייך מיט אונדז, די עלטערע. און אין משך פון די לעצטע יאָרן, ווען עס גייט פון אונדז אַוועק איינער נאָכן צווייטן, האָב איך ווי געוויסנביסן, וואָס איך, דער עלטסטער לעב און זיי, אונדזערע שילער, זענען נישטאָ און איך דאַרף זיי אַפילו מספיד זיין.

איך האָב זיך באַקענט מיט גרשונין מיט 35 יאָר צוריק אין בערלין,

צווישן אַ גרופּע יונגע סטודענטן, וואָס האָבן זיך צו אונדז אָנגעשלאָסן. שוין דעמאָלט האָב איך באַמערקט, אַז דער דאָזיקער יונגער שיינער בחור באַציט זיך ערנסט און מיט גרויס אויפמעו׳קזאַמקייט צו אַלע שוועריקייטן פון אונדזער פּועלי־ציוניסטישער טעאָריע. אויך דעמאָלט האָט ער זיך נישט געאיילט צו דיסקוטירן, נאָר שטענדיק געוויגן זיינע רייד. אין אַלץ וואָס ער האָט געזאָגט איז געווען אַ גרויסע לאָגיק. און אַזעלכער איז ער פאַרבליבן זיין גאַנץ לעבן. ער האָט אויסגעהערט, זיך פאַרטיפט און נאָר דעמאָלט געזאָגט וואָס ער מיינט. איך האָב קיין מאָל נישט געהערט ביי אים קיין פּליטת־פּה, ווייל ער האָט שטענדיק געטראַכט איידער ער האָט עפּעס געזאָגט, און נישט בעתן רעדן, ווי דאָס טרעפט. ער האָט אויך נישט ווייניק געשריבן און שטענדיק וועגן טעמעס, וואָס ער האָט גוט געקענט.

אין משך פון זיין גאַנץ לעבן האָט ער נישט געטוישט זיינע געטער, געבליבן טריי אונדזער לערע, דער לערע פון באָראָכאָוון. ווען מיר האָבן זיך פאַראייניקט מיט אחדות־העבודה איז ער געווען געטריי דער פאַרטיי.

ער איז נישט געווען קיין רודף כבוד, פאַרקערט, ער האָט זיך שטענדיק באַמיט צו בלייבן אין שאָטן און קיין מאָל נישט געשטופּט זיך פאָרויס. יעדער איינער וואָס איז געווען אין זיין מחיצה האָט נישט געקענט אים נישט ליב האָבן און איך בין זיכער, אַז ס׳איז נישטאָ קיין מענטש, וואָס האָט געהאַט אָדער האָט פאַרדרוס אויף אים.

דאָס איז אַ שווערע אבידה פאַר דער פאַרטיי און פאַר דער באַוועגונג. עס וועלן אַריבער יאָרן און די צייט היילט אַלץ, אָבער ווער עס האָט געקענט גרשונין, וועט אים קיין מאָל נישט פאַרגעסן און פאַר זיינע פריינד וועט די וווּנד שטענדיק פאַרבלייבן אָן אָפענע.

(אויגוסט 1959)

ישראל סטאָלאַרסקי

גרשון גרשוני ווי איך האָב אים געקענט

באַקענט האָב איך זיך מיט אים אין יאָר 1922 אויף אַן אומלעגאַלער קאָנפערענץ פון די לינקע פועלי־ציון אין ביאַליסטאָק. ס׳איז דאַן געווען אַ קורצע צייט נאָך דער שפּאַלטונג און די קאָמוניסטן האָבן פון אונדז געריסן שטיקער. פאַר די חברים פון דער מאַסע איז נישט געווען אַזוי לייכט צו פאַרדייען דעם סינטעז פון באַראָכאָוויזם און לעניניזם. דעמאַגאָגן און קאַריעריסטן האָבן עס אויסגענוצט און ס׳איז אָנגעגאַנגען אַ כסדרדיקע רייניקונג אין אונדזערע רייען, באַזונדערס האָט שטאַרק געליטן די ביאַ־ליסטאָקער אָרגאַניזאַציע.

פלוצעם שפּאַצירן אַריין אין ענגן זאַל 2 הויכגעבויטע, שיינע, יונגע חברים וואָס זענען נאָר וואָס געקומען פון בערלין: מו״דכי פעדער — אַ צאָן־טעכניקער פון גראָדנע, וואָס האָט זיך שפּעטער באַזעצט אין לאָדזש און איז אומגעקומען אין לאָדזשער געטאָ, און ד״ר גרשון גרשוני. זיי האָבן ביידע אַריינגעטראָגן אַ נייעם גייסט און אַ נייע שטימונג אויף דער קאָנ־פערענץ. מרדכי פעדער איז געווען אַ „רעכטער״, האָט געהאַלטן, אַז די שפּאַלטונג אין 1920 איז געווען אַן אומגליק פאַר דער באַוועגונג און האָט פאַרגעלייגט, אַז די פוילישע פאַרטיי זאָל אָננעמען, אַלס פּשרה, דעם פּראָגראַם פון די יי.ס.ד.א.פּ. פועלי־ציון אין רוסלאַנד, דער אַזוי גערופענער אַבראַמאָוויטש־גרופּע. גרשוני איז געקומען מיט אַן אַנדער פאָרשלאָג. ער איז געווען אַ גוטער אַנאַליטיקער. ער האָט זיך נישט אָפּגעזאָגט פון דער אָפיציעלער שטעלונג פון פאַרבאַנדס־ביוראָ, ער האָט אָבער קלאָר און אַנאַליטיש באַוויזן, אַז מיר וועלן קיין מאָל נישט קריגן די אָנערקענונג פון קאָמינטערן און אַז די אַלע אונטערהאַנדלונגען מיט אונדז, זענען פאַר די קאָמוניסטן בלויז אַ מאַנעווער כדי אַריינצוטראָגן דעמאָראַליזאַציע אין אונדזערע רייען. אין דייטשלאַנד האָט דאַן געשוועבלט און געגריבלט מיט פאַרשידענע אָפּאָזיציאָנעלע קאָמוניסטישע פראַקציעס. די שטאַרקסטע צווישן זיי, מיט אַן אייגענער טאָגצייטונג איז געווען די בראַנדלער־גרופּע. גרשוני

איז געווען אַ בראַנדלעריסט און אונדז געפּרוווט איבערצייגן, אַז מיר זאָלן אָנשליסן אָפּיציעלע פאַרבינדונגען מיט דער בראַנדלער־גרופּע אין בערלין.

פון יענער באַגעגעניש אויף דער אומלעגאַלער קאָנפערענץ אין ביאַ־ליסטאָק האָט זיך צווישן אונדז איינגעשטעלט אַ פריינדשאַפט, וואָס האָט אָנגעהאַלטן ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן.

גרשוני האָט געשטאַמט פון אַ באַלעבאַטישער אַריסטאָקראַטישער משפּחה. זיין פאָטער — אַן אָנגעזעענער האָלץ־סוחר — האָט געהאַט אַ טאַרטאַק אין גראָדנע. זיין מוטער איז געווען אַ זעלטענע פרוי, אַן אמתע שרה בת טובים. פון אַלע קינדער האָט זי ספּעציעל ליב געהאַט גרשונען. ווען מיר האָבן שוין ביידע געוווינט אין וואַרשע, פלעגט זי פון צייט צו צייט קומען אים באַזוכן, מיטברענגען פעקלעך שפּייז און קריכן צו אים אויפן 5טן שטאָק. ביסלעכווייז בין איך געוואָרן איינער פון דער משפּחה. אין זייער הויז איז געווען אַן אַלטע דינסט אַלעקסאַנדראַ, וואָס איז גלייכ־צייטיק געווען די ניאַניע פון די קינדער און די ליבע פון דער מאַמען צו גרשונען האָט זיך אַריבערגעטראָגן אויך צו דער ניאַניע. ווען איך פלעג קומען קיין גראָדנע, בין איך געווען זייער גאַסט און אַלעקסאַנדראַ פלעגט מיר שענקען ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט, ווייל איך בין געווען גרשונס חבר.

ווען איך בין אין 1925 אַרעסטירט געוואָרן אין לאָדזש און געזעסן אין גראָדנער טורמע, פלעגט גרשוניס מאַמע מיך באַזוכן און ברענגען פעקלעך שפּייז. זיין טאַנטע, די דאָקטאָרשע ראַשעל גרשוני האָט אַ סך צוגעהאָלפן צו מיין באַפרייונג.

ווי ווייט די ליבע און געטריישאַפט פון גרשוניס מאַמען האָט דער־גרייכט קען אילוסטרירט ווערן מיט פאָלגנדיקן עפּיזאָד: גרשוני איז אַרעסטירט געוואָרן דורך אַ טעות אין יאָר 1934 און איז געזעסן אין טורמע אין וואַרשע אויף דאַנילאָוויטשאָווסקע, אין דער פּולישער דעפענ־סיווע. דאָס איז שוין געווען נאָך דער שפּאַלטונג פון די א. ג. „אַקטיוויסטן” (וועגן דעם אַ ביסל שפּעטער), די חברים יצחק לעוו און יצחק גאָטליב (קאַראָל), די אָפּיציעלע שתדלנים ביי דער פּוילישער מאַכט, זענען דעמאָלט נישט געווען אין לאַנד, איז אויף מיין גורל אויסגעפאַלן צו זיין דער שתדלן פאַר גרשונין ביי דעם באַרימטן שעף פון דער פּוילישער דעפענסיווו, רונגע. נאָך דעם ווי רונגע האָט מיך אויסגעזידלט פאַר מיין חוצפּה, וואָס איך, וועלכער האָט שוין אַזויפיל געהאַט צו טאָן מיט דער פּאָליציי, קום איינ־טערווענירן פאַר גרשונין, האָט ער מיר דערקלערט, אַז אַרעסטירט האָט מען אים דערפאַר, וואָס זיי האָבן געהאַט באַוויזן, אַז ער איז געווען אַ דעלעגאַט צו אַ קאָמוניסטישן יוגנט־צוזאַמענפאָר אין מאָסקווע אין יאָר

1922. איך האָב אים דערקלערט, אַז ער מאַכט אַ טעות, אַז אין יענער צייט איז גרשוני געווען אין דייטשלאַנד, שטודירט אויפן בערלינער אוני־ווערסיטעט. רונגע האָט מיר געשטעלט אַ באַדינג, אַז איך זאָל אין משך פון 48 שעה אים ברענגען באַווייזן, דאַן וועט ער אים באַפרייען, און אויב נישט, וועט ער מיך אַרעסטירן פאַר מיין „חוצפה" צו קומען אינטערווענירן פאַר אַ קאָמוניסט. איך בין אַוועק אויף אויף גרשוניס דירה אויף נאַוואָליפּיע 3 און צום גליק געפונען זיין דיסערטאַציע און זיין אוניווערסיטעט־אינדעקס, וואָס האָט באַוויזן קלאָר און דייטלעך, אַז אין דער צייט פון קאָמוניסטישן יוגנט־צוזאַמענפאָר איז ער גאָר געווען אין בערלין. ס'איז געווען אַ פּאָר טעג פאַרן ערשטן מאַי. איך האָב געבעטן רונגען, ער זאָל גרשונין באַ־פרייען פאַרן ערשטן מאַי, ווייל מיר דאַרפן אים האָבן אַלס רעדנער אויף דער מאַי־דעמאָנסטראַציע. רונגע האָט געהאַלטן וואָרט און 10 מינוט פאַר צוועלף, ווען אונדזער דעמאָנסטראַציע האָט זיך געפונען אויף פּלאַץ מור־ראַנאָווסקי, איז גרשוני געקומען פון טורמע און געהאַלטן די מאַי־רעדע. אין די עטלעכע וואָכן, וואָס גרשוני איז געזעסן אין טורמע, איז זיין מאַמע יעדע וואָך געקומען פון גראָדנע קיין וואַרשע, געבראַכט פּעקלעך שפּייז און געקערט וועלטן, כדי צו באַפרייען איר גרשונען.

גרשוני איז געווען אַ פּרעכטיקער רעדנער אָן אָראַטאָרישע עפעקטן. ער האָט אָבער מיט זיינע קורץ געבויטע זאַצן באַווירקט נישט בלויז אינטעליגענטע צוהערער, נאָר אויך פּאָלקסמאַסן. גרשוני האָט געהאַט אַ פּרעכטיקע פעדער. זיינע אַרטיקלען, בראַשורן זענען געווען געשריבן אין אַ קלאָרער שפּראַך. ליידער איז ער געווען, זאָל ער מיר מוחל זיין, פויל צו שרייבן. דאָס איז אַ גרויסער שאָד. ער איז צוויי מאָל געווען אין שליחות פון דער הסתדרות אין אַמעריקע. אויף אַ סעמינאַר פאַר אַקטיוויסטן, איז זיין רעדע אָפּגעדרוקט געוואָרן און האָט געדינט אַ סך יאָרן אַלס מאַטעריאַל פאַר הסתדרות־אַקטיוויסטן *).

דער אידעישער קאַמף אין דער פּאַרטיי האָט זיך נאָך דעם צוזאַמענפאָר אין יאָר 1933 פאַרשאַרפט. עס האָט זיך אויסגעבילדעט אַ גרופּע פירנדיקע חברים בראש מיט יצחק לעוו, גרשוני, אַדאָלף פריינד, ישראל סטאָלאַרסקי, מינאַ אַדעלמאַן, דראַבקין, גרוב, לאַזער סטאָלער, א. ווערבאַ, אינזש. שטיינ־מיץ א. אנד. דער פּאַקטישער אידעאָלאָג פון דער גרופּע א. ג. אַקטיוויסטן איז געווען גרשוני. ער האָט זיך אויך באַמיט צו צוימען די היצקעפּ, וואָס האָבן זיך געריסן צו אַ שפּאַלטונג, פאַרויסזאָגנדיק מיט רעכט, אַז מיר וועלן מער דערגרייכן פאַרבלייבנדיק אָרגאַניזאַציאָנעל אין דער פּאַרטיי,

*) די רעדע גייט אַריין אין בוך צווישן גרשוניס אַרטיקלען (רעדאַקציע).

היות ווי די חברים אין ארץ־ישראל זענען, מיט קליינע אויסנאַמען, אידעיש מיט אונדז. ווען די שפּאַלטונג איז דאָך פאָרגעקומען, האָט ער זיך באַמיט, אַז די אַקטיוויסטן זאָלן אין זייער אָרגאַן פירן די דיסקוסיע אין אידעישע ראַמען און נישט מאַכן קיין פערזענלעכע אַנגריפן. דאָס איז אים ליידער נישט געלונגען און דאָס האָט אים געקאָסט אַ סך געזונט. איך בין מיט דער שפּאַלטונג נישט מיטגעגאַנגען. איך האָב אויף אַ געוויסער צייט זיך אָפּגערוקט פון פּאַרטייאישער אַרבעט און אָנגענומען אַ פּריוואַטן פּאָסטן. איך האָב אָבער באַקומען אַ S.O.S. רוף פון גרשונין, איך זאָל קומען קיין וואַרשע און ראַטעווען די סיטואַציע. גרשונין האָט מען נישט געקענט אָפּזאָגן. קוים מיט צרות האָב איך געקריגן אַ דירה אין וואַרשע און פאַרלאָזט לאָדזש. מיט גרשוניס ראַט און טאַט איז מיר ענדלעך געלונגען צוזאַמען מיט שכנא זאַגאַנען ז״ל צו ליקווידירן די שפּאַלטונג און די 10טע וועלט־קאָנפערענץ וואָס איז פאָרגעקומען סוף 1931 אין ישראל, האָט אָנגענומען די שטעלונג פון די אַקטיוויסטן.

די געשיכטע פון לינקע פּועלי־ציון אין פּוילן וואַרט נאָך אויף איר היסטאָריקער. דער אידעישער קאַמף צווישן די אַקטיוויסטן און דער פּאַרטיי־מערהייט וועט זיכער פאַרנעמען אַן אָנגעזעענעם פּלאַץ. אין דער תקופה האָט חבר גרשון גרשוני געשפּילט איינע פון די הויפּט־ראָלעס.

גרשון איז געווען אַ טייערער חבר און פריינד. נישט געקוקט אויף זיין הויכער בילדונג און אַריסטאָקראַטישן אָפּשטאַם איז ער געווען ווייט פון וועלכן ס׳איז סנאָביזם. מיט זיין איידעלן סאַרקאַסטישן הומאָר איז ער געווען דער צענטער פון יעדן צוזאַמענטרעף. ליידער האָט די פּאַרטיי סיי אין פּוילן און סיי אין ישראל קיין מאָל נישט אויסגענוצט גענוג זיינע פעיקייטן. ער איז אַוועק צו יונג פון דער וועלט. דווקא איצט, ווען די אַרבעטער־באַוועגונג אין ישראל איז פאַראייניקט, און דער שבט לינקע פּועלי־ציון איז אַזוי פאַריתומט, פעלט ער זייער שטאַרק.

שמעון פינקל

שאר בשרי גרשוני

הרבה תכונות טובות היו לו, אך הבולטת מכולן היתה ללא ספק אהבתו בלי גבול לזולת. בשחר ילדותי, והוא אז גדול ממני בחמש שנים, הרגשתי בו „בן־ברית" המסוגל „להבין" אותי, ובמשך כל חייו הוא היה לי לא רק קרוב משפחה אלא גם ידיד נפש וחבר נאמן ומסור אף ברגעים קשים וגורליים.

נזכר אני בהופעתו בביתנו במדי הגימנסיה הראשונים שלו בלוית אביו שמואל גרשוני הי"ד. היה זה אחר שנתקבל למכינה של הגימנסיה הממלכתית. מדי הגימנסיסט הלמו אותו להפליא והוסיפו חן מיוחד לתלתלים השחורים ולעיניים הכהות של הנער היפהפה. הסתכלתי בו בגאוה והוא נראה אז בעיני, כפי שהוא נראה גם לרבים כיום, משכמו ומעלה ודגול מרבבה.

כמו כן זוכר אני את חגיגת יום הבר־מצוה שלו בבית הוריו ברחוב פודולניא בגרודנו. חבריו הגימנסיסטים היו די „טולרנטיים" כלפי וסבלו את נוכחותי, נוכחות ילד קטן במחיצתם של „מבוגרים", תודות לבקשתו של בעל השמחה בכבודו ובעצמו. והנה יושב גרשקה (כך קראו לו אז) ועל ארשת פניו בת צחוק פילוסופית — אותה בת צחוק שהיתה כל כך אופיינית לו ולוותה אותו כל ימי חייו. נושא השיחה היה, אם אינני טועה, „בעיות העתיד" וגרשוני הצעיר אמר: כשאגמור את הגימנסיה אסע ללמוד לאוניברסיטה, אחר כך אעשה סיבוב בעולם ולבסוף אגיע ל„פלשתינה" ושם אמות...

זמן קצר לאחר חגיגת הבר־מצוה שלו פרצה מלחמת העולם הראשונה ועד לאחריה לא נפגשנו עוד. הוא עזב יחד עם בני־משפחתו את עירנו והם לא היו נוכחים בה בזמן האוקופציה הגרמנית. לאחר שחזרו בימי שלטון הפולנים לפני האינוואזיה הבולשביסטית, שוב לא נזדמנו לעתים קרובות. הוא פנה לפוליטיקה ואני לתיאטרון. האינטרסים הפרטיים של כל אחד מאתנו היו אז, כמובן, בניגוד גמור להבדלי הגיל בינינו, ובכל זאת הוא הראה לי תמיד הרבה חיבה והתענינות. ואפילו ברגע דרמטי מאד בחייו, כשפגשתיו במקרה ברחוב בעצם בריחתו מהעיר עם נסיגת

הבולשביקים בשנת 1920, הוא לא שכח בתוך כל המבוכה וההמולה הגדולה מסביב להיפרד ממני בתנופת־יד מרחוק.

☆

הקשר בינינו נעשה הרבה יותר הדוק בזמן היותו סטודנט בברלין. בשנת 1922 עלה ביד אביו, שהיה יהודי עסיסי, פקח ונבון, לשכנע את הורי, שהתנגדו בתוקף למקצוע שבחרתי לי, למלא את בקשתי ולשלחני לברלין ללמוד שם את תורת המשחק. בטוח אני שאחד המניעים להסכמתם היה שגרשון ז"ל ויעקב יל"א נמצאו אף הם בברלין. גרשון מצדו, שבילה אז בגרודנו את ימי הפגרא שלו, הבטיח להורי שהוא יהיה לי לאפוטרופוס, כביכול, וישמור עלי מכל רע. ואכן עזבתי אז את בית הורי ונסעתי בלוויתו לברלין.

עד היום שומר אני לו רחשי תודה על אשר מלא את הבטחתו להורי בשלמות. אף על פי שהיה עסוק בלימודיו ובעניני ציבור, הוא לקח חלק פעיל מאוד בכל מה שהתהווה אז אצלי. הוא היה לי בשנים ההם אח בכור, חבר טוב, מדריך ומחנך. אפיינית האפיזודה הקטנה בזמן שהוא לווה אותי לפגישתי הראשונה עם מנהל בית־הספר הדרמטי. פתאום הוא עמד ואמר: יכול אני כמובן להכנס יחד אתך, אבל מוטב יהיה שתכנס לבדך, כדאי לך להתרגל להיות עצמאי...

אמנם לא תמיד הוא סמך על כושר „עצמאותי". יום יום היינו נפגשים והייתי מוסר לו דו"ח מלא על כל מה שיהיה עובר עלי. בזמני הפנוי הייתי נמצא, על פי רוב, בחברתו ובחברת חבריו. היינו יוצאים בלווית יעקב אחיו וגיטה (שהיתה אח"כ רעיתו) להצגות תיאטרון, קולנוע, הרצאות ובתי קפה, ואף לכל מיני „וויקאנדים" מחוץ לעיר היינו נוסעים יחד. כמו כן היינו ממשיכים להיות כבני משפחה אחת בזמן ימי החופשה בגרודנו.

גרשון היה גם עד מעודד ללבטי ולהופעתי הראשונה כשחקן עברי בהצגת „בלשאצר" שהתקיימה בברלין בשנת 1924 לפני עלייתי ארצה.

כאן גם המקום להעיר שאותו יחס חם ולבבי, מלווה רגש אחוה, רעות ואחריות שהיו לגרשון כלפי, היו לו גם כלפי אחי אלכסנדר ז"ל שהיה צעיר ממני. ביחוד התקשרו השניים בקשרי ידידות למופת אחר עלייתו של גרשוני לארץ. קשר נפשי זה נמשך עד לרגע האחרון שאלכסנדר אחי נפטר ללא עת.

☆

לא קלים היו חייו של גרשון גרשוני בארץ ובִיחוד בתחילת דרכו בה. ידעו על כך רק אלה שהכירוהו מקרוב. כי ויק בחברת מוקיריו, קרוביו, ידידיו הוא היה נהפך למרכז ולמוקד הבעיות שענינו את כולם. כי כל אלה שהיו במחיצתו הקרובה ידעו גם להעריך אותו כראוי וראו בו את הדמות שהיתה יאה לו — אישיות נאורה בעלת תכונות של מנהיג.

לבטים רבים עברו עליו ולא פעם „בכתה נפשו במסתרים". ואם היה בו בכל זאת הכוח להתגבר על משבריו ויסוריו הפנימיים, הרי היה זה רק תודות לגישתו הפילוסופית־סלחנית לחיים כאדם וכיהודי אוהב ישראל. לעולם לא אשכח את מבוכת נפשו בתקופת השואה. בשום אופן לא יכול היה להשלים בלבו עם הניתוק מהוריו ומאחותו האהובים עליו וכמו כן מאחיו יעקב שנמצא אז בצרפת ונשאר כעת היחיד ממשפחת גרשוני הגדולה והענפה. הייתי גם עד אלם למאבקיו הפוליטיים לפני ובעת קום המדינה שהתבטאו תמיד בשקט החיצוני שלו, בצניעות המופלאה ובאצילות רבה שאין דוגמתה.

כתמורה קלה לחיי נפשו הסוערים, שמעולם לא באו על סיפוקם המלא, היה חוג המשפחה שהוא יצר לעצמו אחר חתונתו עם בתיה אשתו השניה. לעתים נדירות מאוד אפשר לפגוש איש ציבור שיהיה מסור כל כך לכל הסובב אותו בד' אמות כתלי ביתו. הוא היה אב למופת לבתו חנה ותמיד היה מוצא זמן בשבילה בילדותה כדי להתייחד אתה שעות ולחיות בעולמה. ובאותה מידה הוא היה נכון לעזור בעצה ובתושיה לכל מי שעבר את סף ביתו, לחבר ולידיד, לקרוב ולרחוק. ובסיכומו של דבר הוא עזר הרבה יותר לאחרים משדאג לעצמו.

רבים וטובים מידידיו וחבריו חושבים עד היום כי „המתעסק בצרכי ציבור" חייבים לו חוב גדול שלא נפרע לו בחייו. הוא היה ראוי, לכל הדעות, להישגים הרבה יותר גדולים משהשיג. בגודל לבו הוא בודאי סלח ומחל על „החוב" שנשארו חייבים לו, כשם שהוא מחל, ללא כל ספק, לבית דין של מעלה על שלבו התפוצץ ללא עת, כיוון שכל חייו היו קודש למילוי חזונו שהוא חזה ביום חגיגת הבר־מצוה שלו — לבוא לארץ ולמות בה.

חיים פינקעלשטיין

דער מענטש איז געוואָרן פאַראָרעמט

גרשוני האָט באַלאַנגט צום ייִנגערן דור פּאַרטיי־טוער, וואָס זענען אַריין אין דער פּאָליטישער אַרבעט אין די יאָרן פון סאַמע שווערסטן געראַנגל פאַרן יידישן לעבן אין פּוילן. ער איז געקומען צו דער פּאַרטיי זייער יונג, און דאָך האָט ער באַלד פון סאַמע אָנהויב געצויגן אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט. קודם כל איז ער געקומען נישט מיט „ליידיקע הענט״. ער האָט שוין דעמאָלט פאַרמאָגט אייראָפּעיִשע אוניווערסיטעט־בילדונג און אַן אַלזייטיקע קולטור. חוץ דעם האָט ער פאַרמאָגט אַ היפּשע דערפאַרונג פון פּאָליטישער טעטיקייט אין מערב־אייראָפּע, ווו ער האָט באַנאַנד מיט זיין בילדונג און פאַרפולקאָמונג אין עקאָנאָמישע וויסנשאַפטן, דורכגעמאַכט אַ גאַר וויכטיקע געזעלשאַפטלעכע שול, אין קרייז פון אָנגעזעענע פּאָליטישע טוער אין בערלין און אין אַנדערע שטעט פון מערב־אייראָפּע.

הויך, שלאַנק און שיין. און אַזוי ווי ער איז געווען אויסערלעך, אַזוי איז ער אויך געווען אינערלעך. זיין גאַנצער אויסזען איז געווען ווי פון אַן אַריסטאָקראַט, פון אַ נאָבלמאַן. און ווער ס׳האָט אים געקענט האָט געוווסט, אַז דער אויסזען זיינער איז זייער אַ געטרייער עדות פון אַ מענטש מיט אַ נאָבעלער נשמה. אַ גוטער מענטש, אַ מענטש וואָס האָט פיינט געהאַט קליינלעכקייטן און גראָבקייטן, נישט פאַרטראָגן קיין עוולות און קיין אומגערעכטיקייט, האָט פון דעם געווייכט סיי פיזיש און סיי גייסטיק.

ער איז געווען אַ גייסטיקער אַריסטאָקראַט, אין פולסטן זין פון וואָרט. ער האָט פאַראייניקט אין זיך, אין אַ זעלטענער האַרמאָנישקייט, דאָס עטישע און דאָס עסטעטישע. און ס׳קען זיין, אַז דאָס טאַקע איז געווען די סיבה פאַר וואָס דער יונגער גרשוני, פון אַ באַלעבאַטיש־פאַרמעגלעכער היים, מיט אויסזיכטן צו קענען קלעטערן אויף די הויכע שטאַפּלען פון דעם בירגערלעכן לייטער, האָט זיך באַקערט דווקא צום סאָציאַליזם.

פאַר גרשונין איז סאָציאַליזם געווען דער סך־הכל פון אַלע שענסטע מענטשלעכע ווערטן. סאָציאַליזם האָט פאַר אים באַדייט: סאָציאַלער יושר און מענטשלעכע פרייהייט, גערעכטיקייט און שיינקייט. און ווייל ער האָט

אינעם סאָציאַליזם געזען די פאַרקערפּערונג פון די סאַמע ערלעכסטע און דערהויבנסטע מענטשלעכע ווערטן, האָט אים שטאַרק ווי געטאָן, ווען ער האָט געזען ווי אָט דער גרויסער אידעאַל ווערט אָפּט פאַרקריפּלט און באַפלעקט מיט אומרעכט לגבי דעם מענטש, דעם יחיד, ווי לגבי פעלקער גאַנצע, צווישן זיי, מער ווי אַלע, דאָס יידישע פאָלק.

פונקט ווי ער האָט נישט באַנומען, אַז עס קען זיין סאָציאַליזם אָן מענטשלעכער פרייהייט, סאָציאַליזם אָן דער פולסטער גייסטיקער און מאַ־ראַלישער דערהויבנקייט פונעם מענטש, אַזוי האָט ער אויך נישט באַנומען, אַז עס קען זיין סאָציאַליזם אָן נאַציאָנאַלער פרייהייט. אָט דער סינטעז פון נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער גלייכקייט האָט אים געבראַכט צום סאָציאַ־ליסטישן ציוניזם, צום באָראָכאָוויזם.

ער איז געקומען צו דער אידעע דורך דער אינטעלעקטועלער דער־קענטעניש פון די ספּעציפישע פּראָבלעמען פון יידישן פאָלק, ווי אַ רע־זולטאַט פונעם טיפן אַנאַליז פון דער אייגנאַרטיקער יידישער ווירקלעכ־קייט. אָבער נישט ווינציקער האָט דערצו בייגעטראָגן זיין כאַראַקטער, וואָס איז געווען געבענטשט מיט אַ זעלטענער האַרמאָנישקייט. ער האָט פאַרמאָגט אָן אויסערגעוויינלעכן אינערלעכן גלייכגעוויכט, וואָס האָט נישט טאָלערירט קיין אומגלייכע באַציונגען צו זאַכן און דערשיינונגען. דאָס דאָזיקע האָט זיך אויסגעווירקט אויף זיין באַציונג צו אַלע מאַניפעסטי־רונגען פונעם מענטשלעכן לעבן, צו אַלע מינים געזעלשאַפטלעכע פּראָ־בלעמען, אַזוי אין דער פּאָליטיק ווי אין דער ווירטשאַפט, אין דער קולטור ווי אין דער קונסט.

די שטרעבונג צו גאַנצקייט איז פאַר אים געווען אַ רעזולטאַט נישט בלויז פון אַ סאָציאַלער אידעע, נייערט פון אַן אינערלעכער פערזענלעכער באַדערפעניש. זי איז געווען די אויסשטראַלונג פון זיין אייגענעם איך, און דאָס — גלייב איך — איז אייגנטלעך דער שליסל צו דער גרשוני־פערזענלעכקייט. נאָר אַזוי אַרום קען מען פאַרשטיין זיינע האַנדלונגען, זיין באַציונג צו מענטשן און זיין ראָל אין דער געזעלשאַפט.

דאָס איז אויך דער מאָטיוו פאַרוואָס ער איז געקומען צום אַרבעטער־ציוניזם און פאַרוואָס אים האָט אַזוי געצויגן קיין ישראל. אַוודאי האָט ער אין ישראל געזען די פאַרווירקלעכונג פון אַ גרויסער אידעע. אָבער ער האָט ישראל געדאַרפט נישט בלויז צוליב דער אידעע, נאָר אויך צוליב זיך. ער האָט געדאַרפט ישראל צוליב דער גאַנצקייט, וואָס זיין נשמה האָט באַגערט און וואָס האָט געקענט אויף אַ נאַטירלעכן אופן געפינען איר העכסטן אויסדרוק נאָר אין ישראל.

דערפאַר האָט ער זיך אַזוי שנעל אידענטיפיצירט מיט ישראל און איז

געוואָרן אומצעטיילבאַר באַהאַפטן מיטן נייעם ישראלדיקן לעבן. פונקט ווי פריִער אין פוילן און אין ליטע, אַזוי האָט ער אויך אין ישראל פאַרנומען איינעם פון די צענטראַלסטע פלעצער אינעם געזעלשאַפטלעכן לעבן. ס'האָט דערצו גורם געווען דער סטאַזש פון פיל יאָרן פּאָליטישער אַרבעט אין אייראָפּע. אָבער נאָך מער האָבן געווירקט זיינע פּערזענלעכע מעלות. סיי אין דער פועלי־ציון־פּאַרטיי, און שפּעטער, נאָך דער פאַראייניקונג, אין דער אחדות־העבודה — פּועלי־ציון; סיי אין דער הסתדרות, ווו ער איז יאָרן לאַנג געווען אַ מיטגליד פון ועד הפועל, סיי אין דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, איז גרשוני פון אַלעמען געוואָרן געאַכט און געשעצט. אַלע וואָס האָבן אים געקענט, האָבן וועגן אים גערעדט מיט ליבשאַפט און אָנערקענונג, אי צוליב זיינע פּערזענלעכע מידות, אי צוליב זיין אומדערמידלעכער אַרבעט אויף אַלע שטחים פון געזעלשאַפטלעכן לעבן.

און כאַראַקטעריסטיש: ווי פאַרנומען ער איז נישט געווען, ווי באַשעפטיקט און דורכגעדרונגען מיט אַלע פּראָבלעמען פון דער פּאַרטיי, פון וועלט־פאַרבאַנד, פון דער הסתדרות, פון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט און אַנדערע קערפּערשאַפטן, האָט פון דעסטוועגן די געזעלשאַפטלעכע אַרבעט אים נישט אויפגעגעסן, ווי עס טרעפט אָפט מיט געוויסע מענטשן. ער האָט דער געזעלשאַפט געגעבן אַלץ וואָס ער האָט פאַרמאָגט. ער האָט אָבער געהאַט דעם כוח גלייכצייטיק פון דער געזעלשאַפט צו שעפּן כסדרדיקע באַנייונג.

גרשוני איז נישט געווען פון די מענטשן וואָס לעבן „פון האַנט אין מויל". ער האָט נאָכאַנאַנד געלערנט און זיך באַרייכערט מיטן וויסן. ער האָט פיינט געהאַט עם הארצות און קיין אימפּראָוויזאַציעס, קיין צופעליקייטן נישט געדולדעט. ער איז געווען אַ סיסטעמאַטישער מענטש, וואָס האָט ליב געהאַט אָרדענונג, פּינקטלעכקייט. און הגם ער איז געווען אַ מענטש מיט אַ סך וויסן, האָט ער זיך יעדעס מאָל, ווען ער האָט געדאַרפט עפּעס זאָגן אָדער שרייבן, געגרייט דערצו מיט אַ גוואַלדיקער אחריות און ממש היילקן ציטער. ער האָט כמעט תמיד געהאַט צו זאָגן אַ סך מער ווי פיל אַנדערע מענטשן פון זיין סביבה, אָבער געזאָגט און געשריבן האָט ער ווייניקער פון אַלעמען, טאַקע דערפאַר ווייל ער האָט געהאַט אַ גרויסע אחריות פאַרן וואָרט וואָס איז אַרויסגעקומען פון זיין מויל.

ער איז געווען זייער אַן אינטערעסאַנטער שמועסער. און יעדעס מאָל, בעת ער האָט מיט עמעצן געשמועסט, האָט איר געהאַט דאָס געפיל, אַז אַפילו ווען ער רעדט, קוקט ער ערגעץ פאָרויס, אין דער ווייטקייט אַריין. גערעדט האָט ער פּאַמעלעך, ווי ער וואָלט געמאָסטן די רייד זיינע, און אין מיטן די רייד פלעגט ער זיך אָפט פאַרטראַכטן, ווי ער וואָלט אין דער

שטילקייט פונעם דמיון פאַרגעזעצט צו שפּינען דעם פאָדעם פון געדאַנק.

און נישט ווינציקער אחריות ווי ער האָט געהאַט פאַרן וואָרט און פאַרן געדאַנק, האָט ער אויך געהאַט פאַרן לעבעדיקן מענטש. גרשוני האָט ליב געהאַט מענטשן און האָט פאַרמאָגט אַן אײדעלע באַציונג און באַנעמונג צו יעדן איינעם, אַזוי צום קעגנער ווי צום פריינד, צום פּשוטן אַרבעט־מענטש ווי צום סאַמע געבילדעטסטן, צום חבר פון דער שורה ווי צום מענטשן וואָס האָט דערגרייכט די העכסטע שטאַפּלען. אַליין אָבער איז ער געווען באַשיידן, ווי באַשיידן אַ מענטש קאָן נאָר זיין. ער האָט זיך קיין מאָל נישט געריסן צום וואָרט; נישט געריסן זיך פאָרויס; נישט געוואָלט זיך אָנזען מער פון אַנדערע. אָבער סיי ווי האָט מען אים שטענדיק געזען און געפילט. זיין הויכער פּרעכטיקער קאָפּ האָט שטענדיק ארויסגעקוקט פון צווישן אַלעמען. און נישט בלויז פיזיש האָט מען אים געזען, מען האָט אים געזען און געפילט אויך גייסטיק, מחמת ער האָט פאַרמאָגט אַזעלכע מענטשלעכע מידות, אַזאַ לאָגיש דענקנדיקן קאָפּ און אַזאַ עטישע באַנעמונג צו מענטשן און פּראָבלעמען, אַז מען האָט געוואָלט אים זען, אים הערן, אים פילן.

בעת אונדזערע פאַרשידענע באַגעגענישן אין אייראָפּע און נאָך מער אין ישראל, פלעגן מיר אָפט שמועסן שעהן לאַנג. מיך האָט אַלע מאָל אינטערעסירט נישט בלויז די טעמע פונעם שמועס; נישט בלויז וואָס מען רעדט, נאָר ווי מען רעדט. דורך דעם אופן ווי דער מענטש רעדט וועגן פּראָבלעמען, וועגן מענטשן, וועגן סאָציאַלע געשעענישן, אָדער וועגן קונסט, קען מען אַמבעסטן דערקענען דעם מענטשן גופא. פון גרשוניס אַרט רעדן האָט אַלע מאָל אַרויסגעלויכטן די נשמה פון אַ בעסערן מענטש, אַ מענטש וואָס פאַראייניקט אין זיך אין אַ פולער האַרמאָניע אינהאַלט און פאָרעם, די שענסטע עטישע ווערטן צוזאַמען מיט דער איידלקייט פון אַ קולטור־עססטעט, אַ מענטש פון וואָרט און פון טאַט — באמת אַ גאַנצער מענטש.

מיט זיין טויט איז אַוועק פון אונדז אַ זעלטענער מענטש. די פאַרטיי אין ישראל, די ישראלדיקע אַרבעטערשאַפט און די גאַנצע וועלט־באַוועגונג איז געוואָרן פאַראָרעמט. אָבער נישט בלויז זיי אַליין, מחמת אַז עס גייט אַוועק אַזאַ מענטש ווי גרשוני, ווערט פאַראָרעמט דער מענטשלעכער מין.

מאיר קוטשינסקי

חבר גרשון גרשוני

(זכרונות)

כ׳קען מיר נישט דייטלעך דערקלערן, פאַרוואָס איז ביי מיר תמיד דאָ אַן אַסאָציאַציע צווישן חבר גרשוני מיט שלום אַש׳ס בלאָנדזשענדיקן העלד פון די שטעט, דעם יונגן מירקין?... אפשר דערפאַר, ווייל יענער איז, ווי אונדזער טייערער חבר, אַוועק פון דער אַריסטאָקראַטישער היים, געטריבן פון אַ מערקווירדיקער בענקשאַפט זיך צו באַהעפטן מיט דער מאַסע, מיטן פאָלק, צו טאָן, שאַפן, זיך איינשפאַנען אין אַ כאָמעט, שלעפן אַן עול?

חבר גערשקע גרשוני, ביי זיין נישט־אָנגעשטעלטער, פולער און אויפ־ריכטיקער פשטות, האָט איינגעהאַלטן אַ דיסקרעטע פאָרנעמקייט, אַן אַריס־טאָקראַטישקייט. אפשר איז ביי מיר די אַסאָציאַציע צוליבן סקעפּטיציזם, אַ שטילע, קוים־קאָנטיקע, וואָס איך האָב אָבער תמיד אַרויסגעפילט פון אים, ווי ביי אַש׳ס טראַגישן העלד און אפשר דער אומרו, די אומדיסצי־פּלינירטקייט (אין פריי־קינסטלערישן זין פון וואָרט).

זייענדיק צוגעקניפּט און צונויפגעחברט מיט יעדן, האָט זיין בליק תמיד אויסגעדריקט אַ נישט־דאָאיקייט, אַ בענקשאַפט און אָפט — אַ קינ־דערישע פאַרלוירנקייט. עפּעס ווי ער וואָלט מיט צער געשעפּטשעט: „עס איז צו וואָכעדיק, צו גרוי; זיך געהאַט אַנדערש פאָרגעשטעלט...״

☆

מיין ערשטע באַקאַנטשאַפט מיטן חבר גערשקע גרשוני איז געווען אין בערלין אין די צוואַנציקער יאָרן. די גרופּע לינקע פועלי־ציון־חברים פון פאַרשידענע מזרח־אייראָפּעישע לענדער, אַ צונויפגעטוליעטע דורכן גע־מיינזאַמען אידעאַל, ווי זיך געוואָלט שיצן קעגן דעם מבול פון די פלאַכע, פּראַזעאָלאָגישע השפּעות אין די עמיגראַנטישע קרייזן, האָט געפירט אַן

אייגן קולטור־לעבן, אַן אינטימס און משפּחהדיקס. געווען אַ האַרציקע סביבה: חיים טורנער, מיט זיינע צוויי ברידער, די ח׳טע כאַזאַנאָוויטש (אַלמנה נאָכן גרויסן פּ״צ־דענקער לעאָן כאַזאַנאָוויטש), ח׳ לייזער שולמאַן, ח׳טע שרהל פון פּינסק און נאָך אַ צענדליק אַנדערע חברים און — חבר גערשקע גרשוני.

הגם חבר גערשקע האָט זיכער זיך אויסגעצייכנט לגבי אַנדערע חברים מיט זיין וויסן, מיט זיין קענטעניש, איז ער געווען אַ באַשיידענער חבר אין דער חברותא. ער האָט שוין דעמאָלט געהאַט פאַרעפנטלעכט זיין דיסערטאַציע, פאַר וועלכער ער האָט באַקומען זיין דאָקטאָר־טיטל: „די קאָנצעסיע־פּאָליטיק פון סאָוויעט־רוסלאַנד״ (אין דייטש). ער האָט געקענט מאַכן אַ גלענצנדיקע פּאָליטישע קאַריערע אין דער קאָמוניסטישער וועלט־באַוועגונג. זיין פּערפעקטער רוסיש, זיין דייטש, זיין ראָמאַנטיש־מיליטע־רישע בראַוווּר אין דער רויטער אַרמיי, זיין בקיאות אין דער סאָציאַל־פּאָליטישער וועלט־טעמאַטיק און דאָ גאָר אַ באַשיידענער חבר אין אַן עמיגראַנטישער גרופּע פון יידישע אַרבעטער, פון פּראָלעטאַרישע ציוניסטן.

אין די דרייסיקער יאָרן האָבן מיר זיך אויפסניי באַגעגנט, אין פּוילן. גרשוני האָט דאָס לאַנד נישט גערן געזען און זיך קיין מאָל נישט אויס־געלערנט די שפּראַך. פון דער באַרימטער מינסק־גראָדנער פאַמיליע גרשוני (פון דעם לעגענדאַרן רעוואָלוציאָנער גריגאָרי גרשוני) האָט גערשקע געהאַט אַנדערע טראַדיציעס, סיי וועגן יידישער, סיי וועגן מלוכהשער פּאָליטיק, לגמרי אַן אַנדערע ווי די פּאָליטישע אַטמאָספער אין פּוילן. חוץ דעם האָט ער זיך געשראָקן, אַז צו דער פּאָליציי וועט דערגיין אַ קלאַנג, אַז ער, גרשוני, האָט אָנגעפירט מיט אַ פּאָלק רויטע אַרמייצעס, בעת דער מלחמה פון 1920. גרשוני זאָל זיין דערגאַנגען מיט זיין מחנה ביז פּלאָצק. ער גופא האָט אויסגעמיטן צו רעדן וועגן דעם.

ער איז געקומען אין אונדזער שטאָט, וולאָצלאַוועק, ווי אַ שליח פון ווילנער ייוו״אָ. ער איז געווען אַן אָריגינעלער, קלוגער און שאַרפזיניקער לעקטאָר, אָבער אַ שלעכטער... קאָלעקטאָר. דעם איינגעבוירענעם אַריסטאָ־קראַט האָט פּשוט געעקלט צו גיין איבער די שטיבער פון גבירישע פּראָסט־טאַקעס. חניפה האָט אים אָפּגעשטויסן. „כ׳בין נישט קיין דאַמסקע שניידער, אָדער אַ פריזירער״ — האָבן זיינע גרויסע, טרויעריקע אויגן זיך געבעטן ביי די אָרטיקע ״ייוו״אָ־טוער, אים צו באַפרייען פון אָט דער קאַטאָרגע. אָבער ווי היימיש, ווי צוזויפגעוואַקסן איז געוואָרן אָט דער ייוו״אָ־שליח מיט דער אָרטיקער פּועלי־ציון־פּאַרטיי אין משך פון די דריי חדשים, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין אונדזערע מקומות.

שפּעטער האָבן מיר זיך צונויפגעטראָפן אָפט און אָפטער. גרשוני, דער

פרייער גייסט, די באַהעמישע נשמה, דער שאַרפער קאָפּ, האָט נישט גורס געווען, — אַזוי ווי פיל, פיל אַנדערע חברים, די אָפיציעלע פּאָליטישע ליניע פון דער פּוילישער פועלי־ציון־פּאַרטיי און נאָך ווייניקער די אָנגעצווינגענע, נישט־פּראָפּאָרציאָנעלע פּאַרטיי־דיסציפּלין און מאָראַל פון פרייען מיינונגס־אויסטויש. היינט, נאָך 25 יאָר, ווען מיר דערמאָנען זיך אָן די פראַקציאָנעלע וויכוחים, קען מען זיין מער אָביעקטיוו: עס איז געווען אַ נישט־פאַרשטיין פון ביידע פאַרברוגזטע מחנות; אַ פּסיכאָלאָגיש נישט־פאַרשטיין. עס האָבן אָפּט געוועלטיקט פּערסאָנאַל־פּסיכאָלאָגישע עמאָציעס איבער׳ן שכל הישר.

גרשוני, דער שיין־גייסט, דער בלאָנדזשענדיקער אַריסטאָקראַט, הגם ער איז, מסתמא, געווען אַ שווערער עלעמענט פאַר פּאַרטיי־דיסציפּלין, האָט אַראָפּגעשלונגען דאָן פאַרשידענע עוולות. ס׳איז ווייניק צו זיין אַ מאַרקסיסט; ער איז געווען אַ מאַרקסיסטישער געלערנטער, אַ סאָציאָלאָג און אַנדערע חברים, וואָס האָבן געהאַט די דעה אין דער באַוועגונג, זענען לגבי אים געווען דילעטאַנטן.

ער האָט מיטן גאַנצן האַרצן ליב געהאַט דעם חבר יוסף ראַזען, כאָטש ער איז געווען זיין „אַנטיפּאָד". עס האָט זיי ביידע פאַראייניקט דער שאַרפער, קריטישער מעטאָד, דער פרייער צוגאַנג צו פּראָבלעמען, און זייער ביידנס קרישטאָלענע ערלעכקייט. גרשוני האָט פיל געליטן פון דעם, וואָס זיין ליבע צו דער פּאַרטיי, צום פועלי־ציוניזם איז אָפּט קוועסטיאָנירט געוואָרן און פאַרוואָס זיינע כוחות זענען נישט אויסגענוצט געוואָרן און אַפילו נישט דערשאַצט געוואָרן. אפשר זענען עס געווען אומפאַרמיידלעכע, אָביעקטיווע באַדינגונגען?

נאָך אַ לאַנגער, לאַנגער צייט, נאָך 20 יאָר, האָבן מיר זיך אויפסניי באַגעגנט. ער, חבר גרשוני, האָט געהאַט איינגעאָרדנט אין אויגוסט 1935, אַן אָפּשייד־פאַרזאַמלונג פון דער פּ"צ־פּאַרטיי („אַקטיוויסטן") צו מיין עמיגראַציע קיין בראַזיל. אין יאָר 1956 האָבן מיר זיך באַגעגנט אויף דער פייערונג "50 יאָר פּאָלטאַווע" אין תל־אביב. דאָס פּרעזידיום (די חברים זרובבל, ניר, טאַבענקין), האָט מיך אויפגערופן צו באַגריסן אין נאָמען פון דער פּ"צ־פּאַרטיי אין בראַזיל. מיין היימיש יידיש, דער באַקאַנטער וואָלאַצלאַווקער דיאַלעקט, האָט אַרויסגערופן ביי גרשונין אַ ים פון דערינערונגען. עס האָט זיך דערוועקט אין אים דער ייוו"אָ־מענטש.

צומאָרגנס האָבן מיר זיך באַגעגנט אין „ועד הפועל". ס׳איז געווען פאַר מיר אַ נחת־רוח צו זען ווי גרשוני, דער באַהעם, דער וואַנדערנדיקער שיינגייסט, מיטן טשערניכאָווסקי־קאָפּ, איז געווען פאַרטאָן אין קאָנסטרוקטיווער, אחריותפולער אַרבעט. דער אויסגעבענקטער, לאַנגגע־

גאַרטער כאָמעט איז געלעגן אויף זיין שיינעם קאָפּ. ער איז געזעסן אָן איינגעשפּאַנטער אין דער עבודה, אָבער זיין בליק האָט נישט פאַרלוירן די פאָעטישע פאַרחלומטקייט און די טשופּרינע האָט נאָך געקרוינט אויף זיין הערלעכער געשטאַלט.

עוזר שוואַרץ

ד״ר גרשון גרשוני

גרשוני איז נישט געווען פון די וועטעראַנען, וועלכע האָבן פאַרלייגט דעם יסוד פון דער פועלי־ציון־באַוועגונג. ער איז געווען פון דער צווייטער גענעראַציע, פון די וועלכע, האָבן פאַרשטאַרקט דעם פלאַם און וואָס האָבן אָפּגעהיט די ריינקייט פון דער באָראָכאָוויסטישער אידעע. דער קאַמף פאַרן זיג פון פּראָלעטאַרישן ציוניזם איז געווען דער תוך פון זיין לעבן.

איך געדענק אים זינט דער צווייטער העלפט פון די 20ער יאָרן, ווען ער איז נאָך זיין פאַרענדיקן זיין אוניווערסיטעט־שטודיום אין באַזעל געקומען קיין פוילן. ער האָט שוין געהאַט הינטער זיך עטלעכע יאָר פועלי־ציון טעטיקייט פריִער אין דער ליטע און שפּעטער אין בערלין.

אין פוילן פאַרנעמט ער באַלד אַן אָנפירנדיק אָרט אין די צענטראַלע קערפּערשאַפטן פון דער פועלי־ציון־פּאַרטיי. עס דויערט נישט לאַנג און ער ווערט דער ליבלינג פון דער פועלי־ציון־מאַסע. ער באַזוכט גאָר אַ סך שטעט און שטעטלעך ווו ער איז משפּיע מיט זיין טעמפּעראַמענט און רעדנער־קראַפט די יידישע פאָלקס־מאַסן מיט דער אידעע פון באָראָכאָ־וויסטישן פועלי־ציוניזם. ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ שטאַרקער לאָגיק, קיין מאָל נישט ליב געהאַט צו אָפּערירן מיט פראַזן און שטענדיק געווען איבערצייגנדיק אין זיינע אויספירן.

גרשוני איז געווען פון די ערשטע, וועלכע האָבן פאַרלאַנגט צו ענדערן די דעמאָלטדיקע פּאַרטיי־שטעלונג צו דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, צוזאַמען מיט יצחק לעוון איז ער געווען דער באַגרינדער פון דעם אַזוי־גערופענעם פּאַלעסטינע־אַקטיוויזם. ער איז אָבער טריי געבליבן דער פּאַרטיי.

גרשוני איז געווען דער מיטגרינדער פון דער געזעלשאַפט פון אַר־בעטנדיקן ארץ־ישראל און אויף דער ערשטער לאַנד־קאָנפערענץ, וואָס די געזעלשאַפט האָט גערופן אין יאָר 1931 אין זאַל פון וואַרשעווער שטאָט־ראַט, האָט זיין רעפעראַט וועגן דער אויפנאַם־פעיִקייט פון ארץ־ישראל געמאַכט אַ שטאַרקן רושם. אַ דאַנק דער טעטיקייט פון דער „געזעלשאַפט פריינד פון אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל״ זענען הונדערטער פועלי־ציון־חברים,

וועלכע האָבן נישט געקענט באַקומען קיין סערטיפיקאַטן פון די פּאַלעסטינע־אַמטן, געפאָרן קיין ארץ־ישראל אַלס טוריסטן און זיי איז געלונגען זיך איינצוואָרצלען אין לאַנד.

גרשוני פאַרטרעט די פּאַרטיי אין פאַרשידענע צווישן־פּאַרטייאישע אינסטיטוציעס, אומעטום פאַרנעמט ער אַ חשוב אָרט. ער האָט אויך אויסגעפירט וויכטיקע שליחותן אין אויסלאַנד מצד דער צענטראַלער יידישער שול־אָרגאַניזאַציע און ייוו״אָ.

אין יאָר 1935 איז גרשוני עולה קיין ארץ־ישראל. ער באַוויזט זיך שנעל צו אַקלימאַטיזירן. מיט זיין אינטעליגענץ און פּאָליטישן חוש האָט ער באַלד באַנומען די ערשטראַנגיקע פּראָבלעמען, וואָס זענען פאַרבונדן מיטן אויפשטייג פון ארץ־ישראל אַלס נאַציאָנאַלע היים פאַרן יידישן פאָלק.

זיינע 24 יאָר אין ישראל האָט ער אויסגעפילט מיט אַ פרוכטבאַרער פּאַרטייאיש־געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. געווען פאַרטרעטן אין דער צענטראַלער אָנפירונג פון דער פּאַרטיי, אין דירעקטאָריום פון קרן קימת (ער האָט פאַרעפנטלעכט אַ וויכטיקע בראָשור וועגן נאַציאָנאַלן באָדן אין ארץ־ישראל), מיטגליד פון ועד הפּועל הציוני און פון ועד הפּועל פון דער הסתדרות. מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט ער אויסגעפירט אין נאָמען פון דער הסתדרות אַ וויכטיקע שליחות אין צפון־אַמעריקע פאַרן געווערקשאַפטן־קאַמפּיין און מיט זיינע גלענצנדיקע אַרויסטריטן האָט ער מיטגעווירקט צו דער דערפאָלגרייכער אַקציע פאַר דער הסתדרות.

דורך זיין אַרבעט אין ועד הפּועל פון דער הסתדרות איז ער געקומען אין קאָנטאַקט מיט מאַסן ישראלדיקע אַרבעטער, וועלכע האָבן אים באַשאָנקען מיט אַ סך סימפּאַטיע און צוטרוי.

ביי די לעצטע וואַלן צו דער הסתדרות האָט ער אַ סך מיטגעווירקט צום גרויסן נצחון, וואָס די פּאַרטיי אחדות־העבודה — פּועלי־ציון האָט אָפּגעהאַלטן, און ווער ווייס צי די שווערע אַרבעט זיינע איז נישט געווען דער גורם וואָס האָט אונטערגעבראָכן זיין שוין קראַנק האַרץ.

אין זיין רייכער פּאַרטייאיש־געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט האָט ער זיך קיין מאָל נישט געיאָגט נאָך קיין כבוד. ער איז געווען באַשיידן און האָט אַרויסגערופן צו זיך אַלעמענס דרך־ארץ. ער איז געווען אַ האַרציקער פריינד פאַר חברים וואָס האָבן אַלע אין אים געפילט דעם נאָענטן מענטשן און איבערגעגעבענעם חבר.

(יולי 1959)

נושאים כלליים ויהודיים
אויף אַלגעמיינע און יידישע טעמעס

שפּאַניע — אַ קער אין דער וועלט־פּאָליטיק

דעם פֿאַריקן ערשטן מאַי האָט די וועלט באַגעגנט נישט מיט קיין קלײנער מאָס אומרו און צעטומלונג.

היטלער׳ס אַרײַנמאַרש אין רײַנלאַנד, די אײַנפֿירונג פֿון מיליטערישן דינסט אין דײַטשלאַנד — זענען געווען די שטאַרקסטע קלעפּ, וועלכע ס׳האָט באַקומען דער גאַנצער סיסטעם פֿון דער נאָכמלחמהדיקער אײראָפּע, וואָס איז געווען געבויט אויפֿן ווערסאַלער שלום־טראַקטאַט. דער צווייטער פּאַרטנער פֿון דער בלוטיקער פֿאַשיסטישער אַליאַנס — דער איטאַליע־נישער פֿאַשיזם, האָט געהאַלטן ביים זיגרײַכן פֿאַרענדיקן דעם אַביסינישן רויב־צוג, צו וועלכן די „ציוויליזירטע" וועלט האָט זיך צוגעקוקט מיט געמישטע געפֿילן און גאָרנישט געטאָן, כדי אַרויסצורײַסן דאָס אומ־גליקלעכע לאַנד פֿון מוסאָליניס נעגל.

ס׳האָט זיך אָנגעצייכנט אַן איבערגרופּירונג אין די אינטערנאַציאָנאַלע כוחות לויט אַ ליניע, וועלכע האָט אָפּגעווייכט פֿון די טראַדיציאָנעלע פֿאַרבינדונגען פֿאַר און בעת דער וועלט־מלחמה. ס׳גילט נישט מער דער געאָגראַפֿיש־סטראַטעגישער פּרינציפּ; אָנשטאָט אים ווערט אַרויס־גערוקט די שייד־ליניע צווישן פֿאַשיזם און דעמאָקראַטיע. זי ווערט אַדורכגעריסן אין אײניקע ערטער אָבער, זי בלײַבט עיקרדיק און פֿעסט אין דער גאָרער וועלט.

דער אינטערנאַציאָנאַלער פֿאַשיזם איז מיט אַ יאָר צוריק געווען דער אַקטיווערער פֿאַקטאָר אין דער וועלט־פּאָליטיק. ער האָט געהאַט איניציאַטיוו און געשאַפֿן סיטואַציעס, אויף וועלכע עס האָט געדאַרפֿט רעאַגירן די נישט־פֿאַשיסטישע וועלט.

דער פֿאַשיזם האָט פֿאַרמאָגט אַנטשלאָסנקייט, מאַניפֿעסטירט אײנ־הייטלעכע אַקציע און עקשנות ביים אַדורכזעצן זײַנע צילן, בעת בײַ זײַנע קעגנער איז געווען דעזאָריענטירטקייט, אַ זוכעניש נאָך פֿאָרמען, מאָמענט־אויפֿפֿלאַקערונג.

די כוחות פֿון דעמאָקראַטיע און פּראָגרעס האָבן ערשט נאָך די דערפֿאָלגן פֿון היטלער און מוסאָליני אָנגעהויבן פֿילן, ווי נויטיק ס׳איז אַ קאָנסאָלידאַציע. אויף היטלערס חוצפּהדיקן אַרויסטריט אין ענין רײַנלאַנד

ענטפערט פראַנקרייך דורך שליסן אַ מיליטערישן בונד מיטן ראַטנ־פאַרבאַנד און נאָך פריִער מיט טשעכאָסלאָוואַקיע. צום שלוס פון אַביסינישן רויבצוג האַלט אָפּ אַ נצחון דער פאָלקספראָנט ביי די וואַלן צום פראַנ־צויזישן פאַרלאַמענט און ס׳ווערט אויסגעבילדעט די רעגירונג בלום.

אין יולי ברעכט אויס דער אויפשטאַנד פון די שפּאַנישע פאַשיסטן. געשטויסן פון די פאַשיסטישע דיקטאַטורן — וואַרפט זיך כמעט די גאַנצע אַרמיי אונטער דער אָנפירונג פון גענעראַלן, פּריצים און קלער, אויף דער יונגער שפּאַנישער רעפּובליק, וועלכע האָט נאָר וואָס אָפּגעהאַלטן אַ נצחון ביי די וואַלן צום פאַרלאַמענט און אָפּגעשוועכט אויף אַ לעגאַלן וועג די פאַשיסטיש־קלעריקאַלע קליקע מיט כיל ראַבלעס. דער בונט פון שפּאַנישע גענעראַלן און אָפיצירן לויטן באַפעל פון דייטשלאַנד און איטאַליע איז זייער שנעל אַריבערגעוואַקסן זיינע לכתחילהדיקע ראַמען און אַרויסגערופן די שפּאַנישע רעוואָלוציע, וועלכע האָט געלייגט איר שטעמפּל אויפן גאַנצן פאַרגאַנגענעם יאָר. נאָך פינצטערע יאָרן פון מפּלות און פאַרלוסטן איז דאָס רעוואָלוציאָנערע שפּאַניע דער גרויסער לייכט־טורעם פאַר דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטערשאַפט. דעם טראַגישן חשבון פון אַרבעטער־דורכפאַלן האָט אויסגעגליכן די שפּאַנישע רעוואָ־לוציע מיט איר פייער, וואָס ווערט נישט פאַרלאָשן דורכן הוראַגאַן פון אינטערנאַציאָנאַלן פאַשיזם.

דעם קאַמף אין שפּאַניע איז באַשערט געווען צו ווערן דער קאָנצענ־טריר־פּונקט פון דער וועלט־פּאָליטיק. דאָ זענען געקומען צום אויסדרוק צוויי עיקר־מאָמענטן פון פאַשיזם. ערשטנס, די נויטווענדיקייט יעדעס מאָל איבערראַשן די נישט־פאַשיסטישע וועלט מיט נייע פּראָוואָקאַציעס, וואָס איז, אגב, דער איינציקער וועג איינצוהאַלטן די אייגענע אונטער־דריקטע מאַסן אין שפּאַנונג ביז דער קומענדיקער וועלט־מלחמה, און צווייטנס, יעדע פאַשיסטישע פּראָוואָקאַציע איז אויסן אונטערצושטרייכן די געפאַר פון רעוואָלוציע מצד די אַרבעטער. דאָס דאַרף אָפּעלירן צו דער נאָך נישט פאַשיזירטער בורזשואַזיע, די מיטלסטע שיכטן, די אָפּגעשטאַנענע פאָלקס־מאַסן. אין איצטיקן שפּאַנישן בירגערקריג טרעטן אַרויס צום ערשטן מאָל גאַנצע אַרמייען, צוגעשיקטע מיט אַלע מלוכה־מכשירים דורך היטלער און מוסאָליני, וואָס עס ברייטערט אויס די נאַציאָנאַלע ראַמען פון די פאַשיסטישע דיקטאַטורן אין איינצלנע לענדער און פאַרוואַנדלט יעדן צוזאַמענשטויס פון סאָציאַלע קלאַסן אין אַ געראַנגל

צווישן דעם אינטערנאַציאָנאַלן פאַשיזם און דעם סאָציאַליסטיש־דעמאָ־קראַטישן פראָנט. שפּאַניע איז נישט נאָר דער ארויסגערוקטער פאָרפּאָסטן פון וועלט־קאַמפּן צווישן די צוויי אַנטשיידענע כוחות; זי איז אויך די פּרוביר־אַרענע פאַר דער צוקונפטיקער וועלט־מלחמה. אין מיניאַטור ו'אַנגלען זיך דאָרט די זעלבע כוחות, וואָס וועלן אַריינטרעטן אין דער קומענדיקער מלחמה — די כוחות פון אַרבעטער־קלאַס און דעמאָקראַטישע שיכטן פון איין זייט און דער פאַשיזירטער קאַפּיטאַל פון דער אַנדערער זייט.

אוודאי האָט די דייטשע הילף פאַרן גענעראַל פראַנקאָ, דער פּרווו צו פאַרכאַפּן מאַראָקאָ און די קאַנאַרישע אינזלען, די כסדרדיקע הילף דורך האַרמאַטן, מענטשן און פינאַנסן דעמאָנסטרירט די פאַרכאַפּערישע טענ־דענצן מצד דעם היטלעריסטישן דייטשלאַנד. פּונקט ווי די אָקופּאַציע פון די באַלעאַרישע אינזלען און די גרויסע איטאַליענישע אָפענסיווע ביי מאַלאַגאַ און גוואַדאַלאַכאַר ביי מאַדריד — ווייזט, אַז דער איטאַליע־נישער אימפּעריאַליזם וויל שאַפן פאַר זיך אַ באַזע אין שפּאַניע און דערמיט אַריינרוקן אַ קליין אין דער פּאָזיציע פון ענגלאַנד ביים גיבראַלטאַר. די ביידע טענדענצן פון היטלערן און מוסאָליניו זענען אָבער דער בעסטער באַווייז, אַז אַלץ, וואָס קומט פאָר אין שפּאַניע, קען באַטראַכט ווערן, ווי די צוגרייטונג צו דער קומענדיקער וועלט־מלחמה.

נאַטירלעך און פאַרשטענדלעך איז די ממשותדיקע הילף, וועלכע דער ראַטנפאַרבאַנד גיט שפּאַניע.

די האַלטונג פון פראַנקרייך איז געווען צווייפּנימדיק: די אַרבעטער־שאַפט האָט אונטערגעשטיצט אָן באַוואָרענישן די שפּאַנישע רעוואָלוציע — דערפאַר איז אָבער די רעגירונג אַרויף אויפן וועג פון בלומרשטער נייטראַליטעט. אמת, עס איז געווען די איינציקע פאָרמול, וועלכע האָט געקענט אַריינציִען ענגלאַנד אין דעם קרייז מלוכות, וועלכע וועלן נישט אַנערקענען די ניי געבלידעטע רעגירונג פון גענעראַל פראַנקאָ.

ס'זענען געווען שאַרף געווען די פּראָטעסטן פון אַלע זייטן — קעגן אָט דער „נייטראַליטעט".

דער שפּאַנישער רעוואָלוציע האָט עס געבראַכט אומגעהויערן שאָדן — אין דער וועלט־פּאָליטיק איז עס אָבער צו דער צייט געווען כמעט דער איינציקער וועג אײַנצוהאַלטן דעם פאָרמעלן שלום און פאַרציִען דעם אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה. צוליבן זעלבן טעם איז אויך ראַטנ־פאַרבאַנד געווען געצוווּנגען צוצושטיין צום „נייטראַליטעט"־אָפּמאַך.

דער עקשנותדיקער קאַמף אין שפּאַניע דויערט. די לכתחילהדיקע פּאַניק און כאַאָס ביים פּאַרטיידיקן די רעפּובליק, סיי ביי דער רעגירונג פון מאַדריד און סיי ביי באַזונדערע פּראָלעטאַרישע פּאַרטייען — האָט נאָך אַ ריי מיליטערישע מפּלות געבראַכט צו אַ פעסטער קאָנסאָלידירונג פון כוחות. ס'האָט זיך געשאַפן אַן איינהייטלעכקייט פון רעגירונגס־געוואַלט און אַ דיסציפּלינירטע געשולטע אַרמיי און דורך דעם איז געזיכערט געוואָרן דער נצחון.

דאָס רעוואָלוציאָנערע שפּאַניע צייכנט דעם אַנטשידנדיקן קער אין דער וועלט־פּאָליטיק און די איניציאַטיוו וועט אַרויסגעשלאָגן ווערן פון די פאַשיסטישע הענט.

„נייוועלט", 24.4.1937

גענוג די געפערלעכע שפּיל!

עס מאַכט דעם איינדרוק, אַז די גאַנצע קאָמעדיע, וואָס האָט אָפּ־געקאָסט הונדערטער טויזנטער קרבנות פון מענער, פרויען און קינדער —די בלוטיקע שפּיל פון דער נישט־אינטערווענץ אין שפּאַניע — גייט אַריבער אויף אַ העכערן שטאַפּל פון צביעות; צו אָפענער דיסקאָנטירונג פון די נייע באַדינגונגען, וועלכע האָבן זיך לעצטנס געשאַפן אַרום שפּאַניע גופא.

דאָס טראַגישסטע דערביי איז נישט נאָר, וואָס דער כוח פון דער שפּאַנישער רעפּובליק איז לעצטנס געפאַלן אויף די פראָנטן, נאָר וואָס די שטאָלענע רייף, וועלכע דראָט צו דערשטיקן די רעפּובליק, די פאַקטישע בלאָקאַדע, ווערט אַלץ ענגער און ענגער.

בלויז איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונגען פון די שפּאַנישע פאָלקס־מאַסן האָבן געגעבן די מעגלעכקייט ביז אַהער אָפּצושטויסן דעם גוט באַוואָפנטן קעגנער. אָבער ביז אַהער האָבן נאָך אַלע באַמיונגען און אַלע דערפאָלגן אויפן געביט פון אויפבויען אַ נייע פאָלקס־אַרמיי נישט דערמעגלעכט אַריבערגיין צו אַ ווירקזאַמער אָפענסיווע קעגן פראַנקאָס חילות און די „פרייוויליקע" לעגיאָנען פון מוסאָליני און היטלער.

דער פראָנט ווערט „פאַרשטיינערט". ער הויבט אָן ווערן אומ־

באַוועגלעך. עס איז זיכער אַן אויפטו פון דער רעפּובליקאַנישער אַרמיי דאָס, וואָס זי האָט געקאָנט אָפּשטעלן דעם פאַרמאַרש פון די פאַשיסטן. אָבער די פאַרשטיינערונג טראָגט אין זיך גרויסע געפאַרן: אַ „פּאַראַ־ ליזירטער פראָנט" שפּעקולירט אויף צייט; ער קען נישט דערלאָזן אַדורכברעכן די אייזערנע וואַנט פון די פראָנט־ליניעס, וועלכע פאַר־ וואַנדלען זיך מיט דער צייט אין אמתע פעסטונגען (ווי, למשל, די ליניע פון מאַדריד, וועלכע ווערט פאַרטיידיקט האַרט ביי דער שטאָט!) די „ספּעקולאַציע" אויף צייט וואָלט געדאַרפט זיין אַ גוט געווער דווקא ביי דער רעפּובליק. וואָס לענגער עס דויערט דער קריג, אַלץ שטאַרקער די אָרגאַניזאַציע און די קאַמף־גרייטשאַפט פון דער ניי באַשאַפענער אַרמיי. בעת דער רוסישער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, בעת דעם בירגער־ קריג, וואָס האָט אָנגעהאַלטן יאָרן איז דער פאַקטאָר „צייט" געווען דורכויס אויף דער זייט פון די סאָוויעטן. אַנדערש איז די לאַגע אין שפּאַניע. זי ליגט געאָגראַפיש פיל אומגינסטיקער, ווי ראַטנפאַרבאַנד. און דער עיקר — די אינטערנאַציאָנאַלע פּאָליטישע לאַגע, ספּעציעל אין דעם שפּאַנישן און מיטללענדישן סעקטאָרן, ווערט וואָס אַמאָל געפער־ לעכער און באַדראָטער פאַר דער שפּאַנישער דעמאָקראַטיע. אויב די צייט אַרבעט פאַר דער רעפּובליק אינעווייניק אין שפּאַניע, אַרבעט זי אָבער קעגן דער רעפּובליק אַרום שפּאַניע, אין דעם פאַרצויגענעם שפּיל פון דייטש־איטאַליענישע פאַרכאַפּערישע אַפּעטיטן אויפן מערב־טייל פון מיטללענדישן ים.

די „אַקטיווע" פויזע אין דער נישט־אינטערווענץ־קאָמעדיע, די שנעלע ליקווידירונג פון דער „פּיראַטן"־געשיכטע, פון אָנפאַלן אויף בריטישע און אַנדערע שיפן מצד „אומבאַקאַנטע" אונטערוואַסער־שיפלעך האָט אויפגעהערט. דאָס מאָל זענען די דעמאָקראַטישע מלוכות געווען געענוג ענערגיש. אָבער באַלד נאָכדעם — ווידער דער פאַרצויגענער קו־ האַנדל אין לאָנדאָן. איין קאָמיסיע אויף דער צווייטער, שליחים און באַאָבאַכטער — און אַלץ בלייבט ביים אַלטן.

אינצווישן איז אָבער די שפּאַנישע רעגירונג געצוווּנגען אַריבערצו־ פאָרן פון וואַלענסיאַ קיין באַרצעלאָנאַ. אינצווישן שיקט שוין ענגלאַנד אָפן אַ דיפּלאָמאַטישן פאַרטרעטער צו גענעראַל פראַנקאָ, אינצווישן שטעלט איין פראַנקרייך די באַן־פאַרבינדונג מיט סאַלאַמאַנקאַ — דעם וויכטיקן צענטער פון פאַשיסטישן טייל פון שפּאַניע.

דער לאָנדאָנער „נישט־אַריינמישונגס־קאָמיטעט" ווערט ביסלעכוויין

פאַרוואַנדלט אין אַ סייסמאָגראַפישער סטאַציע, ווו ס׳ווערן רעגיסטרירט אַלע אונטערערדישע וואַקלונגען אויפן געביט פון אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק. דאָס צווינגט אפילו דעם פאַרטרעטער פון ראַטנפאַרבאַנד נאָכצוגעבן אין שפּיל און שטילשווייגנדיק אַריבערגיין איבער דער אָנער־קענונג פון גענעראַל פראַנקאָ אַלס מלחמה פירנדיקן צד.

מיניסטער אידענס דערקלערונג אין ענגלישן פּאַרלאַמענט האָט נאָך מער ליכט געוואָרפן אויף דער נייער פּאָזע פון דער בריטישער פּאָליטיק אַרום שפּאַניע. די פּאַסיוויטעט פון ענגלאַנד ווערט דערהויבן צו דער העכסטער שטופע פון מלוכה־חכמה און מלוכה־אינטערעס.

ענגלישע פּלענער גייען נאָר אַזוי ווייט, וויפל ס׳איז נויטיק צו איזאָלירן די שפּאַנישע פאַשיסטן פון איטאַליע און דייטשלאַנד. פון דאַנען שטאַמט די פאָדערונג מצד ענגלאַנד וועגן עוואַקואירן די ״פריי־וויליקע״ און צוגלייך דער צוזאָג נאָכדעם קומען צו אַן אויסגלייך מיט גענעראַל פראַנקאָ און במילא צולאָזן די מעגלעכקייט, אַז די שפּאַנישע רעפּובליק זאָל פאַלן.

אויך אין דעם פּרט זעען מיר, אַז ענגלאַנד שטייט נאָך אַלץ אין אַ שאַרפן פּאָליטישן קעגנזאַץ צו די פּלענער פון איטאַליע און דייטשלאַנד. דעם קעגנזאַץ האָט ביז אַהער אויסגענוצט די שפּאַנישע רעפּובליק און צוגלייך מיט איר דער ראַטנפאַרבאַנד און פראַנקרייך. ביי דער געגעבענער לאַגע איז עס געווען אַ ריכטיקער שריט אויפצוהאַלטן דורך דעם דעם שלום אין אייראָפּע און איינצוימען די אַפּעטיטן פון היטלער־מוסאָליני. די דאָזיקע לעקציע אָבער פון שטיצן זיך אויף ריין ענגלישע אינטערעסן אין קעגנזאַץ צום אָנגרייפנדיקן פאַשיזם אין אייראָפּע, ברענגט לעצטנס צו פונקט פאַרקערטע רעזולטאַטן. די געפאַר פון אַ דירעקטער פאַרשטענ־דיקונג מיט גענעראַל פראַנקאָ, דאָס אויספרעסן פון אים צוזאָגן, וועלכע זאָלן גיין אין דער ריכטונג פון בריטישע אינטערעסן — סיי פּאָליטישע און סייווירטשאַפטלעכע — קען די לאַגע אין שפּאַניע מיטאַמאָל ראַדיקאַל פאַרענדערן. אָנשטאָט דער איטאַליעניש־דייטשער ״ברידערלעכער״ הילף פאַרן גענעראַל פראַנקאָ קאָן צוקומען די סוחרישע, אויסגערעכנטע הילף פון בריטישן אימפּעריאַליזם. אויך דאַן וועט די שפּיל גיין אַרום אַ גרויסער זאַך. ענגלאַנד וועט האַלטן דעם טרומף פון שלום אין דער וועלט אין איר האַנט, פונקט ווי מוסאָליני האָט עס געטאָן ביז אַהער.

אין דעם טויש פון די שפּילער קען די לאַגע ווערן נאָך ערגער, ווייל דאַן עפענען זיך אויך ברייטערע פּערספּעקטיוון פאַר אַ פאַרשטענ־

דיקונג צווישן ענגלאַנד און דייטשלאַנד. מעגלעך פאַרן פרייז פון היט־לערס צוזאָג נישט אָנצופאַלן אויף פראַנקרייך, אָבער דערפאַר אויך פאַרן פרייז פון פרייע הענט פאַרן דייטשן פאַשיזם אויפן מזרח. ד. ה. קעגן ראַטנפאַרבאַנד.

די דאָזיקע געפערלעכע שפיל, וועלכע קומט איצט פאָר, מוז פאַר יעדן פרייז געשטערט ווערן. ראַטנפאַרבאַנד טוט עס אויף דעם וועג פון כסדרדיקע הנחות לגבי ענגלאַנד אין לאָנדאָנער קאָמיטעט.

מוז צו דעם צוקומען דער שטאַרקער דרוק פון די אַרבעטער־מאַסן אין דער וועלט, אַ דרוק, וועלכער זאָל פאַרהיטן די אַנטוויקלונג פון שפאַנישן קאָנפליקט אין דער ריכטונג פון איזאָלירן די רעפובליק און די מלוכות, וועלכע אונטערשטיצן זי אין איר פאַרצווייפלטן קאַמף.

„נייוועלט“, 26.11.1937

פראַנקרייכס וועגן

(לערעס פון פאָלקספראָנט)

דאָס מאָל איז עס געשען אין קלישי, אַן אַרבעטער־פאָרשטאָט אין פאַריז. די אַנדערש געשליפערטע שטורעם־קאָלאָנעס, וועלכע הייסן היינט דווקא — „פראַנצויזישע סאָציאַלע פאַרטיי“, האָבן אויף דעם אויסגעפרווווטן אופן פראָוואָצירט די אַרבעטערשאַפט און געבראַכט צו אַ בלוטיקן צוזאַמענשטויס. הונדערטער פאַרוווּנדעטע — דאָס איז דער בלוטיקער שניט.

דער ענטפער פון דער אַרבעטערשאַפט איז געווען שאַרף גענוג, כדי דאָס מאָל אָוועקצושטעלן פאַר דער רעגירונג אין איר גאַנצער שאַרפקייט די פראַגע וועגן דער נאָך אַלץ אַקטועלער געפאַר פון פאַשיזם אין פראַנקרייך.

אָבער די ברענענדיקע פראַגע איז אויך די פראַגע וועגן דער עצם עקזיסטענץ פון דער רעגירונג פון פאָלקספראָנט.

צען חדשים בלומס רעגירונג אין פראַנקרייך זענען צוגלייך חדשים פון אויסערגעוויינלעכער פאַראינטערעסירונג, זאָגאַר געשפאַנטקייט ביי דער אַרבעטער־באַוועגונג אין דער גאַנצער וועלט. יעדער דערפאָלג פון דער

פאָלקספראָנט־רעגירונג, ווי אויך יעדער דורכפאַל איר־ער ווערט באַגלייט מצד דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער וועלט, ווי ס׳וואָלט זיך גע־האַנדלט וועגן נאָענטע אייגענע ענינים.

אונטער דער רעגירונג פון פאָלקספראָנט איז פראַנקרייך היינטיקן טאָג דער צענטראַלער פונקט אין דעם פראָנט פון פּראָלעטאַרישן קאַמף אין אייראָפּע. און ווען אַפילו די האַרמאַטן דונערן ביי די טויערן פון דער האַלב־חרובער אָבער ביז איצט אומבאַזיגטער מאַדריד, ווען טויזנטער און טויזנטער קעמפן ביי אוממענטשלעכע באַדינגונגען פון אומלעגאַליטעט אין דייטשלאַנד, אין עסטרייך און אין איטאַליע — איז גריילעך פראַנקרייך איצט די צענטראַלע אַקס פון דעם אַלעמען, וואָס הייסט קאַמף פאַר מאַכט פון דער אייראָפּעאישער אַרבעטערשאַפט. פון דאַנען נעמט זיך דער שאַרפער אינטערעס, אויך דער קוים פאַרבאָרגענער פּחד, אַז אַלץ, וואָס קומט פאָר אין פראַנקרייך, זאָל מיטאַמאָל נישט אונטערגעהאַקט ווערן דורך דער בלוטיקער פאַשיסטישער פויסט.

אורטיילן דאַרף מען און מען קען איבער דער פּאָליטיק און די דערגרייכונגען פון דער פאָלקספראָנט־רעגירונג נאָר פון איין שטאַנד־פונקט: וואָס האָט אויטאָמאַטיש באַדאַרפט קומען, ווען די רעגירונג בלום וואָלט נישט געווען צושטאַנד געקומען. נאָך דעם שאַרפן אַרויסטריט פון די פאַשיסטישע באַנדעס מיט דריי יאָר צוריק איז געווען קלאָר, אַז די פראַנצויזישע בורזשואַזיע האָט אויסגענוצט אַלע מיטלען פון פאַרעלטערטן ליבעראַל־פּאַרלאַמענטאַרישן אַרסענאַל. די גרויסע „אַנט־פּלעקונג״ פון דער דייטשער פינאַנציעלער קליקע — דער גרויער מאַן פון דער גאַס, דער מאַניאַק מיט דער קרענקלעכער אַמביציע אַלס „פירער״ פון פאַרנאַרטן און צום יאוש און פּאָליטישער טעמפּקייט גע־בראַכטן פאָלק, האָט מיטאַמאָל באַקומען אָנערקענונג ביי דער אַזוי שטאָלצער און אָריגינעלער „גאַלישער״ פינאַנסעריע. די „פּייער־צלמים״ האָבן זיי געהייסן, די געקויפטע גאַסניונגען פון די „200 משפּחות, וועלכע רעגירן מיט פראַנקרייך״ און וואַרפן איבער איבערן פּלויט די פאַרחלשטע פּאַרלאַמענטאַרישע דעמאָקראַטיע איז געווען זייער טאָג־באַפעל. דאָס וואָס איז פאַרגעקומען אויף די גאַסן פון פּאַריז אין די פעברואַר־טעג 1934, איז טאַקע געווען דער איבערברוך פון דער פאָלקס־פּסיכיק. די אין לעצטן, אַנטשידענעם מאָמענט צוריקגעפונענער כוח און מוט פון פראַנצויזישן אַרבעטער און פאָלקסמענטש, האָט אין יענע היסטאָרישע טעג אַריבערגעוויגן די וואָגשאָל אויף דער זייט פון לינקן סעקטאָר

פון פראַנקרייך. אויב נאָך דעם זענען אַריבער העכער צוויי יאָר, ביז די וואַלן צום פּאַרלאַמענט האָבן געגעבן אַן אַבסאָלוטע מערהייט די לינקע פּאַרטייען און ס'האָט אַ דאַנק דעם געקענט קומען צו דער מאַכט די רעגירונג פון פאָלקספראָנט — איז אָבער דער מקור פון דער איצטיקער רעגירונג, איר געבורט־מעטריקע — דער קאַמף אויף די פּאַריזער גאַסן אין פעברואַר 1934 און דער בלוטיקער ענטפער מצד די אַרבעטער דער פּאַרריסענער בורזשואַזיע און אירע משרתים.

די זעלבע אַרויסטרעטונג פון פּאַריזער אַרבעטער־פאָלק וואָלט אָבער געקאָנט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ פּראַכטפולן פייערווערק און זיך אויס־לעשן, ווען עס קומט נישט צו צו דער געביילטער פויסט פון פּראָלע־טאַריאַט דער איבערברוך אין דער טאַקטיק פון די אַרבעטער־פּאַרטייען.

די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אין פראַנקרייך האָט קיינמאָל נישט געגאָלטן אַלס עקסטרעם־רעפאָרמיסטישע. זי איז געווען די איינציקע פון די גרויסע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין אייראָפּע, וואָס האָט נישט געהאַט אויף איר חשבון קיין קאָאַליציע־מאַכעריי פון דעם שניט, ווו דער גרויסער כוח פון אַרבעטער־קלאַס האָט ביי דער מלוכה־פירונג צוזאַמען מיטן בירגערטום אויסגעמאַכט די פינפטע ראָד.

דערפאַר האָט זי געקענט אַרויסגיין אָפן און דרייסט מיטן לאָזונג פון איינהייטס־פראָנט און אויפריכטיקער פּאַרטיידיקונג פון דעמאָקראַטיע, אָן דער מורא, אַז אַלטע חטאים זאָלן איר נאָכגיין ווי שאָטנס ביים גוסס צוקאָפּנס. דער טרויעריקער ביישפּיל פון דייטשן אַרבעטער־קלאַס האָט געמאָנט מיט זיין שטומען טויט, אַז כוחות פאַרבאָרגענע און מידע פון יאָרנלאַנגער אָפּאָזיציע צום הערשנדיקן פּאָליטישן סיסטעם זאָלן מיט־אַמאָל באַקומען לעבן און אימפּולס צו אַנטשיידענע שריט.

דער דאָזיקער פּרצוף פון דער פראַנצויזישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי האָט געמוזט אומגעהויער פאַרלייכטערן די אַנטשפּרעכנדיע ווענ־דונג אין דער טאַקטיק פון דער צווייט־גרעסטער אַרבעטער־פּאַרטיי אין פראַנקרייך — דער קאָמוניסטישער. פאַר דער באַוועגונג איז דער איבערברוך געווען שווערער. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי — דער שטאַר־קערער טייל נאָכן שפּאַלטונגס־קאָנגרעס אין טור אין יאָר 1920, האָט נישט געקענט אויסמיידן דעם פּראָצעס פון בהדרגהדיקער פאַרקלענערונג. פאַרזונקען אין פּרוכטלאָזער אידעאישער רייניקונג, אַריינגעטאָן מיטן קאָפּ אין אויסבויען אַלץ העכערע וועגט צווישן זיך און דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, דערגאַנגען ביז דער אומזיניקער טעאָריע פון „סאָציאַל־פאַ־

שיזם״ — איז די פּאַרטיי געזונקען פון איבער 150 טויזנט מיטגלידער צו גאַנצע דרייסיק טויזנט. אָבער די פּאַרלייכטערטע אומשטענדן וואָלטן ווייניק געהאָלפן דער ענדערונג ביי די קאָמוניסטן, ווען נישט די געענדערטע כוחות־פּאַרהעלטעניש אין אייראָפּע בכלל צוליב דעם זיג פון היטלערן אין דייטשלאַנד און דערמיט די באַדראָטע לאַגע פון ראַטנפאַרבאַנד. דער דאָזיקער מעכטיקער דונער האָט עס געצוווּנגען מיטאַמאָל איינפּאַקן די אָקאָרשט שטאָל פּעסטע טעאָריעס און זיך בליץ שנעל „איבעראָריענטירן״ אין דער געענדערטער וועלט.

דאָס ווייטערדיקע איז שוין געקומען ווי אַ נאַטירלעכער רעזולטאַט. עס זענען חרוב געוואָרן וועגט, וואָס טיילן אָפּ איין אַרבעטער־כוח פון צווייטן. די בורזשואזיע איז געצוימט געוואָרן אין אירע פאַשיסטישע אַפּעטיטן, דער מיטעלער קלאַס האָט אָנגעהויבן צו זוכן געגנוי דעם דעצידירנדיקן כוח פון לאַנד. דער עיקר: דער איינהייטס־פראָנט פון די אַרבעטער־פּאַרטייען איז פאַר זיך געוואָרן אַ גרויסע רעוואָלוציע אינעווייניק אין דעם אַרבעטער־קלאַס. צוויי געשפּאָלטענע פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס געפינען שותפותדיקע שפּראַך און ציל: זיי ווערן פאַראייניקט אין איין מעכטיקן פאַרבאַנד, וואָס ציילט ביי דעם צוזאַמענשלוס איין מיליאָן אַרבעטער און דערגייט ביז צום היינטיקן טאָג ביז פינף מיליאָן מיטגלידער. ווערן די וואַלן צום פּאַרלאַמענט מיט קעגנזייטיקער אונטערשטיצונג פון סאָציאַליסטן און קאָמוניסטן פאַרוואַנדלט אין אַ גרויסן זיג פון די אַרבעטער־פּאַרטייען און זיכערן צום ערשטן מאָל דער אַרבעטערשאַפט אַ פעסטע מערהייט אין פּאַרלאַמענט.

דאָס איז שוין די באַזע פאַר אַ גרעסערער פאַרבינדונג. דער מיטעלער קלאַס, דער פּויער, קרעמער, האַנטווערקער, באַאַמטער א. א. וו. גייען אַרויס פון צושטאַנד פון אָפּוואַרטן און אָפּוועגן און ט׳ווערט מעגלעך דער צוזאַמענשלוס אין אַ פאָלקספראָנט, וואָס נעמט אַרום מחוץ די אַרבעטער־פּאַרטייען אויך די בירגערלעכע ראַדיקאַלן. קאַמף קעגן פאַשיזם, סאָציאַלע רעפאָרמען אין אַ ברייטערן פאַרנעם, זיכערונג פון שלום — דאָס זענען די דריי הויפּט־זיילן פון דער פאָלקספראָנט־רעגירונג.

די קורצע געשיכטע פון בלומס רעגירונג איז דערפאַר איין לאַנגע קייט פון קאַמפן פאַר דער מעגלעכקייט אַדורכצופירן דעם דאָזיקן פּראָגראַם. דער „עקספּערימענט בלום״ — אַזוי האָט עס געהייסן ביי די געפליגלטע פּובליציסטן פון בירגערלעכן פראַנקרייך. אָבער אין דער טאַט — ווייט פון עקספּערימענטן, נאָר אַ ביטערער אַדורכזעצן פון לעבנס־נויטיקע

רעפּאָרמען. ביי דער זייט שטייט די פינאַנציעל מעכטיקע פּאָשיזירטע בורזשואַזיע מיט דעם כוח פון קאַפּיטאַל, פון אַרבעטס־פּלעצער, פון בענק און בערזע, פון פּרעסע און קירכע. ביי אַ שטייגנדער אַרבעטסלאָזיקייט, ביי אַ געזונקענער קויפקראַפט. ביי שלעכטע לוינען — ביי די אַלע אַטריבוטן, וועלכע האָבן אין דייטשלאַנד געבראַכט דעם היטלעריזם צו דער מאַכט — איז אין פראַנקרייך פאָרגעקומען די פאַרקערטע לייזונג פון די אַלע פראַגן.

די רעגירונג פירט אַדורך די 40־שעהדיקע אַרבעטוואָך, דעם מלוכהשן צוואַנגס־אַרביטראַזש ביי אַרבעטס־קאָנפליקטן, די סאָציאַלע פאַרזיכערונג, דעם מינימום־לוין, די טיילווייזע נאַציאָנאַליזירונג פון דער וואָפן־אינדוסטריע, און די הויפּט־זאַך — די דעוואַלואַציע פון פראַנק ד. ה. פאַרקלענערונג פון זיין גאָלד־ווערט ביי אַ געשטיגענעם לוין און כמעט נישט געענדערטע פּרייזן. הילף פאַר דעם פּויער דורך אויפקויפן ביי אים די תבואה און זיכערן דערמיט דעם פּאַסנדן פּרייז פאַר דעם לאַנדווירטשאַפטלעכן פּראָדוצענט. ס׳איז אַ ריזיקע אַרבעט און דערצו אַ געוואַגטע. בעת דאָס אַלץ ווערט געטאָן אונטער דעם אַקאָמפּאַניאַמענט פון פיינטלעכן גרויס־קאַפּיטאַל און ביי דער אויסערסט צוגעשפּיצטער אינטערנאַציאָנאַלער סיטואַציע.

ס׳קומען צו אויך אינערלעכע געפאַרן. די שפּאַנישע רעוואָלוציע, דער מעכטיקער און נאַטירלעכער סאָלידאַריטעטס־געפיל ביי די פראַנ־צויזישע אַרבעטער, וועלכער מוז איינגעקוועטשט ווערן אין נייטראַליטעטס־סדום־בעטל — רופט אַרויס די באַרעכטיקטע פאַרביטערונג פון די אַרבעטער. ס׳וואַקסן חשדים וועגן אַ דערוויטערונג פון בלומס רעגירונג ביי כוחות, וואָס האָבן זי געבוירן. דערשיינונגען, מיט וועלכע מ׳דאַרף זיך רעכענען, צו וועלכע מ׳דאַרף זיך צוהערן און באַציִטנס אויפנעמען. אַזאַ מין קריטיק איז פּרוכטבאַר און פרישט אָפּ דעם קלאַסן־אינסטינקט.

דאָס פּראָבלעם פאַרן אַרבעטער־קלאַס אין פראַנקרייך — איז די אָרגאַנישע איינהייט. דאָס צוזאַמענשמעלצן פון אַלע אַרבעטער־ריכטונגען אין איין גרויסער אַרבעטער־פּאַרטיי צוזאַמען מיטן כוח פון דער פּראָ־פעסיאָנעלער באַוועגונג — איז עס מסוגל צו ווערן דער אַנטשידנסטער פּאָליטישער פאַקטאָר אין פראַנקרייך. די ביז איצטיקע אַנטוויקלונג ווייזט אָן אויף דעם. די איינהייט ליגט אויפן ברייטן שליאַך, וואָס פירט אין דער נאָענטער צוקונפט. אויב דאָס וועט אַוועקגיין אַנדערש, וועט דער

פאַרברעכן זיין נאָך גרעסער, ווי פאַר היטלער׳ס קומען צו דער מאַכט אין דייטשלאַנד.

אויב פראַנקרייך ווערט געדעכנט איצט פאַר דעם צענטראַלן פונקט פון פראַגנט פון דעמאָקראַטיע און סאָציאַליזם, איז עס נאָר דערפאַר, ווייל צום ערשטן מאָל ווערן בייזע ווינטן פון נאָכמלחהמהדיקער אייראָפּע פאַרקערעוועט נישט צו די זעגלען פון פאַשיזם, נאָר — פאַרקערט — צום אַרבעטער־קלאַס און סאָציאַליזם. דערפאַר די צוגעבונדנקייט, נישט געקוקט אויף אַלץ, פון דער אַרבעטער־וועלט צום פראַנצויזישן מוסטער, דער גלויבן אין זיין ענדגילטיקן נצחון אין קאַמף פאַר׳ן סאָציאַליזם.

„נייוועלט״, 9.4.1937

נאָכן גענעראַל־שטרייק אין פראַנקרייך

מיט דער גרעסטער שפּאַנונג האָט די גאַנצע קולטורעלע וועלט אויסגעוואַרט דעם פאַרלויף און די רעזולטאַטן פון דעם פּראָקלאַמירטן איינטאָגיקן גענעראַל־שטרייק אין פראַנקרייך. די פאַראייניקטע כוחות פונעם פראַנצויזישן פּראָלעטאַריאַט האָבן באַשלאָסן צו דעמאָנסטרירן דורך דעם אַלגעמיינעם שטרייק די אַנטשלאָסנקייט פונעם אַרבעטער־קלאַס צו קעמפן קעגן דער נייער סאָציאַלער געזעצגעבונג פונעם פּרעמיער דאַלאַדיע און זיין נייעם פינאַנס־מיניסטער ריינאָ. צי וועט דער דאָזיקער פּרווו פון אָרגאַניזירטן דרוק זיך איינגעבן אָדער נישט?

ס׳וואָלט געווען נאַיוו צו מיינען, אַז די אָנפירונג פון די פראַנצויזישע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען האָט גערעכנט מיט דעם איינטאָגיקן שטרייק אומצוואַרפן די נייע געזעצגעבונג און די רעגירונג איינעם. דער סטראַטעגישער זין פונעם אַלגעמיינעם שטרייק איז נישט געווען אַזוי פּשוט. פון זינט בלום האָט אָפּגעטראָטן פון דער רעגירונג און דאַלאַדיע האָט פאַרנומען זיין פּלאַץ, איז די פּאָליטישע איניציאַטיוו אַרויס פון די אַרבעטער־הענט. די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי מיט בלומען בראש האָט נישט אויפגעבראַכט גענוג פּאָליטישן מוט אויפצונעמען באַלד דעם קאַמף קעגן דער רעגירונג, אין קעגנזאַץ צו די קאָמוניסטן, וועלכע האָבן אָפן פּראָקלאַמירט זייער אומצופרידנקייט מיט איר פּאָליטישער ליניע. די

סתירה צווישן סאָציאַליסטן און קאָמוניסטן איז ווידער אויסגעוואַקסן, און דאַלאַדיע האָט די דאָזיקע אָפּשוואַכונג פון דער אַרבעטער־אײנהייט אויסגענוצט, כדי וואָס ווייטער אַלץ מערער צו ליקווידירן די סאָציאַלע דערגרייכונגען פון דער שטרייק־באַוועגונג אין יוני 1936.

אַראָפּשלינגען די דאָזיקע ביטערע פּילן האָט שוין אויך בלום נישט געקאָנט. דער פראַנצויזישער אַרבעטער־קלאַס האָט געמוזט דערקלערן קאַמף דער רעגירונג, און אַן אָנהויב, אַ מאַניפעסטאַציע פונעם קאַמף — האָט געדאַרפט זיין דער גענעראַל־שטרייק.

צי האָט די קאַמף־מאַניפעסטאַציע זיך איינגעגעבן? די פראַנצויזישע רעגירונגס־פּרעסע, ראַדיאָ און טעלעגראַפן־אַגענטורן פון די פאַשיסטישע לענדער, באַמיען זיך צו באַווייזן, אַז נישט: דער שטרייק איז גאָר געווען „אַ מפּלה פונעם מאַרקסיזם”. אָבער וואָס ווייטער פונעם שטרייק גופא — אַלץ בולטער ווערט די פאַלשקייט פון דער דאָזיקער באַהויפּטונג. נאָך איצט, אַ וואָך נאָכן שטרייק קען זיך דאָס לאַנד נישט באַרויקן פון דער גוואַלדיקער אויפטרייסלונג, וואָס עס האָט דורכגעמאַכט. אַ לאַנגע סעריע פון שטרייקן, דעמאָנסטראַציעס, לוין־קאַמפן ציט זיך נאָך דעם גענעראַל־שטרייק, ווי דער עק פון אַ קאָמעט. ערשט איצט ווייזן זיך אַרויס מיט דער גאַנצער בולטקייט די מיטלען, וואָס די רעגירונג האָט אָנגענומען, כדי דעם שטרייק צו פאַרקלענערן, מיטלען, וואָס זאָגן עדות, נישט וועגן אַ דורכגעפאַלענעם שטרייק, נאָר וועגן אַ ריזיקן אויפברויז פון מאַסן, וועלכע קיין געוואַלד און טעראָר־מיטלען האָבן נישט געקענט אָפּשטעלן. צוויי מחנות איבערן גאַנצן לאַנד זענען געווען מאָביליזירט. די רעגירונג האָט ממשותדיק געדראָט מיט אָפּזאָגן פון דער אַרבעט, מיט משפטים און האַרבע שטראָפן, זי האָט מאָביליזירט די „בירגער־וואַך” און דאָס מיליטער, כדי נישט צו לאָזן פאַרכאַפּן די פאַבריקן. אַלע געזעצן, וואָס שיצן דעם אַרבעטער בעת אַ שטרייק זענען מיטאַמאָל דערקלערט געוואָרן פאַר נישט גילטיק. אַזעלכע מיטלען, וואָס ווערן אָנגענומען נאָר בכדי צו פאַרהיטן פון אַ בירגער־קריג. אין רעזולטאַט זענען טאַקע פאָרגעקומען צוזאַמענשטויסן פון די שטרייקנדיקע אַרבעטער מיט דער פּאָליציי. הונדערטער אַרעסטירטע אַרבעטער און צענדליקער פאַרוווּנדעטע אין פאַרשידענע ערטער פון לאַנד. אין צפון פון לאַנד איז נאָך דער שטרייק נישט געענדיקט, אין דער פּאָרט־שטאָט לע האַוור קענען נאָך אַלץ די גרויסע שיפן נישט אַרויספאָרן פון פּאָרט. אין אַ ריי פאַבריקן קערן זיך די אַרבעטער ביסלעכווייז צוריק צו דער אַרבעט,

אָבער די שטראָף־מאַשין איז שוין אין פולן גאַנג: אַרבעטער ווערן אָנגענומען צוריק אויפן גרונד פון נייע אָפּמאַכן, די אָנפירער פון שטרייק ווערן באַזייטיקט פון די פאַבריקן. די רעגירונג און די בורזשואַזיע זענען אַריבער צו אַ גענעראַל־אָפּענסיווע קעגן די אַרבעטער.

דער אַמאָליקער פירער פון פאָלקספראָנט, דער זעלבער דאַלאַדיע, וועלכער האָט נאָך אין פעברואַר 1934 מאַרשירט אין שפּיץ פון דער אַנטיפאַשיסטישער דעמאָנסטראַציע אין פּאַריז — איז היינט צו טאָג געוואָרן דער ליבלינג פון דער פראַנצויזישער בורזשואַזיע, פון יענע 200 משפחות, וואָס רעגירן אין פראַנקרייך. דער זעלבער דאַלאַדיע, וואָס האָט אויסגעליפערט טשעכאָסלאָוואַקיע אין די הענט פון דער צעיושעטער נאַצישער חיה און אַראָפּגענידערט זיין אייגן פראַנקרייך צו אַ מלוכה פון דער צווייטער מדרגה — דער זעלבער דאַלאַדיע ווערט דער פאַנען־טרעגער פון דער קאַפּיטאַליסטישער רעאַקציע אין לאַנד, פון דעם גרויסן אָנגריף פון בירגערטום, וועלכעס נוצט אויס די געשאַפענע אינטערנאַ־ציאָנאַלע סיטואַציע, בכדי צו דערשטיקן דעם כוח פונעם אַרבעטער־קלאַס ביי זיך אין לאַנד.

די פראַנצויזישע ציישונג „לימיער״ שרייבט זייער טרעפלעך: „די דאָזיקע אונטערדריקונג פון די אַרבעטער און זייערע פראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס אין אַזאַ צייט — וועגן דעם קאָן זיין בלויז איין מיינונג — איז בלויז אויסן צוצוגרייטן אַ ספּעציעלע פאַרשטעלונג לכבוד ריבענטראָפּן, (וועלכער איז אָנגעקומען די טעג אין פּאַריז), אַ פאַרשטעלונג פון אַן אַרבעטער־קלאַס, אַן אונטערדריקטן מיט אַ שטאַרקער האַנט״...

צוליב דעם איז גראָד איצט די פראַנצויזישע רעאַקציע געוואָרן אַזוי חוצפּהדיק־אָנגרייפעריש. מען גייט שליסן אַ „פריינדשאַפט״ מיט די נאַצישע באַרבאַרן, איז צו דעם נויטיק די געהעריקע שטימונגס־מוזיק.

דער פראַנצויזישער אַרבעטער־קלאַס איז נאָך נישט געבראָכן, נאָך שטאַרק געווג זענען זיין אָרגאַניזאַציע און זיין איינפלוס אין לאַנד, אָבער דאָך דאַרף מען ערנסט נעמען אין אַכט די דערפאַרונגען פון שטרייק און די גרויסע סכנות, וועלכע לויערן אין דער סאַמע גאָענטסטער צוקונפט. די נייע דעקרעטן פונעם פינאַנץ־מיניסטער ריינאָ, וועלכע שאַפן אָפּ פאַקטיש די סאָציאַלע רעפאָרמען פון דער תקופה בלום, די אַלגעמיינע רעאַקציע אין לאַנד, דער פּחד פאַר דעם אויסגעלאַסענעם כוח פון דעם באַרבאַרישן שכן — דאָס אַלץ צווינגט די אַרבעטערשאַפט אין פראַנקרייך

נישט נאָר צו שטיין אויף דער וואַך פון אירע אינטערעסן, נאָר שוין באַצייטנס זיך גרייטן צום קאַמף קעגן דער סכנה פון פאַשיזם.

אַ לאַנגע צייט איז מען געוווינט געווען אין מערב־אייראָפּעיִשע לענדער צו טראַכטן, אַז „ביי אונדז קאָן אַזוינס נישט פאַרקומען", מ'האָט געגלויבט אין דעם, אַז דער פאַשיזם האָט אויך זיין „נאַטירלעכע" גרענעץ. די געשעענישן פון דעם לעצטן יאָר האָבן אָבער דייטלעך באַוויזן, אַז אַזאַ גרענעץ עקזיסטירט בכלל נישט און קאָן נישט עקזיסטירן אומעטום ווו ס'זענען פאַראַן די זעלבע קלאַסן מיט די זעלבע אינטערעסן, וואָס האָבן געבראַכט דעם פאַשיזם אין אַנדערע לענדער.

דער פראַנצויזישער פּראָלעטאַריאַט האָט ווידער דערשפּירט די סכנה ווי אין יוני 1936. און נאָר פון דער געשלאָסנקייט און איינהייטלעכקייט פון דער אָנפירונג און פון די מאַסן איז אָפּהענגיק, ער זאָל אויך פון דער איצטיקער סכנה אַרויס מיט נצחון.

„נייוועלט", 9.12.1938

די בעלגישע אַרבעטערשאַפט אין קלעם

די בעלגישע אויסערן־פּאָליטיק איז אין משך פון די לעצטע יאָרן געשטאַנען אונטערן צייכן פון די גרויסע ליניעס פון דער וועלט־פּאָליטיק. די לאַגע פון בעלגיע, אַלס אַ קליינע מלוכה צווישן די גרויסע אייראָפּעיִשע מלוכות, ווי דייטשלאַנד, פראַנקרייך און ענגלאַנד מאַכט די פּאָליטיק פון בעלגיע וואַקלדיק און אומקלאָר.

די באַרימטע דעקלאַראַציע פון בעלגישן קעניג מיט פיר יאָר צוריק וועגן נייטראַליטעט פון בעלגיע האָט בשעתו געמאַכט אַ טיפן רושם אין דער אייראָפּעיִשער פּאָליטיק. ס'איז געווען דעמאָלט אַ בולטער אָפּקער פון דער טראַדיציאָנעלער פריינדשאַפט מיט די מערב־מלוכות, וועלכע האָבן אין דער וועלט־מלחמה גערעטעוועט בעלגיע פון די נעגל פון דער דייטשער אַגרעסיע. די דאָזיקע „נייטראַליטעט"־דערקלערונג איז אָבער דעמאָלט אַפילו מצד די בעלגישע סאָציאַליסטן דערקלערט געוואָרן אַלס דער איינציקער שוצמיטל קעגן דער ווידער אָפּגעלעבטער דייטשער פאַרכאַפּונגס־פּאָליטיק.

פון יענער צייט אָן האָט בעלגיע זיך באַמיט צו געשטאַלטן איר פּאָליטיק אַלס אַזאַ, וואָס האָט נישט קיין שפּיצן לגבי וועמען ס'איז פון די שכנים. די דאָזיקע פּאָליטיק פון „נייטראַליטעט" איז אויך געווען אַ סטימול צו אַ באַשטימטער אינערן־פּאָליטיק. די אויסנפּאָליטישע „נייטראַליטעט" האָט איינגעהאַלטן די ברייטע קאָאַליציע פון די דריי גרונט־פּאַרטייען אין בעלגיע: קאַטאָליקן, ליבעראַלן און סאָציאַליסטן. אָט די קאָאַליציע האָט „נייטראַליזירט" מאַנכע שאַרפע פראַגן, זי האָט דער־מעגלעכט איינצוהאַלטן ביז איצט די סאָציאַלע דערגרייכונגען פונעם אַרבעטער־קלאַס, די פרייהייט פון זיין אָרגאַניזאַציע און באַוועגונג. אָבער נישט די אינערלעכע פראַגן זענען געווען ביכולת אויפצורייסן די קאָאַליציע, נאָר דווקא אַקטועלע פראַגן פון דער אויסנפּאָליטיק.

די רעגירונג, אין וועמענס שפּיץ עס שטייט דער אַמאָליקער „לינקער" סאָציאַליסט ספּאַאַק, האָט געמוזט אין דער פראַגע שפּאַניע זיך שטאַרק רעכענען מיט די שטימונגען צווישן די אַרבעטער־מאַסן. שפּאַניע איז געוואָרן דער סימבאָל פון יעטוועדן קאַמף פאַר פרייהייט און די גרויסע איבערגעגעבנקייט צום קאַמף פון די שפּאַנישע מאַסן פאַר אומאָפּהענגיקייט און דעמאָקראַטיע האָט אַרויסגערופן אַזאַ שטורמישע באַגייסטערונג אין דעם בעלגישן אַרבעטער־קלאַס, אַז אַפילו פאַר ספּאַאַק, דעם „רעאַל־פּאָליטיקער", איז דאָס שפּילן זיך מיט די דאָזיקע מאָטיוון געוואָרן אַ צו געפערלעכע זאַך.

אויפן סדר־היום איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן די פראַגע פון שיקן אַ האַנדלס־אַגענט צום גענעראַל פראַנקאָ. די אויסרעכענונג איז געווען כלומרשט אַ רייןווירטשאַפטלעכע: היות ווי די גרעסטע צאָל מלוכות האָבן שוין געשיקט זייערע פאַרטרעטער קיין בורגאָס, דער הויפּט־שטאָט פון פאַשיסטישן טייל פון שפּאַניע, האָט די רעגירונג ספּאַאַק געהאַלטן, אַז די אינטערעסן פון בעלגישן אויסן־האַנדל קענען דערפון שטאַרק ליידן. די בעלגישע פאַבריקאַנטן און עקספּאָרטערן זענען געווען ווייט פון דעם „סענטימענט פאַר שפּאַניע"; בעלגיע, האָבן זיי געלויבט, מוז האָרטנעקיק פאַרטיידיקן אירע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס אין אויסלאַנד.

דער צוזאַמענפאָר פון דער בעלגישער אַרבעטער־פּאַרטיי האָט אין נאָוועמבער פ. י. אַנטשידן אָפּגעוואָרפן דעם פאָרשלאַג וועגן שיקן אַ פאַר־טרעטער צו גענעראַל פראַנקאָ. גלייכצייטיק אָבער האָט דער צוזאַמענפאָר באַרעכטיקט די אַלגעמיינע אויסערן־פּאָליטיק פון ספּאַאַקן.

דער זעלבער ספּאַאַק מעלדעט גלייך נאָכדעם אין פּאַרלאַמענט, אַז די

רעגירונג האָט יאָ בדעה צו שיקן אַ פּאַרטרעטער קיין בורגאָס. אַן אויסער־אָרדנטלעכער צוזאַמענפאָר פון דער אַרבעטער־פּאַרטיי ווערט צונויפגערופן און נאָכאַמאָל ווערט מיט אַ גאָר גרויסער מערהייט באַשטעטיקט דער באַשלוס נישט צו שיקן קיין פאַרטרעטער צו די שפּאַנישע פאַשיסטן. אין פּאַרלאַמענט שטימען טאָקע גרויסע טיילן סאָציאַליסטישע דעפּוטאַטן קעגן ספּאַאַקן (38), אָבער 18 סאָציאַליסטן שטימען פאַר אים, ד. ה. זיי ברעכן אָפן דעם באַשלוס פון פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר, 5 האַלטן זיך אָפּ פון דער אָפּשטימונג. דערפאַר שטימען פאַר ספּאַאַקס פּאָרשלאָג אַלע אָן אויסנאַם בירגערלעכע און פאַשיסטישע דעפּוטאַטן. מען האָט דערוואַרט די דעמיסיע פון דער רעגירונג, אָבער די לייטונג פון די סאָציאַליסטן באַשליסט אויף מאָרגן, אַז די מיניסטאָרן סאָציאַליסטן זאָלן נישט צוריק־טרעטן, כל־זמן דער באַשלוס וועגן שיקן אַ פּאַרטרעטער צו גענעראַל פראַנקאָ ווערט נאָך נישט אויסגעפירט.

ספּאַאַק בלייבט נאָך דערווייל אין שפּיץ פון דער רעגירונג, הגם ער האָט געבראָכן דעם באַשלוס פון זיין אייגענער פּאַרטיי אין איינער פון די וויכטיקסטע פראַגן פון דער פּאָליטיק פון לאַנד.

אין רעזולטאַט פון אַזאַ קאַץ־און מויז־שפּיל צווישן ספּאַאַקן און זיין אייגענער פּאַרטיי באַקומט זיך זייער אַ פאַרוויקלטע און שווערע לאַגע, אין וועלכער עס ווערט אַריינגעשטויסן די בעלגישע אַרבעטערשאַפט. אויפן סדר־היום שטייט דער פונאַנדערפאַל פון דער רעגירונגס־קאָאַליציע. דאָס לעצטע ווערט אָבער פון אַ גרויסער צאָל פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס אויפגענומען מיט פחד און אומזיכערקייט וועגן דעם „אויף מאָרגן נאָך דער איבערקערעניש". די בעסער סיטואירטע טיילן פון בעלגישן אַרבעטער־קלאַס האָבן מורא פאַר זייערע סאָציאַלע דעראָבערונגען, וועלכע קענען פאַרלאָרן גיין ביי אַ ריין בירגערלעכער רעאַקציאָנערער רעגירונג.

אָבער נישט אין אַ קלענערער מאָס, נאָר גיכער אין דער גרעסטער מאָס, באַדייט די הויפּט־געפאַר פאַר דער פּאַרטיי — דאָס פּראָבלעם ספּאַאַק גופא. עס איז די פראַגע פון אַ זייער געשיקטן און פלינקן פּאָליטיקער, וועלכער, געפינענדיק זיך נאָך אין די רייען פון אַרבעטער־קלאַס, פירט אָבער שוין אויס די ראָל פון דעם העלפער פון דער בורזשואַזיע.

ספּאַאַק איז דער בעלגישער מאַקדאָנאַלד. אויך ער גלויבט אין דעם, אַז ער וועט מיטרייסן אַ גרויסן טייל פון די בעלגישע אַרבעטער אויף דער זייט פון דער בורזשואַזיע און דערמיט ווערן, ווי בשעתו מאַקדאָנאַלד, דער פירער פון „נאַציאָנאַלן פראָנט". עס איז אַ כאַראַקטעריסטישער פאַל

פון פאַרראַט פון אַרבעטער־קלאַס מצד איינעם, וואָס איז אויסגעוואַקסן פון זיינע רייען. מאַקדאָנאַלד האָט שטאַרבנדיק נישט געלאָזט הינטער זיך קיין מאַסן, דערפאַר אָבער האָט ער געלאָזן בירושה אַ שיטה, אַ שולע פאַר אַלע איצטיקע און צוקונפטיקע פאַררעטער פון אַרבעטער־קלאַס און סאָציאַליזם.

„נייוועלט", 6.1.1939

אויך פוילן וויל האָבן איר אייגענעם „עסטרייך"

די סיבה פון דעם אַזוי אומדערוואַרטעטן אולטימאַטום פון פוילן צו ליטע איז געווען זייער אַ באַנאַלע. אַזעלכע געשיכטעס, ווי סיכסוכים צווישן גרענעץ־פּאַטרולן, אַ סתם־שיסעריי און אין רעזולטאַט דערפון אַ צופעליקער געהרגעטער — געהערן שוין צום פאַרעלטערטן רעקוויזיט פון דיפּלאָמאַטישן שפּיל פון כמה יאָרן. נאָך גאַנצע 20 יאָר עקזיסטענץ פונעם אָפּהענגיקן ליטע, נאָך 20 יאָר פון אַ צושטאַנד, ווען צוויי שכנות־דיקע מלוכות האָבן נישט איינגעשטעלט צווישן זיך באַציִונגען און אפילו נישט דערלאָזן בוכשטעבלעך צו אַ פאַרבינדונג דורך אַ באַן אָדער אַנדערן וועג — איז אין איין העלן מיטן טאָג אויפגעקומען דעם שטאַרקערן שכן, פוילן, אויפן זכרון די דאָזיקע קליינע „אומפּינקטלעכקייט" אין דער אַזוי מוסטערהאַפט איינגעאָרדנטער היינטיקער וועלט.

אין יאָר 1920, בעת די באָלשעוויסטישע אַרמיי האָט אין דער מלחמה מיט פוילן פאַרנומען ווילנע, האָט אַדאַנק דעם אָפּמאַך פון ראַטן־רוסלאַנד און ליטע אַ שיין געטאָן אויף אַ ווייל די זון פאַר דער קליינער מלוכה. ראַטן־רוסלאַנד האָט פרייוויליק פאַרלאָזן ווילנע און די ליטווישע רעגירונג האָט זיך אַריבערגעטראָגן פון קאָוונע קיין ווילנע. די אַלטע היסטאָרישע רעזידענץ פון אַמאָליקן ליטע איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אַלס הויפּט־שטאָט פון דער דערוואַכטער ליטווישער מלוכה.

דאָס גליק האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט. מיטן ריקצוג פון דער רוסישער אַרמיי אויפן גאַנצן פראָנט איז ליטע געבליבן אָן דעקונג. גענעראַל זשעליגאָווסקי פאַרנעמט ווילנע ווידער־אַמאָל. די ליטווישע רעגירונג פאָרט אַריבער צוריק קיין קאָוונע. פון דעמאָלט אָן, נישט האָבנדיק די מעגלעכ־

קייט אָפּצונעמען די הויפּטשטאָט ביים גרעסערן שכן מיט כוח, האָט די קליינע ליטווישע מדינה זיך נוקם געווען אויף אַ זייער אייגנאַרטיקן אופן. ווילנע איז טאַקע פאַרנומען דורך די פּאָליאַקן, אָבער אין דער ליטווישער קאָנסטיטוציע ווערט ווילנע באַטראַכט אַלס די הויפּטשטאָט פון דער מלוכה; קאָוונע בלייבט בלויז די צייטווייליקע רעזידענץ. דער אויספיר איז, אַז ליטע שטעלט נישט אײַן קיין שום באַציונגען מיט פּוילן. די גרענעץ (די „צייטווייליקע") ווערט פאַרמאַכט אויף זיבן שלעסער. די באַן־פאַרבינדונג, די פּאָסט און טעלעגראַף פונקציאָנירן נישט צווישן ביידע מלוכות. פּוילן עקזיסטירט נישט פאַר ליטע. אַזאַ צושטאַנד דויערט גאַנצע 18 יאָר.

נישט דער כוח פון פעלקערבונד און די שטיצע פון ענגלאַנד אָדער פראַנקרייך, האָבן דערמעגלעכט די אייגנאַרטיקע עקזיסטענץ פון ליטע אין משך פון נאָך דער מלחמה, נאָר דער אומשטאַנד, וואָס אַדאַנק דעם ריגער שלום־טראַקטאַט צווישן פּוילן און ראַטן־רוסלאַנד, איז ליטע געוואָרן די איינציקע בריק, וועלכע האָט פאַרבונדן דייטשלאַנד און ראַטנפאַרבאַנד. די ענגע פאַרבינדונג וועלכע איז אין די יאָרן פון פאַר היטלער, באַשטאַנען צווישן דעם דעמאָקראַטישן דייטשלאַנד און דער ראַטן־מלוכה איז געווען דער גרעסטער פאַקטאָר ביים דערהאַלטן די ליטווישע אומאָפּהענגיקייט, און דער עיקר — די מעגלעכקייט איינצוהאַלטן די אייגנאַרטיקע, אין דער וועלט ביז אַהער נישט געהערטע, פּאָליטיק לגבי דעם שכנותדיקן פּוילן. אַלע פּרוּוון, וועלכע זענען געמאַכט געוואָרן מצד דער פּוילישער רעגירונג, דער עיקר פון פאַרשטאָרבענעם מאַרשאַל פּילסודסקי, צו דער־לייזדיקן דעם קאָנפליקט מיט ליטע, האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף אַ שאַרפן ווידערשטאַנד מצד דער קאָוונער רעגירונג.

די לאַגע האָט זיך ראַדיקאַל געענדערט מיטן מאָמענט, ווען היטלער איז געקומען צו דער מאַכט. די אַמאָליקע פריינדשאַפט צווישן דייטשלאַנד און ראַטן־רוסלאַנד פאַרוואַנדלט זיך אין איר היפוך. היטלערס פּאָליטישע צילן זענען דירעקט געריכטעט קעגן דער עקזיסטענץ פון דער ראַטן־מלוכה; אָנשטאָט צו זוכן אַ בריק צווישן די ביידע מלוכות, ווערט דורך היטלערן געפירט אַ סיסטעמאַטישע פּאָליטיק צו געווינען די מלוכות, וואָס גרענעצן זיך מיט ראַטן־רוסלאַנד, כדי אַזוי אַרום צו שאַפן, אָנשטאָט אַ בריק — אַ טיפן תהום.

פון דער צייט אָן בלייבט ליטע הענגען אין דער לופט. די אַנטי־רוסישע פּאָליטיק פון דייטשלאַנד שטרעבט צו שאַפן אַ בלאָק פון באַל־

טישע מלוכות מיט פוילן אַלס באַריער צווישן זיך און דער ראַטן־מלוכה. דער איינציקער מכשול איז דערביי ליטע און איר נישט דערליידיקטער קאָנפליקט מיט פוילן. די פריִערדיקע אָריענטאַציע פון פוילן אויף פראַנק־רייך ווערט פאַרביטן מיט אַ כלומרשטער „נייטראַליטעט״, וועלכע איז אָבער פאַקטיש בלויז אַ דעקמאַנטל פאַר אַ בפירושער דערנענטערונג צווישן פוילן און היטלער־דייטשלאַנד.

היטלערס ברוטאַלער איבערפאַל אויף עסטרייך האָט אויך דעם פויליש־ליטווישן קאָנפליקט געגעבן אַ שטויס, וועלכער כאַראַקטעריזירט די היינטיקע פאַרהעלטענישן אין אייראָפּע. איבער נאַכט קען אַ מלוכה, ווי עסטרייך, וועלכע איז אַ מיטגליד פון פעלקערבונד, ליקווידירט ווערן דורך אַ מיליטערישער באַזעצונג מצד דעם היטלעריסטישן דייטשלאַנד אָן דעם, אַז די מערב־מלוכות זאָלן אַפילו זיך באַמיען צו שטערן דעם דאָזיקן רויב — טאָ פאַרוואָס זאָל פוילן נישט אויסנוצן אַזאַ גינסטיקע צייט, ווען אַזעלכע גוואַלדטאַטן ווערן געמאַכט אומבאַשטראָפט און נישט דערליידיקן דעם קאָנפליקט מיט ליטע?

די פוילישע פרעסע טרעט אַרויס תיכף נאָכן ענין עסטרייך מיט אַ ווילדן געשריי וועגן דעם „רעכט״ פון פוילן, אַלס ענטפער אויף דעם „אַנשלוס״ פון עסטרייך און דייטשלאַנד, צו עפענען פאַר זיך אַ וועג צו דער „היסטאָרישער שוועסטער״ — דער קליינער ליטע.

פוילן מוז באַקומען, שרייבט די נאַציאָנאַליסטישע פרעסע, אַ „רע־קאָמפּענסאַטע״ פאַר דעם ענין עסטרייך און ס'איז דאָך קלאָר, אַז קיין בעסערע קאָמפּענסאַטע פאַר פוילן, ווי דאָס קליינע ליטע קען גאָרנישט געמאָלט זיין.

דער ביישפּיל עסטרייך מאַכט שולע אין אייראָפּע. אמת איז, אַז אויך דייטשלאַנד האָט זיינע אינטערעסן אין ליטע און דאָס איז דער עיקר דער מעמעל־געביט, וועלכער איז באַוווינט דורך דייטשן, אָבער די פּוי־לישע איניציאַטיוו לגבי ליטע איז זיכער נישט געמאַכט געוואָרן אָן דעם וויסן פון היטלער־דייטשלאַנד. די פאַרשידנקייטן פון דיביידע מלוכות וועלן שוין מוזן „רעקאָמפּענסירט״ ווערן אויפן חשבון פון אַ דריטן אָביעקט, וועלכער זאָל באַפרידיקן די אַפּעטיטן פון ביידע מלוכות — פוילן און דייטשלאַנד.

און ווידעראַמאָל, ווי מיט עסטרייך — יאָרן לאַנג האָבן די ליטווישע פּראָגרעסיווע און סאָציאַליסטישע קרייזן געפאָדערט איינצושטעלן נאָר־מאַלע באַציונגען מיט פוילן. אַפילו פאַרן פּרייז פון אַרויסוואַרפן ווילנע

פון דער... קאָנסטיטוציע. אָבער די פֿאַשיזירטע ליטווישע רעגירונג האָט עס שטענדיק אָפּגעוואָרפֿן. איצט קומט פֿאָר די דערליידיקונג פֿונעם לאַנג־יאָריקן קאָנפֿליקט, אָבער ביי לחלוטין אַנדערע אומשטענדן.

ליטע ווערט מיט כוח אַריינגעצויגן אין אַ בלאָק, וועלכער שאַפֿט זיך איצט פֿון די ראַנד־מלוכות און פּוילן, אַ בלאָק, וועלכער רעדט כלומרשט וועגן „נייטראַליטעט”, אָבער אין דער אמתן דאַרף ער דינען אַלס אַ שפּרונגברעט פֿאַר דער קומענדיקער וועלט־מלחמה.

„נייוועלט”, 25.3.1938

צו דער פֿראַגע פֿון מלחמה און אַרבעטער־קלאַס

די וועלט־פּאָליטישע געשעענישן אַנטוויקלען זיך אין אַ גאָר געשווינדן טעמפּ. דער אינטערנאַציאָנאַלער פֿאַשיזם איילט זיך צו פֿאַרכאַפּן וואָס גע־שווינדער און וואָס מער נייע פּאָזיציעס. פּראָג, מעמל, שפּאַניע, אַלבאַניע, — און איצט שטייט ווייטער אויפֿן סדר־היום דאַנציג און דער פּוילישער קאָרידאָר. וויכטיקע סיבות, מיליטעריש־טעכנישע, עקאָנאָמישע און אי־נערלעך־פּאָליטישע שטויסן די פֿאַשיסטישע דיקטאַטאָרן צו אַלץ ווייטערע אַוואַנטורעס, וואָס מוזן דערפֿירן צו דער בלוטיקסטער מלחמה, וועלכע די מענטשהייט האָט ווען עס איז געזען.

היינט אָדער מאָרגן קענען אָנהויבן ברענען נייע פּונקטן אין מזרח אָדער מערב־אייראָפּע. די וועלט האָט נישט איצט קיין שום גאַראַנטיע פֿאַרן מאָרגנדיקן טאָג אין בוכשטעבלעכסטן זין פֿונעם וואָרט. אַלע פֿייגנ־בלעטער פֿון אָפּמאַכן און נישט־אַגרעסיע־פּאַקטן זענען באַזייטיקט געוואָרן. די פֿראַגע איצט איז נאָר וועגן פּאַסיקן מאָמענט. ביידע צדדים גרייטן זיך צו דער מלחמה, און ספּעציעל דער אַזוי גערופֿענער דעמאָקראַטישער בלאָק. עס פֿירן זיך דיפּלאָמאַטישע אַקציעס, אויף דער שנעל, אין דער לעצטער מינוט, כדי ערב דער מלחמה צו זיכערן זיך אַ ריי פּאָזיציעס — ווי פּוילן, טערקיי, רומעניע, די אַראַבישע וועלט און דעם נאָענטן מזרח. עס גייען די באַמיונגען אַריינצוציִען ראַטנפֿאַרבאַנד אין דעם בלאָק — שוין נישט קוקנדיק אויף „אידעאָלאָגישע„ מניעות, און די פֿאַראייניקטע שטאַטן שוואַכן אָפּ זייער ווויל באַקאַנט נייטראַליטעט־געזעץ.

פאַר דעם פאַשיסטישן בלאָק איז די מלחמה — די איינציקע לייזונג פון דעם שווערן מצב, אין וועלכן דער פאַשיזם האָט אַריינגעטריבן דייטשלאַנד און איטאַליע. פאַר די אַזוי גערופענע „דעמאָקראַטישע" מלוכות איז זי געוואָרן אַ נויטווענדיקייט, געצוווּנגענערהייט. יאָרן לאַנג האָט דער ליבעראַל־דעמאָקראַטישער בירגערלעכער סעקטאָר זיך געוועַרט מיט הענט און פיס קעגן דעם באַוואָפנטן צוזאַמענשטויס. נאָך מיט אַ האַלב יאָר צוריק, אין די טעג פון מינכען איז די ענגלישע בורזשואַזיע און מיט איר צוזאַמען די פראַנצויזישע — גרייט געווען צו די גרעסטע קרבנות, (נישט, חלילה, אייגענע!), אַבי אָפּצוהאַלטן אויף אַ צייט דעם אויסברוך פון דער מלחמה, דורך צוואַרפן לעקעכלעך דעם הונגעריקן פאַשיזם, צו געפינען די נאַטירלעכע באַזע פון ווירטשאַפטלעכער צוזאַמענ־אַרבעט. פאַר טשעמבערלען־דאַלאַדיע, פאַר די פאַר הונדערט משפחות באַנקירן, אינדוסטריעלע מאַגנאַטן פון ענגלאַנד און פראַנקרייך — וואָלט דאָס צוזאַמענלעבן מיט אַ פאַשיסטישן סיסטעם נישט געווען אַזוי שטאַרק אומאַנגענעם. זיי האָבן זיך צוגעוווינט צו דער עקזיסטענץ פון דעם ראַטנ־פאַרבאַנד, וואָלטן זיי שוין אַוודאי אויסגעהאַלטן די פאַשיסטישע שכנות. אלא וואָס? אַזאַ אויסנאַם פונעם אייגענעם סיסטעם דאַרף מען שטענדיק לאָקאַליזירן. אויב בלויז מיטל־איירָאָפּע איז באַשערט צו בלייבן פאַשיס־טיש, בלייבט נאָך אַלץ די גרויסע וועלט פון מערב, פון די ריזיקע קאָ־לאָניעס און רוישטאָף־באַזעס, די וועלט־קאָמוניקאַציע־וועגן, און פאַר־קערט, אַזאַ סטראַשידלע צווישן דעם ראַטנפאַרבאַנד און דעם הויך־קאַפּיטאַליסטישן מערב — וואָלט נאָר אָפּגעווענדט די אַגרעסיוויטעט פון די טאָטאַליסטישע מלוכות אין אַן אַנדער זייט, און גלייכצייטיק געדינט אַלס אַ גוטע בייטש פאַר דעם אייגענעם פראָלעטאַריאַט.

די דאָזיקע אויסרעכענונג פון טשעמבערלען־דאַלאַדיע — די בולטסטע פאַרטרעטער פון דער גרויס־בורזשואַזיע פון זייערע לענדער — האָט איצט באַנקראָטירט אויף דער גאַנצער ליניע. די פאַשיסטישע אַקס דראָט אָפן און ציניש נישט נאָר צו בלייבן ביי די דעראָבערטע פאַר די לעצטע יאָרן שליסל־פּאָזיציעס און רוישטאָף־קוואַלן, נאָר זי שטעלט אין אַן ערנסטער געפאַר די אינטערעסן פון דעם ענגליש־פראַנצויזישן קאַפּיטאַל, זייער קאָ־לאָניאַלע מאַכט אין דער וועלט. די וועלט־עקספּאַנסיע־טענדענצן פון דעם פאַשיזם שטייען שוין אויסער יעדן ספק. די דייטשע און איטאַליענישע האַנדלס־און פּראָפּאַגאַנדע־אַגענטורן אין ווייטן דרום־אַמעריקע מאַכן אומ־רויִק די גרויסע דעמאָקראַטיע פון צפון־אַמעריקע, און אויב נישט די

ליידן פון די אייראָפּעישע פעלקער, איז דווקא דאָס עלול אַרויסצוברענגען די פאַראייניקטע שטאַטן פון זייער נייטראַליטעט אין דער קומענדיקער מלחמה.

אין דעם דאָזיקן געראַנגל פון צוויי גרויסע אימפּעריאַליסטישע בלאָקן, איז אַפילו אין דער איצטיקער סטאַדיע פון צוגרייטונגען שווער, ביים בעסטן ווילן, אַרויסצוגעפינען און אַרויסצוהערן די באַזונדערע שטים פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־קלאַס. דער הייאָריקער ערשטער מאַי האָט אפשר צום שאַרפסטן דעמאָנסטרירט די באַזונדערס שווערע לאַגע פון אַרבעטער־קלאַס. אין פאַריז האָבן די פּראָפ. פאַראיינען באַשלאָסן, די אַרבעטער זאָלן אַרבעטן ווי געוויינלעך, און אַריבערגעלייגט דעם יום־טוב אויף אַ טאָג פריִער, אויף זונטיק. אין וואַרשע זענען מאַי־דעמאָנסטראַציעס פאַרבאָטן געוואָרן. דאָס זענען ערשטע שוואַלבן פון דער פאַרפעסטעטער אַטמאָספער, וועלכע האָט זיך שוין געשאַפן אין אַ ריי לענדער. די פיבער־האַפטע צוגרייטונגען צו דער מלחמה פאַרסמען שוין די לופט מיט שאָוויניזם און „פאַטריאָטישער" שטימונג פון דער גאַס, פון דעם המון.

מען הויבט שוין אָן באַצייטנס צוגעווינען די מאַסן צו יענער „הייליקער אַליאַנס", ווי אָנהייב פון דער לעצטער וועלט־מלחמה.

אין 1914־טן יאָר האָט נאָך די אַרבעטער־באַוועגונג געקאָנט ווערן איבערראַשט פון דער פּלוצעמדיקער כוואַליע פון פאַטריאָטיזם און קלאַסן־פאַרראַט מצד די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פאַרטייען. איז עס דאָך געווען אָקאָרשט נאָך די פייערלעכסטע דעקלאַראַציעס פון דעם סאָציאַליסטישן קאָנגרעס קורץ פאַר דער מלחמה, וועלכער האָט גערופן די אַרבעטער זיך אַנטקעגנשטעלן אומעטום דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה. היינט קען מען נישט רעדן וועגן איבערראַשונג. דער אַרבעטער־קלאַס אין כמעט אַלע נישט־פאַשיסטישע לענדער דערשיינט איצט נישט אַלס זעלבשטענדיקער פּאָליטישער כוח אין די פּאָליטישע געשעענישן. אין ענגלאַנד, און נאָך מער אין פראַנקרייך, — אין די ראָל פון דער אַרבעטער־באַוועגונג רע־דוצירט געוואָרן צום אָפּהיטן געוויסע סאָציאַלע דערגרייכונגען פון דער נאָך מלחמה־צייט.

אין דעם קלאַסישן לאַנד פון קעגנערשאַפט צום מיליטער־דינסט, אין ענגלאַנד, קען די לייבאָר־פּאַרטיי נאָר אַרויסטרעטן מיט פאָדערונגען וועגן מאַטעריעלער פאַרזיכערונג פון די צום מיליטער גערופענע יונגע אַרבע־טער, זי איז אָבער שוין נישט ביכולת אָפּצוּוואַרפן פּרינציפּיעל די נויט־ווענדיקייט אין דער געגעבענער סיטואַציע אַריינצופירן דעם אָבליגאַטאָ־

רישן מיליטער־דינסט. נאָך מער — בלום, דער פירער פון דער פראַנ־צויזישער ברודער־פּאַרטיי מוז זיך איילן קיין לאָנדאָן, כדי צו איבערצייגן די לייבאָר־פּאַרטיי אין דער נויטיקייט פון מיליטער־דינסט. די אַלע פאַקטן באַווייזן באַשיימפּערלעך, אַז די אַרבעטער־באַוועגונג נעמט איבער אין דער דאָזיקער התחלה פון קאַטאַסטראָפאַלן פעריאָד די זעלבע פונק־ציעס, וואָס זי האָט געהאַט אין דער פריִערדיקער וועלט־מלחמה: דאָס אָפּהיטן די נאַציאָנאַלע דיסציפּלין אין דער אַרבעטערשאַפט, דאָס באַדינ־גונגסלאָזע אונטערוואַרפן זיך די פאָדערונגען פון פאַרטיידיקונג פון לאַנד, און זי ווערט בטל בששים אַלס זעלבסשטענדיקער כוח מיט אַ באַזונדערן פּאָליטישן פרצוף, אין אַ צייט, ווען דאָס גאַנצע לאַנד, דאָס גאַנצע פאָלק ווערט פאַרוואַנדלט אין איין גרויסער קאַזאַרמע פון אוניפאָרמירטע און אונטער קאָמאַנדע געשטעלטע מאַסן.

דאָס, וואָס איז אין יאָר 1914 געווען אַ שווערער קלאַפּ אויף דער קלאַסן־באַוווסטזיניקער אַרבעטערשאַפט, אין רעזולטאַט פון פאַרראַט און קאַפּיטולאַציע פון די שפּיצן פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, דאָס דער־שיינט איצט, ערב דער נייער מלחמה שטילשווייגנדיק אַלס אַ זעלבסט־פאַרשטענדלעכקייט.

אין דעם ליגט די גרויסע געפאַר פאַר דעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָ־ציאַליזם.

ס׳איז ריכטיק, אַז די קומענדיקע מלחמה קעגן דעם פאַשיסטישן בלאָק טאָר באַין אופן נישט פאַרגליכן ווערן מיט דער פריִערדיקער, ווו ס׳איז אָנגעגאַנגען אַ שווערער קאָנקורענץ־קאַמף צווישן צוויי אימפּעריאַליסטישע בלאָקן פאַר ריינע אימפּעריאַליסטישע אינטערעסן. היינט האָט דער אַר־בעטער־קלאַס יאָ וואָס צו פאַרלירן אין פאַל פון נצחון פונעם פאַשיסטישן בלאָק, — ער פאַרלירט זיין פרייהייט, זיין אָרגאַניזאַציע, זיינע אַלע מכשירים אין קאַמף פאַרן סאָציאַליזם. היינט גייט די מלחמה אויך פאַר דער פאַרטיידיקונג פון דעם ראַטנפאַרבאַנד, אַלס איינציקע אַרבעטער־מלוכה אין דער וועלט און דאָך זענען עס נישט קיין גענוגנדיקע מאָטיוון, דער אַרבעטער־קלאַס זאָל זיך אָפּרוקן פון זיינע ספּעציעלע אויפגאַבן אין קומענדיקן געראַנגל און זיך לאָזן איינשפּאַנען אין דעם אַלגעמיינעם נאַציאָנאַלן וואָגן.

דער פּראָלעטאַריאַט מוז זען אין פאַשיזם דאָס ווייט גרעסערע בייז פאַר דער אַרבעטערשאַפט גופא. אַלע ביז איצטיקע שאַרפע דעבאַטן אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם וועגן דער דאָזיקער עיקר־פראַגע האָבן

זיך געמוזט ענדיקן מיטן אויספיר, אַז איצט קען נישט גילטן יענע איינ־שטעלונג פון רעוואָלוציאָנערן פּאַציפיזם, וועלכער איז געווען אַזוי כאַראַק־טעריסטיש אין דער לעצטער מלחמה. נישט צימערוואַלד, נישט קיענטאַל, נישט די שטעלונג פון די באָלשעוויקעס אין דער פראַגע פון מלחמה און פאָטערלאַנד־פאַרטיידיקונג איז היינט צו טאָג מעגלעך.

דערפאַר מוז אויפגענומען ווערן מיט גרויס דערשטוינונג די מיינונג, וואָס ווערט איצט געפריידיקט מצד קלענערע גרופּן אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, וועלכע ווילן זיך אויך היינט פאַרפעסטיקן אויף דער ליניע פון אַמאָליקן רעוואָלוציאָנערן פּאַציפיזם. און פאַר זיי איז דאָס אַזוי גלאַטיק, פאַרשטענדלעך, אַז די דאָזיקע איינשטעלונג איז גילטיק סײַ אין די פאַ־שיסטישע לענדער, (וואָס איז אויך מער ווי פאַרשטענדלעך!!) און סײַ אין די נישט־פאַשיסטישע לענדער, וועלכע פירן מלחמה מיט די ברוטאַלע דיק־טאַטורן פון דייטשלאַנד און איטאַליע.

אויב די „רעוואָלוציאָנערע פּאַציפיסטן" רעדן וועגן דער גרויסער געפאַר פון אַ „בורג־פרידן" אין דער קומענדיקער מלחמה, זענען זיי אוודאי גערעכט. די געפאַר איז דאָ, די ריזיקע איז גרויס, אַז פון אַזאַ פאַרלאָזן זיך אויפן „יושר" פון דער אייגענער בורזשואַזיע קען קומען אין רעזולטאַט פון אַ זיגרייכער מלחמה נאָך אַ שטאַרקערע רעאַקציע מצד דער פון נצחון פאַרשיכורטער בורזשואַזיע קעגן דעם אַרבעטער־קלאַס און זיינע פּאָזיציעס. עס איז אָבער פאַלש, טויזנט מאָל פאַלש, בעת מען וויל נישט מאַכן קיין גרויסן אונטערשיד צווישן דער בירגערלעכער אָרדנונג אין ענגלאַנד און פראַנקרייך און דער בלוטיקער דיקטאַטור פון היטלערן, ווי דאָס טוען מאַנכע דאָקטרינערן פון „לינקס". די אָנהענגער פון דער דאָזיקער מיינונג קענען בשום אופן נישט ענטפערן אויף דער עיקר־פראַגע: צי קען זיך דער אַרבעטער־קלאַס באַציִען נייטראַל צו דער מעגלעכקייט פון נצחון פון היטלער־פאַשיזם איבער די אַזוי גערופענע דעמאָקראַטישע לענדער? צי קען בכלל געצויגן ווערן איין ליניע, וואָס זאָל אַרומנעמען אַפילו די ענגלישע קאָנסערוואַטיווע, די פראַנצויזישע ראַדיקאַלן מיט היטלערן און מוסאָליני? דער ענטפער איז אַזוי אויבנאויפיק, אַז עס לוינט זיך באמת נישט אָפּצו־שטעלן ווייטער אויף אַן אַרגומענטאַציע, וואָס מוז אין איר קאָנסעקווענץ פירן אין דער ווירקלעכקייט און ביים היינטיקן מאָמענט, אָנשטאָט צום רעוואָלוציאָנערן פּאַציפיזם, צום פולן זיג פון פאַשיזם איבער אייראָפּע און דער גאָרער וועלט.

די אומזעלבשטענדיקייט פון דער אַרבעטער־פּאָליטיק איצט, איז נישט

אַ רעזולטאַט פון איר געפאַלנקייט לגבי דעם גרויסן פחד פון פאַשיסטישער אַגרעסיע, זי קומט אין רעזולטאַט פון איר לכתחילהדיקער אָפּשוואַכונג פאַר דער לעצטער צייט.

ס׳איז דאָך אַ גרויסער, גורל שווערער חילוק, ווער עס רופט די אַר־בעטער און פויערים צום קריג און ווער עס באַפעלט זיי צו גיין אין פייער. די גרויסע געפאַר שטעקט טאַקע אין דעם, וואָס אין אַנבליק פון דער דראָ־ענדיקער געפאַר פון אַ וועלט־מלחמה געפינט זיך דער אַרבעטער־קלאַס סיי אין ענגלאַנד און סיי אין פראַנקרייך נישט אין אָפענסיווע, נאָר פאַרקערט. דער פעריאָד פון פאָלקספראָנט אין פראַנקרייך, פון דער רעגירונג פון סאָציאַליסט בלום, האָט זיך געענדיקט מיט אַ בולטער פאַרשטאַרקונג פון דעם בירגערטום. דאַלאַדיע איז היינט נישט דער רעכטער פליגל פון אַמאָ־ליקן פאָלקספראָנט נאָר דער צענטער פון דער בירגערלעכער, רעאַקציאָ־נערער אָפענסיווער קאָנצענטראַציע קעגן אויסערלעכן אַנגרייפער, וואָס קען אָבער, צוליב איר עצם סאָציאַלער נאַטור נישט רופן פראַנצויזישע אַר־בעטער און פויערן אין קאַמף קעגן דעם אַנגרייפערישן פאַשיזם.

דאָ ליגט די גרויסע געפאַר. די ערשטע סימנים פון אַזאַ אומגינסטי־קער און געפערלעכער אַנטוויקלונג פאַר דעם אַרבעטער־קלאַס זענען שוין פאַראַן. ביי אַ ווייטערדיקער פאַסיוויטעט פונעם אַרבעטער־קלאַס, ביי דער שטימונג פון „נאַציאָנאַלער אייניקייט״ קען עס פירן צום תחית־המתים פונעם אַמאָליקן סאָציאַל־פאַטריאָטיזם. אַז אַזעלכע טענדענצן זענען פאַראַן אין די רייען פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, איז אויך אַ פאַקט. און די דאָזיקע סכנה באַדראָט אַלעמען צוגלייך: די געשוואוירענע סאָציאַל־דעמאָ־קראַטיע און אויך די אָפיציעלע קאָמוניסטישע באַוועגונג.

פאַר דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג שטייט איצט אין דער גאַנצער ברייט די עיקר־פראַגע פון איר באַציִונג צום קריג און דער פאַרבינדונג פון אויסערלעכער פאַרטיידיקונג מיט אַ שאַרפן אינערלעכן קאַמף קעגן די רעאַקציאָנערע אַטאַקעס פון דער אייגענער בורזשואַזיע. די באַוועגונג, וועלכע וועט פאַרגעסן אָן דעם דאָזיקן כלל, וועט זיך מוזן אַראָפּקייקלען אַלץ טיפער און טיפער אין דעם תהום פון שאָוויניזם און נאַציאָנאַלער „אחדות״, וואָס מיינט קודם כל פאַרקנעכטונג פון דעם אַר־בעטער אין די אינטערעסן פון דער הערשנדיקער בורזשואַזיע, וועלכע רעפּרעזענטירט אין דעם מאָמענט כלומרשט די „גאַנצע נאַציע״.

דער שאַרפער קאַמף קעגן פאַשיסטישן אַנגרייפער מוז ווערן באַגלייט מיט אַ קאַמף קעגן דער אייגענער פאַרריסענער בורזשואַזיע, פאַר וועמען

דער קאַמף קעגן היטלערן איז נאָר אַ קאָנקורענץ־קאַמף, בעת פאַר דעם אַרבעטער איז עס אַ פראַגע פון זיין גורל און צוקונפט, די פראַגע פון דעם מאָרגן פון דער גאַנצער אַרבעטערשאַפט.

„נייוועלט“, 19.5.1939

ווי אַזוי איז דאָס געקומען?

וועגן דער פאַשיזירונג פון פראַנקרייך

.1

דער לעצטער נומער פון „סאָציאַליסטישן קאַמף“, וואָס איז אַרויס אין פאַריז דעם 1־טן יוני, און ווער ווייסט, ווען און ווו ער וועט ווידער דערשיינען — איז אין געוויסער מאָס אַ היסטאָרישער דאָקומענט. דער סטעמפּל פון דער צייט איז אויפגעדריקט קודם כל אויף די נאָטיצן פון אויסטריאַקוס, דעם איצטיקן אָנפירער פון דער גרופּע עסטרייכישע סאָציאַליסטן אין פאַריז. עס מערקט זיך דער געראַנגל פון ספקות און פחד וועגן דעם אויסגאַנג פונעם קאַמף אין צפון־פראַנקרייך. אויסטריאַקוס זעט שוין דעם פאַשיסטישן כוח, וואָס שפּאַרט אומאויפהערלעך אויף די פראַנצויזישע ליניעס. ער דערקענט בולט די נייע פאָרמען פון מלחמה־פירונג — מאַנעווריר־טאַקטיק אַנשטאָט די אַמאָליקע דורכאויסיקע שוץ־גראָבן־ליניעס — אָבער ער גלייבט נאָך אין דעם אייזערנעם קאַמף־ווילן פון די פראַנצויזישע מאַסן. ער זעט די מעגלעכקייט פון אַ פאַרשטאַרקטן קאַמף אויפן באַזיס פון אַנטשידענעם מאַסן־ווילן. ער זעט אָבער אויך די סכנות פון אויבן, פון די שפּיצן. רעדנדיק וועגן דעם פאַרראַט פונעם בעלגישן קעניג, אין שליחות פונעם פאַשיסטישן שונא, שרייט ער אַרויס אין לעצטן מאָמענט דאָס, וואָס מען האָט ביז דעמאָלט נישט געטאָרט אַרויסזאָגן: אַז „אויך אַ קעניג קען געהערן צו דער „פינפטער קאָלאָנע“, און דער עיקר: „מיט יעדן טאָג ווייזט זיך אַרויס קלאָרער דער פונאַנדערפאַל פון אַלע ביז איצטיקע פאָרמען און מאַכטן: מלכים, לענדער, קאָנסטיטוציעס, סיסטעמען ווערן געשליידערט אין אָפּגרונט. דער פאַרראַט הערשט אויף די שפּיצן פון די הערשנדיקע קלאַסן, אין די אויבערשטע שיכטן פון דער היינטיקער וועלט“. נישטאָ וואָס צו האָפן אויף די דאָזיקע כוחות. פאַר

אויסטריאַקוסן איז קלאָר, אַז נאָר דער אַרבעטער, ווו ער איז נאָך פריי, וועט קענען אויפהאַלטן דעם אָנגריף און דעם שטראָם פון שטאָל, וואָס גיסט זיך פון צפון אויף פראַנקרייך און גאַנץ אייראָפּע.

די גרופּע עסטרייכישע סאָציאַליסטן, אין וועמענס נאָמען אויסטריאַקוס שרייבט זיינע ווערטער, האָט נישט קיין איבעריקע השפּעה אַפילו אין סאָציאַליסטישן לאַגער. איר שטים איז געווען און געבליבן אַ קול קורא במדבר. עס איז דערווייל נישט מער ווי אַ ציינגיש פון קלאָרן סאָציאַליס־טישן און רעוואָלוציאָנערן צוגאַנג צום עצם קריג און זיינע פּערספּעקטיוון.

פּאַריז איז געפאַלן. די וועלטשטאָט, וואָס אירע מאָנומענטן פון קאַמף פאַר פרייהייט און סאָציאַליזם, האָבן צוגעצויגן טויזנטער און צענדליקער טויזנטער קעמפער פון דער גאַרער וועלט, איז געפאַלן אָן קאַמף, אָן ווידערשטאַנד. אויפן פּלאַץ פון דער באַסטיליע וועלן היינטיקן זונטיק, דעם 14־טן יולי, נישט מאַרשירן סאָציאַליסטן און קאָמוניסטן, נאָר די סאָלדאַטן פון „מאָטאָריזירטן אַטילאַ״ — ברוינע פאַשיסטן.

מיט אַ קורצער צייט צוריק וואָלט עס נאָך געקלונגען ווי חוזק, און איצט איז דאָס דיווירקלעכקייט!

ווי פּיינלעך שווער איז איצט צו לייענען נאָכן חורבן פון פראַנקרייך, ווען אין ווישי קומען זיך צונויף די פאַשיזירטע רעשטלעך פון פראַנצוי־זישן פּאַרלאַמענט, כדי אויסצופירן היטלערס ווילן, די פלאַמענדיקע ווער־טער פון דעם קעמפנדיקן סאָציאַליסט אין באַדראָטן פּאַריז: „דער מאָ־מענט פון יאַקאָבינישער מלחמה־פירונג איז געקומען — צי וועט ער אויסגענוצט ווערן דורך די אמתדיקע יורשים פון די יאַקאָבינער?״ — אָבער די „אמתע יורשים פון די יאַקאָבינער״ האָבן דעם מאָמענט נישט אויסגענוצט. דערפאַר האָבן אים אַנדערע אויסגענוצט.

.2

היינט־מאָרגן קומט זיך צונויף אין דעם וואַרעמבאַד ווישי אַ טייל פון דעם אַמאָליקן פראַנצויזישן פּאַרלאַמענט. אין איילעניש, אונטער טעראָר און פּחד וועלן זיי פּראָקלאַמירן אַ נייע „קאָנסטיטוציע״ פאַר פראַנקרייך, די קאָנסטיטוציע, וואָס היטלער פאָדערט, די „רעגירונג״ וועט באַקומען דעם מאַנדאַט פון איבערגעשראָקענע, צונויפגעשלעפּטע דעפּוטאַטן און סע־נאַטאָרן — וואָס מען וועט זיי רופן „נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג״, כדי אַריינ־צופּאַסן דאָס געשלאָגענע פראַנקרייך אין דער גרויסער ברוין פאַשיסטישער

קאַזאַרמע פון דער היינטיקער אייראָפּע. מען וועט רעדן וועגן קריסטלעכקייט, קאַטוילישקייט און לאַטייניַשער ציוויליזאַציע, אייַנוויקלען אין אַלע קדושות דעם טעראָר און די וויסטע אונטערדריקונג פונעם אַרבעטער און פּאָלקסמענטש אונטערן יאָך פון די „צוויי הונדערט משפּחות״, וואָס האָבן פּאַרן פּרייַז פון מפּלה און קאַפּיטולאַציע געראַטעוועט זייערע פאַרמעגנס און גיטער.

די „פּאַטריאָטן״, וואָס האָבן געהאַלטן אין פאַרשרייען פּאַריז און פראַנקרייך מיט זייער „געטריישאַפט״ צום פאָטערלאַנד — טאַקע זיי האָבן פאַרקויפט דאָס לאַנד צום שונא, אַבי צו קומען צו דער מאַכט.

דער סאָלדאַט איז נאָך געשטאַנען אויפן פראָנט, די אַרמיי אין די אַלפּן איז געווען גאַנץ, די מאַזשינאָ־ליניע איז געשטאַנען און זיך פאַרטיידיקט העלדיש און מיט גרויסע קרבנות, דער לופטפלאָט האָט נאָך געאַרבעט, דער ים־פלאָט איז נישט געווען גערירט, די קאָלאָניעס מיט די גרויסע רעזערוון זענען געווען גרייט צו ווייטערדיקן געראַנגל — אָבער די פראַנצויזישע בורזשואַזיע האָט אינסטינקטיוו דערשפּירט, אַז די ווייטערדיקע מלחמה באַדייט: אָפּטרעטן דעם פּלאַץ דער אַרבעטערשאַפט — און דאָס האָבן זיי געהאַלטן פאַר ערגער, ווי קאַפּיטולאַציע פאַר היטלערן.

דער קלאַסן־חשבון איז קלאָר. הינטער די קוליסן ווערט נאָך לאַנג פאַרן אונטערגעבן פּאַריז, געגרייט דער פאַרראַט, און די שאַנסן פון פאַרראַט זענען נאָך גרעסער געוואָרן מיטן אָנקום פון דער מיליטערישער מפּלה.

די „פּאַטריאָטישע״ „נאַציאָנאַלע״ בורזשואַזיע שיקט שוין דעם מאַרשאַל פּעטען אַלס „אָנזאָגער פון שלום״ צו היטלערן. די „מיסטעריעזע פיגור״ פון בירגערלעכן פראַנקרייך, דער מאַן, וועמען די פראַנצויזישע פּרעסע האָט נאָך נישט לאַנג פאַר דעם חורבן באַצייכנט אַלס דעם „מלוכה פירער, וועמענס טאָג דערנענטערט זיך״ — פּיער לאַוואַל — איז פּלוצעם אויפגעשווומען הינטער די פּלייצעס פון דעם אַלטן מאַרשאַל פּעטען. טאָמער איז נאָך געווען אַן אויסזיכט אויף אַ ווידערשטאַנד, טאָמער וואָלטן פראַנצויזישע אַרבעטער און פּויערים, אַלס זעלנער, נאָך געקאָנט דערשפּירן די געפאַר און זיך וואַרפן נאָכאַמאָל אין הוראַגאַן פון פייער און שטאָל, האָט שוין די פראַנצויזישע פאַשיסטישע בורזשואַזיע באַצייטנס געזאָרגט, אַז דאָס דאָזיקע פייער פון התלהבות און ווידערשטאַנד זאָל אויף שנעל פאַרלאָשן ווערן. עס זענען נאָך געווען נאַיווע, וואָס האָבן געגלויבט, אַז די פּעטען־רעגירונג וועט גיין אין „אייגענעם, פראַנצויזישן״

וועג. די לעצטע טעג ברענגען אָבער אומצווייִדייטיקע ידיעות נישט בלויז וועגן קאַפּיטולאַציע, נאָר אויך וועגן פרייוויליקן איינגיין אויף צו ווערן אַ שותף צו היטלערס „דעראָבערונג פון דער וועלט״. פראַנצויזישע אַעראָפּלאַנען באָמבאַרדירן ענגלישע שיפן, די רעגירונג פון ווישי רייסט איבער די באַציִונגען מיט ענגלאַנד. די אַרמיי אין נאָענטן מזרח ווערט אָפּגעצוימט מיט שטעכיקן דראָט און באַהאַלטן פאַר זייער פאַרדעכטיקע פּלענער אין דער נאָענטסטער צייט.

מיט 70 יאָר צוריק האָט די מפּלה אין פראַנקרייך געבראַכט די קאָמונע און די דריטע רעפּובליק — היינט איז די מיליטערישע מפּלה אויסגענוצט געוואָרן דורך דער דעגענערירטער בורזשואַזיע, כדי צו ראַטעווען איר הערשאַפט.

3.

די „אמתע יורשים פון די יאַקאָבינער״ — די אַרבעטער פון פּאַריז און פון גאַנצן לאַנד, די אייניקלעך פון די קאָמונאַרן — ווו זענען זיי?

אין די יסורימדיקע טעג פון שפּאַנונג און דערוואַרטונג האָט ביי יעדן פון אונדז נאָך געטליִעט די האָפענונג, אַז דאָס אַלץ קאָן נישט פאַרשוויגן ווערן, אַז ערגעץ ווו וועט זיך אויפהויבן דער גייסט פון דער רעוואָלוציע. אָבער אַ טויטע שטילקייט האָט זיך פונאַנדערגעשפּרייט איבער דעם אַלעם, וואָס האָט נאָך ביז איצט פּולסירט מיט לעבן און האָפענונג.

דער פראַנצויזישער אַרבעטער־קלאַס איז געבליבן אין די אַנטשיידנדיקסטע טעג אָן אַ וועג און אָן אַ פירונג. זיין סאָציאַליסטישע טייל האָט זיך נאָכגעשלעפּט נאָך די געשעענישן, אָן כוח און דרייסטקייט זיך אויפצוהויבן קעגן דער דראָענדיקער געפאַר פון אייגענעם פאַשיזם. די „נישט־אינטערווענץ״ פון לעאָן בלום האָט ווי אַ שאָטן געהאַנגען איבער דער באַוועגונג און די ליבע צו מינכען פון פּאָל פאָר און זיינע חסידים האָט פּאַראַליזירט און דערשטיקט דעם קאַמפּס־ווילן.

דער צווייטער טייל פון פראַנצויזישן אַרבעטער־קלאַס — די קאָמוניסטישע פּאַרטיי — לעצטנס די איינציקע פּאַרטיי פון קאָמינטערן אין אייראָפּע — איז פרייוויליק באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. פון ערשטן טאָג אָן האָט זי געפירט די ווילדסטע און משוגעדיקסטע אַגיטאַציע פאַר „שלום״. נאָכמאַכנדיק די רוסישע מלוכה־פּאָליטיק האָט זי 9 חדשים גע־פּריידיקט תיכּפדיקן שלום, אַריינוואַרפנדיק אין דעמאָראַליזאַציע, יאוש

און אָפּהענטיקייט די פראַנצויזישע אַרבעטער אויפן פּראַנט. די בלינדע דיסציפּלין צו דער רוסישער מלוכה־פּאָליטיק האָט נישט געלאָזט מערקן, אַז די זעלבע אַגיטאַציע פאַר שלום האָבן אויך געפירט היטלערס אַגענטן אין פראַנקרייך. דער לאָזונג פון „שלום" איז טאַקע געקרוינט געוואָרן מיט „דערפאָלג", אָבער דער בנין, וואָס איז אומגעפאַלן, האָט אונטער זיך באַגראָבן אַלעמען, אַלעמען אָן אויסנאַם, אויך די, וואָס האָבן, ווי חסרי־דעה, געשריגן וועגן שלום.

זיי האָבן באַקומען אַ „שלום", אָבער דעם „שלום פון בית הקברות", פון טאָטאַליטאַרער פאַשיסטישער טויטקייט.

די פּאַרטיי, וואָס איז באַגאַנגען אַזאַ פאַרברעך, האָט נישט געקאָנט באַגייסטערן די אַרבעטער צום קאַמף קעגן היטלערן און דעם אייגענעם פאַשיסטישן לאַוואַל.

די „יורשים פון די יאַקאָבינער" האָבן זיך אַרויסגעוויזן ווי ווילנלאָזע לאַקאַיען, וואָס האָבן אויסגעפירט בשלימות די שליחות פון אַנדערע, און פאַרגעסן זיך אַליין און דעם אייגענעם קלאַס און זיינע פּערספּעקטיוון.

דער אויפקום פון די אַרבעטנדיקע מאַסן, וואָס וועט קומען, ווייל ער מוז קומען, וועט אַריבערגיין איבער די אַלטע פאַרמען פון דער באַוועגונג, וואָס האָט געבראַכט צום חורבן: הן איבער דער רעפאָרמיסטישער צע־קראַכנקייט און נישט־אַנטשלאָסנקייט, הן איבער די פאַרברעכנס פון די, וואָס האָבן שטאָלץ, אָבער מיט אומרעכט, געטראָגן דעם נאָמען פון קאָמו־ניסטן און „יורשים פון די יאַקאָבינער".

„נייוועלט", 12.7.1944

היטלערס „פעלקער־איבערוואַנדערונג"

אַוודאי איז די אויפמערקזאַמקייט צוגעשמידט צו די גרויסע באַוועגונ־גען אויף דער מלחמה־מאַפּע. עס איז נאָך שווער ביים היינטיקן טאָג צו באַנעמען די גרויסע היסטאָרישע ענדערונגען, וואָס זענען פאָרגעקומען פאַרן לעצטן חודש אין מזרח־אייראָפּע, אין זייער גאַנצער ברייט און אין פולן פאַרנעם. דאָס געפיל פון אומפאַרשטענדלעכקייט און פלוצעמדיקייט מוז זיך אויסוועפן און אָפּטרעטן דעם פּלאַץ אַ מער רעאַלער אָפּשאַצונג

פון דעם גרויסן פראָצעס, וואָס האָט זיך ערשט איצט אָנגעהויבן און וועמענס סוף ס׳איז נאָך שווער צו זען.

אונדזער איינשטעלונג צו די אויפגאָבן פון אַרבעטער־קלאַס אין זיין קאַמף קעגן דער געפערלעכסטער עקספּאָזיטור פונעם קאַפּיטאַליזם — דעם בלוטיקן ברוינעם פאַשיזם, האָט, פאַרשטענדלעך, געמוזט דערשיטערט ווערן דורך דעם בליצאַרטיקן קער אין דער פּאָליטיק פון דער סאָוויעט־מלוכה. אין רעזולטאַט איז געקומען דאָס בליץ־שנעלע פאַלן פון פּוילן און איר פאַרטיילונג. אין איין וואָך שפּעטער האָט דער דייטשער פאַשיזם צובאַקו־מען נאָך אַ שטיק פון דער פּוילישער טעריטאָריע מיט איבער 3 מיליאָן באַפעלקערונג. פאַראַן אַזעלכע, וואָס „פאַרשטייען״ דעם זין פון דעם מאַרש פון דער רויטער אַרמיי ביז צו דער ווייסל, כאָטש דער מאַרש איז פאַר־געקומען נאָך אַ לכתחילהדיקער פאַרשטענדיקונג מיטן הויפּט־שטאַב פון היטלערס אַרמיי. צי וועלן אָבער די זעלבע „אַלץ־ווייסערס״ אויך פאַרשטיין דעם מאַרש צוריק פון ווייסל ביז צום בוג? היטלער האָט צובאַקומען דעם רעשט עטנאָגראַפיש פּוילן און זיינע מעכאַניזירטע און מאָטאָריזירטע חיילות שטייען אַנטקעגן בריסק. דערפאַר האָט סטאַלין באַקומען פרייע הענט אין די באַלטישע לענדער.

נאָך ריבענטראָפּס צווייטן באַזוך אין מאָסקווע גייט אַוועק אַ סדרה אָפּמאַכן מיט די באַלטישע לענדער. צוערשט מיט עסטאָניע, לעטלאַנד און צולעצט מיט ליטע. עס פירן זיך נאָך אונטערהאַנדלונגען מיט פינלאַנד.

די אַלע אָפּמאַכן באַדייטן זיכער אַ פאַרשטאַרקונג פון דעם ראַטנ־פאַרבאַנד און זענען אַן אויסדרוק פון אַ באַרעכטיקטער, פון אַלע שטאַנד־פונקטן, פאַרזיכערונג פון דעם ים־ברעג פאַר אַזאַ גרויס לאַנד ווי רוסלאַנד, וואָס איז געווען ביז אַהער אָפּגעשניטן פונעם צוגאַנג צום באַלטישן ים.

צוגלייך מיט די דאָזיקע אָפּמאַכן האָבן די צייטונגען געמאָלדן וועגן גאָר משונהדיקע זאַכן. קיין ריגע, מעלדעט מען, זענען אַריינגעקומען שיפן, כדי אַריבערצופירן די דייטשע באַפעלקערונג פון לעטלאַנד. דאָס זעלבע מעלדעט מען פון טאַלין אין עסטלאַנד, דאָס זעלבע פון קאָוונע. זיכער איז נישט קיין צופעליקייט די פּלוצעמדיקע „בענקשאַפט״ פון צענדליקער טויזנטער דייטשע איינוווינער פון די באַלטישע לענדער, וואָס געפינען זיך דאָרט, אגב, הונדערטער יאָרן, נאָך דער פאַשיסטישער „היימאַט״. ס׳איז אַזאַ גזר־דין פון „אויבן״ אויף איבער 60 טויזנט דייטשן אין עסט־לאַנד און לעטלאַנד און אַן ערך ביי 40 טויזנט דייטשע איינוווינער אין ליטע.

דאָס פייגנבלאַט פון דער „בענקשאַפט אַהיים" פון אַזאַ מאָסע מענטשן פאַלט אָבער באַלד אַראָפּ, ווען מען נעמט אין אַכט, אַז דאָס איז אַ נאַטיר־לעכער רינג אין אַ לאַנגער קייט.

דער וויטערדיקער רינג אין דער דאַזיקער היטלעריסטישער קייט הייסט פוילן. לגבי דעם נאָר וואָס מיט בלוט און שווערד דעראָבערטן לאַנד גרייטן זיך ביז גאָר ערנסטע פּלענער. מיט אַ בליצקריג קען מען פאַרכאַפּן אַ לאַנד, אַרויסהעלפנדיק זיך דערביי מיט מאָטאָריזירטע די־וויזיעס און הונדערטער אַעראָפּלאַנען, וואָס ווייזן גבורה איבער שוצלאָזע שטעט און פּליטים אויף די וועגן. פאַראַן אָבער פאַקטן, וועלכע לאָזן זיך נישט אָפּלייקענען מיט באָמבעס און טאַנקען. היטלער האָט צוגעגרייט זיין איבערפאַל אויף פוילן מיט דער ליגן־פּראָפּאַגאַנדע וועגן פאַרגוואַלדיקטע דייטשע „ברידער", וואָס „שמאַכטן" אונטערן פוילישן יאָך. פּאָמאָזשע, פּויזן און שלעזיע זענען, לויט היטלערן, דייטשע געביטן. פאַר די אייגענע פאַרקשלאָפטע און טעראָריזירטע מאַסן האָט עס געקענט גילטן ווי אַן אמת.

די לאַגע איז אָבער אַנדערש, בעת מען קוקט זיך צו נענטער צו די דאָזיקע געביטן. דאָ ווייזט זיך גאָר אַרויס, אַז דער גאַנצער טומל און געשריי אַרום די „דייטשע ברידער" איז געווען אַ געוויינלעכער דעמאַגאָ־גישער טריק פון דעם בלוטיקן דיקטאַטאָר.

דער אמת איז, אַז די דייטשע באַפעלקערונג אין די דאָזיקע געביטן האָט אַפילו פאַר דער וועלט־מלחמה נישט אויסגעמאַכט מער ווי 20 פּראָ־צענט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג. נאָך דער וועלט־מלחמה האָט זיך אַ גרויסער טייל פון דער דייטשער באַפעלקערונג צוריקגעקערט קיין דייטשלאַנד. דאָס איז געווען מייסטנס אַן אָגעפּאַרענער און קינסטלעך באַזעצטער עלעמענט פון באַאַמטע, סוחרים און קאָלאָניסטן.

ביים איבערנעמען די דאָזיקע געביטן דורך פוילן, צום סוף פון ערשטן וועלט־קריג, האָט גראָד אָט דער עלעמענט געמוזט פאַרלאָזן דעם פּלאַץ.

די פוילישע סטאַטיסטיק ווייזט אָן (לויט דער ציילונג פון יאָר 1931), אַז נישט לויט דער מוטער־שפּראַך, נאָר לויט דער רעליגיע (אין דעם פאַל אַ פיל בעסערער מוסטער) האָבן געוווינט אין פּויזנער קאַנט 16,4 פּראָצענט דייטשן און אין פּאָמאָזשע 19,6 פּראָצענט. בנוגע צו אויבער־שלעזיע איז שווער פעסטצושטעלן, ווייל אַ טייל פון דער באַפעלקערונג רעדט אויף אַ באַזונדערן שלעזישן דיאַלעקט, וואָס שטאַמט אָבער פון דער פוילישער שפּראַך. אַוודאי האָט די פוילישע נאַציאָנאַליסטישע מאַכט נישט

געקאַרגט קיין גזירות און שיקאַנעס, כדי צו פאַרקלענערן דעם דייטשן עלעמענט, אָבער אויך אַריינרעכענענדיק דאָס אַלץ — איז נישטאָ די סטאַטיסטיק, וואָס זאָל קענען אַזוי שווינדלען און באַווייזן, אַז די דאָזיקע ריין פוילישע געביטן האָבן ווען עס איז געהאַט אַ דייטשע מערהייט. היטלער ווייסט עס גאַנץ גוט. ער ווייסט אויך, אַז עס קאָן נאָך קומען אַ מאָמענט, ווען די מאָטאָריזירטע דיוויזיעס וועלן פאַרלירן זייער כוח און השפעה.

מיר לעבן אין אַן אויסטערלישער צייט. היינט צו טאָג האָט דער פאַשיזם באַוויזן, אַז נישט נאָר מען קען פאַרכאַפּן לענדער, נאָר מען קען אויך איבערמאַכן פאַקטן, וואָס זענען אַ פּראָדוקט פון אַ טויזנט־יעריקער אַנטוויקלונג. מען נעמט פשוט און מען פאַרטרייבט די באַפעלקערונג פון מיליאָנען מענטשן און מען באַזעצט אַנדערע אויף זייער אָרט. נאַציאָנאַלע זעלבסטבאַשטימונג איז זייער אַ וויכטיקע זאַך, אָבער מען קען אויך אַ ביסל איבערבויען, איידער מען פאַרלאַנגט דאָס דאָזיקע רעכט. דאָס איז די „עטיק" פון נאַצי־פאַשיזם. פּאַמאַזשע און פויזן, פּונקט ווי אויבער־שלעזיע וועלן דאָס איצטער גענומען ווערן אין „רעמאַנט". פון קרוב צו 20 פּראָצענט מוז ווערן אַ „מערהייט", בפירוש, אַ מערהייט דייטשן. צו דעם צוועק דאַרף מען אַראָפּברענגען דייטשן פון אַלע עקן אייראָפּע און זיי באַזעצן אין די געביטן. אַי וואָס דאָרט איז דאָך פאַראַן אַ פּוילישע באַפעלקערונג? דאָס איז נישט קיין מניעה פאַר היטלערן. אויף דעם וועט ער שאַפן אַ פּוילישן פּראָטעקטאָראַט און אַהין אַריבערפירן די פּוילישע פּויערים און אַרבעטער פון די גרענעץ־געביטן. די אויסרעכענונג איז, ווי פון אַ פלינקן שווינדלער — שפּעטער וועט שוין זיין שווער איבער־צומאַכן. דאַרף מען עס אַריינכאַפּן וואָס שנעלער, איצט.

שטייט איצט די וועלט פאַר אַ ווילדער ברוטאַלער פאַשיסטישער אָפּעראַציע איבער מיליאָנען מענטשן, וואָס ווערן אָוועקגעריסן איינפאַך פון זייער ערד און אַריבערגעטראָגן ווי פּי אין אַ צווייטן אָרט. דאָס, וואָס עס וואָלט געקלונגען ביז איצט, ווי אַן אויסגעטראַכטע רויבער־געשיכטע, ווערט ווירקלעכקייט. נאַציאָנאַלע קאָנפליקטן און פּראָבלעמען ווערן נישט געלייזט, נאָר איינפאַך אַמפּוטירט.

מיט יאָרן צוריק וואָלט אַזאַ אָפּעראַציע איבער מענטשלעכע עקזיס־טענצן אַרויסגערופן אַ ציטער אין דער גאָרער וועלט, היינט ווערט עס אויפגענומען מיט גלייכגילטיקייט.

אַזוי גייט היטלער פאַרדייטשן „ריין־דייטשע" געביטן. מאָרגן וועט די

דאָזיקע בעסטיע זיך אַ וואַרף טאָן אויף דער יידישער באַפעלקערונג. די זעלבע אָפּעראַציע וועט אָנגעווענדט ווערן לגבי מיליאָנען יידן, וועלכע מען וועט קאָנצענטרירן אין אַ קליינעם געביט, ווי אַ רעזערוואַט פאַר ווילדע חיות.

אויף דעם אַלעמען האָבן מיר נאָר דעם איינציקן ענטפער: קאַמף, גרענעצלאָזער קאַמף מיט אַלע מיטלען קעגן דער ברוינער פעסט.

נישט „פאַקטן" מיט די נאַצישע חיות פאַרלאַנגט די אַרבעטערשאַפט, נישט „סטראַטעגיע", נאָר טאַקע ממשותדיקן קאַמף. קיין צווייטער ענטפער איז נישטאָ!

„נייוועלט", 20.10.1939

היטלערס „נייער סדר" אין אייראָפּע

מיט אַנדערטהאַלבן טויזנט יאָר צוריק האָט אַטילאַ, דער פירער פון די ווילדע הונען, זיך געוואָרפן מיט זיינע האָרדעס אויף מערב־אייראָפּע. אין יאָר 1951 וועט ווערן פונקט 1500 יאָר, ווי אַטילאַ איז אַדורך דעם ריין. אין די 40־קער יאָרן פון 5־טן יאָרהונדערט האָבן די האָרדעס פון די הונען געשפרייזט פון מזרח קיין מערב. אין די 40־קער יאָרן פון 20־טן יאָרהונדערט באַוועגן זיך די מאָדערנע הונען פון מערב קיין מזרח. ווען עס איז פאַרגעקומען דער איבערפאַל פון די הונען איבער אייראָפּע איז נאָך נישט געווען קיין דרוקעריי.

די געשיכטע־פאָרשער האָבן באַשריבן די דאָזיקע באַוועגונג פון די הונען אויפן גרונט פון די טיפע שפורן, וועלכע די מחנות פון אַטילאַ האָבן געלאָזן אויף זייערע וועגן.

היטלערס רויבצוג איבער אייראָפּע וועט אָבער נישט פאַרשווינדן קיינמאָל פון זכרון פון דער מענטשהייט. אין הונדערטער ביכער, זאַמלונגען און אַנדערע דאָקומענטן ווערן איבערגעגעבן און געזאַמלט די טראַגישע געשעענישן פון די לעצטע מלחמה־יאָרן, בעת מיליאָניקע אַרמייען מאַכן חרוב צענדליקער לענדער, פאַרוויסטן בליענדיקע שטעט, ראַבירן אויס די ווירטשאַפט, מאָרדן און שענדן, פייניקן און הונגערן אויס הונדערטער מיליאָנען מענטשן אין באַזעצטן אייראָפּע.

די נאַצישע פּראָפּאַגאַנדע איז ספּעציעל געשאַפן געוואָרן כדי צו פאַר־טומלען די קעפּ פון די דייטשן און, פון דער אַנדערער זייט, צו פּראָ־דוצירן ליגנס, כדי צו געווינען די באַפעלקערונג פון די באַזעצטע לענדער.

אומצייליקע שריפטן, צייטונגען און כמעט אַלע ראַדיאָ־סטאַציעס פון אָקופּירטן אייראָפּע טענהען איין משך פון אַלע מלחמה־יאָרן וועגן דעם „הייליקן רעכט פון דייטשן „הערנפאָלק״ צו זיין דער הערשער אין דער וועלט. מען רעדט איין די פאַרקנעכטע און אויסגעהונגערטע פּראָנצויזן, נאָרוועגער, האָלענדער, אַז צוליב דער עקשנות פון ענגלאַנד דאַרפן זיין ליידן און הונגערן. היטלער איז גאָר דער „פרידנס־מלאך״, וועלכער איז גרייט צו שליסן שלום, נאָר די רעאַקציאָנערע פּלוטאָקראַטן פון ענגלאַנד און די זאַטע אַמעריקאַנער מיליאָנערן זענען עס די, וועלכע פאַרציִען די מלחמה און ווילן נישט אָנערקענען דעם ממש „באַטירלעכן״ פאַקט, אַז אייראָפּע געהערט צו אייראָפּעער און „אייראָפּעער״ זענען בכלל נאָר דייטשן.

עס איז טיפּיש דייטשע טעמפּקייט צו וועלן איינרעדן יענעם אַן אומזין, האַלטנדיק, אַז דער צווייטער איז אַזוי נידעריק אין זיין אַנטוויקלונג, אַז עס וועט אויפגענומען ווערן. און ווו איז נאָך פאַראַן אַ בעסערער באַדן פאַר אַזעלכע שקרים, מיינען די נאַציס, ווי ביי פעלקער, וואָס האָבן שוין נישט קיין מאָרגן און זייער איינציקער חוש, וואָס איז זיי נאָך פאַרבליבן איז דער הונגער נאָך אַ שטיקל ברויט?! די ברוטאַלע גראָדליניקייט פון דייטשן פאַרטעמפּטן מיליטאַריסטיש־נאַצישן גייסט.

דער אויפגעשטורעמטער קליינקאָפּ פון דעם אוניפאָרמירטן נאַצישן דייטש האַלט זיך אין איין שאָקלען צווישן איין האַלוצינאַציע און אַ צווייטער. דער געפיל פון דעראָבערער, פון זיגער איבער אַזוי פיל פעלקער באַצווינגט צו זוכן היסטאָרישע פאַראַלעלן און אויסגעפינען אין די פאַר־גאַנגענע דורות אַן אָנדייט אויף דער ריזיקער מאַכט, וואָס שטראָמט אַרויס פונעם נאַצישן רייך איבער גאַנץ אייראָפּע. עס קען איינעם שווינדלען דער קאָפּ פון בלויזן אָנקוקן די אומצייליקע רייען טאַנקן און האַרמאַטן אויף דעם פּאַראַד ביים בראַנדענבורגער טויער אין בערלין, אָבער ווי מוז עס זיך איינלייגן אין דעם צעבושעוועטן קליינקאָפּ בעת דייטשע סאָלדאַטן געפינען זיך אויף אַ מרחק צווישן אַנטווערפּן און סטאַלינגראַד, פון נאַרוויק ביז קרים און צפון קאַווקאַז.

גייען טאַקע די פּלענער פון בערלינער קאָפּשווינדלער אַזוי ווייט צו פאַרגלייכן די ראָל פון דייטשע אַרמייען מיט די אַלט־רוימישע לעגיאָנען, וועלכע האָבן געהאַלטן די מאַכט אין ווייטע דעראָבערטע פּראָווינצן. דער

געדאַנק גייט נאָך ווייטער: מיט דער צייט וועט מען אויסהאָדעווען היג־טישע משרתים — זיי וועלן ביסלעכווייז פאַרבייטן די שטאָלענע לעגיאָנען פון נאַצישן רייך און וועלן אין אויפטראַג פון זייערע הערן האַלטן מיט אייגענע כוחות אין צוים הונדערטער מיליאָנען קנעכט.

און עס וועבט זיך ווייטער דער פּאָליטישער שפּינוועבס: דייטשלאַנד וועט ווערן דער גרעסטער אינדוסטריעלער וואַרשטאַט פון דער נייער אייראָפּע. אַזוי ווי אַלע וועגן האָבן געפירט קיין רוים, אַזוי וועלן דורך אומצייליקע קאַנאַלן פליסן צום צענטער רוישטאָפן און האַלב פאַבריקאַטן פון די אַרומיקע קאָלאָניעס. ווייץ און קאָרן, מילך־פּראָדוקטן און פלייש, האָלץ און אייזן, נאַפט און קוילן — דאָס גאַנצע רייכטום אין מינעראַלן, אין דערנערונגס־פּראָדוקטן און אין רוישטאָפן וועט אָפּגענומען ווערן פון די איינגעבאָרענע קנעכט און באַאַרבעט ווערן אין דייטשע פאַבריקן. וואָרום מען מעג קעמפן קעגן מאַרקסיזם. מען מעג די גאַנצע נאָך פריי איבערגעבליבענע וועלט באַצייכענען פאַר „יידיש־מאַרקסיסטישע שרצים”, אָבער איינס האָבן זיי געלערנט פונעם מאַרקסיזם: אַז דאָרט ווו עס איז געזיכערט די עקאָנאָמישע אויבערהערשאַפט, וועט ממילא שוין קומען אויך די פּאָליטישע מאַכט איבער די הונדערטער מיליאָנען פון די פאַרקנעכטע און פאַרשקלאַפטע פעלקער. דער „נייער סדר” באַטייט דערפאַר, אַז נישט דער פּוילישער און נישט דער יוגאָסלאַווישער פּויער און נישט דער טשעכישער אַרבעטער זאָלן האָבן ווען עס איז די מעגלעכקייט צו פּראָדוצירן פּראָדוציר־מיטלען און געצייג און מאַשינען. כל זמן עס דויערט נאָך די מלחמה וועט מען נאָך באַנוצן די עקזיסטירנדיקע פאַבריקן אין די אָקופּירטע לענדער, אָבער גערינג מעלדעט שוין איצט דער דייטשער אַדמיניסטראַציע אין פּוילן, אַז מען זאָל שוין איצט ליקווידירן די אונטערנעמונגען, וואָס אַרבעטן נישט פאַרן מיליטערישן געברויך. ליקווידירן הייסט אויפן דייטשן לשון: אַרויספירן די מאַשינען, פאַרטרייבן די אַרבעטער — אויסגלייכן דאָס אַלץ מיט דער ערד צוגלייך.

אויף דעם יסורים־וועג פון די יידן אין די אָקופּירטע לענדער, אין דעם מיליאָניקן אויסגערעכנטן קאַלטן מאָרד פון פרויען, קינדער און זקנים ליגט, אַ חוץ דעם ספּעציעל יידישן מאָמענט, פאַרבאָרגן דער פּלאַן פון „נייעם סדר” — ליקווידירן אַלץ, וואָס טויג נישט פאַרן קריג, אַלע „אומפּראָדוקטיווע” עלעמענטן, פאַרניכטן אַלץ וואָס איז פאַר דער קריגס־מאַשין נישט נוצלעך. דערפאַר די אויסטיילונג פון יידישע געזונטע אַרבעטס־פעיקע עלעמענטן און דאָס אָוועקשיקן זיי אויף אַרבעט פאַר דער

מלחמה. דאָרט וועט מען זיי האַלטן אַזוי לאַנג ווי עס וועט זיין נייטיק און דערנאָך וועט קומען אויף זיי דער סוף...

מען האָט עס געטאָן צוערשט מיט יידן, ווייל זיי זענען שוואַכער, ווייל זיי זענען צעשטויבט, ווייל זייער באָדן איז דער ברוק פון שמאָלן געטאָ. ביי אַנדערע פעלקער איז געגנוג צו פאַרניכטן די אינדוסטריע, צו שליסן די מעגלעכקייטן פון פאַך־אויסבילדונג. עס איז געגנוג אויסצוּמאָרדן די אויבערשטע שיכט פון דער אינטעליגענץ און געשולטע אַרבעטער און דער „נייער סדר״ וועט באַלעבאַטעווען אומגעשטערט איבער די פעלקער פון פוילן, יוגאָסלאַוויע, פראַנקרייך אא״וו.

אויב דייטשלאַנד דאַרף עס ווערן די אינדוסטריע־קאַמער פאַר גאַנץ אייראָפּע, איז אָבער קלאָר, אַז אויך אין דייטשלאַנד גופא וועלן די שווערע אַרבעטן אין בוי און אויף פאַבריקן אויספירן נישט דייטשע אַרבעטער, נאָר רעכטלאָזע קנעכט געבראַכטע פון די באַזעצטע לענדער (די שקלאַפן־ווירטשאַפט אין אַלטן רוים!). די דייטשע אַרבעטער פאַרזיכערט דער „נייער סדר״ אין דער נאָך־מלחמהדיקער אינדוסטריע די ראָל פון אויפזעער און מייסטער. פון דעם איז אויך אָפּהענגיק די צוקונפטיקע באַשטימונג פון די לוינען: העכערע לוינען פאַר די דייטשן, נידעריקע — פאַר די איבע־ריקע „באַגליקטע״ פעלקער.

די דאָזיקע וויסטע חלומות פון די נאַצישע בלוטיונגען טראָגן אַריין די נייטיקע צעמישונג אין די קעפּ פון דייטשע פאַרפירטע מאַסן. שוין דאָס מאָרדן און ראַבעווען בעת דער מלחמה מאַכט זיי פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די מעשים פונעם רעזשים און נעמט זיי אַרום מיט פחד פאַר נקמה — דערפאַר האַלטן זיי פאַר נייטיק צו שטרעבן צום נצחון און זיך קלאַמערן אָן דעם בלוט־רעזשים.

וואָרעם בעת דער אומזיכערקייט אין נצחון מוז מען זיך נאָך רעכענען מיט דער וועלט, איז אָבער די פּערספּעקטיוו אויף מאָרגן נאָכן נצחון גאָר גרויס: דייטשן וועלן בלייבן דאָן די איינציקע באַלעבאַטים איבער צענד־ליקער פרעמדע פעלקער און ווער וועט עס וואַגן זיך אַריינצומישן אין אייראָפּע און זאָגן אַ דעה דעם דייטשן פּאַשיזם, ווי אַזוי צו „דערליידיקן״ דעם ענין פון באַזיגטע פעלקער?

מען קען איצט נאָך איינרעדן די פאַרבלענדטע דייטשן אין דעם גן־עדן, וואָס וועט קומען נאָכן נצחון, ווו יעדער אויסוואורף און טויגעניכטס פון „הערנפאָלק״ וועט אָבער לעבן ווי אַ פּריץ אויף דער אַרבעט פון זיינע קנעכט.

דאָס איז די גרעסטע אילוזיע, וועלכע האַלט נאָך אויף גרויסע טיילן פון דייטשן פאָלק אַרום דעם נאַצישן רעזשים. די אילוזיע פון וועלן, דורך איינגערעדטער זעלבסטזיכערקייט און קראַפט, צוריקדרייען די געשיכטע מיט טויזנטער יאָרן צוריק — איז דער בולטער אויסדרוק פון קרענקלעכן דייטשן שכל. דער וועג פון „אויבער־מענטש" צו דער „אויבער־ראַסע" און „הערנפאָלק", דער גרויסער אילוזאָריש־געדאַנקלעכער „השיבנו נאַזאַד" פון דער געשיכטע — דאָס אַלט־רוימישע רייך, וואָס האָט געלעבט און אונטערגעגאַנגען פון פאַרשקלאַפונג און פּאַטריצישער פּיאָווקע־סיסטעם.

פאַר אָט דער חולאת איז נישטאָ קיין אַנדערער עצה, ווי נאָר: צעברעכן די דאָזיקע ריזיקע מאַשין פון פאַרניכטונג און מאָרד, אויס־וואָרצלען מיט אַלע מיטלען די אַלטערס־קרענק פון דעם קאַפּיטאַליסטישן רעזשים, וואָס האָט אויף דער הויך פון איינער פון זיינע שטאַרקסטע פּאָזיציעס, ווי עס איז געוועזן דער דייטשער קאַפּיטאַליזם, דערזען דעם טיפן אָפּגרונט פון אונטערגאַנג און האָט געוואָלט צום לעצטן מאָל פאַר־קירעווען דעם וואָגן אויף צוריק — צו די צייטן פון באַרבאַרישן אייראָפּע מיטן לייכטנדיקן טורעם פונעם אַלטן מעכטיקן רוים.

„נייוועלט", 15.1.1943

קאָנפערענץ פון דער ענגלישער לייבאָר־פּאַרטיי

די ערשט פאַרגעקומענע (סוף מאַי אין לאָנדאָן) יערלעכע קאָנפערענץ פון דער בריטישער אַרבעטער־פּאַרטיי וועט זיכער געהערן צו די בולטסטע עטאַפּן־פּונקטן, וועלכע עס גייט אַדורך דער ענגלישער פּראָלעטאַריאַט אין דער מלחמה און מיט אים אויך אַרבעטער פון אַ סך אַנדערע קריג־פירנדיקע לענדער.

די יערלעכע קאָנפערענצן פון דער לייבאָר־פּאַרטיי האָבן ביז אַהער געהאַט זייער אויסגעטראָטענעם וועג. די עצם קאָנסטרוקציע פון דער אַרבעטער־פּאַרטיי — מיט איר גוואַלדיקן איבערגעוויכט פון טרייד־יוניאָנס איבער דער עצם פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע, מיט דער ברייטער אויטאָ־נאָמיע פון פּאַרלאַמענטאַרישן קלוב — האָבן אין נאָרמאַלע צייטן געגעבן תמיד אַ בילד פון רעפאָרמיסטישער נאָכשלעפּעניש נאָך לעבנס־וויכטיקע

פראַצעסן אין דעם גרויס־קאַפּיטאַליסטישן אַרום. צווישן דער אַרבעטער־שאַפט, דער שאַפנדיקער און לײדנדיקער און דער אויסערלעכער וועלט פון רעגירונג און ביזנעס־לייט, האָבן פאַרמיטלט די עסקנים פון טרייד־יוניאָן־אַפּאַראַט און די „פּאָליטישינס״, וואָס זיצן אין פּאַרלאַמענט. דער ענגער צעכיזם, אויסגעהאָדעוועט אין משך פון צענדליקער יאָרן, האָט פאַרלייכטערט די אַרבעט פונעם אַפּאַראַט, צו זאָרגן פאַר טאָג־טעגלעכע נויטן פונעם אַרבעטער און גלייכצייטיק פאַרשטעלן אים דעם וועג פאַר אַ ווייטזיכטיקער פּאָליטישער קלאַסן־ליניע. דאָס ראַדיקאַלע אין דער בריטישער אַר־בעטער־באַוועגונג האָבן רעפּרעזענטירט נאָר קליינע גרופּן אויפגעקלערטע אַרבעטער און דער עיקר סאָציאַליסטישע אינטעליגענץ. זייער השפעה אויפן גאַנג פון דער לייבאָר־פּאָליטיק איז אָבער געווען אַ צו שוואַכע, כדי צו ענדערן טיף פאַרוואָרצלטע איינשטעלונגען דורך אויפקלערונג און פּראָ־פּאַגאַנדע. די אָרגאַנישע פאַרבונדנקייט מיטן אימפּעריאַלן גרויסן גוף, די מאָנאָפּאָל־שטעלונג אין אַ ריי וויכטיקע אינדוסטריע־און טראַנספּאָרט־צווייגן, האָבן צענדליקער יאָרן געהאָדעוועט דעם ענגלישן אַרבעטער ווי דעם „אַריסטאָקראַט״ פון אַלע אין אָרעמקייט און נוימ לעבנדיקע מיליאָ־ניקע מאַסן אַרבעטער אין דער בריטישער וועלט־אימפּעריע. דער ענגלי־שער אַרבעטער האָט געפירט אָפטמאָל אַ פאַרביטערטן און עקשנותדיקן פראָפעסיאָנעלן קאַמף, ווייל דאָס איז אים געווען נאָענט; אָבער דערפאַר איז ער געבליבן פיל אָפּגעשטאַנענער אין פּאָליטישן קאַמף אַפילו לגבי זיינע קאָלעגן פון אייראָפּעישן קאָנטינענטאַל־רעפאָרמיזם.

און אפשר דערפאַר טאַקע, ווייל ענגלאַנד איז געלעגן תמיד ווייטער פון אייראָפּע ווי אין די פאַר צענדליק קילאָמעטער פון לאַמאַנש־קאַנאַל און די אינדזל־לאַגע האָט געבאַוועט אייגנאַרטיקייט און אָפּגעפרעמדקייט צו דעם אַלעם, מיט וואָס דער אייראָפּעישער קאָנטינענט האָט געקאָכט און געשפּרודלט אַ גאַנצן יאָרהונדערט.

און צי האָט געקענט געגעבן ווערן אַ מער ממשותדיקע לערע, ווי די קאָרגע דריי יאָר וועלט־מלחמה?! די וועלט, די גרויסע וועלט איז צו־געקומען צו די בריטישע אינדזלען אַקסל צו אַקסל. זי איז אַראָפּגעקומען אין דער שרעקלעכער געשטאַלט פון דער פאַשיסטישער שטאָלענער האָרדע, וואָס האָט פון קאַלע און בולאָן אויפן פראַנצויזישן ברעג אַרויסגעשטאַרצט מיט ווייט שיסנדיקע האַרמאַטן אַנטקעגן דאָווער און פאָלקסטאָן, זי האָט מיט הונדערטער באָמבעס פאַרדעקט דאָס שטאָלצע לאָנדאָן און אַנדערע צענטערס פון דעם גוולאָדיקן וואַרשטאַט פון דער בריטישער וועלט־אימ־

פעריע. אָבער אויך איוב־בשורות פון ווייטן מזרח, ווו גרויסע באַזיצונגען, קאָלאָניעס און קאָנצעסיעס, ווו נאַפט און מינעראַלן, שיפן און פעסטונגען זענען געפאַלן אין אַזאַ קורצער צייט פאַרן אַנגרייפנדיקן שונא — דעם יאַפּאַנישן אימפּעריאַליזם. וואָרעם היינט צו טאָג איז דער שונא ממש צו דערוּוערגן נאָענט אי ביי די טויערן פון דער בריטישער מעטראָפּאָליע — די בריטישע אינדזלען, אי ביי די זיילן פון דער וועלט־אימפּעריע — אינדיע און אויסטראַליע.

דער בנין, וואָס האָט לאַנקשירער און קאַרדיפער אַרבעטער אויסגעזען דורותלאַנג אַזוי מעכטיק־שטאַרק און אומדערשיטערלעך, האָט צום ערשטן מאָל באַוויזן בולטע סימנים פון באַדראָונג.

די דאָזיקע דערקענטעניש איז געקומען אינמיטן געראַנגל מיטן פאַשיזם. נישט נאָכן נצחון, נאָר אינמיטן דער מלחמה, בעת דער שונא דראָט מיט אַ פלוצעמדיקן איבערפאַל און די מלחמה־אינדוסטריע מוז געבויט ווערן מיטן גרעסטן טעמפּ און צו דעם איז נייטיק די טאָטאַלע מאָביליזאַציע פון אַלע אַרבעטס־כוחות — אין די איבערברוך־טעג וואַקסט דאָס באַוווסטזיין ביי דעם אַרבעטער, אַז עס גייט אין דער מלחמה נישט נאָר אין מיליטערישן זיג איבער היטלערס קריגסמאַשין, נאָר אין דער גרויסער באַגייונג און באַפרייונג פון דער מענטשהייט נישט נאָר פון נאַצישע מלחמה־גרוילן, נאָר פון דעם רעזשים, וואָס האָט דעם פאַשיזם געבוירן.

אָט די געדאַנקען האָבן געשוועבט אויף דער קאָנפערענץ פון דער לייבאָר־פאַרטיי. וואָס קומט אויף מאָרגן נאָך דער מלחמה? און מיט וואָס דאַרף זיך פאַרענדיקן די מלחמה? און ווי דאַרף אויסזען די נייע וועלט, וואָס וועט געבויט ווערן אויף די חורבות פון דער פריי קאַפּיטאַליסטישער און פאַשיסטישער וועלטן?

האַראָלד לאַסקי איז אַרויסגעטרעטן אויף דער קאָנפערענץ מיט אַ ברייט פאַרמאָסטענעם פּראָגראַם פון רעקאָנסטרוקציע. זיינע אויספירונגען שטעלן פעסט, אַז ס'איז נישטאָ קיין צוריקקער צו דעם רעזשים, וואָס איז באַגרינדעט אויף קאָנקורענץ און אומגלייכקייט. ער פאָדערט דעריבער פון דער רעגירונג קאָנטראָל און פּלאַנירונג נישט נאָר בשעת דער מלחמה, נאָר אויך נאָך איר. פּראָפעסאָר לאַסקי רופט עס אָן רעפאָרמירטע ווירטשאַפטלעכע דעמאָקראַטיע. דער באַשלוס פאַרלאַנגט טאַקע סאָציאַליזאַציע פון דער אינדוסטריע אין די גרונט־צווייגן, און אויסערדעם: די רעגולירונג פון פּראָדוקציע, וואָס זאָל צוגעפּאַסט ווערן צו די באַדערפענישן פון דער געזעלשאַפט — אַלס אַ באַזע פון אַ פּלאַן־ווירטשאַפט, אין וועלכער

ס'וועט זיין מעגלעך צונויפצובינדן פּאָליטישע דעמאָקראַטיע און פּערזענ־לעכע פרייהייט מיט אַן אָנשטענדיקן לעבנס־סטאַנדאַרט פאַר אַלעמען. ער האַלט אַז די מאַכט איבער דער פּראָדוקציע דאַרף זיך געפינען אין די הענט פון פּאַרלאַמענט. ס'איז נייטיק די מיטאַרבעט פון ספּעציאַליסטן, אָבער עס מוז פאַרשווינדן די משפּחה־פּראָטעקציע. ס'איז נישטאָ קיין דעמאָקראַטישע פרייהייט אָן סאָציאַליזם. לאַסקי פאַרלאַנגט די נאַציאָ־נאַליזאַציע פון די גרונט־פּראָדוקציע־מיטלען נאָך איידער ס'וועט זיך ענדיקן די מלחמה. ווייל, ווי ס'האָט פאַרענדיקט לאַסקי, „די טענדענצן, וואָס האָבן געבראַכט צום פאַשיזם אויפן אייראָפּעיִשן קאָנטינענט זענען פאַראַן אויך אין דעם ענגלישן קאַפּיטאַליזם און זיי וועלן נישט ליקווי־דירט ווערן דורך רעדעס". ער פאַרלאַנגט פון טשערטשילן, אַז דער פאָלקסקריג זאָל זיך ענדיקן מיט אַ פאָלקס־שלום.

ביז אַהער די אויספירונגען פון האַראָלד לאַסקי, איינעם פון די גרעסטע גייסטיקע פירער פון דער לייבאָר־פּאַרטיי. און דאָ איז ער נאָך ווייט פון קאָנקרעטיזירן די אַקטועלע פּאָליטישע אויפגאַבן פון אַרבעטער־קלאַס. ער לעבט נאָך אין גוטן גלויבן, אַז לכל הפּחות וועט מען די אויסערלעכע פאָרמען פון דער דעמאָקראַטיע נאָך קענען ראַטעווען, אָנפילנדיק זיי מיט אַ נייעם אינהאַלט. ער אַפּעלירט נאָך צו טשערטשילן און דערמיט דריקט ער אויס געטריי דעם גאַנצן קאָמפּלעקס איבערליפערטע פאַרשטעלונגען וועגן געוויסע טיילן פון בירגערטום, וואָס קענען זיין מסוגל מיטגעריסן צו ווערן פון אַ מעכטיקער פאָלקס־באַוועגונג.

די רעזאָלוציע וועגן דער אינטערנאַציאָנאַלער לאַגע, וואָס איז אָנ־גענומען געוואָרן לויטן פאָרשלאַג פון נאָעל בייקער, טראָגט דעריבער נאָך אַלע סימנים פון אילוזיעס און נישט דערזאָגטקייטן פון די, וואָס ווילן נאָך לאַווירן צווישן צוויי פאָלוסן.

בעת מ'רעדט וועגן צוזאַמענאַרבעט פון ענגלאַנד, אַמעריקע, ראַטנ־פאַרבאַנד און כינע און מען מיינט דערביי ערנסט וועגן פירן דעם קאַמף פאַר אַ גוטן שלום, ווי מען פירט די מלחמה — איז אפשר כדאי מפרש צו זיין אַביסל קלאָרער: וואָס מיינט עס צוזאַמענאַרבעט מיטן ראַטנפאַר־באַנד און כינע פון איין זייט, אַמעריקע און ענגלאַנד פון דער אַנדערער. צי זענען נישט נייטיק גאָר באַדייטנדיקע שינויים, כדי צו דערפירן אויך אין שלום צום פעסטן בונד פון די פיר ריזן פון אַזאַ פאַרשידענער נאַטור?

אַמשאַרפסטן אָבער איז קריטיקירט געוואָרן די ביז־איצטיקע פּאָליטיק פון די לייבאָר־מיניסטאָרן אין דער רעגירונג. עטלי האָט גערעדט וועגן

טשאַרטער פון אַטלאַנטיק און האָט נישט געהאַט וואָס צוצוגעבן צו דעם פון אַרבעטער־שטאַנדפונקט. האָט טאַקע די אָפּאָזיציע פאַרלאַנגט אַ קלאָרע פאָרמולירונג פון די ספּעציעלע אויפגאַבן, וועלכע ס'שטעלט פאַר זיך די אַרבעטער באַוועגונג.

ס'האָבן זיך געהערט שאַרפע שטימען וועגן אַ צו ווייכער באַציִונג צו די שותפים פון דער רעגירונג, וועגן אַ צו גרויסער צופאַסונג־פעיִקייט פון די לייבאָר־מיניסטאָרן. ס'האָט נישט געהאָלפן די גלענצנדע רעדע פון הערבערט מאָריסאָן — דעלעגאַטן פון דער קאָנפערענץ האָבן קריטיקירט שאַרף, בפרט אין דער פראַגע פון אָפּמאַך וועגן דערגענצונגס־וואַלן, ווו די לייבאָר־פאַרטיי איז פאַרפליכטעט צו שטימען פאַר רעגירונגס־קאַנדי־דאַטן, בעת אומאָפּהענגיקע פאָליטיקער מיט לינקע פראַזעס נוצן אויס די סיטואַציע און די גרויסע פאַרביטערונג און רייסן שטימען פאַר זיך. דאָס — האָט מען אָנגעוויזן — רייסט שטאַרק אַראָפּ דעם אָנזען פון דער לייבאָר־פאַרטיי און פאַרשטעלט איר דעם וועג אויפצוכאַפּן די לינקע שטימונגען פון די מאַסן.

דאָס זענען גאָר אייניקע הויפּט־פראַגן, וועלכע די קאָנפערענץ האָט באַהאַנדלט. עס איז אַ פּנים אַריבער די צייט פון רויִקע דעבאַטעס. דער שטורעם אין די מאַסן דערגייט שוין צו די שפּיצן פון דער גרעסטער מאַסן־באַוועגונג פון ענגלאַנד. די מלחמה און אירע פאָלגן האַמערן איין אין די מוחות פון די ענגלישע אַרבעטער, אַז די דאָזיקע מלחמה וועט שוין מוזן פאַרענדיקן אַ פּיל גרעסערן חשבון. נישט סתם אַ מלחמה קעגן דייטשן אַגרעסיוון אימפּעריאַליזם, נאָר דער גרויסער געראַנגל פאַר דער נייער וועלט, וואָס קען נישט און טאָר נישט זיין ענלעך צו דער אַלטער אונטערגייענדיקער. איבער אַלע דעבאַטעס און רעדעס איז עס געשטאַנען ווי אַ גרויסער שאָטן, וואָס האָט געמאָנט און גערופן די ענגלישע אַרבע־טער אויף נייע וועגן, ביז אַהער נישט אויסגעפּרוווטע אין קאַמף פאַרן סאָציאַליזם. עס וועלן נאָך עטלי, מאָריסאָן און בעווין פּרווון ראַטעווען די נשמה פון ענגלישן אַרבעטער. אָבער אומזיסט — זי איז, איינמאָל אויפגעציטערט פון דער מלחמה־קאַטאַסטראָפע, נישט מסוגל מער צו קוקן אויף צוריק; זי איז אינגאַנצן אָפּגעגעבן דער שטורמישער צוקונפט פון די קומענדיקע טעג.

„נייוועלט“, 12.6.1942

ד״ר גרשון גרשוני

דער צוזאַמענשטויס פון צוויי תקופות אין דער אַרבעטער־באַוועגונג

דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנגרעס פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראײנען אין לאָנדאָן איז געווען די ערשטע באַגעגעניש פון אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס אין משך פון דער לאַנגיאָריקער מלחמה. נישט וויניציק האָבן זיך באַמיט די מחברים פון „אַטלאַנטיק־טשאַרטער״ אין משך פון די מלחמה־יאָרן צו געשטאַלטן נישט בלויז לענדער און גרענעצן, נאָר אויך צוזאָגן דער ליידנדיקער מענטשהייט אַ סאָציאַלן לעקעכל אויף נאָך דער מלחמה. לאָנדאָנער סיטי און ניו־יאָרקער וואָל־סטריט האָבן עס אַרויסגעפילט בחוש, אַז די דאָזיקע מלחמה וועט מוזן אויפטרייסלען ביז צום יסוד די סאָציאַלע געבײדע און דער עיקר די אַרבעטערשאַפט. איז געקומען דער־פאַר דער נעפּלדיקער אָנזאָג פון סאָציאַלער פאַרזיכערונג און אויסלייזונג פון נויט.

די „טשאַריטאַטיווע״ אַנגלאָ־זאַקסישע בורזשואַזיע האָט זיך אַ סך באַמיט צו געווינען די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס פאַר דעם גרויסן סאָציאַלן ווערק פון אונדזער תקופה. די פּראָפפאַריינען האָט געזאָלט באַשטימט ווערן אָן אָנגעזעען אָרט אַלס עצה־געבער׳ס, אָבער די מלאָכה וועט מוזן געמאַכט ווערן פון די, וואָס האַלטן די מאַכט אין דער האַנט.

און דער חשבון פון דער בורזשואַזיע איז געווען אַ באַגרינדעטער: האָט דאָך די אַרבעטערשאַפט אַרויסגעוויזן אַזאַ נאַכגיביקייט אין די שווערע מלחמה־טעג. האָט דאָך די בורזשואַזיע געהאַט צו טאָן נאָר מיט דער איי־גענער אַרבעטערשאַפט. און וויליאַם גרין אין אַמעריקע, ווי אויך בעווין און מאָריסאָן אין ענגלאַנד האָבן אײפעריק זיך באַמיט איינצושטילן דאָרט, וווּ מען באַדאַרף און מיטאַרבעטן מיט דער בורזשואַזיע אָן תנאים. און ווייל די געפאַר פון פאַשיזם איז געווען אַזוי גרויס און אָפּטמאַל זייער אַקטועל (ענגלאַנד 1940) — איז עס אַוודאי געווען לייכט דעם בירגער־טום צו איבערצייגן די אַרבעטער־פירער.

און זאָל עס פאַרצייכנט ווערן: אין משך פון פינף יאָר בלוטיקן געראַנגל מיט די נאַציס, זענען זיך נישט צונויפגעקומען קיין איין מאָל פאַרטרעטער פון אַרבעטער פון די קעמפנדיקע לענדער. נישט צימער־וואַלד און קיענטאַל דאַסמאָל, נאָר לפחות דעמאָנסטרירן פאַר דער וועלט

די פאַרבינדונג און די סאָלידאַריטעט פון דעם קלאַס, וואָס טראָגט אין קרבנות, אַרבעט און ליידן, די גרעסטע לאַסט פון דער דאָזיקער מלחמה.

און אויב דאָס איז געווען די הנהה פון בירגערטום און זיינע משרתים — איז דער לאָנדאָנער קאָנגרעס געווען דער, וואָס האָט אַראָפּגענומען די חרפה און וואָס האָט צום ערשטן מאָל באַוויזן נישט בלויז סאָלידאַריטעט פון אַרבעטער, נאָר אויך כוח און אָרגאַניזאַציע — פון די ווינציקע פאַקטאָרן, מיט וועלכע דאָס וועלט־בירגערטום מוז זיך רעכענען.

דער קאָנגרעס פון לאָנדאָן איז אויך געווען די ערשטע באַגעגעניש פון צוויי תקופות אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. אַלטע, פשרותדיקע פּראָפעסיאָנעלע עסקנות האָט זיך צונויפגעטראָפן מיט נייע כוחות אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס האָבן אַדורכגעמאַכט אַן אַנדערע שולע פאַר און אין דער מלחמה און וואָס האָבן געלערנט אַנדערש דעם פּרק פאַשיזם, קלאַסנקאַמף, ווי סכעווענעלס און אַנדערע פירער פונעם אַלטן אַמסטערדאַמער אינטערנאַציאָנאַל. און נישט לייכט האָט עס זיך איינגעגעבן. די אַמעריקאַנער לייבאָר־פעדעראַציע האָט געשטורעמט און צום סוף באָיקאָטירט דעם קאָנגרעס, הלמאי מען וואָגט באַטייליקן די סאָוויעטישע פּראָפּפאַריינען, און אויפן קאָנגרעס גופא, דער ליידנשאַפטלעכער קאַמף קעגן צולאָזן די דעלעגאַטן פון די אַמאָליקע פיינטלעכע לענדער, ווי איטאַליע, בולגאַריע אא״וו. מיט דעם אויסרייד, אַז דער שלום איז נאָך נישט געשלאָסן, — אָבער אין דער אמתן, ווייל מיטן באַפרייען פון נאַציזם האָבן אויך די דאָזיקע אַרבעטער געלערנט בעסער, ווי די פירער פון פּראָפעסיאָנעלן אינטערנאַציאָנאַל.

דערפאַר האָבן זיך די „אַמסטערדאַמער״ נאָכאַנאַנד פאַרטיידיקט, פאַרשטייענדיק, אַז דער דאָזיקער קאָנגרעס איז אַ כמות פון מיליאָנען אַרבעטער, וואָס פאַרוואַנדלט זיך אין אַן אַנדער איכות, ווי די, וועלכע ס'האָבן אויסגעחלומט די פירער פון אַמסטערדאַם.

די סאָוויעטישע דעלעגאַציע האָט נישט בלויז רעפּרעזענטירט צענדליקער מיליאָנען אַרבעטער פון העלדישן ראַטנפאַרבאַנד, נאָר זי איז אויך געוואָרן דער זאַמלפונקט פון גרויסע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, ווי די לאַטיין־אַמעריקאַנישע פעדעראַציע און די „סי. אַי. אָ.״ פון צפון־אַמעריקע, ווי אויך די פּראָפאָרגאַניזאַציעס פון די באַפרייטע לענדער. עס איז אַ גרויסער בלאָק פון כוחות, וואָס גראַוויטירן נישט צו די פאָרמען פון אַמאָליקער פּראָפאָרגאַניזאַציע, נאָר וואָס ווילן די אַרבעטער פאַרוואַנדלען נישט אין גוטע עצה־געבערס, נאָר אין אַ זעלבשטענדיקן כוח, וואָס באַ־

שטימט און קעמפט אויס זיין אָרט אין דער אָרגאַניזאַציע פון שלום און אין דער נאָכמלחמה־וועלט.

נישט לייכט איז אויסגעקומען דער דאָזיקער צוזאַמענשטויס פון צוויי תקופות אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. און אויב צום סוף איז דערגרייכט געוואָרן דער הסכם. איז עס איינע פון די גרעסטע דערגרייכונגען פאַר דעם וועלט־פּראָלעטאַריאַט.

דער קאָנגרעס איז זיך נישט פונאַנדערגעגאַנגען מיט אַ פייערלעכער רעזאָלוציע, ווי עס האָבן מאַנכע געוואָלט, נאָר האָט אָנגענומען דעם באַ־שלוס וועגן גרינדן אַ נייע אינטערנאַציאָנאַלע פּראָפאָרגאַניזאַציע, וואָס וועט אַרומנעמען העכער 50 מיליאָן אַרבעטער אין דער וועלט. מען האָט גובר געווען די קראַנקייט פון שפּאַלטונג און צעשפּליטערונג און אָפּגע־רוקט אָן אַ זייט די אַלטע פאָרמען פון פּראָפבאַוועגונג, וואָס האָבן אין קעגנזייטיקן קאַמף צונישט געמאַכט דעם כוח פון אַרבעטער־קלאַס אין דער וועלט.

סכעוועגעלס איז אַראָפּ פון דער בינע און מיט אים אַ גאַנצער דור פון רעפאָרמיסטישע עסקנים, וואָס האָבן צופיל געגלויבט אין יושר און אָנשטענדיקייט פון דער בורזשואַזיע און וואָס האָבן געהאַלטן דעם פאַשיזם פאַר אַ „מיספאַרשטענדעניש״ פון דער געשיכטע און נישט ווי אַ קאָנ־סעקווענטן אויספיר פון ראַנגלענישן פון מאַכטהאָבערישן קלאַס אין דער אונטערגאַנגס־תקופה זיינער.

שרייבט טאַקע דער „מאַנטשעסטער גאַרדיען״, אַז ס׳וועט נישט העלפן איצט די איזאָלאַציע פון אַמעריקאַנער לייבאָר־פעדעראַציע און די „קרענ־קלעכע אַנטי־סאָוויעטישע היסטעריע פון גרין און זיינע פריינט וועט נישט געפינען קיין גרויסע סימפּאַטיע אין דער פּראָפבאַוועגונג״. דאָס זעט שוין איין אַ גוט בירגערלעכע צייטונג. צי וועלן עס איינזען די, וואָס זענען אַרומגעגומען נאָך אַלץ מיט דער דאָזיקער קרענק פון שנאה צום ראַטנ־פאַרבאַנד ? !

די פּערמאַנענץ־קאָמיסיע פון 42 מיטגלידער, וואָס דאַרף צוגרייטן דעם גרינדונגס־קאָנגרעס פונעם נייעם אינטערנאַציאָנאַל, וועט האָבן זיין זיץ אין פּאַריז. דער אויסוואַל פון דער שטאָט סימבאָליזירט אַמבעסטן די נייע ווענדונג און דאָס איבעררוקן פון שווער־פּונקט פון דער אַרבע־טער־באַוועגונג. פון לאָנדאָן און אַמסטערדאַם טיפער אין קאָנטינענט און נענטער צו דעם גרויסן סאָציאַליסטישן כוח פון מזרח, דרום־און מיטל־אייראָפּע.

דער גרויסער קאָנגרעס וואָלט פאַר די יידישע אַרבעטער געווען אַ גרויסע אַנטוישונג, ווען ער וואָלט פאַרשוויגן, ווי אַלע אָפיציעלע מלוכהשע פאַקטאָרן האָבן עס געטאָן, דעם גרויסן אומגליק און בראָך פון יידישן פאָלק אין דער מלחמה. דערפאַר איז גרויס געווען די פרייד, אַפילו אין די שווערע טרויער־טעג נאָך מיליאָנען קרבנות, געפאַלענע פון די נאַצישע הענט, בעת דער ערשטער צונויפקום פון אַרבעטער אין דער וועלט האָט אָפן און קלאָר געזאָגט זיין וואָרט וועגן פאַרזיכערן די רעכט פון יידן אין דער וועלט און דער עיקר וועגן דערמעגלעכן פאַרזעצן בויען ארץ־ישראל אַלס נאַציאָנאַלע היים פון יידישן פאָלק. די סאָוויעטישע דעלעגאַציע האָט נישט בלויז געשטימט צום ערשטן מאָל פאַר דער נאַציאָנאַלער היים אין ארץ־ישראל, נאָר אַקטיוו מיטגעהאָלפן, כדי דער באַשלוס זאָל אָנגענומען ווערן. די באַשטימונג פון בערל לאָקער, דעם פאַרטרעטער פון הסתדרות, אַלס מיטגליד פון דער פערמאַנענץ־קאָמיסיע אין פאַריז ווי דעם פאַר־טרעטער פון די לענדער אין נאָענטן מזרח, איז אַ צוגאָב־באַוויז, אַז די נייע וועלט־אָרגאַניזאַציע פון אַרבעטער וועט שטיין אויף דער זייט פון די יידישע אַרבעטער אין זיין אַרבעט און קאַמף פאַר אַ היים פון די געראַטעוועטע רעשטלעך פון פאָלק.

דער לאָנדאָנער קאָנגרעס איז געווען די ערשטע שוואַלב, וואָס זאָגט אָן דעם פרילינג נאָך דער לאַנגער ווינטער־נאַכט פון בלוטיקער מלחמה, חורבן און פאַרניכטונג. נישט טויטע פאָרמולעס און פאַרזשאַווערטע איינ־שטעלונגען, וועלן שוין נישט קענען אָפהאַלטן דעם סטיכישן דראַנג פון אַרבעטער, צו געשטאַלטן אַליין זייער לעבן און צוקונפט, און צוגלייך פון די אַלע, וואָס האָבן געטרונקען ביזן סוף דאָס ביטערניש פון אַן אָרדנונג, וואָס האָט דורך פייער און בלוט געוואָלט ראַטעווען איר פוילן קיום.

„נייוועלט", 23.2.1945

ד״ר גרשון גרשוני

די יידן אין דער ראַטנפאַרבאַנדישער ווירקלעכקייט

מיליאָניקע יידישע מאַסן אין ראַטנפאַרבאַנד געפינען זיך צום 24טן יאָרטאָג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע אַריינגעוואָרפן אין דעם פייער־קעסל פון טויט און פאַרניכטונג, אַזוי ווי די מיליאָנען פון דער נישט־יידישער באַפעלקערונג. אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד — לענדער מיט אַ געדיכטער יידישער באַפעלקערונג, צוויי דריטל פון דער גאַנצער צאָל יידן אין ראַטנפאַרבאַנד, לויפן אויף די ווייטע וועגן אַלס פליטים, אַנט־לאָפענע אין דער בהלה, איבערלאָזנדיק אַלץ און ראַטעווענדיק בלויז דאָס נאַקעטע לעבן, אָדער זיי זענען שוין פאַרשלאָסן אין דער עינויים־קאַמער פון די נאַציש־פאַשיסטישע פייניקער, ווו זיי ווערן דערשאָסן, געפייניקט און געמאַטערט אַלס יידן און אַלס קאָמוניסטן. אַז די פאַשיסטישע בעסטיע וועט צום שטאַרקסטן פאַרשרויפן די טעראָר־מאַשין דווקא אין רייַן סאָ־וויעטישע געביטן — איז געווען קלאָר באַלד פון ערשטן טאָג פון דעם בלוטיקן געראַנגל צווישן דעם לאַנד פון רעוואָלוציע און דער געפּאַנצער־טער פויסט פון אינטערנאַציאָנאַלן פאַשיזם.

אַ פנים, אַז די גרויסע טראַגעדיע פון דעם דריי־מיליאָניקן יידישן קיבוץ אין ראַטנפאַרבאַנד האַלט נאָך ווייט נישט ביים סוף. און ביי דער מאַרטיראָלאָגיע, וועלכע עס האָט אַדורכגעמאַכט די ראַטן־רעפּובליק, אַלע אירע פעלקער און שיכטן, ביים אָפּהיטן די דעראָבערונגען פון דעם גרויסן אָקטאָבער, ביי אָפּשלאָגן שונאים פון דרויסן און דערשטיקן די פון אינע־ווייניק, ביים פאַרלייגן אַ וועג צו סאָציאַליסטישער בויונג, ביי הונגער און קרבנות, ביי אומגעהויערער נויט און גרעסטער גבורה — שטייט אויף אַ באַזונדער אָרט די גרויסע מיליאָניקע מאַסע פון דער יידישער באַפעלקערונג, וועלכע האָט אין 24 יאָר פון דער רעוואָלוציע, ביי אַלע אירע דערפאָלגן און דערגרייכונגען, דורכגעמאַכט דעם שווערסטן און פיינפולסטן וועג, מערער, פיל מערער פון אַלע איבעריקע פעלקער אין ראַטנפאַרבאַנד. אויך אין לאַנד פון אַבסאָלוטער גלייכקייט פון אַלע נאַציעס, אין איינציקן לאַנד פון דער וועלט, ווו די גלייכבאַרעכטיקונג פון יידן איז דערגרייכט געוואָרן אין דער פולסטער מאָס — איז די רעוואָלוציע אין איר אייזערנעם צוואַנגס־גאַנג געווען געצוווּנגען דווקא די יידישע מאַסן אַנרירן אַמשווערסטן.

די רעוואָלוציע האָט געהאַט גרייט פאַר זיך אייזערנע פאַקטן פון

רוסישערווירקלעכקייט, וועלכע האָבן זי פאַרהאַלטן. דער מאָדערנער פּראָלעטאַריאַט אין די גרויסע פאַבריקן און זאַוואָדן, דורכגעדרונגען פון גרויסן סאָציאַליסטישן אידעאַל, האָט צוזאַמען מיטן פּויערטום, דעם אויס־געהונגערטן נאָך אַ שטיקל ערד און אַ בעסערן לעבן — דורכגעפירט די גרויסע רעוואָלוציע אין מאָמענט פון געשיכטלעכן איבערברוך ביים סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. דאָס גרויסע אָפּגעשטאַנענע לאַנד פון אַ גרויער פּויערישער מאַסע מיט אַ דינעם שיכט פון גוט אָרגאַניזירטן פּראָלעטאַריאַט, האָט ביי דער שוואַכקייט דווקא פון דער היימישער בור־זשואַזיע געהאַט דעם גרויסן היסטאָרישן פאָרשפּרונג לגבי די מעכטיקע קאַפּיטאַליסטישע לענדער ביים דורכפירן און פאַרפעסטיקן דעם נצחון פון דער רעוואָלוציע.

דער מעכטיקער הייבער פון דער רעוואָלוציע האָט טאַקע באַדאַרפט אויפהייבן דאָס ריזיקע לאַנד פון אַ זייער נידעריקער שטופע, אָבער די באַוועגונג פון דעם הייבער איז געגאַנגען נאָכאַנאַנד אין דער הויך — ער האָט געהויבן דעם שוין איינגעוואָרצלטן אַרבעטער אין שטאָט, דעם פּויער אין דאָרף און די צענדליקער פעלקער און שבטים אין וויטן טורקעסטאַן, אין סיביר, אין וויסטן צפון און אין דרום, אין די קאַווקאַזער בערג. ער האָט דאָס איבעריק־געבליבענע פון אַלטן פאַרפוילטן צאַרישן רעזשים, דערהויבן אויף אַלץ אַ העכערער שטופע, נישט רירנדיק פון אָרט דאָס פאַראַנענע, נישט צעוואָרפנדיק און צעזייענדיק איבער דעם ריזיקן לאַנד פלאַסטן פון מאַמע־ערד פון אַ נאַציאָנאַלן קאָלעקטיוו מאַסן פון מענטשן פון איין און דעם זעלבן אָפּשטאַם און קולטור. אוקראַינער און ווייסרוסן, גרוזינער און קאַלמיקן, ווייל אַפילו סאַמאָיעדן אין וויטן צפון זענען געזעסן אויף זייער ערד און געבילדעט דעם יסוד פון דער געזעלשאַפטלעכע פּיראַמידע. דאָס געזעץ פון פאַרויסמאַרש פונעם רעוואָ־לוציאָנערן פּראָצעס האָט אָבער געפונען אַ גאָר אַנדערע ווירקלעכקייט ביי דער יידישער באַפעלקערונג. אַריינגעפּרעסט געדיכט אין תחום המושב, אין שטעט און שטעטלעך, אָפּגעריסן פון ערדאַרבעט, אין זייער מערהייט — אַ האַנדלס־ און פאַרמיטלער־עלעמענט, איז שוין באַלד פון אָנהייב פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע קלאָר געווען, אַז די ליקווידאַציע פון דעם אַלטן, פאַר־רעוואָלוציאָנערן וועט ביי די יידישע מאַסן, וועמענס סאָציאַלע סטרוק־טור איז געווען אַזוי משונהדיק אַנדערש ווי די גאַנצע רוסישע ווירטשאַפט, מוזן קאָסטן אַ סך מער קרבנות און ליידן, ווי ביי יעדן אַנדערן פּרימי־טיווסטן פאָלק פון גרויסן ראַטנפאַרבאַנד.

די אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט איבערגענומען אַ דריי־מיליאָניקן יידישן קיבוץ, וועלכער איז נאָר אויף 20 פּראָצענט באַשטאַנען פון אַרבעטער און אָנגעשטעלטע, אָבער דערפאַר — 32 פּראָצענט פון הענדלער און 27 פּראָצענט זעלבשטענדיקע באַלמעלאָכעס. גאַנצע 59 פּראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג איז געווען באַשעפטיקט אין פּראָפעסיעס, וועלכע די רעוואָלוציע האָט באַקעמפט באַלד פון איר ערשטן טאָג.

שוין דער מיליטערישער קאָמוניזם האָט ליקווידירט ממילא דעם יידישן קרעמער און די גרויסע נויט אין מכשירים און רוישטאָפן האָט „דערליידיקט" דעם זעלבשטענדיקן קוסטאַר אין שטאָט און שטעטל. דער „נעפּ" מיט זיין באַגרענעצטער פרייהייט פון האַנדל און מלאכה האָט נאָר אויף אַ צייט (אין די יאָרן 1921—1925) פאַרלייכטערט דעם עקזיסטענץ־קאַמף פאַר די אומפּראָדוקטיווע עלעמענטן פון דער יידישער באַפעלקערונג. געוועזענע קרעמערס און סוחרים האָבן זיך ווידער גענומען צום אַלטן פאַך פון פאַרקויפן און פאַרמיטלען, פון שטיין אין מאַרק און פירן פעקלעך פון איין שטאָט אין אַ צווייטער. דאָס צום אויסגיין פאַרמשפּטע סוחריש־קרעמערישע קליינע נאָפּט־לעמפל האָט נאָך געגעבן אַ פלאַקער־אויף ביים סאַמע סוף, כדי אויף שטענדיק פאַרלאָשן צו ווערן.

עס זענען אָנגעקומען די שווערסטע יאָרן פון איבערגאַנג פון „נעפּ" צו דער גרויסער אינדוסטריאַליזירונג און קאָלעקטיוויזירונג, די פיינפולע זייט פון „לישענצעס", פון איבער אַ מיליאָן יידישע באַפעלקערונג, וועלכע איז געבליבן אויסער יעטוועדן גאַנג פון דער רעוואָלוציאָנערער איינאָרד־נונג, אָן רעכט אויף אַרבעט און אָן אייגענע פּרנסה־קוואַלן. דאָס יידישע שטעטל ווערט אויסגעליידיקט, די גרויסע מאַסע דעקלאַסירטע און רעכט־לאָזע וואַנדערט פון איין שטאָט אין דער צווייטער — דער עיקר־פּראָצעס אָבער איז צו אַנטלויפן פון דער אַלטער היים, אַריינדרינגען טיפער אין לאַנד, זיך צעוואָרפן אַלס יחידים אָדער קליינע גרופּעס צווישן דער נישט־יידישער באַפעלקערונג. אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד ווערט ביסלעכוויז פאַרלאָזן, דער שטראָם גייט קיין גרויס־רוסלאַנד אין די גרויסע שטעט.

ווי גרויס עס איז געווען די יידישע אויסוואַנדערונג פון ווייסרוסלאַנד און פון אוקראַינע אין פאַרלויף פון די ערשטע פאַר יאָר נאָך דער רעוואָ־לוציע באַווייזן די פאָלגנדיקע ציפערן:

פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט די יידישע באַפעלקערונג אין ווייסרוסלאַנד באַטראָפן 13,7 פּראָצענט (לויט דער ציילונג פון יאָר 1897) פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג, בעת אינעם יאָר 1926 האָט זי שוין

באַטראָפן בלויז 8,2 פּראָצענט. אין אוקראַינע האָט די יידישע באַפעלקע־רונג פאַר יענער מלחמה באַטראָפן 9,4 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג, בעת אינעם יאָר 1926 האָט זי שוין באַטראָפן בלויז 5,2 פּראָצענט. דאַקעגן האָבן אין גרויס־רוסלאַנד פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה געלעבט בלויז 5,5 פּראָצענט פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקע־רונג אויפן שטח פון שפּעטערדיקן ראַטנפאַרבאַנד, בעת אינעם יאָר 1939 האָט די יידישע באַפעלקערונג אין גרויס־רוסלאַנד באַטראָפן 24 פּראָצענט פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג וואָס האָט געלעבט אין ראַטנ־פאַרבאַנד.

נאָך שאַרפער איז דער פּראָצעס פון פאַרשטאָטישונג פון דער יידישער באַפעלקערונג, וועלכער קומט אָבער פאַר פּאַראַלעל מיט דעם וווּקס פון דער נישט־יידישער באַפעלקערונג, וואָס שטראָמט אין פאַרבינדונג מיט דער אינדוסטריאַליזאַציע אין די גרויסע שטעט: אין אוקראַינע מאַכן אויס די יידן אין די שטעט אין 1926 — 22,8 פּראָצענט; אין 1939 — 11,8 פּראָצענט. דערפאַר איז געוואַקסן די יידישע באַפעלקערונג אין מאָסקווע פון 131.000 (1926) ביז 400.000 (1940); אין לענינגראַד פון 85.000 (1926) ביז 275.000 (1940). בלויז אין 6 שטעט (מאָסקווע, לענינגראַד, אָדעס, קיִעוו, כאַרקאָוו, דניעפּראָפּעטראָווסק) לעבן היינט צו טאָג 1.280.000 יידן, אָדער 40 פּראָצענט פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג.

דער פּראָצעס פון אורבאַניזירונג גייט פּאַראַלעל מיט דער צעשפּריי־טונג. אין גרויס־רוסלאַנד מאַכן יידן איצט אויס נישט מער ווי 1 פּראָ־צענט, הגם אַבסאָלוט איז די צאָל יידן געוואַקסן פון 300 טויזנט ביז איבער אַ מיליאָן.

בעת 82 פּראָצענט פון דער נישט־יידישער באַפעלקערונג זענען פאַר דער רעוואָלוציע געווען פאַרנומען אין דער לאַנדווירטשאַפט, האָט דער זעלבער טייל ביי יידן אויסגעמאַכט בלויז 2 פּראָצענט. היינט צו טאָג, נאָך צוואַנציק יאָר רעוואָלוציע, איז דער פּראָצענט פויערים גע־פאַלן פון 82 פּראָצענט אויף 63 פּראָצענט ביי נישט־יידן. ביי יידן דאַקעגן מאַכט ער אויס איצט בלויז 1,1 פּראָצענט.

אַרבעטער ביי יידן: פאַר דער רעוואָלוציע — 20 פּראָצענט; איצט — 21 פּראָצענט. ביי נישט־יידן: פון 7 פּראָצענט געשטיגן ביז 21 פּראָצענט.

אַמבולטסטן דריקט זיך אויס דער אייגנאַרטיקער וועג פון צופּאַסונג פון די יידישע מאַסן צו דער רעוואָלוציע, ווען מען נעמט אין אַכט, אַז יידן האָבן אויסגעמאַכט פאַר דער רעוואָלוציע בלויז 7 פּראָצענט פון באַ־

אַמטע און אָנגעשטעלטע, בעת איצט בילדן גאַנצע 37,2 פּראָצענט פון דער יידישער עקאָנאָמיש אַקטיווער באַפעלקערונג באַאַמטע און אָנגעשטעלטע פון פאַרצווייגטן מלוכהשן און קאָאָפּעראַטיוון אַפּאַראַט. די צאָל אָנגע־שטעלטע און באַאַמטע ביי נישט־יידן איז אָבער געוואַקסן פון 3 פּראָצענט ביז בלויז 7,5 פּראָצענט.

די טרוקענע פּראָצענטער רעדן ווי גאַנצע בענדער. קלאָר איז, אַז די דעקלאַסירטע מאַסע פון הענדלער און זעלבשטענדיקע האַנטווערקער האָט נאָר טיילוויז געפונען אַ וועג צו דער גרויסער אינדוסטריאַליזירונג פון די דריי „פּיטילעטקעס״. דער רוב פון די דאָזיקע עלעמענטן האָט זיך טאַקע נישט געקענט איבערברעכן מיט דער טראַדיציאָנעל איינגעפונ־דעוועטער אָפּנויגונג צו פיזישער אַרבעט. און הגם די טויערן פון די נייע פאַבריקן זענען געווען אָפן פאַר אַלע פעלקער, האָט דאָך די אַלטע ירושה פון שטאָטישן און האַנדלס־פאָלק געטריבן די אַנטוואָרצלטע מאַסן אין זייער רוב אין דעם גוואַלטיק אויסגעוואַקסענעם מלוכהשן און פאַרטיי־לונגס אַפּאַראַט, ווו די איינגעבאָרענע פעיִקייטן און אינטעליגענץ פון אַ שטאָטישן, אויף אַ העכערער מדרגה שטייענדיקן עלעמענט האָבן די יידן געגעבן די איבערוואָג איבער די נייע קאַדערן סאָוויעטישע באַאַמטע, וועלכע זענען געקומען פון אַרבעטער און פויערישן יונגן דור.

ביסלעכווייז ווערט אויסגעבילדעט אויך דער באַגריף פון „תכלית״, פון יידישן תכלית אין דער סאָוויעטישערווירקלעכקייט. דער אַלטער דראַנג פון יידישע סוחרישע עלעמענטן צו שטייגן אויפן סאָציאַלן לייטער האָט געפונען דעם דאַנקבאַרסטן באָדן דווקא אַ דאַנק דער גרויסער רע־וואָלוציע. דאָס ריזיקע לאַנד פון בוי און פּראָגרעס וועט נאָך אויף אַ לאַנגער צייט זיך נויטיקן אין אַן אינטעליגענץ. און הגם די דערוואַכטע פאָלקס־מאַסן פון נישט־יידן מאַכן אַדורך אומבויגזאַם דעם פּראָצעס פון אורבאַניזירונג און איבערגאַנג צו קולטורעל העכערע פונקציעס אין דער געזעלשאַפט, איז אָבער דער יידישער עלעמענט שוין דאָ מיט זיינע מעלות און ער פאַרנעמט אַ גאַר אָנגעזעענעם אָרט אין דעם מלוכהשן אַפּאַראַט.

כאַראַקטעריסטיש איז דער פאַקט, וואָס אויף 1000 איינוווינער פון ראַטנפאַרבאַנד זענען געווען סטודענטן פון הויך־שולן:

ביי יידן	—	24,4 פּראָצענט
ביי רוסן	—	2,8 ״
ביי אוקראַינער	—	2,0 ״
ביי ווייסרוסן	—	2,4 ״

דער דראַנג נאָך בילדונג, וועלכער איז אַזוי גוואַלדיק ביי דער סאָ־וויעטישער יוגנט, נעמט אָבער אָן ביי די יידן דעם כאַראַקטער פון אַ מאַסן־אַנטלויפן פון דעם גרויסן פּראָצעס פון דער רעוואָלוציע, וואָס האָט איבערגעאַקערט דאָס לאַנד אין דער ריכטונג פון פּראָדוקטיווער אַרבעט ביי דער מאַשין אין שטאָט און ביים טראַקטאָר און קאָמביין אין קאָלכאָז.

24 יאָר פון דער רעוואָלוציע האָבן מיט דער גרעסטער שאַרפקייט אַנטפּלעקט די אייזערנע געזעצן פון דער יידישער ווירקלעכקייט, וועלכע די גרעסטע פון אַלע רעוואָלוציעס האָט אויך נישט געקענט ענדערן, הגם דאָס מאָל האָט אַ רעגירונג מיט אירע אַלע מיטלען געוואָלט געזונט מאַכן און ליקווידירן די ירושה פון דער אַלטער צייט.

„גייוועלט", 7.11.1941

דאָס יידן־פּראָבלעם אין ראַטנפאַרבאַנד נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע

די אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט צעריסן די קייטן וואָס האָבן געבונדן צענדליקער פעלקער פון דער אַמאָליקער רוסישער אימפּעריע. איבער פרייהייט פון פעלקער האָט מען נאָך דעקלאַמירט אין פעברואַר, בעת דעם פאַלן פון צאַרישן רעזשים, אָבער אוקראַינער און גרוזינער, טאַטאַרן אין די פאַרוואָרפענע קאַנטן אין טורקעסטאַן, האָבן, ווער מיט אָפענער שנאה און ווער מיט צוטרוי, זיך צוגעהערט צו די צוזאָגן פון דער בירגערלעכער רעוואָלוציע, וואָס האָט גערירשנט דעם צאַריזם מיט אַלע ווונדן זיינע. די רוסישע בורזשואַזיע האָט באַזייטיקט דעם צאַר, פונדעסטוועגן זיך נישט געקענט אָפּזאָגן פון יסודותדיקע רעכט און פּריווילעגיעס פון אַ הערשנדיקן פאָלק צווישן צענדליקער אונטערגעיאָכטע און פאַרשקלאַפטע.

דער זיג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט אָבער מיט איין מאָל פאַרוואַנדלט אין בלוט און פלייש פייערלעכע דעקלאַראַציעס וועגן פרייהייט פון פעלקער אין זייער בונד און אויפבוי פון סאָציאַליזם. די רעוואָלוציע האָט פּראָקלאַמירט דאָס רעכט פון יעדן פאָלק — אַליין צו באַשטימען זיין גורל אַפילו ביז צום אָפּטיילן זיך פון רוסלאַנד. ווען דאָס וואָלט פּראָקלאַמירט די בירגערלעכע רעוואָלוציע, וואָלטן מיר היינט געהאַט אַ

צענדליק פאַרשידענע מלוכות אויף דעם שטח פון דעם אַמאָליקן רוסלאַנד. די נאַציאָנאַלע בורזשואַזיע פון די איינצלנע געביטן, באַזעצטע מיט נישט־רוסן, האָט עס פאַרשטאַנען אינסטינקטיוו, קעמפנדיק קעגן דער ראַטן־רעוואָלוציע. נאָר אין דעם כוח פון אַזאַ רעוואָלוציע, ווי ס׳איז געווען דער אָקטאָבער, איז געלעגן צו געבן די פרייהייט פעלקער און גלייכצייטיק איינשפאַנען זיי אין געמיינזאַמער היסטאָרישער אַרבעט פון איבערבויען די אַלטע אימפּעריע אין דער ערשטער אַרבעטער־מלוכה אין דער וועלט.

די יידן, אַלס איינציק פאָלק, וואָס איז געווען צעזייט איבער שטעט און שטעטלעך, בילדנדיק אומעטום אַ שטאָטישע מינדערהייט לגבי דער פויערישער אומגעבונג, האָבן אויפגענומען שוין דעם ערשטן גאַנג פון דער בירגערלעכער רעוואָלוציע, ווי דעם אָנזאָג אויף גלייכבאַרעכטיקונג מיט אַלע אַנדערע פעלקער פון דעם לאַנד. דער ספּעציפישער בוי פון דער יידישער באַפעלקערונג, זיין באַלעבאַטיש־סוחרישער אויבנאָן האָט אין דער גלייכבאַרעכטיקונג געזען דעם איינציקן מיטל פון קענען צוגלייך מיט אַנדערע, אָן באַשרענקונגען, פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון טרעגער פון קאַפּי־טאַליזם אין אַלע אָן אויסנאַם שטחים פון ריזיקן לאַנד. און בעת ס׳איז געקומען די אָקטאָבער־רעוואָלוציע, האָט זי אומגעוואַנדלט פייערלעכע לאָזונגען אין לעבן. די פאַרשידענע פעלקער זענען טאַקע געוואָרן אַלס אַזעלכע פריי, אָבער יידן זענען באַפרייט געוואָרן בלויז אַלס יחידים. וואָרום דעם אָפּגעשטאַנענסטן שבט, אַפילו אָן אַן אלף־בית, האָט די רעוואָלוציע געבראַכט די נאַציאָנאַלע דערלייזונג; יידן אָבער — די פּאַקטישע פולע פרייהייט פונעם איינצלנעם.

צוויי מאָל אין משך פון 150 יאָר האָט די וועלט פּראָקלאַמירט די עמאַנציפּאַציע פון יידן. צוערשט דורך דער גרויסער פראַנצויזישער רע־וואָלוציע און דאַן — דורך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. אָבער ווי גוואַלדיק איז דער אונטערשיד צווישן ביידע: די פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט געגעבן דעם יורידישן מאַנטל פאַר פאַקטיש פאַרנומענע דורך יידן פּאָזי־ציעס אין סאָציאַלן בוי פונעם פרי־קאַפּיטאַליסטישן פראַנקרייך. די צווייטע עמנאַציפּאַציע האָט דעקלאַרירט און דורכגעפירט די גלייכבאַרעכטיקונג און גלייכצייטיק אָפּגעשאַפט די באַגרענעצונגען פון אַלטן רעזשים, וואָס האָט אַ דאַנק זיי אויסגעהאָדעוועט אַ פאָלק, אין זיין מערהייט קרעמער, סוחרים, פאַבריקאַנטן און זעלבשטענדיקע האַנטווערקער. פאַר דעם טראַ־גישן פּראָבלעם פון אַ פאָלק מיט אַ פאַרקריפּלטער עקאָנאָמישער באַזע, האָט די רעוואָלוציע טאַקע באַוועלטיקט מעכטיקע פּראָצעסן פון סאָציאַלן

און נאַציאָנאַלן איבערבוי, פון מיליאָניקע מאַסן, דורך טיפע ענדערונגען, דורך אויסוואָרצלען דאָס אַלטע און אויפבויען אַ נײַ לעבן, פאַרלייגט יסודות פאַר אַ סאָציאַליסטישערווירקלעכקייט. די זעלבע רעוואָלוציע האָט אָבער געפונען פאַר זיך גלייכצייטיק צענדליקער פעלקער, וואָס זענען געזעסן אין קאָמפּאַקטע מאַסן אויף געשלאָסענע טעריטאָריעס, האָט זי געקענט קומען און אַנווייזן זיי אָפּן דעם וועג צום פולן אויפקום אַלס נאַציאָנאַלער קאָלעקטיוו. אויף דער יידישער גאַס האָט פּאָטענציעל אַ גרויסע מאַסע אויסגעוואָרצלטע פון פריערדיקע פּאָזיציעס געהאַט נאָר איין שטרעבונג: זיך אַריינפּאַסן אין דעם גרויסן מלוכהשן אַפּאַראַט, וואָס פירט די גיגאַנטישע אַרבעט פון איבערבוי.

האָט טאַקע די גרויסע איבערקערעניש חרוב געמאַכט אַלטע פאָרמען פון יידישן לעבן. דאָ און דאָרט האָבן געסטאַרטשעט, ווי קוימענס נאָך אַ שריפה, אָפּגעריסענע פון לעבנסגאַנג אַמאָליקע הענדלער און לופט־מענטשן. זענען טאַקע שטעטלעך אויסגעליידיקט געוואָרן און אַלץ, וואָס האָט זיך נאָך געהאַלטן אויף די פיס, האָט געשטרעבט אין דער גרויסער שטאָט אַריין, ווו ס׳האָט געלאָקט דאָס גרויסע ווערק, וואָס נעמט אַרום אין אייזערנע צוואַנגען אַ ריזיק לאַנד, וואָס קאָוועט אויס דעם ווילן פון צענדליקער מיליאָנען אין דעם קעסל פון דער רעוואָלוציע איבערגעקאָכטע מאַסן. דורך שווערע יאָרן פון הונגער און נויט, דורך אומצייליקע טראַגעדיעס איז געגאַנגען דער דאָזיקער פּראָצעס פון צופּאַסונג צום סאָוויעטישן רעזשים.

האָט דער אָקטאָבער אויסגעבויט דעם פונדאַמענט פאַר אַ סאָציאַליס־טישער געזעלשאַפט, אָבער נישט פאַרווישט דעם נאַציאָנאַלן פּרצוף פון קיינעם. בלויז יידן האָבן, נישט געקוקט אויף אומצייליקע פּרוּוון צו פאַר־לייגן פאָרמען פון קולטורעלן לעבן, זיך געריסן צום גרויסן כלל. זענען אין רעזולטאַט פון דער רעוואָלוציע נאָך אַלץ פאַרבליבן רוסן און אור־קראַינער און גרוזינער און באַשקירן, און נאָר יידן האָבן זיך דערפילט אויס יידן און בלויז בירגער פונעם גרויסן ראַטנפאַרבאַנד.

די ראַטן־רעגירונג האָט באַלד פאַרשטאַנען דעם דאָזיקן גרויסן ווי־דערשפּרוך, האָט אָבער נישט געפונען נישט די פּאַסיקע פאָרמען און נישט דעם ריכטיקן וועג צו לייזן אָט די פראַגע. נאַציאָנאַלע קולטורעלע אַרבעט איז געוואָרן אָפּגעשוואַכט און אַ פאַרחלשטע האָט זי קאַפּיטולירט פאַר דעם מעכטיקן גאַנג פון אַסימילאַציע. פּרוּוון צו פאַרלייגן לאַנדווירט־שאַפטלעכע אַרבעט אין ווייסרוסלאַנד, קרים או״וו, ווערן פאַראַליזירט אין אָנהייב. די גרויסע מאַסע יידישע יוגנט און דערוואַקסענע האָט געזוכט

„תכלית" אין לעבן און אַלס יחידים האָבן זיי געהאַט אַ פרייען וועג צו געפינען אין דעם רחבותדיקן לאַנד, וואָס בויט זיך, אַן אָרט פאַר זיך.

און וואָס מער עס איז געשטיגן דער בונד פון יידישן יחיד מיטן סאָוויעט־פאַרבאַנד אַלס גאַנצן, אַלץ לויזער און בלוטלאָזער איז געוואָרן דער נאַציאָנאַלער בונד פון די יידן.

ביראָבידזשאַן איז געווען דער לעצטער פרווו צו פאַרקירעווען דעם וואָגן אויף אַנדערע וועגן, אָבער אויך ער איז דורכגעפאַלן. באַשטימט און פאַרזאָרגט פון אויבן, גרויסצוגיק דורכגעטראַכט, אָבער ביוראָקראַטיש דורכגעפירט, האָט זיך דער פלאַן אַרויסגעוויזן פאַר אַ מפיל־קינד. יידישע מאַסן זענען נישט מיטגעריסן געוואָרן דורך דעם געדאַנק פון אַ יידיש־סאָוויעטישער רעפובליק אויף די ברעגעס פון אַמור.

סאָוויעטישע יידן שטייען איצט צוגלייך מיט אַלע פעלקער פון ראַטנ־פאַרבאַנד אין בלוטיקן געראַנגל מיטן פאַשיזם. אַ סך טויזנטער זענען שוין געפאַלן אַלס העלדן אין די רייען פון דער העראָישער רויטער אַרמיי און צוגלייך מיטן חורבן פונעם טאָטאַלן קריג, מיט מיליאָנען פליטים, מיט ליידן און אין בלוטיקן קאַמף האָט די יידישע וועלט צום ערשטן מאָל אויפגענומען דעם רוף צו זיך פון סאָוויעטישע יידן אַלס נאַציאָנאַלער קאָלעקטיוו. די מלחמה האָט זיי געעפנט די אויגן צו דערזען זיך אַלס אַ טייל פון אַלוועלטלעכן יידישן נאַציאָנאַלן קאָלעקטיוו, וואָס צאַפּלט איצט אין זיין גרויסער מערהייט אין די נעגל פון דער בלוטיקער נאַצישער חיה.

דורך שווערע קרבנות און גוואַלדיקן חורבן וועט גיין די דאָזיקע דערנענטערונג, אָבער אין דעם איז פאַרוועבט די צוקונפט פון אַ גרויסער ווענדונג אין לעבן פון די סאָוויעטישע יידן: צוזאַמען מיטן זיין און לעבן אינעם גרויסן פאַרבאַנד געפינען אויך דעם וועג צו די יידישע מאַסן אין דער גאָרער וועלט, וואָס זענען אין צווישנצייט אַרויף אויף דעם היסטאָ־רישן שליאַך פון נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער דערלייזונג אין אַן אייגענער היים — אין ארץ־ישראל.

„נייוועלט", 6.11.1942

מצוקת היהודים בפולין

ממכתב פרטי מפולין:

„אצלנו בעיירה היו שוב מהומות. זו הפעם השלישית במשך שנה אחת. הפעם לא הרשו לפתוח את החנויות בשוק אפילו תחת חסות המשטרה. הגיעו צבא רב ושוטרים מורשה. הפחד גבר. עם דמדומי ערב נחפזים היהודים אל בתיהם, יושבים בתוך החשכה מבלי להדליק את המנורה..."

מכתבים ממין זה באים למאות מדי שבוע בשבוע מכל קצווי מדינת פולין. כולם חדורים אימה המסתתרת בתוך השיטין ובלהה הנשקפת מבין השיטין. אבל ה„סוף פסוק" אומר תמיד: „אל תדאגו לנו, נעמוד בפרץ"...

...אכן, בזה אתה מוצא את הטרגיות הנוקבת של חיינו. אין כאן קטסטרופה הבאה לפתע פתאום כשואה וצווחת מר להבקיע שחקים. מי יודע, אולי היה העולם הגדול נרגז ונרעש לזוועה המחרידה את הנפש, כמו שתאחז אותך פלצות בראותך בית נופל, והוא מלא אנשים חיים הקרובים ללבך...

את המתרחש בפולין זה שנה וחצי, אין לראות כקטסטרופה; אין זו אלא מלחמה פרטיזנית עקשנית ואכזרית באוכלוסיה היהודית, התאבקות אטית, אבל עקבית, זדונית, שאינה יודעת רחם.

✡

בראשון לינואר ש. ז. קיבלה תוקף חוקי ההחלטה על איסור השחיטה. השלטונות האדמיניסטרטיביים קיבלו הוראות מסוימות מהממשלה המרכזית להגשים את החוקה החדשה בחיים בכל חומר הדין בלי מורך וחנינה. המנחה לפורעים האנדקים ניתנה בעין יפה, צריך לשמור שתעכל כראוי.

העתונות מודיעה, כי בורשה עצמה נסגרו בבת אחת 540 אטליזים של יהודים ולעת עתה נתנו רק 120 רשיונות חדשים לפתיחת האטליזים...

היהודי הפשוט שואל שאלת תם: מה יהיה גורלן של יתר 420 המשפחות שהתפרנסו ממכירת בשר כשר?

ואנו נשיב על השאלה במקום הממשלה:

האומנם רצה המחוקק לקלוע למטרה אחרת, מאשר לגזול את הפרנסה מ־420 המשפחות, כדי לעשותן על ידי כך למיותרות?

התחוקה החדשה לא היתה באה לעולם לולא הכוונה ל„יתר" הגדול, שישאר מיד אחרי שהחוקה תקבל תוקף חוקי.

מכאן, מהיהודים שנותרו בעקב האיסור ההומאניטרי על השחיטה, מובילה דרך ישרה אל הנאום שנאם מיניסטר החוץ באק בסינט הפולני. שאלת היהודים בפולין היא, לדעת המיניסטר באק, שאלת האוכלוסיה המיותרת בפולין. צריך לכן לדאוג להמונים המיותרים, והפתרון ניתן בנקל: עולמו של הקדוש ברוך הוא גדול ורחב ידים הוא בלי גבול. יש בו שטחי אדמה בלתי מיושבים די והותר; צריך, איפוא, למצוא מקלט בטוח להמוני היהודים ברחבי תבל...

התחוקה על איסור השחיטה הביאה אתה את פריה הראשון — התירוץ החדיש לתרץ בו את האנטישמיות הפולנית, שחרגה בזמן האחרון ממחבואה להפיל חללים בקרב היהודים...

ההתחלה היתה, כרגיל, פשוטה בתכלית הפשטות: היהודי העשיר הוא בבחינת עלוקה, המוצצת דם הנוצרים, ידו בכל. הוא משתולל ומתענג על חשבון האכר העני והעובד המסכן בעיר. המסקנה היחידה, שאפשר להסיק היא — להשתחרר מעולו של זה ולהציל את דלת העם משבט שלטונו. ארגומנטציה זו נתכוונה להמון הפשוט, הנבער, לתת לו כנפים ולהלהיבו לעשות שפטים ביהודים, לשלוח יד ברכושם ובנפשם.

המסתכל בעין בוחנת, יכיר את השינוי שחל בזמן האחרון בצורותיה ובטכסיסיה של התנועה האנטישמית. האנדקים ויוצאי חלציהם הצעירים למדו בשטח זה לא מעט אצל שכניהם הנאצים. התעמולה וההסתה בלודז׳, בשלזיה העליונה ובמחוזות אחרים מתנהלת בעזרת סיסמאות, שהוכנסו מגרמניה ההיטלראית. כאן אתה מוצא גם את התורה הגזעית, וגם את החרדה ל„חרפת התרבות״, את ההתנגדות להשפעתה ההרסנית של „הרוח היהודי״ על התרבות הנוצרית...

ברם כל זה יכול לשמש חומר ונשק רק בידי האנדקים ששמו את כל מעיניהם באנטישמיות וריכזו בשטח זה את כל פעולת מלחמתם בשלטון הסנאציה.

ה„השפעה הנפשעת של הרוח היהודית״, ה„פצפיזם היהודי״ — רק באלה נאחז האופיציר בודזינסקי, הציר הסנאצי לסיים הפולני, בדבריו מלאי רעל נגד היהודים.

✡

הסנאציה, זו החבורה השלטת של הבורגנות הפולנית, איננה כיום הזה תנועה בעלת־משען ואחיזה בהמונים הפולנים. הבחירות האחרונות

לעיריית לודז׳ הוכיחו בעליל, כי עכשיו נטושה המלחמה בעיקר בין הפאשיזם האנדקאי ובין המחנה הסוציאליסטי.

אחרי כל אלה אפשר להבין למה זה נאלצה הסנאציה לתפוס עמדה — ויהי מה — ובלבד שלא תשאר מרחפת בחלל בלי כל יסוד למנגנון הכביר שלה במדינה ובצבא. אין היא יכולה להסכים, כי התנועה האנטי־שמית המגבירה כעת חיילים, תזקף כולה על חשבון האנדקים בלבד. מכאן תוצאות לכל התאמצויותיו של המחנה השליט לתפוס את רסן התנועה בידיו הוא — וההופעות האנטישמיות התכופות בסיים הפולני בזמן האחרון תוכיחנה.

אבל הסנאציה איננה יכולה לתת את ידה לתעמולה צעקנית אנדקאית. הסנאציה עומדת על יד ההגה הממשלתי, ומן הדין הוא שדבריה יהיו יותר בנחת. אין זה מפריע לה מהיות עקבית בהצגת השאלה היהודית בצורה מוחשית ביותר. הפוליטיקה הכלכלית של הממשלה שואפת להגביר עד כמה שאפשר את השפעת השלטונות על כלכלת הארץ. מן ההגיון הממלכתי ומן התועלת המדינית יהיה לחדד בתוך גבולי פוליטיקה זו מומנטים מיוחדים, העלולים לפגוע ביהודים; מחד גיסא המדינה מפיקה תועלת ומאידך גיסא מגשימים עוד סעיף מהפרוגרמה האנטישמית. רק אם נזקוף את זאת בחשבון נבין את פשר השאיפה של הסנאציה לשנות את כיוונה של התנועה האנטישמית ובמקום העלוקה המוצצת את לשד חיותו של „העם הפולני" להציג לראווה את הפרזיטים של האורגניזם הכלכלי הפולני, את האלמנטים המיותרים, שאין להם שום אחיזה בחיי הכלכלה של הארץ.

את מקום העשיר היהודי תופס היהודי העני, הנופל למעמסה על הכלכלה הפולנית שהנה חסרת־אונים בלאו הכי, שאינה יכולה לכלכל את בניה הפולניים אף הם, ומה גם את היהודים המיותרים...

אין ברירה אחרת, אלא להפטר מלחץ העני ה„זר".

נאום המיניסטר באק בסינאט על הצגת שאלת ההגירה היהודית לפני הפורום הבין־לאומי, מאמציו בשטח זה — זוהי תשובת הממשלה הסנאצית על ההתקפה של האנדקים. אין לפקפק, כי בדרך זו תתנהל הפוליטיקה של הממשלה בזמן הקרוב.

✡

הרחוב היהודי הבורגני נבוך. הפגיעות הקשות, החוזרות ונשנות מיום

ליום, בלבלו את המוחות שהצטיינו עד כה בחוסר תבונה והגיון בשדה הפוליטיקה. אופייני הוא הוויכוח בעתונות הבורגנית מסביב לשאלת האורינטציה. הבורגני הזעיר אינו מוצא את ידיו ואת רגליו בתסבוכת הפוליטית והוא מבקש לעצמו שותפים וחברים במלחמת קיומו. וכאילו מאליו הוא פונה לצד שמאל, לצד מעמד הפועלים, הכוח היחיד, שידע להלחם בנחשול האנטישמיות הפורעת. אכן זוהי פוליטיקה של שעה, של קוניונקטורה; כזאת היא הפוליטיקה האבנטוריסטית של ז׳בוטינסקי על אווקואציה וכו׳.

הפועל היהודי הוא הכוח היחיד ברחוב היהודי, היודע את אשר לפניו. יחסו אל התנועה האנטישמית נובע מתוך יחסו לכל התנועה הרי־אקציונית הרוצה למצוא משען ובסיס למשטר, שכבר בלה ומוכרח לנפול. הפועל היהודי יודע, כי המוצא היחיד מהמצוקה הוא להחלץ מהכלכלה הקפיטליסטית שהתמוטטה כליל ולצאת במלחמה נגד הכוחות המעכבים הקמת החברה החדשה על אשיות כלכלה אחרים.

אין זו התאבקות בכוחות לוקליים, כמו שחושב עכשיו ה„בונד״ בפולין. אי אפשר להתכחש לעצם הצורך בהגירה אך ורק מפני שהאנטישמים נאחזים אף הם בהגירה ורואים בה את הדרך היחידה להיפטר מהיהודים „הזרים״. עם ההגירה לא תיפתר שאלת היהודים הנעוצה במבנה הכלכלי המיוחד להמוני היהודים בתנאי המשטר הקפיטליסטי. עם זאת מעוררת ההגירה רבבות יהודים לעבור לחיים אחרים, ביחוד את אלה שהשתקעו בארץ־ישראל. צריך להילחם בסיסמת האנדקים לרבות ז׳בוטינסקי על „יציאת פולין״, אבל אסור להעלים עין מהצד החיובי שיש בהקלות להגירה לגבי מספר גדול מן האוכלוסיה היהודית, שאינו יכול בשום אופן להחזיק מעמד בשעת משבר ומצוקה למדינה.

„דרך הפועל״, 22.1.1937

לא לנצח משטר הגיטו בפולין

הגל הפאשיסטי האנטישמי המציף זה שנתיים את פולין המדינה, בפרעות, באלימות, בנגישות ורדיפות יום־יום, השיג זה עתה את נצחונו הגדול הראשון, המעמיד את פולין מבחינת היחס ליהודי בשורה אחת עם גרמניה ההיטלרית: מראשית שנת הלימודים הונהגו בבתי־הספר הגבוהים שבפולין ספסלי־גיטו מיוחדים לתלמידים היהודים.

וזאת גדולת הניצחון: שהוא הושג לא בתגרות־ידיים, לא במיעוך קדקדים, לא בניפוץ שמשות, אלא בפשטות גמורה ע"י מודעה יבשה של מגהלי בתי־הספר, אשר פירושה הוא: אל ישב התלמיד היהודי בקהל הסטודנטים הלא־יהודים.

זה שנתיים הולכת ומחריפה, הולכת ומתאכזרת ותוקפת החוליגניות האנטישמית בפולין. פשיטיק, מינסק־מזובייצק, בריסק וצ'נסטוחוב, ביאַלאַ וביליץ — שורה ארוכה של ערים ועיירות ששתו מכוס־הפרעות, עמדות נהרסות, שוד ותעלולים. והיו אלה גם שנתיים של מלחמת התגוננות קשה, עקשנית מצד המוני הפועלים והעם היהודים יד ביד עם ציבור הפועלים הפולני בעל ההכרה ומתוך ההכרה, כי אחד האויב ואחת ההצלה ממנו. תעמולת האנדקים להקים גיטו כלכלי יהודי, לקבוע מקומות מיוחדים לסוחרי השוק היהודים לא נשאו אלא פרי מועט, במקומות בודדים, ספורים. ודווקא בבתי־הספר הגבוהים, אשר הם צריכים להיות משכן חפשי לרוח האדם, הוכרז הגיטו בקלות יתרה.

אין זאת, אלא שבשוק החיים, במקום שם מעורבים עגייני ההמונים יום־יום, אין השליטים חפשים במידה כזו לבצע את מזימתם. לא כן באוניברסיטה, בפוליטכניון, בכל בית־ספר גבוה. כאן, בין כתלי המכון המבודד, אפשר הכל.

יורשיהם ונכדיהם של לוחמי החירות והעצמאות הפולנית עשו בפולין העצמאית את המעשה השפל ביותר של ימינו: לא די להם בהגבלת אפשרות הכניסה ליהודים בבתי־הספר הגבוהים, עודם מוסיפים נוולות על פשע: להבדיל בין אנשים, אשר לפי החוקה שלהם, הם שוים, ולהקצות להם פינה נבדלת, כלמצורעים.

ברוסיה הצארית, בימי הריאקציה הקשה ביותר, בשעה שהמגלב היה מונף על כל ניד וניע של אדם חפשי, בימי ניקולאי התלין, כשהחוק לא התיר אלא אחוז מסויים של יהודים בבתי־הספר — לא העיז איש אף בלחש להציע הצעה דומה לכך. אך בפולין המשוחררת מעול זרים,

לאחר שטובי העם והפועלים מסרו את נפשם על חירותה, מנהיגים שליטי המדינה, בפעם הראשונה מאז ימי הביניים, בפעם הראשונה בתולדות הזמן החדש — גיטו ליהודים!

ולכן המעשה הזה גרוע מכל פרעות. זוהי הכרזה באזני כל העולם, כי היהודי בפולין משולל זכויותיו האנושיות, זוהי בשורה, כי עוד מעט ותושט היד לגזול מיהודי פולין את שארית זכויותיהם.

קשה התאבקותם של המוני היהודים בפולין של עכשיו. בחשכת הלילה המטורף רק אורות מעטים מנצנצים בבשורה לימים טובים מאלה, רק אותות מועטים של התפכחות פה ושם בחוגי נוער ומשכילים, ומרובים מהם גילויי הסולידריות וההשתתפות של ציבור הפועלים המאורגן ואף של אכרים פולנים. אך הם הם כוחות העתיד, כוחות המחר, אשר ישנו את המציאות המרה, ובהם הערובה, כי משטר־הגיטו לא לנצח הוקם.

שביתת־המחאה הזאת אשר שבתו השבוע יהודי פולין בהמוניהם, ובראשם ציבור הפועלים היהודי המאורגן, אות היא, כי יהודי פולין אינם אומרים נואש. עוד יקומו הכוחות מבפנים למלחמה במשטר ויחד עם המוני העובדים בפולין ימגרו את כנופית העריצים הזאת, המשתוללת באפס מוצא וסיכוי.

„דרך הפועל", 22.10.1937

בעיות הארץ
ארץ ישראל־פראָבלעמען

כ ת ב י ם

למלחמה בתכנית הקנטונים

אין מאתנו יודע בדיוק, מהי בעצם צורת הקנטוניזציה של ארץ־ישראל, שהשמועה עליה הוטלה לתוך דעת הקהל והרתיחה אותה עד מהרה. ייתכן שעושי־התכנית טרם הגיעו בהחלטיות אחרונה עד כדי גיבוש הצורה. אך דבר זה ברור לכל הדעות: התוכן של ההצעה קבוע ועומד: חלוקת א״י לפי שטחי השפעה מוגבלים ומסויימים לשני הכוחות הלאומיים בארץ, הערבים והיהודים. עצם התוכן הזה מעיד כבר כמאה עדים, מי הם אבות הרעיון. לא יהודים, לא ערבים, אלא האימפריאליזם הבריטי.

סיבות עמוקות, הנובעות מעצם עמדתה של אנגליה במזרח הקרוב ועל חופי הים התיכון, גרמו לתכנית זו. כוחה של איטליה, שגדל מאד אחרי כיבוש חבש, מסכן את השלטון האנגלי המסורתי בשטח מעבר זה שחשיבותו בפוליטיקה העולמית גדולה מאד. מקודם לא היו לאנגליה מתחרים בחלקו המזרחי של הים התיכון. ענייניה העיקריים של צרפת התרכזו בחלקו המערבי של הים הזה. רק בשנתיים האחרונות עלתה איטליה כמתחרה מסוכן לאנגליה, אשר יש להחלישו טרם התגבש והתחזק די צרכו. על אנגליה שומה לקבוע לתקופה ממושכת את הפוליטיקה שלה במזרח הקרוב. ההתקדמות כדרך אירופה בארצות המזרח מסכנת אחד העורקים החשובים לאימפריה הבריטית. בעוד מועד, טרם פרצה מלחמת העולם החדשה, ממהרת אנגליה להבטיח לה תחנות תעופה, דרכי חיבור אסטרטגיים להגנה צבאית־מדינית על דרך המעבר להודו.

אמנם „המדינה היהודית" תתקע כיתד בגוש הארצות הערביות, אך גם לערבים שואפת אנגליה לתת את המכסימום על מנת למשוך את לבם. אין ביכולתו של האימפריאליזם האנגלי גם בשדה הפוליטיקה העולמית, גם באנגליה פנימה להחניק לגמרי את העליה וההתישבות היהודית. אין שאלת היהודים בעולם נותנת מנוח. הפאשיזם מחמיר ומחריף אותה. פוליטיקה אנטי־יהודית גלויה ומפורשת של אנגליה בארץ־ישראל עלולה להתקל בהתנגדותן של מעצמות גדולות בחוץ ושל שכבות עם רחבות באנגליה פנימה. אי אפשר לבטל גם את כוחו של הישוב היהודי בא״י ואפילו אנגליה מוכרחה להתחשב בו. הפוליטיקה האימפריאליסטית מוכ־רחה לבקש פשרה.

אפשר לדכא את העליה היהודית, להקים בפניה גבולות מלאכותיים, אך אי אפשר להעבירה מהעולם לגמרי. לגבי ההגבלות בקניית הקרקעות

השתמשה כבר אנגליה בכל האמצעים החוקיים חוץ מביטול גלוי של שוויון האזרחים היהודים ב„בית הלאומי היהודי".

עכשיו הגיע הזמן לגבי אנגליה לגמור את הפלוגתא הישנה על הפירוש הנכון של הצהרת בלפור: ההיתה כוונתה ארץ־ישראל בתור הבית הלאומי היהודי או שהיא התכוונה לבית הלאומי בארץ־ישראל. ארץ־ישראל המוקטנת והמקוצצת היא היא תשמש עכשיו הבית הלאומי היהודי. התכנית עצמה ברעיונה היסודי — זהו פרי הפוליטיקה האנטי־יהודית האנגלית מאז, אשר עכשיו הגיע תורו להתגשם כפסגת מאורעות הדמים.

חלוקת הארץ לקאנטונים מגשימה יחד עם זאת גם את הכרזת מאַק־מאַהון, שהבטיחה לערבים יצירת מדינה ערבית גדולה ובראשה שלושת החוסיינים.

גילוי דעתו של האמיר עבדאללה על חלוקת הארץ נתן בפעם הראשונה את ההזדמנות להכיר ברור את שאיפותיו של האמיר: להשתלט שלטון יחיד בחסותה של אנגליה על עבר הירדן ועל החלק הערבי של ארץ־ישראל. השאיפה הזאת של האמיר מתנגדת ניגוד גמור לשאיפתו של המופתי הירושלמי, המתאמר מצדו לקבל לידו את הגה השלטון בארץ־ישראל כולה, כמובן, גם כן בחסדה של אנגליה. הניגוד הזה עלול לגרום לחיכוכים חריפים בקרב המחנה הערבי הפיאודלי עצמו. אולם בשעת כושר והכרח תדע אנגליה להעלות מחדש את התכנית שנשכחה על כליפות ירושלים, כדי להשביע את תשוקותיו של המופתי.

יקל על אנגליה להגשים את העיקרון הישן של „הפרד ומשול", כאשר לפניה יהיו שני קאנטונים לאומיים נפרדים, שתי מדינות קטנטנות, אשר שאיפותיהן לשלטון ולהתרחבות הן ביחס הפוך למספר תושביהן וגודל שטחן. שלטונה של אנגליה לא יחלש אף כחוט השערה. להיפך, פיצול הארץ לקאנטונים, אשר יזקקו שניהם לכמה מפעלים משותפים, כגון נמלים ורכבות ירים את ערכן של עמדות המפתח של המשק והכספים, הנתונות בידי אנגליה. גם שלטונו הצבאי של אנגליה יתחזק ע"י גיוס „הצבאות הלאומיים" בהדרכתה ובהנהלתה של אנגליה. תכנית הקאנטונים פירושה ברית האימפריאליזם האנגלי עם הפיאודליזם הערבי היורד, מכה קשה להתפתחות המשק של הארץ, להמונים הערבים העובדים ולהמונים היהודים בעולם כולו.

חלוקת הארץ פירושה הפקרתה לתכניות המלחמה של אנגליה והורדתה למצבה שבעבר הרחוק. האימפריאליזם יעשה בקאנטון היהודי כבתוך שלו באין מפריע, ודווקא את הקאנטון היהודי, אשר, לפי השמועה, גם הנגב

יכלל בו, צריכה אנגליה לשם חפירת תעלה מקבילה לתעלת־סואץ בדרך עזה — עקבה.

חלוקת הארץ יכולה להשביע את תאבון השלטון של האפנדים. מלחמתם באנגליה אינה כלל לשם מיגור השלטון האנגלי, אלא כדי להרבות בקבלת הנחות ממנו: קודם־כל — סגירת שערי הארץ בפני העליה היהודית, ההורסת את יסודות המשק הפיאודלי, ושנית הכרת ההנהגה האפנדית בתור נציגות רשמית של האומה הערבית. חלוקת הארץ תיצור מדינה ערבית, אשר גבולותיה יסגרו בפני העליה היהודית. ללא כל הפרעה ימשול הפיאודליזם בקאנטון הערבי כדרכו בעבר־הירדן. האפנדי יקבל מחדש כוחות עבודה בזיל הזול כלפני שנים רבות.

תכנית החלוקה היא מכת מות להמונים הערבים העמלים. הם יוחזרו למצבם הם מלפני שנים או למצבם של העמלים בעבר־הירדן בימינו אנו. תשלל מהם האפשרות ללמוד מדרכי הארגון של הפועלים היהודים. תחיית הפרולטריון הערבי, שמעמד הפועלים היהודי מעונין בה, תנזק קשה ע״י קריעת הארץ ותגביר את הזרות בין הפועל היהודי והערבי. האווירה המורעלת של חרם על עבודה ותוצרת ערבית, בה אנו חיים כיום, לדאבוננו, גם בקרב ציבור הפועלים, תתגבר ביתר שאת. בהתגשם חלוקת הארץ יתווספו מכשולים חדשים בדרך הארגון המשותף של הפועלים היהודים והערבים בגלל ניתוק הקשרים החיצוני ובגלל ההסתה השובינית המוגברת בקרב הקאנטונים.

מארץ־ישראל המקוצצת ניטלת האפשרות לפתרון שאלת היהודים. לא הסתפקנו אף פעם בגבולות ארץ־ישראל הנוכחיים. איננו מאמינים בקדושת הגבולות, שנקבעו ע״י המעצמות האימפריאליסטיות. אנו טוענים לשטחים רחבי הידיים הענקיים, הנמצאים במזרח הקרוב, המוכשרים לקלוט מיליוני עובדים עולים בלי לגרוע במאומה את חלקם של התושבים הילידים. חובתם של הפועלים וההמונים היהודים בעולם לפתוח במלחמה חריפה בתכנית החלוקה.

נתגייס נגד המזימה להטביע בדם בארץ־ישראל הגזורה את סיכויינו לריכוז טריטוריאלי ולהפוך את טרגדית הדמים של העם היהודי ואת תקומתו לחיים מחודשים בארץ־ישראל למשחק בובות.

חובתנו לגייס לעזרתנו את כל הכוחות הפרולטריים והפרוגרסיביים בקרב אומות העולם. ביתר חריפות ניצב לפנינו הצורך המדיני הדחוף

למצוא שפה משותפת עם ההמונים הערבים, אשר אך ורק בחזית משותפת איתם, נתגבר על תכנית החלוקה ההרסנית הממיטה אסון על שני עמי הארץ.

„דרך הפועל", 30.4.1937

לפני ההכרעה

(ההסתדרות הציונית וחלוקת הארץ)

כדאי לציין זאת: רק לאחר ישיבת **הועד הפועל הציוני התחילו** הסיעות הציוניות השונות להשמיע את קולן על דבר חלוקת הארץ. הועד הפועל הציוני, כידוע, הכריז הכרזה חגיגית פומבית בפני כל העולם על התנגדותו המוחלטת לכל הצעה על חלוקת הארץ. ההדים, שהופיעו בעתונות הם הוכחה לכך, כי ההצבעה היתה לשם אכספורט כלפי חוץ ומעט מאד הבהירה את הנעשה מאחורי הקלעים. האם ההסתדרות הציונית היא באמת ובתמים על כל זרמיה וגווניה נגד התכנית הפושעת של חלוקת ארץ־ישראל, הנוצרת עכשיו על־ידי הועדה המלכותית? אם כן, למה זה עכשיו, עם הכניסה „לעונה הבוערת" של תעמולת הבחירות לקונגרס, צריכים להיאמר ע"י מנהיגים אחראיים דברי־התראה נמרצים נגד תכניות־החלוקה השונות, העתידות להתפרסם בקרוב? למה זה מתנהל משחק בלתי הוגן שכזה בעניינים החיוניים ביותר של המוני היהודים בעולם? למה זה דווקא עכשיו, בזמן אשר יוכרע גורלה של ארץ־ישראל לאורך ימים — לכלכל את העם בהכרזות חגיגיות, כדי לצאת למחרת בהתקפה חריפה ובהאשמות כבדות אחד נגד חברו? האם גם זאת אינה אלא הוכחה נוספת ל„אמנות" הפוליטית המיוחדת במינה ולשיטה „המקורית" של ההנהלה הציונית? שתיקה מוזרה השתררה מצד המוסדות הרשמיים של התנועה הציונית דווקא עכשיו. עוד מעולם לא הורגשה ציפיה מתוחה המהולה באבדן־עצות ופחד בתוך ההמונים, כמו בימים האלה. ולא לשוא מתאונן לופבן („הפוה"צ" 33־34):

„באינטירגנום המדיני, שאנו שרויים בו כעת, ירד על התנועה הציונית ועל הישוב הא"י, מין שקט מוזר תוך ציפיה כבושה. תגובת

הציבור על מאורעות היום היא עצלנית ורפויה ומחוסרת כמעט כל פטוס"... אבל מאין ישאבו ההמונים פטוס למלחמה נגד הסכנה הגדולה המתקרבת? לשוא תבקשו תשובה אצל לופבן, כי אז היה צריך לגלות את הקלפים ולצאת בביקורת חריפה נגד עצם השיטה, אשר בה מנהלת הסוכנות היהודית וההנהלה הציונית את מלחמת המגן נגד המזימות של הועדה המלכותית.

לשם מה קובעים איפוא גילויים מסוכנים שכאלה בישוב היהודי בארץ ובהמוני העם בעולם כולו, בעת אשר עוצמים את העיניים מראות את הסיבה העיקרית הגורמת לכך: הפוליטיקה להרדמת ההמונים ו„עשייתה" בחדרי־חדרים מאחורי הקלעים? אם מוצדקת מאז ומעולם מלחמתה של תנועת הפועלים נגד הדיפלומיה החשאית, הרי היא כעת, בימים הקשים והאחראיים האלה, מוצדקת שבעתיים. תחת לבוא אל הישוב בדברים ברו־רים ובהסברה מלעיטים אותו זה חדשים בקטעים מהעתונות האנגלית השופעת תכניות למיניהן. עתון פועלי ארץ־ישראל „דבר" עוד לא מצא מה להגיד על התכנית לחלוקת הארץ. דווקא עכשיו מתנקמת בסוכנות החולשה הישנה, המציינת את הנהגתה הפוליטית: לנהל פוליטיקה מעל לראשי ההמונים, להעמיד אותם בפני עובדות מוכנות. זאת היא מחלה ממארת לחשוב, כי הציבור מחוסר־כשרון לאסור את המלחמה לצרכיו עוד בטרם בו הגזרה.

בית־מדרשו הפוליטי של ויצמן ושיטתו של דיפולמטיה חשאית הם הם הגוזרים שתיקה על נושאי־דברו של הישוב ומעמידים בסכנה את זעקת־המחאה הגדולה, לכשכבר הורשה להמוני העם בעולם כולו. נוהגים „הבלגה" פושעת, בזמן אשר מן הצורך הוא לגייס ולהניע את הכוח העצום, שיעמוד נגד הסכנה לחלוקת הארץ או למניעת גידולה הנוסף של ההתיש־בות היהודית. אין „תגובת הציבור עצלנית", אלא הציבור הוא אלם, נדון לאפס־מעשה, מוזנח על־ידי הנהגתו, והופך להיות אַפוליטי.

הועד הפועל הציוני מכריז פה אחד הכרזה חגיגית נגד חלוקת הארץ והיו"ר של אותו הועד הפועל הציוני מ. מ. אוסישקין הזקן מופיע לאחר המושב הזה בדברו, בחריפות, כמעט באכזריות וללא־עקיפין, אבל בבהי־רות ובפשטות: אוסישקין איננו אדם הנבהל מפני תקוות נכזבות, החול־פות כלעומת שהן באות. מאמרו ב„הארץ" מה־4 ליוני על חלוקת הארץ איננו שאגת אריה אדירה נגד אנגליה. הוא אוזר את חלציו נגד מחנהו. הוא איננו מפרש בשמות, הוא רק מדבר על „ציונים ובלתי ציונים, שלא כל הנימוקים של הדחיה המוחלטת בכל צורותיה ידועים ומובנים להם".

אבל הוא גם מזכיר את „האנשים המעשיים״ בתוכנו והחברים בעלי „המדיניות האמיתית״, אשר צריכים לראות קודם כל את הדבר עין בעין, כדי לדעת מה השם אשר יכנוהו. הוא עוד מרחיק ללכת ובודק אחרי כל המתנגדים האפשריים במלחמה העתידה. הוא מספר על

„חברים בתוכנו, שכבר יודעים הם מה שהם רוצים, אבל רצונם להשתיק את הדבר היום, כדי שנעמוד לאחר זמן לפני ,עובדה קיימת׳. יש חברים כאלה — ואני אומר זאת בגלוי — הן בארץ־ישראל והן בלונדון״.

אוסישקין בא לידי מסקנה נכונה, כי הועדה המלכותית קודם לכן תנסה לבחון את דעת הקהל של היהודים והערבים גם יחד. הוא סובר, כי במצב אשר כזה יש לענות בשלילה גמורה או בשתיקה. מהגבה אחרונה זאת תסיק הועדה המלכותית ואחריה גם הממשלה, כי היהודים מקבלים ברצינות את התכנית. ובכן האפשר להבין את טענת לופבן לישוב ולתפוצות העם על שתיקתם והגבתם העצלנית על המתרגש לבוא עלינו בקרוב? רוגז־שוא הוא! אוסישקין מסביר לנו את הדבר בגלוי:

„ובין הציוניים בלונדון יש מימינים ויש משמאילים ויש שפוסחים על שתי הסעפים״.

כלומר, לא הכל „בסדר בממלכת דנמרק״, ודבר מה מתרחש בכל זאת בפנים ההסתדרות הציונית, וישנם תומכים בחלוקה ויתכן כי אלה הם מגדולי המנהיגים הנוקטים עמדה כזאת. אוסישקין יודע מנסיונו, מתי יש להכריז מלחמה על מצב־רוח מעין זה והוא מוציא מבית־גנזיו את הנשק הישן והנשכח, אשר בימי עלומיה של הציונות המדינית הראה את כל תקפו לא למתנגד אחד בלבד.

סכנת אוגנדה חדשה! והפעם לא אי־שם באפריקה, במדבר מעבר להרי־חושך, אלא כאן במקום — בארץ־ישראל צפויה לנו הסכנה של יצירת אוגנדה חדשה ואוסישקין מזהיר מפני הסכנה, שמא חלק מהציונים יסכים למדינת־מעבר וינמק הסכמתו כד״ר הרצל בשעתו בדבר מדינה יהודית באוגנדה בסיסמא של „מקלט־לילה״.

המצב עוד יותר גרוע, אם להביא בחשבון את כל הכתוב בעתונות הציונית על האלם הגדול והכבד של ההמונים היהודיים הדוויים וכי רק ב„צמרת״ יש תסיסת־מה, ואין זה מן הנמנע, כי ימצאו תומכים לקריקטורה העלובה — מדינה יהודית ברצועה הצרה של חוף הים התיכון. כל יום של שתיקה קשת־עורף זאת מגדיל עוד ביתר שאת את הסכנה. לשוא מתנחמים בבמת הקונגרס, כשמפעל השקל נתקל בקשיים גדולים, כאשר

לא נעשה דבר, כדי להפעיל את ההמונים, לגייס את כוחם ולמצוא צורות ארגוניות להמוני העובדים והעם, מתאימות לזמננו, אשר תשמשנה חומה בצורה להגנת מפעלנו בא"י.

התכנית לחלוקת הארץ, המוגשת עכשיו באופן שיטתי בצנורות שונים לדעת הקהל, אינה אלא כפי שהתבטא בן־גוריון עצמו: חיסול כל המפעל („דבר", 28.5). לחלק את הארץ לשניים, כלומר, להכיר, כי הבית הלאומי כבר קיים ובזה התגשמה הצהרת בלפור, או אפילו לשמור על המנדט ובו בזמן לקבוע את העליה לא לפי יכולת־הקליטה של הארץ, אלא לפי נקודת־ראות פוליטית — כל זה בסך־הכל או לחוד — פירושו הוא חורבן המטרה העיקרית של הציונות — לרכז את החלק המכסימלי של המוני־העם היהודים בארץ־ישראל.

הצבענו למעלה על הנימוקים הממריצים את אנגליה דוקא כעת לשאוף למטרה הכפולה: במידה האפשרית לפייס את הערבים ובו בזמן באופן מכסימלי לנצל את הישוב היהודי הקיים למטרותיה האימפריאליסטיות במלחמת־העולם העתידה. הפוליטיקה הבריטית גם במקרה זה הולכת במסלולה המסורתי — ראשית כל להפריד בין מתנגדיה האובייקטיביים. שתי מדינות זעירות: יהודית וערבית מהוות בשביל האימפריאליזם האנגלי רע פחות מאשר ארץ־ישראל, השייכת לתושבים בני שני עמים, היכולים למצוא ביניהם שפה משותפת. אבל מה שהוא מובן כל כך והגיוני בשביל המדינאים הקולוניאליים באנגליה, הוא למורת־רוח להסתדרות הציונית, אשר לה נקודות־מוצא אחרות לגמרי. קפלנסקי סובר עכשיו („הפועל־הצעיר" 34־33):

„לדעתי, נכון יותר לחנך את העם העברי והערבי לקראת שלטון פריטטי, מאשר לקראת ,הפרד ומשול' לטובת ממשלת המנדט. אין אנו צריכים לעשות את עצמנו כמכשיר בידי הפוליטיקה הבריטית".

חבל שדברים כגון אלה נאמרים בגילוי לב כזה עכשיו, כשאנו עומדים כבר לפני „נעילה". חבל, שלא נאמרו בכל כוחם במקום, אשר במשך 17 שנים הזניחו הזנחה פושעת כל נסיון להסכם עם המוני העם הערבי. ודאי יותר טוב לחנך את המוני העם היהודי והערבי לרעיון של מולדת אחת ומדינה משותפת, אבל לשם כך היה מן הצורך לכתחילה לנהל פולי־טיקה אחרת לגמרי, ולא לחלום על דומיניון בריטי — כדוגמת הקונצפציה של חיים ארלוזורוב המנוח, לא להציע את ארץ־ישראל היהודית לטובת עניני אנגליה — כפי שכתב במאמרו הארוך ב„דבר" ליבנשטין בחדשי־הדמים של מאורעות אשתקד. אבל לשם זה לא היתה צריכה הרצאתו

של בן־גוריון במועצת ההסתדרות האחרונה לגלות את הטון הפרו־בריטי ולאכזב לא חבר מפא״י אחד. כי לציונות אין עוד אפילו כיום שום תכנית של הסכם עם הערבים, ולו אך לעתיד לבוא, ומאידך גיסא יושב־ראש של הסוכנות היהודית מצהיר בגלוי וללא פירושים:

„אולם לפי שעה מרכז הכובד של מדיניותנו החיצונית היא לא בשטח הערבי, אלא בשטח האנגלי. הקואופרציה האנגלית, או יותר נכון — רכישת עזרת אנגליה היא בתקופה זו קודמת ויותר חשובה מאשר המו״מ שלנו עם הערבים...״

(הפועה״צ 24־23, עמוד 18).

בשמענו כל זאת מפי עסקנים אחראיים, יועם כל זיוה של הכוונה הרצויה של קפלנסקי, הבאה לידי ביטוי מאוחר. עכשיו מרעישים עולמות על חלוקת הארץ, אבל מתעלמים מזה, כי זאת היא אחת הצורות של קואופרציה עם הממשלה האנגלית. אם קיימת שאיפה להסכם עם המוני העם הערבי, הרי יש לראות את הבדלת הסקטור היהודי כאבדן כל תקוה במשך הזמן הקרוב לבוא לידי הסכם אתו. ואם בן־גוריון מכנה את חלוקת הארץ בשם „חיסול הציונות״, הרי הם שני צדדים של המטבע האחת.

דבר אחד ברור לנו: הזרם השולט בציונות, מפא״י, יוצא לקרב עם תכניות פוליטיות מטושטשות מאד. הסתירות, אשר יכלו לדור בכפיפת־שלום אחת בתוך הפעולה היום־יומית מבליטות רק עכשיו את כל גודל סכנתן, כשמן הצורך לגלות את הפרצוף כלפי חוץ. כל הפוליטיקה במשך עשרים השנים האחרונות של אוריינטציה בריטית אחת ויחידה תעמוד עכשיו למשפט ההמונים היהודים במלוא כל העולם. לשוא ירצו לשכנע אותנו בנימוקים של מדינאים מעשיים. 20 שנים של חוסר אוריינטציה עצמאית ושל נשיאת חן בעיני השליט, מן ההכרח שיולידו את ילד־האסון, אשר המילדות פוחדות מפניו עוד לפני היוולדו.

את ה„מדינה״ היהודית יקבלו ברצון המדינאים „הליברליים״, אנשי „המעשה״, הפרדסנים, ספסרי־הקרקעות, והפסולת הלבנטינית בישוב היהודי בארץ. אבל להמוני העובדים זה יהיה נגע ממאיר, אשר לא ירפא כל עוד מכה מבחוץ לא תעקור עם השורש את הפוליטיקה הפושעת ונושאיה, אשר הביאו לידי הסיום הטרגי הזה. העם יודע לשתוק, אבל הוא יודע גם להרים קול צעקה — ואפילו יותר מאשר רוצים מנהיגיו המושבעים.

„דרך הפועל״, 17.6.1937

די לאַגע אין ארץ־ישראל אין איר לעצטער פאַזע

די געשעעניש אין ארץ־ישראל, דער בלוטיקער טעראָר, וואָס דויערט שוין איבער צוויי יאָר צייט, דאָס „מיסטעריעזע" פאַרהאַלטן זיך מצד ענגלאַנד, דאָס אַלץ, וואָס פּייניקט דאָס לאַנד אין משך פון דער גאַנצער צייט, וואָס שטרענגט אָן די נערוון פון גרויסע יידישע מאַסן אין דער וועלט — איז אַריינגעטרעטן אין אַן אַנטשיידנדער פאַזע.

מיר שטייען היינט צו טאָג שוין נישט אַנטקעגן צעוואָרפענע קליינע באַנדעס טעראָריסטן, נאָר פאַר אַ פלאַנמעסיק דורכגעפירטער מיליטערי־שער אַקציע מצד געשולטע און גוט באַוואָפנטע פאַשיסטישע אָפּטיילונגען, אינסטרואירט דורך פאַכמענער, אָרגאַניזירט און באַוואָפנט דורך אַ צענ־טראַלן אַפּאַראַט. ווער ס׳דערמאָנט זיך בלויז די ערשטע סטאַדיעס פון דער אַנטוויקלונג פונעם טעראָר אין ארץ־ישראל, זעט באַשיימפּערלעך, אַז אַ סך האָט זיך ראַדיקאַל געביטן פאַר דער לעצטער צייט. פון פּאָגראָם־אַרטיקע איבערפאַלן אויף שוצלאָזע יידן אין יפו אין דעם טראַגישן טאָג פון 19 אַפּריל 1936, פון פּרימיטיווע פאָרמען פון „נאַציאָנאַלע שטרייקן", פון איינצלנע איבערפאַלן אויף אויטאָבוסן, וואָס קורסירן אויף די וועגן, פון באָמבע־אַטענטאַטן, אונטערצינדונגען א. א. וו. האָבן די לעצטע חדשים געבראַכט מיט זיך אַ ריי איבערפאַלן פון גרעסערע אַראַבישע באַנדעס אויף יידישע פונקטן פון לאַנד: טירת צבי, גבעת עדה, כפר החורש, משמר הירדן און אַנד. דאָ האָט זיך שוין געהאַנדלט וועגן אַ דורכגע־טראַכטן פּלאַן, וואָס האָט געצילט אינגאַנצן צו „ליקווידירן" יידישע פונקטן און אויסמעקן זיי פון דער געאָגראַפישער מאַפּע פון ארץ־ישראל. די דאָזיקע פּרוּוון האָבן זיך נישט איינגעגעבן.

די לעצטע פאַר וואָכן האָבן אָבער באַוויזן נאָך בולטער אַן אַנדער טענדענץ מצד די כנופיות. דער צענטער פון זייער טעטיקייט האָט זיך אַריבערגעטראָגן קיין דרום און די ראַיאָנען פון יפו — תל־אביב און ירושלים. אויב אָבער אין ירושלימער ראַיאָן איז די עיקרדיקע אָפּעַ־ראַציע־באַזע פון די באַנדעס דער שטח צווישן ירושלים ביז חברון, באר־שבע און פון דער אַנדערער זייט יריחו. ד. ה. ריין אַראַבישע געביטן, איז דאָס פאַרלייגן פון די הויפּט־כוחות פון די טעראָריסטן אין יפו — תל־אביבער ראַיאָן געוואָרן אַ דראָענדיקע סכנה פאַר דעם אָמגע־דיכטסטן באַזעצטן יידישן געביט אין לאַנד. די אויסערלעכע קוואַרטאַלן אין תל־אביב, וואָס גרענעצן זיך אוממיטלבאַר מיטן אַראַבישן יפו, ווערן

אַטאַקירט מיט באַדייטנדיקע כוחות פון די טעראָריסטן. ס׳איז דערגאַנגען דערצו, אַז תל־אביב אַליין האָט געמוזט מאָביליזירן אַ צוגאָב־קראַפט, כדי צו שיצן איר׳ע פאַרשטעט.

ס׳איז שוין נישט געבליבן כמעט קיין איין פונקט, ווו די אוממיטל־באַרע געפאַר פון איבערפאַלן זאָל נישט ווערן אַקטועל און דראָענדיק צו יעדער צייט. אויב נאָך ביז נישט לאַנג זענען חניתא און טירת צבי געווען די סימבאָלן פון העלדנמוט פון פאַרטיידיקונגס־קאַמף, האָט זיך איצט חניתא אַראָפגערוקט פון דער צפון־גרענעץ אַראָפּ אין לאַנד און דער גאַנצער ראַיאָן, וועלכער איז באַזעצט דורך יידן, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין איין גרויסער חניתא, וואָס בלוטיקט טאָג איין טאָג אויס אין דעם שווערן געראַנגל פאַר קיום, קעגן דער צעשטערערישער כוואַליע, וואָס האָט זיך פונאַנדערגעגאָסן איבערן לאַנד, קעגן וועלכער עס ווערט זיך העלדיש דער יידישער ישוב.

☆

דער יידישער ישוב איז אָנגעוויזן אויף זיינע אייגענע כוחות. די ענגלישע מאַכט האָט נישט קיין ווילן צו מאַכן אַ סוף צו דער געשאַפענער לאַגע. זי מיידט אויס ווי וויט מעגלעך צו אינטערווענירן אין דעם קאַמף. ס׳פאַסירט זעלטן, אַז מיליטערישע כוחות און קריגס־מכשירים אָנגע־זאַמלטע אין לאַנד, זאָלן ווען ס׳איז אַרויס מיט זייער גאַנצער קראַפט קעגן די טעראָריסטישע באַנדעס. ספּעציעל איז די דאָזיקע פּאָליטיק פון דער ענגלישער מאַכט קלאָר געוואָרן גראַד אין די לעצטע וואָכן, אין דער צייט ווען ס׳איז באַדייטנדיק געוואַקסן די אַקטיוויטעט פון די באַנדעס.

אָפענע איבערפאַלן אויף שטעט ווי שכם, חברון, באר־שבע, דאָס פּראַנק און פרייע אַריינדרינגען אין די שטעט, דאָס פאַרכאַפּן פּאָליציי־וואַכן, געווער, רויב פון געלטער אין די באַנקן, אָדער ווי אין באר־שבע — דאָס פּשוטע איינעמען און פאַרברענען פון אַ רעגירונגס־הויז אין די אויגן פון דער אַראַבישער פּאָליציי — זענען געוואָרן אַן אָפטע דערשיי־נונג. ס׳איז זיך שווער פאַרצושטעלן אַזאַ דערשיינונג, אַפילו אין די איצטיקע שווערע באַדינגונגען, אין וועלכע די מאַכט געפינט זיך. ווער וועט אָבער קענען פאַרשטיין אַזאַ אויסטערלישן פאַל, וועלכער קלינגט ממש ווי אַן אוואַנטוריסטישע מעשהלע, ווי די „אָקופּאַציע״ פון יפו דורך די טעראָריסטן? די צענטראַלע פּאָליציי־וואַך אין יפו ווערט ביינאַכט

איבערפאַלן פון גאַנצע פיר טעראָריסטן. די דאָזיקע פיר „העלדן" באַוויזן די קונץ צו בינדן באַוואָפנטע פּאָליציאַנטן און פאַרכאַפּן 30 ביקסן (!). שלאָפט זיך נאָך דעם יפו רואיק ווייטער. אין די פרימאָרגן־שעהען רייסן זיך אַריין טעראָריסטן אין מאַגיסטראַט פון יפו און רויבן צו 700 פונט. יפו שלאָפט, אַ פּנים, ווייטער. טעראָריסטן הענגען פונאַנדער פּלאַקאַטן אין די שטעט, ווו זיי דערקלערן אויסנאַם־צושטאַנד. ערשט 11 אַזייגער פאַרמיטאָג האָט זיך באַוויזן פּאָליציי און מיליטער אין די גאַסן און די טעראָריסטן זענען געוואָרן פאַריאָגט. צי זענען מיר טאַקע צוגעקומען אין דעם פאַל צו דער גרענעץ פון אוממעגלעכקייט, אַז אַ גרופּע טעראָריסטן זאָל ממש באַהערשן אַ שטאָט אין משך פון לאַנגע שעהן און די מאַכט־אָרגאַנען זאָלן נישט רעאַגירן אויף דעם אַלעם? פונקט ווי מיט אַ מאָל זענען די אַלע פאַרשטייער פון דער מאַכט, וואָס זיצן אין יפו, אַזוי ווי אויסגעשטאָרבן. אָבער די טעראָריסטן באַקומען אַלץ מער אַפּעטיט און שיקן אַריין אַן „אולטימאַטום" צו דעם ענגלישן גאָווערנער פון שטאָט, ער זאָל במחילה צוזאַמען מיטן גאַנצן שטאַב ענגלישע באַאַמטע און זייערע משפחות פאַרלאָזן די שטאָט. קען דערויף דער פאַרשטייער פון דער מעכ־טיקער בריטישער אימפּעריע נישט אַנדערש ענטפערן, ווי אונטערוואַרפן זיך דעם דאָזיקן „אולטימאַטום" און אַנטלויפן מיט דער רעגירונג פון יפו און זיך באַזעצן אין דער דייטשער קאָלאָניע שרונה הינטער תל־אביב.

צענדליקער פראַגעס קענען געשטעלט ווערן דערביי, פראַגעס איינפאַכע, פּשוטע — ווי איז עס מעגלעך? טאָ ווער־זשע אייגנטלעך האָט רעפּרעזענ־טירט ענגלאַנד אין דער שטאָט יפו? און ווי זיצט עס אַ רעגירונג, וואָס האָט אין איר רשות מיליטער מיט אַעראָפּלאַנען,מיט טאַנקען א. א. וו. — ווי זיצט עס אַזאַ מאַכט אין אַזאַ צייט אָן אַ שוץ פון דער ריין אַראַבישער שטאָט יפו?

אָבער אויף אַן ענטפער אויף די דאָזיקע פראַגעס וואַרט שוין ארץ־ישראל מער ווי צוויי יאָר צייט. דאָס פאַרצייַען דעם דאָזיקן ענטפער האָט אָפּגעקאָסט דעם לאַנד און זיינע איינוווינער — סיי יידן, סיי פרידלעכע אַראַבער — הונדערטער אומשולדיקע קרבנות און וואָס לענגער ס'וועט פאַרשלעפּט ווערן די תשובה אויף די אַזוי פאַרשטענדלעכע פראַגעס, וועלן אַלץ ווייטער און ווייטער פאַלן קרבנות, און מענטשן־לעבן וועט בלייבן הפקר אין דעם לאַנד. אַ טעות באַגייען נאָר די, וואָס פּרובירן שטענדיק אַרויסצורוקן די דאָזיקע כלומרשטע „שוואַכקייט" פון דער בריטישער מאַכט אין לאַנד און מיינען באמונה שלמה, אַז קלקיליה און טול־כרם

האָבן טאַקע באַזיגט די בריטישע וועלט־אימפּעריע. ס׳איז אפשר אַ טרייסט פאַר ווּיצלער, אָבער דאָס העלפט זייער ווייניק קלאָר צו מאַכן די פּאַק־טישע לאַגע אין ארץ־ישראל. נישט די פראַגע פון די מעגלעכקייטן צו אונטערדריקן דעם בלוטיקן טעראָר פאָדערט אַן ענטפער, נאָר די גרייט־קייט פון דער מאַכט אַ סוף צו מאַכן צום בלוטיקן שפּיל אין לאַנד. אויב די פּיל־קאָמיסיע האָט פאָרגעלייגט אַ פּלאַן, וועלכער האָט נאָך זיך געפאָ־דערט אַ ספּעציעלע טעכנישע קאָמיסיע און אויב די טעכנישע קאָמיסיע אַרבעט און טראַכט — איז אַ פּנים דאָס אַלץ, וואָס קומט איצט פאָר אין ארץ־ישראל, דער בויטיקער אַקאָמפּאַניאַמענט, וואָס דאַרף באַגלייטן דעם לאַנגן ישוב־הדעת פון דער ענגלישער רעגירונג וועגן דער נאָענטסטער צוקונפט פון ארץ־ישראל. דערפאַר מוז דער גאָווערנער קראָסבי אַנטלויפן פון יפו און מיליטער דאַרף אַנקומען מיט אַ פאַרשפּעטיקונג דאָרטן, ווו מ׳דאַרף עס דרינגענד האָבן. דערפאַר מעגן אַפילו איבער אַ גרויסן טייל פון ארץ־ישראל הערשן די טעראָריסטן, רויבן און משפּטן, שיסן און פסקענען איבער אַראַבישע שטעט און דערפער. זי, די ענגלישע רעגירונג, רעכנט זיך אַפילו נישט דערמיט וואָס צוליב דעם פאַלט איר פּרעסטיזש.

✡

אַוודאי איז דער ישוב דערגאַנגען ביז צו דער העכסטער מאָס פון אָנשטרענגונג. אויב נאָך אַזאַ לאַנגער צייט פון זעלבסט־באַהערשונג און אייזערנער דיסציפּלין האָבן זיך לעצטנס באַוויזן סימנים פון אָפּשוואַכונג ביי קליינע טיילן פון ישוב, וואָס עס האָבן אויפן שענדלעכסטן און ממש פּראָוואָקאַטאָרישן אופן אויסגענוצט די רעוויזיאָניסטן, איז עס נאָר אַ באַווייז, ווי שווער עס איז דווקא איצט איינצוהאַלטן די זעלבע טאַקטיק פון אָפּהיטן דאָס לאַנד פון אַ מלחמה צווישן צוויי פעלקער און זיך באַ־שרענקען אויף דעם בלויזן אָפּשטויסן די איבערפאַלן פון די אַראַבישע פאַשיסטישע באַנדעס. וויפיל אָנשטרענגונג ס׳דאַרף קאָסטן איינצוהאַלטן די אַקטיווע פאַרטיידיקונג דווקא ביי די טאָג־טעגלעכע שווערע קרבנות.

די יידישע אַרבעטערשאַפט פון לאַנד, וועלכע איז די גאַנצע צייט פון דעם בלוטיקן געראַנגל אין די פאָדערשטע פּאָזיציעס פון פאַרטיידיקונגס־קאַמף, די אַרבעטערשאַפט, וועלכע האָט אויסגעטראָגן ביז צו דער לעצטער צייט כמעט אַליין די שווערע קרבנות אין מענטשן און מיטלען, וועט זיך אָבער נישט לאָזן אין דעם אַנטשיידנדיקסטן מאָמענט פּראָוואָצירן דורך

דער אומפּאַראַנטוואָרטלעכער קליקע פון פאַשיסטישע רעוויזיאָניסטן, וואָס האָבן מיט זייער געפּילדער און געשריי וועגן כלומרשטע „גבורות" דער־גרייכט נאָר איינס: צו שטאַרקן די באַנדעס, אויפצוהעצן ווייטערדיקע אַראַבישע קרייזן און געבן דער מאַכט גופא, וואָס דאַרף אַנטשיידן איבער דעם גאָענטסטן שיקזאַל פון לאַנד, אַרגומענטן קעגן דעם יידישן ישוב, וואָס האָבן איר אויסגעפּעלט די גאַנצע צייט פון די געשעענישן. די דרינגנדיקסטע אויפגאַבע פון דער אַרבעטערשאַפט איז אין די דאָזיקע שווערע טעג קודם כל צו באַקעמפן ביז צום סוף די דאָזיקע גיפטיקע רעוויזיאָניסטישע שלאַנג, וואָס האָט גראָד אין דעם געפערלעכסטן מאָמענט אויפגעהויבן דעם קאָפּ הינטער די פּלייצעס פון די, וואָס שטייען אין פייער פון אַפּוועך־קאַמף קעגן די אַראַבישע פאַשיסטישע באַנדעס.

„אַרבעטער־צייטונג", וואַרשע, 16.11.1938

דער יידישער פאַשיזם פאַרסמט דעם ישוב

פון אויסערלעכן אַנגריף צום אינערלעכן טעראָר

ביסלעכווייז, און פון מאָל צו מאָל, אין אַן אַלץ גרעסערער דאָזע, גיסט זיך פונאַנדער אין ישוב דער סם, וואָס האָט אים גישט באַוויזן צו באַ־וועלטיקן אין משך פון דריי יאָר צייט. דריי יאָר צייט האָט דער ישוב מיט רעכט שטאָלצירט מיט זיין מוטיקער האַלטונג קעגן בלוטיקע אַנפאַ־לער און גלייכצייטיק מיט זיין צוריקהאַלטונג לגבי אומשולדיקע, ווען אַפילו זיי געהערן צו דעם פאָלק, וועמענס אָנפירערס האָבן אַרויסגע־שטעלט טעראָריסטישע באַנדעס אין קאַמף קעגן יידן. דער דאָזיקער טיף מענטשלעכער און פּאָליטישער גאַנג און צוגאַנג טאָג־איין טאָג־אויס ווערט איצט אַלץ מער און מער אונטערגעגראָבן. כוחות, וואָס זענען געווען פאַר־יאָגט און פאַרשטעקט אין אַ ווייטן ווינקל פון ישוב האָבן מיט אַמאָל דערשמעקט זייער שעת הכושר. די וווּנדערבאַרע דיסציפּלין, וואָס האָט געהערשט גאַנצע דריי יאָר אין דעם אַזוי גרויזאַם געטראָפענעם ישוב, ווערט לויזער.

דאָס „ווייסבוך" — די הענגענדיקע שווערד פון בריטישן אימפּעריאַ־ליזם איבער דער האָפענונג פון דורות און איבער דעם גרויסן אויפטו פון צענדליקער יאָרן — גיט דערצו דעם געוווּנטשענעם פּתחון־פה. וואָס

שווערער און דריקנדיקער עס ווערט די מאַסע, אַלץ גרינגער ווערט צו פאַרגעסן דעם הויכן שטאָפּל פונעם קאַמף, וואָס דער ישוב האָט געפירט און אַלץ אָפּענער ווערט דער באַרג־אַראָפּ צום אָפּגרונט פון טעראָריסטישן שגעון. מען מיינט צו ענטפערן דעם טעראָר פון דעם מופטיס באַנדעס און פון די אימפּעריאַליסטישע גזירות, אין דער אמתן גיט מען בלויז נאָך — דער אייגענער שוואַכקייט און דעם מאַנגל פון אַ פּאָליטישן וועג.

פאַר טעראָריסטישע טאַטן איז גענוג אַ קליינע גרופּע צוגעגרייטע און געשולטע אויספירערס. פאַר אַ רעזשים פון טעראָר איז נייטיק מער: די מאַסע מוז דערצויגן ווערן צו זען אין די טעראָר־אַקטן אַ נאָרמאַלן באַשטאַנד־טייל פונעם לעבנס־שטייגער. און דערצו איז נייטיק די פּראָ־וואָקאַציע פון דעמאָנסטראַטיוון כאַראַקטער. דער מענטש פון גאַס מוז עס הערן און זען — ער ווירקט אויף אים שטאַרקער, ווי יענע געדרוקטע פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע בעל־פּה.

די פאַר וואָכן נאָכן ווייסבוך, ווען די אָנפירונג פונעם ישוב האָט אים געלאָזן אויף הפקר־באַראַט, אָן אַ וואָרט פון אויפקלערונג, זענען די פאַסיקסטע צייט פאַר אַזאַ מין דערציִונגס־אַרבעט.

יאָרן האָט מען גערעדט וועגן ווילדע, פאַנאַטישע מדבר־מענטשן, וואָס מאָרדן און צינדן אָן פאַרדאָן, און אַט האָט זיך אַנטפּלעקט אַזאַ שבט אין יידישן ישוב גופא — אונדזערע אייגענע „בני־המדבר״, וואָס האָבן איבערגענומען די תורה פון מופטיס באַנדעס. עס איז אַרויס אויפן גאַס די פאַשיסטישע חיה, וואָס שטורעמט מיט אַלץ אַ גרעסערער חוצפּה די פּאָזיציעס פון ישוב און זי האָט זיך אָפּגעלערנט פון צוויי אַנגעזעענע רביים אין דער היינטיקער וועלט — די פּאָליטיק ביי דער בלוטיקער היטלער־דיקטאַטור און די סטראַטעגיע ביי די פאַשיסטישע באַנדעס פונעם מופטי.

תל־אביב און ירושלים זענען די פאַסיקסטע ערטער פאַר אַזאַ מאַסן־דערציִונג. די פּאָליטישע אַקציע גייט מיט אַ פאַרביטענעם טעמפּאָ. דאָ נוצט מען אויס די זייטיקע שותפים אויף צו מאַכן שטימונג און אַרייג־טראָגן אַ צעטומלעניש אין די קעפּ פונעם מענטשן אין גאַס. ווארום אַלץ גייט דאָך צוליב איר, צוליב דער גאַס: נישט די אָרגאַניזירטע טיילן מיינט דער רעוויזיאָניסטישער פאַשיזם צו צעברעכן אין דער ערשטער ריי. זיי וועט ער שפּעטער קענען דערדריקן מיט אַ ברוטאַלער פויסט. פאַר דער גאַס דאַרף געפונען ווערן דער שולדיקער אין דעם מוראדיקן קלאַפּ, וואָס קומט פון דרויסן, מצד ענגלאַנד. קודם כל דער הויפּט־שונא — די

ביז־איצטיקע רעדלפירערס, אַלע אויטאָריטעטן מוזן אַראָפּגעריסן ווערן. ווער נויטיקט זיך אין זיי, בעת מען גייט דעראָבערן די גאַס?! די רע־אַקציאָנער־בירגערלעכע פּרעסע שטורעמט און העלפט צו — איז אַוודאי גוט! דער „הבוקר" פאַרלאַנגט די דעמיסיע פון דער סוכנות און אויפ־שטעלן אַ „נאַציאָנאַלן רעטונגס־קאָמיטעט". הויבט מען עס אויף אויף די ווילעס און מען צעטראָגט עס איבער אַלע ווינקעלעך. אמת, שוין אין דעם שטעקט די ערשטע גראָבע פעלשונג. די רעוויזיאָניסטן פאַרלאַנגען קאַמף קעגן דער רעגירונג און די באַלעבאַטים פון „הבוקר" האָבן מורא פאַר דעם, ווי אַ שד פאַר ווייַרויך. אָבער דער טעמפּער קאָפּ אין גאַס ווערט זיך נישט כאַפּן. דאַרף מען קלאַפּן שטאַרקער אויף דעם. אַ געמיש פון לאָזונגען און מענטשן, אַ תוהו ובוהו אין די פאָדערונגען — אַלץ בעסער פאַר דער „זאַך".

דער אַלטער פּראָפעסאָר יעלין ווערט געשטעלט אין שפּיץ פון די, וואָס פאָדערן די דעמיסיע פון דער סוכנות. זייער אַ בכבודיקע פּערזאָן — דאַרף מען אים אויסנוצן. איי דער זעלבער פּראָפעסאָר יעלין איז אויך אַן אַנטשידענער קעגנער פון טעראָר און אַן אַנהענגער פון יידיש־אַראַבישער פאַרשטענדיקונג — ווערט עס די „מאַסע" סיי ווי נישט וויסן. זענען פאַראַן מענטשן, און אפילו גאַנץ בכבודיקע, וואָס לאָזן זיך אויסנוצן פאַר דעם דאָזיקן רעאַקציאָנער־שמוציקן שטיקל אַרבעט. איז עס זייער זאַך און זייער מפּלה, — דעם קעמפערישן רעוויזיאָניזם איז עס נאָר צו אַ ברכה!

נאָר דאָס זענען ענינים פון „הויך־פּאָליטיק". דאָס באַלעבעסל, די פאַרבלענדעטע יוגנט זענען ווייט פון דעם. דאָ זענען גויטיק פּרימיטיווערע מיטלען. און ס׳הייבט זיך אָן דער טעראָריסטישער קאַרנאַוואַל. די גאַנצע שטאָט דאַרף פילן, אַז עמעצער „זאָרגט" פאַר איר, עמעצער שלאָפט נישט אין די נעכט און נעמט זיך אָן דעם כבוד פון דער באַשווינדלטער אומה. צי ווערט עס דערשיטערן די מעכטיקע בריטישע אימפּעריע? צי ווערט עס ברענגען צו דער באַזייטיקונג פונעם „ווייסבוך"? ווער שטעלט אַזעלכע פראַגעס? וועמען אינטערעסירט עס אַצינד?! דער עיקר — די קנאַלנדיקע טאַט!

מען מוז איבעררעאַשן תל־אביב. די שטאָט איז יידיש און די מלוכה איז דאָ פאַרטרעטן דורך עטלעכע ביוראָ־לאָקאַלן, דורך אַ פּאָסט און טעלעפאָן־קאַבלען — דאַרף מען עס צעשטערן! און צום צווייטן מאָל הערט די גרויסע שלאָפנדיקע שטאָט פּלוצעם אין דער טיפער נאַכט

אויפרייסן. דער רעזולטאַט — איבערגעריסענע טעלעפאָן־בודקעס און קאַבלען. צו ווייניק, וואָס? אָבער דערפאַר איז עס אַ דערציונגס־לעקציע פאַר אַ גאַנצער שטאַט.

טעראָריסטישע אָנפאַלן אויף אַראַבער־יחידים, פּראָוואָצירנדיקע אויפ־רייסן פון באָמבעס, ווו ס׳קענען פאַלן אַ סך קרבנות, אַן איבערפאַל אין אַן אַראַביש דאָרף אויף שלאָפנדיקע מענטשן — דאָס איז די ערשטע גבורה פון „נאַציאָנאַלע העלדן״. אָבער דאָס אַראַבישע דאָרף איז ווייט. העכסטנס קען נאָר כפר־סבא דערפילן...

דאַכט זיך איין דערשאָסענער אַראַבער, גאַנצע זעקס פאַררויכערטע טעלעפאָן־בודקעס, אָבער וואָס גייט דערנאָך? תל־אביב ווערט אָפּגעשלאָסן דורך דער מאַכט אויף גאַנצע צוויי טעג. נישט אַריין און נישט אַרויס. די קאָמוניקאַציע איבערגעריסן, די פאַרזאָרגונג פון אַ גרויסער שטאָט געשטערט, די ווירטשאַפט שפּירט עס. דער גורל פון 150 טויזנט נפשות ווערט געהאַלטן אין די הענט פון אַ קליינער גרופּע. און דאָס איז דער עיקר! די ערשטע שטאַפּלען פון אַ מאַסן־דערציונג זענען דערמיט געשאַפן.

דער מענטש פון המון הויבט אָן צו פילן צום ערשטן מאָל די קראַפט, וואָס קען באַאיינפלוסן זיין טאָג־טעגלעך לעבן. ער קען זיך אָנהויבן בוקן פאַר איר, ווי דער פּריוואַטער מענטש, וואָס האָט פאַרטייטשט דעם דונער פאַר דעם שטראָפנדיקן גאָט. אָנשטאָט דיסציפּלין און צוריק־האַלטונג, וואָס זענען געווען גילטיק ביז איצט, קען קומען די שכינה פון דער געהיימער נאַציאָנאַלער קראַפט, וואָס קעמפט קעגן דעם שונא אין דרויסן און ווען־עס האָט קען אויך שטראָפן די ווידערשפּעניקע אינע־ווייניק.

אַלץ מוז קומען פון דער זעלבער „שטראָפנדיקער האַנט״. ווער עס קען נאָך צווייפלען — פאַר דעם ווערן אין אַ געדרוקטן „באַריכט״ איבער־געציילט אַלע „גבורות״ אויפן „אויסערלעכן״ פראָנט — אַראַבער און ענגלענדער.

און עס קומט אויך דער פאַשיסטישער „מוסר־השכל״: די זעלבע „נאַציאָנאַלע קראַפט״ וועט אויך שטראָפן די אַלע, וועלכע וועלן זיך נישט אונטערוואַרפן אירע באַפעלן אינעווייניק. דער געהיימער ראַדיאָ מעלדעט וועגן אויסגעפירטע „אַרבעטן״ פונעם „נאַציאָנאַלן מיליטער״: „די און די פלוגה האָט אויסגעפירט דעם אורטייל איבער דעם פאַררעטער דעם און דעם אין ירושלים״.

אַלץ אויסגערעכנט אויפן עולם גולם, אויף וועמען עס זאָל אַראָפּפאַלן דער פּחד פאַר דער „גרויסער קראַפט". דער זעלבער פּחד, וואָס האָט די מאַסן אַרומגעכאַפּט אין אַלע פאַשיסטישע לענדער, בעת זיי זענען געשטאַנען פּנים אל פּנים מיט אַ קראַפט, וואָס איז „פּעיק אויף אַלץ".

זי בושעוועט דערוויל, די דאָזיקע חיה, אומגעשטערט. ווער עס דעקט זי, און ווער עס פאַרשווייגט זי און פאַרלייגט זי מיט גאַרנישט זאָגנדיקע ווערטער.

דער גרויסער כוח פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטערשאַפט אין לאַנד איז אַזוי ווי פאַראַליזירט דערוויל. נישט ער באַקומט די נויטיקע דערציונג און נישט עס ווערט אים געשטעלט נאָענט פאַר די אויגן דער באַוווסטזיין פון נויטיקן קאַמף שוין איצט, ביים אָנהויב פון דער גרויסער פּעסט, קעגן דעם פאַשיסטישן אָרגאַניזירטן אַוואַנגאַרד פון דער יידישער בורזשואַזיע, וואָס גייט אין אַ צייט פון אויסערלעכער געפאַר פאַרפעסטיקן איר הערשאַפט אין ישוב.

עס איז די העכסטע צייט, די אַרבעטערשאַפט זאָל זיך אומקוקן און אויפנעמען אַ ממשותדיקן קאַמף קעגן אָט די געפאַרן. קודם־כל דורך אייגענעם קאַמף קעגן דער ווייסבוך־פּאָליטיק, און צוגלייך דערמיט קעגן רעוויזיאָניסטישן טעראָר גופא. דערצו מוז מען זיך גרייטן באַצייטנס.

„נייוועלט", 16.6.1939

די יידישע בורזשואַזיע בלייבט זיך טריי

שווערע דריקנדיקע טעג פון דער „ווייסבוך"־ווירקלעכקייט... קוים געציילטע וואָכן זענען פאַרביי, זייט די בריטישע רעגירונג האָט אין אירע אימפּעריאַליסטישע אינטערעסן באַשלאָסן צו לאָזן אויף הפקר דעם יידישן ישוב אין ארץ־ישראל און פאַרשליסן דעם וועג פאַר זיין ווייטערדיקן וווקס.

ס׳קומט פאַר אַן אומגלייכער קאַמף פון בלאָנדזשענדיקע שיפן, אָנגעלאָדענע מיט גערודפטע פליטים, קעגן אַ גרויסער מעכטיקער מאַשין פון אַ וועלט־אימפּעריע. נאָך קיינמאָל האָט די בריטישע אימפּעריע נישט אַרויסגעוויזן אַזאַ פלינקייט און ענערגיע ביים דורכפירן אַ נייע פּאָליטיק,

ווי דאָס מאָל. צוויי עמפּינדלעכסטע פּונקטן פאַרמאָגט דער ארץ־ישראל־דיקער ישוב: באַדן און עליה. פאַר די געציילטע וואָכן האָט זיך די מעכטיקע מאַשין אַרויפגעלייגט מיט איר גאַנצע משא אויףביידע פּונקטן: איין פולמאַכט באַגרענעצט און שטעלט אָפּ פאַקטיש דעם איינקויף פון באַדן, די לעצטע דערקלערונג פון מיניסטער מאַקדאָנאַלד — ליקווידירט די עליה אויף דעם נאָענטסטן האַלבן יאָר!

מיר שטייען ערב דעם קאָנגרעס. די פּרע־פּאַלעסטינישע באַוועגונג איז צוגעקומען צו דעם טראַגישסטן קנויל פון סתירות אין איר געשיכטע. נאָך קיינמאָל איז אַזוי דרינגענד און לעבנסוויכטיק נישט געווען די איינ־וואַנדערונג און קאָלאָניזאַציע פון גערודפטע יידישע מאַסן, וואָס ווערן געטריבן פון פאַשיסטישן גיהנום קיין ארץ־ישראל, אָבער פון דער אַנדערער זייט איז נאָך קיינמאָל נישט געשטאַנען אונטער אַזאַ געפאַר די מעגלעכקייט צו לינדערן די שרעקלעכע נויט, ווי דוקא אין די היינטיקע צייטן.

עס איז נישט קיין מליצה, בעת מען זאָגט, אַז דער נאָענטסטער קאָנגרעס וועט זיין אַנטשיידנדיק פאַר דעם גורל פונעם ציוניזם. ער קען מיט זיך פאַרשטעלן דעם קאָנגרעס פון אַ פייערלעכער און טראַגישער לויה פון אַן אויף שטענדיק אַוועקגעגאַנגענע תקופה. ער קאָן אָבער אויך געפינען אין זיך די כוחות, וואָס זאָלן האָבן דעם גרויסן מוט אָפּצושליסן אַ תקופה פון פעלערן און אויסגערונענע אילוזיעס און אַרויפגיין אויף נייע וועגן. דער קאָנגרעס קאָן באַדייטן דעם רענעסאַנס פון דעם פּאַלעס־טיניזם. ער קאָן אָבער אויך גיין אויפן וועג פון ירידה, ביים וועלן זיך אָנהאַלטן אָן אַלטע שמות און ביי די פּרוּוון זיי ווידער צו באַלעבן.

☆

די אַלע, וואָס האָבן געגלויבט אין דער אחדות פון פאָלק, אין דעם איינהייטלעכן קאַמף פון אָרעם און רייך, פון אונטערנעמער און אַרבעטער, פון וועלטלעכע יידן און שוואַרצן קלער, זיי אַלע זענען געוואָרן איבערראַשט. ווי שיין און ראַזיק האָבן זיי, די אחדות־פריידיקער, אויסגעמאָלט די גורל־טעג פונעם קאַמף קעגן „ווייס־בוך״ און דער געפאַר פון אונטערגראָבן דאָס גרויסע אַרבעטס־ווערק אין ארץ־ישראל. געשלאָסן האָט דאָס „גאַנצע פאָלק״ באַדאַרפט אַרויסגיין אין אַנטשיידונגס־קאַמף קעגן דעם פאַרראַט פון אַמאָליקן „גוטן פריינד״ — דעם בריטישן אימפּעריאַליזם. און אָט זענען אַריבער וואָכן פון שפּאַנונג און דערוואַרטונג, און אַנשטאָט זיך

איינצושליסן אין „געשלאָסענעם פראָנט" פון די אחדות־פּרעדיקער האָט פלוצעם די ארץ־ישראלדיקער יידישער בורזשואַזיע אָנגעהויבן רעדן מיט איר אייגענער שפּראַך: „ווייסבוך" איז טאַקע אַ גרויסער קלאַפּ, אָבער ווי איז דען מעגלעך אַ קאַמף קעגן אים, אַז איבער דעם ישוב הענגט גאָר אַ „רויטבוך" פון דער אַרבעטערשאַפט?! דאַרף מען טאַקע קודם־כל אָפּשאַפן דאָס „ווייסבוך" וועט מען זיך נעמען צום „ווייסבוך".

אַזוי האָט מיטאַמאָל, ווי אויף אַ באַפעל אָנגעהויבן אויסשרייען אַ משונהדיקער כאָר פון קולות אין ישוב, פּרדסנים פון די רייכע באַיאַרעס, הויז־באַזיצער פון די שטעט, פאַבריקאַנטן און געלטזעק. זיי צו הילף, ווי תּמיד, די שוואַרצע מאה פון פרומאַקעס און כלי־קודש, אַלע אין איינעם — אַ סוף צו דער דיקטאַטור פון די לינקע! מען גרייפט אָן פוןביידע זייטן: די מעסיקע בורזשואַזיע אַטאַקירט די סאָציאַלע דערגריי־כונגען פון דער אַרבעטערשאַפט און איר פּאָליטישע השפּעה אין ישוב. די רעוויזיאָניסטיש־פאַשיסטישע ווילדע חיה העצט אויף איר שטייגער און שלעפּט אַרויס די „נאַציאָנאַלע" מאַמעמנטן: די „לינקע" האָבן, הייסט עס, „פאַרראַטן דעם ציוניזם", זיך פאַרקויפט ענגלאַנד, דעם בריטישן מאַכט־האָבער — מען מוז פאַרניכטן די „פאַררעטער" פון לינקס! די מעסיקע, סאָלידע בורזשואַזיע דריקט די לוינען, באַרויבט וואַלרעכט, בלאָקירט די דעמאָקראַטישע אָרגאַנען מיט פאָדערונגען וועגן אָן אויסערגעוויינלעכן, אין תּוך דיקטאַטאָרישן, רעזשים. דער פאַשיסטישער אַוואַנגאַרד פון דער זעלבער סאָלידער בורזשואַזיע גייט מיט זיינע וועגן — פון מאָרד און טעראָר־אַקטן קעגן אומשולדיקע אַראַבער, פון איבערפאַלן אויף אַרבעטער־לאָקאַלן און בלוטיקע פּראָוואָקאַציעס. מעגן די צוויי אָנגעוויזענע וועגן זיין פאַרשיידן — זיי האָבן אָבער איין צילברעט און דאָס איז די אַרבע־טערשאַפט און איר מאַכט אין ישוב!

אָט אַזוי האָט די „נאַציאָנאַלע" ציוניסטישע רעאַקציע געענטפערט אויף דער פאָדערונג פון קאַמף קעגן „ווייסבוך". זייער לאָזונג איז — קודם כל דערליידיקן די „רויטע" געפאַר — וועט מען זיך דערנאָך אַן עצה געבן מיטן „ווייסן" שרעק!

באַראָכאָוו האָט מיט דרייסיק יאָר צוריק געשריבן וועגן דער „אַנטי־ציוניסטישער קאָנצענטראַציע" פון דער גרויס־בורזשואַזיע, אַסימילירטער אינטעליגענץ און די בונדיסטיש־געשטימטע אַרבעטער אין די גלות־לענדער. ווי ווייט זענען מיר אַוועק פון יענע צייטן. היינט שטייען מיר פאַרן פאַקט, אַז עס האָט זיך געשאַפן אַ צווייטע אַנטיציוניסטישע קאָנ־

צענטראַציע. אָבער נישט אין גלות, נאָר דווקא אין ארץ־ישראל גופא. די יידישע בורזשואַזיע, אין ארץ־ישראל, קעמפט אין די איצטיקע ערנסטע טעג נישט קעגן ענגלאַנד, נאָר קעגן דער אַרבעטערשאַפט, זי איז גרייט צו קאַפּיטולירן פאַרן „ווייסבוך״ פאַרן פּרייז פון פאַרשטאַרקן אירע מאַכט־פּאָזיציעס און זיכערן אירע פּראָפיט־אינטערעסן אין יידישן ישוב אין ארץ־ישראל.

דער חשבון פון דער ארץ־ישראלדיקער יידישער בורזשואַזיע איז אַ פּשוטער: זי פּרוּווט אויסנוצן די ערנסטע צייט, כדי צו באַפעסטיקן איר קלאַסן־פּאָזיציע, דערפאַר טאַקע איז באַזונדערס גרויס די אחריות, וואָס ליגט אין איצטיקן מאָמענט אויף דער ארץ־ישראלדיקער יידישער אַרבע־טערשאַפט.

דער ציוניסטישער קאָנגרעס, וואָס ווערט געעפנט אין די נאָענטסטע טעג וועט האָבן צו טאָן נישט בלויז מיטן „ווייסבוך״ און דעם קאַמף קעגן די ענגלישע גזירות. די ציוניסטישע בורזשואַזיע וועט אויף זיין סדר־היום אַוועקשטעלן אויפן שפּיץ פון מעסער די פראַגע פון איר מאַכט־פּאָזיציע אין ארץ־ישראלדיקן ישוב און אין ציוניזם.

צום ערשטן מאָל וועלן צום ציוניסטישן קאָנגרעס קומען איצט פאַר־שטייער פון דער קלאַסנבאַוווסטזיניקער יידישער אַרבעטערשאַפט, וואָס גיט זיך אָפּ אַ חשבון וועגן דער צביעות פון די בורזשואַזע נאַציאָנאַלע איינהייטס־לאָזונגען. אויף זיי, אויף די פאַרשטייער פון פּועלי־ציון, וועט פאַלן די אויפגאַבע צו דעמאַסקירן די ענגע קלאַסן־צילן פון דער ציוניס־טישער בורזשואַזיע, וועלכע באַווייזט איצט דורך אירע מעשים אין ארץ־ישראל, אַז זי ווערט פאַרוואַנדלט אונטערן דרוק פון אירע קלאַסן־אינטערעסן אין אַן אָפּענעם אַנטי־ציוניסטישן פאַקטאָר, וועלכער פאַר־דעקט מער נישט זיינע קלאַסן־שטרעבונגען מיט אַ נאַציאָנאַלן פייגנבלאַט, נאָר ברעכט אָפן און ציניש דאָס וואָס ער רופט אַליין אַן נאַציאָנאַלע דיסציפּלין און נאַציאָנאַלע אחריות!

דער קאַמף קעגן דער ציוניסטישער בורזשואַזיע, וועט אויפן נאָענטסטן ציוניסטישן קאָנגרעס מוזן געפירט ווערן נישט נאָר פון סאָציאַלן און פּאָליטישן שטאַנדפּונקט, נאָר אויך פון אַלגעמיין־נאַציאָנאַלן — ווי אַ קאַמף קעגן מאָרגנדיקע ליקווידאַטאָרן פון פּאַלעסטיניזם און קאַפּיטולאַנטן פאַרן ענגלישן אימפּעריאַליזם!

„אַרבעטער־צייטונג״, וואַרשע, 11.8.1939

טראַגישע אילוזיעס

„יידן, זאָלן מיר ווידער אָנהייבן צו שרייען און געוואַלדעוון!" — דאָס איז דער רוף פון דער פּרעסע און פון אַלע עפנטלעכע זיצונגען און באַראַטונגען, וואָס זענען לעצטנס פאָרגעקומען.

נאָך דעם גרויסן שטורעם פון דעצעמבער 1942 האָט מען דערגרייכט די דעקלאַראַציע פון די פאַרבינדעטע מלוכות וועגן דעם מאַסן־מאָרד פון צונויפגעבראַכטע פון אַלע עקן פון נאַציש אייראָפּע — יידן קיין פּוילן. אַוודאי איז עס געווען אַ דערגרייכונג. די גרויסע מלוכות האָבן גע־שטעמפּלט מיט די שאַרפסטע ווערטער דאָס פאַרברעכן פון די נאַצי־מערדער און עס איז די לעצטע צוגעזאָגט געוואָרן די פאַרדינטע שטראָף נאָך דער מלחמה.

עס איז נישט געווען קיין דראָונג און אויך נישט קיין ווענדונג וועגן אַרויסלאָזן, לכל הפחות, נישט־אַרבעטס־פעיקע עלעמענטן פון די נאַצישע נעגל — עס איז געווען בלויז אַ טרייסט־וואָרט אין דער מאָוויִמדיקער צייט און אַ רייניוואַשן זיך פונעם אייגענעם געוויסן. ווער עס האָט געלייגט צו גרויסע האָפענונגען, אַז דער ענין וועט זיך אַ ריר טאָן פון אָרט — פאַר אָט די אומפאַרבעסערלעכע גלויביקע און יושרדיקע מענטשן און אין אַן עפנטלעכער מיינונג, וואָס וואַקסט אויס אין זייערע אויגן אין אַ דעצידירנדיקער מאַכט — פאַר אָט די אַלע איז געקומען בערמודאַ. דער ענין איז ווידער צוגעקלאַפּט געוואָרן אין תהום פון די יעניקע, וואָס קענען העלפן ראַטעווען און איז געבליבן פריי צו באַהאַנדלען נאָר ביי דער צעשראָקענער און צעבראָכענער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט און די „פרייע דעמאָקראַטישע" לענדער.

און אָט זענען אָנגעקומען די בשורות פון די געטאָס וועגן דער פאַר־טיידיקונג פון די רעשטלעך יידן, וועגן גבורה און יאוש, וועגן מעשים, וועלכע האָבן אָט די יידן פון דער „קופּע מיסט" געמאַכט איבער נאַכט פאַר די גרעסטע העלדן אין דער דאָזיקער מלחמה. אויך אין די שמאָלע פינצטערע געטאָס האָט מען געוואָרט לאַנג אויף אַ ישועה, אויך דאָרט האָט מען ממש אין לעצטן מאָמענט פאַרשטאַנען, אַז ס'איז נאָר געבליבן איינס אין דער דאָזיקער וועלט — צו שטיין מיט געווער אין האַנט אַפילו פאַרן פרייז פון אייגענעם אומקום. איצט מעלדט שוין דער אומלעגאַלער פּוילישער ראַדיאָ, אַז די לעצטע רעשטלעך זענען שוין אויסגעגאַנגען און טיילווייז אַריינגעקראָכן נאָך טיפער אין דעם אונטערערד.

אַזוי האָבן געקעמפט די איינציקע פּאַרטיזאַנער אין דער דאָזיקער מלחמה, די אויסדערוויילטע פון אַלע פעלקער, וואָס האָבן זיך פאַרבאַריקאַדירט אין וואַרשעווער הייזער, וויסנדיק, אַז אין דעם מאָמענט קלאָגט מיט מיט זיי אַ גרויסע יידישע וועלט, צעזייט איבער שבעה ימים, אָבער וועלכע זאָרגט נישט פאַר זיי, ווי פאַר אַלע אַנדערע פּאַרטיזאַנער, — נישט קיין מלוכה און נישט קיין אַרמיי. און עראָפּלאַנען ברענגען נישט קיין אַמוניציע און געווער. אין די דאָזיקע גורל־שווערע טעג און נעכט איז געזעסן די... בערמודא־קאָנפערענץ און האָט געמאַכט קליינע סוחרישע חשבונות פון וויזעס און פּליטים, פון קעמפּס און שיפן, וועלכע מען קען נישט שאַפן און נישט געבן און נישט שטעלן אין רשות פון היטלערס קרבנות.

עס זענען געגעבן געוואָרן דער יידישער אַגענץ אין אָנהויב יאָר 5000 סערטיפיקאַטן און עס איז צוגעזאָגט געוואָרן צו שטעלן אין רשות די איבעריקע 29 טויזנט סערטיפיקאַטן, וואָס קומען נאָך אַרויס פון דעם „גרויסן געשעפט" — פונעם „ווייסבוך". און דאָס, דער עיקר פאַר יידישע קינדער פון די נאַצי־לענדער מיט אַ ביסל דערוואַקסענע. האָט מען מיט דעם באַרוהיקט די „עפנטלעכע מיינונג" אין ענגלאַנד, און אַז פון דער יידישער זייט איז געקומען דער גרויסער וירגזון — האָט מען שנעל אָפּגעענטפערט, אַז לויטן „ווייסבוך" קען מען נישט אַנדערש, און דער דאָזיקער שולחן־ערוך בלייבט אין קראַפט.

עס איז שוין באַלד אַריבער אַ האַלב יאָר און פאַר דער צייט זענען אָנגעקומען גאַנצע 250 קינדער און דערוואַקסענע פון די נאַצישע לענדער קיין ארץ־ישראל. צו וואָס שטעלן די נאַיווע פראַגע: „פאַרוואָס איז דאָס געשען?" עס פעלן אויס שיפן, זאָגן די פאַרזאָרגער פון צדק און יושר. ס'איז אַ מלחמה אין דער וועלט. קען מען, פאַרשטענדלעך, קיין שיפן נישט שאַפן פאַר פּליטים. אין דער מלחמה האָט מען אַריבערגעפירט די איטאַליענישע באַפעלקערונג פון אַביסיניע און עריטרעא קיין איטאַליע און שיפן האָבן געבראַכט לעבנס־מיטלען קיין גריכנלאַנד און אין פראַנקאָס שפּאַניע, וואָס ווערט פאַרזאָרגט מיט עסנוואַרג, סחורות, געבראַכטע פון אַמעריקע אויף שיפן, אָבער פאַר די יידישע פּליטים פעלן אויס שיפן און אַ פאַרוואָס!

קומט איצט אָן אַ נייע כוואַליע פון אילוזיעס, און שוין קלינגען סיי דאָ ביי אונדז, סיי אין ענגלאַנד און אין אַמעריקע די גלעקער פון די גלויביקע חסידים: „זאָלן מיר שרייען, און אין דער גרויסער וועלט, וועט אונדזער

שטים דערהערט ווערן". אַ גאַנצע ריי האָפענונגען: אינגיכן דאַרף פאַר־קומען אַ דעבאַטע אין ענגלישן פּאַרלאַמענט וועגן דעם אויסגאַנג פון דער בערמודע־קאָנפערענץ. געציילטע דעפּוטאַטן האָבן גענומען ערנסט די זאַך און וועלן נישט זשאַלעווען קיין ביטערערע ווערטער אויפן חשבון פון דער רעגירונג און די רעגירונג, וועט זיך פאַרטיידיקן און וועט צונויפ־ברענגען אַ לאַנגן חשבון פון שוועריקייטן, פון אוממעגלעכקייטן מעגלעך צו מאַכן דאָס עצם ראַטעווען די יידישע קרבנות. מיר געדענקען נאָך אַלע דעם שטורעם אין פּאַרלאַמענט בעת דער באַהאַנדלונג פון „ווייסבוך", וואָס האָט שיער נישט געבראַכט צו אַ קאַבינעט־קריזיס. אָבער דאָך איז אַלץ אַריבער און די ציילן פון דער בריטישער אימפּעריע האָבן זיך נישט אַ טרייסל געטאָן. אָט אַפּעלירט איצט האַראָלד לאַסקי צום פּרעזידענט רוזוועלט, ער זאָל משפּיע זיין אויף טשערטשילן זיך פּאַראינטערעסירן אַ ביסל מיט סאָציאַלע פּראָגעס אויף נאָך דער מלחמה. און לאַסקי פאַרקלאָגט זיך פאַר רוזוועלטן, אַז כּידוע, איז טשערטשיל אַריינגעטאָן בלויז אין דער מלחמה־אָנפירונג און וויל פון קיין זאַך מער נישט וויסן. וועלן יידישע קרבנות פון פּוילן און רומעניע מער משפּיע זיין אויף טשערטשילן, ווי די יוירונג פון ענגלישע אַרבעטער, וועמענס הילף און אָנשטרענג ער דאַרף אַזוי נייטיק האָבן פאַר דער דאָזיקער מלחמה?!

צו וואָס שטעלן די פּראָגעס און זייען אילוזיעס? אויף דער בריטישער פּאַרלאַמענט וועט זאָגן אַ טרייסטוואָרט — אפשר נאָך וואַרעמער, ווי די אָפיציעלע רעגירונגס־דעקלאַראַציע. צי וועט עס אָפּשוואַכן אויף אַ האָר דעם עצם פאַקט — די איזאָלירונג פון אַלץ, וואָס טראָגט אויף זיך אַ יידישן שטעמפּל?

און נאָך אַן אילוזיע. דאָסמאָל ווייטיקלעכער, ווייל זי איז געבונדן מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג. אין אַ חודש אַרום קומט זיך צונויף די קאָנפערענץ פון דער לייבאָר־פּאַרטיי. צו איר וועלן זיין געווענדט דער רוף פון דער הסתדרות און פון אַ סך יידישע אַרבעטער און אַלגעמיינע אָרגאַניזאַציעס סיי אין ענגלאַנד און סיי אין אַמעריקע. מיר קענען דערוואַרטן, אַז אויף דער קאָנפערענץ וועלן געזאָגט ווערן נישט קיין מליצות און פייערלעכע הבטחות, נאָר עס וועט דערהערט ווערן אפשר אַ נענטערער בת־קול, וועלכער וועט טיילווייז קענען אַרויס־ברענגען אונדזערע פּיין אוןליידן. אָבער צי וועט די לייבאָר־פּאַרטיי קענען ממשותדיק ווירקן? עס איז דאָך באַקאַנט, ווי עס האַלט מיט דער לייבאָר־פּאַרטיי אין דער איצטיקער מלחמה. די וועלט ווייס שוין פון

לאַנג, אַז סיי די אַנפירונג איז נישט דערוואַקסן צו דער גרויסער צייט און סיי די עצם לאַגע פון דער לייבאָר־פּאַרטיי אין דער רעגירונג איז נישט מקנא צו זיין. די קאָנסערוואַטיווע רעגירונג פון טשערטשילן ווייס אַרויפצולייגן אויף די לייבאָריסטן די אחריות פאַרן שלום־בית, פאַר אינערלעכע ענינים, אָבער נישט די אַרבעטער זענען עס די וועלכע באַשטימען פראַגעס פון אויסלענדישער פּאָליטיק און פון מלחמה־אָנפירונג.

צי איז נישט ריכטיקער אָפּצושאַצן אָביעקטיוו ווי עס איז די לאַגע און נישט לייגן האָפענונגען, אַז פון דער זייט וועט קומען די הילף?

עס ווערן טאָגטעגלעך געמאָרדעט יידן אין אַ גרויסער צאָל דורך די נאַצי־מערדער און אין דער זעלביקער צייט ווערן יידן אין צפון אפריקע באַפרייט פון נאַצישער הערשאַפט. מיר ווייסן שוין אַזוי קלאָר, ווי אַזוי מען פאַרוואַנדלט זיי אין רעכטלאָזע קרבנות פון סאַדיזם און מאָרד־לוסט פון בלוטיקע הענקער, אָבער מיר האָבן נאָך נישט געזען, אַז טויערן פון געטאָס זאָלן זיך שנעל און ברייטלעך עפענען דאָרט, ווו די נאַצי־הערשאַפט ווערט באַזייטיקט. זאָלן מיר לערנען פון גענעראַל זשיראָ און די מעשה טוניס און מאַראָקאָ, און זאָל מען זיך נישט איינרעדן, אַז די דעמאָקראַטישע קאַפּי־טאַליסטישע מלוכות וועלן עס זיין די וואָס וועלן מיט איין מאָל אַרויסרייסן דאָס וואָס די נאַצי־מערדער האָבן פאַרפלאָנצט.

ווי שווער איז עס אין די דאָזיקע פיינפולע טעג צו האָפן אויף די וועלכע האָבן באַוויזן אין דער מלחמה אַזוי פיל נעפלדיקייט, אומקלאָרקייט און פאַרבאָרגענע שנאה און אַזאַ קאַלטע „פריינדלעכקייט״ צו יידישע קרבנות, באַפרייטע פון היטלער'ס נעגל! צי קען מען פאַרגעסן טוניס און מאַראָקאָ און האָפן צו באַקומען הילף דווקא פון די, וועלכע באַשטימען אַליין די דאָזיקע פּאָליטיק און שאַפן די פאַקטן און טוען אומדערמידלעך אַלץ, אַז דער רויבער זאָל אומגעבראַכט ווערן, אָבער די גזלשאַפט, וואָס האָט אים געבוירן, זאָל בלייבן אַזוי ווי זי איז געווען.

„נייוועלט״, 21.5.1943

המצב הכלכלי בארץ

להערכת המצב הכלכלי בישוב היהודי במשך השנה ומחצית השנה האחרונות עלינו לקבוע את שתי המסיבות העיקריות בחיי המשק היהודי: א) מראשית 1936 הולכת ופוחתת העליה היהודית העובדת וברבע השני של

1937 היא נפסקת לגמרי; ב) גם בעלי ההון נמנעים מעליה לרגל המצב המדיני הבלתי בהיר והבלתי בטוח בארץ ולרגלי ההגבלות להוצאת הון משורת מדינות אירופיות, בעיקר בזמן האחרון מפולין.

שתי הסיבות הללו גרמו במידה מכרעת להחמרת המצב בחזית המשק הארצי־ישראלי. עלית העובדים ועלית בעלי־ההון שבקשו להם אפשרויות של השקעה, הן הן הגורמים הראשיים לפריחה הכלכלית בשנות 1933—35, שחותמם הוטבע לא רק במהלך המשק, כי אם גם בקצב בנינו ובמבנהו הפנימי.

העליה הגדולה של למעלה מ־140 אלף איש בשנות 1933—35 המלווה באימפורט גדול, לפי מידת ארצנו, של ההון גרמו לשגשוג אדיר של תנועת הבנין בערים ובמושבות. באופן מקביל התפתחה גם התעשיה, אשר השוק לקליטת תוצרתה גדל הודות לגידול המהיר של מספר הצרכנים. גם המסחר והתחבורה לא פגרו באותה התחרות, אשר שמה לה למטרה לספק במשך זמן קצר ביותר את צרכיהם של המוני העולים.

הבהלה, שקמה בספטמבר 1935 לרגלי מלחמת הבש־איטליה, והמשבר הכרוך בה היו בעלי אופי חולף. והראיה: מדצמבר 1935 עד פרוץ מאורעות הדמים באפריל 1936 התחיל לשוב המשק כמעט כולו למסלולו הרגיל, אך המאורעות נכנסו באמצע. מעכשיו נתון כבר משק הארץ „במצב מלחמה": צומצמו גורמי ההתפתחות הנורמליים ונפתחו דווקא אפשרויות קליטה חדשות, הכרוכות במצב המדיני המסובך. חוסר העבודה, אשר היה עולה, במסיבות הזמן הרגילות, בעונה המתה של קיץ 1936, ירד עד לגבולו המינימלי. כרגיל, בימי המלחמה, בזמן של גיוס כל כוחות העבודה לחזית ממש או לעבודה בשבילה, נעלמים בכל ארץ מחוסרי העבודה כמעט לגמרי. אותו דבר קרה גם בארצנו: המאורעות הכריתו את חוסר העבודה. אלפי פועלים יהודים הועסקו באותם מקומות העבודה, שנעזבו ע"י הפועלים הערבים, במושבות, במשק המדינה, בנמל חיפה, וכשוטרים נוספים במשטרה. מאות פועלים חדרו לנמל תל־אביב החדש. החרם הערבי, שהתכוון להרעיב את הישוב היהודי, גרם לגדול מתמיד של שטח הזריעה בגני הירקות היהודיים, אשר גם בהם הועסקו מאות מפועלי העיר. תנועת הבנין בערים נחלשה לרגלי מיעוט ההשקעות מצד בעלי ההון וקצוץ באימפורט ההון מחוץ לארץ. אלפי פועלים נאלצו לפנות מהעיר למושבה, לרדת מדרגת השכר הגבוהה בבנין לדרגה הנמוכה בחקלאות ובעבודות הצבוריות. עלינו להדגיש, כי גם בשנת 1936 לא נפסקה העליה: קרוב ל־30 אלף עולים

נקלטו בלי קשיים מיוחדים במשק הארץ, בחקלאות בלבד גדל מספר הפועלים היהודים מ־5500 בראשית 1936 ל־12000 בהתחלת 1937.

החיסול הרשמי של המאורעות באוקטובר 1936 לא גרר אחריו את שיבת המשק לדרך התפתחותו הנורמלית. נפסקה השביתה הערבית, הטירור נפסק ונתחדש לסרוגין, והארץ כולה נמצאה במצב של מתיחות וצפיה. השבוע כבר מתפרסם הדין והשבון של הועדה המלכותית, אך במשך החדשים שעברו שותקה כל יזמה כלכלית, הפחד ליום המחרת מנע את בעלי ההון מהשקעות הדשות, ואפילו זרם האשראי הבנקאי הרגיל לתעשיה ומסחר נחלש.

בבנקים הארצי־ישראלים שמורים 14 מיליון לירה כאבן שאין לה הופכין. ההון הזה קפוא במשך השנים האחרונות, אינו בורח אמנם לחוץ לארץ, אך מצפה לזמנים יותר טובים. בארץ נוצר מצב בלתי טבעי: המפעלים הקיימים נסגרים לרגלי מחסור באשראי זול, שיעזור להתגבר על המצב הקשה, בו בזמן שהון ענקי צבור בבנקים ללא תנועה.

תוצרת התעשיה ומחזור המסחר נתמעטו בהרבה בחצי הראשון של שנת 1937 בהשוואה עם אותו פרק הזמן בשנה שעברה. תנועת הבנין הפרטית בערים שותקה כמעט כולה. מחזור המסחר הוקטן ב־30 אחוז לגבי השנה שעברה. פסקה התרחבותה של התעשיה. חדלו לבנות בתי חרושת חדשים, ואלה הקיימים מגבילים את תוצרתם. יוצאים מהכלל רק בתי חרושת קטנים אחדים, שהופיעו בזמן אחרון בשוק ותוצרתם תוצרת מונופולין היא.

ביחוד נוגע בעונה האחרונה ענף הפרדסנות לרגלי ירידת המחירים בשוק העולמי ולרגלי הנזק שנגרם לפרי בעודנו על העצים. השנה הגיע משלוח פרי הדר לעשרה מיליון תיבות. במצב יותר טוב נמצאת החקלאות המעורבת (ירקות, חלב, עופות), בענף זה התרחב בהרבה השוק הצרכני, הפנימי, אך החנקת העליה וירידת שכר העבודה תגרורנה אחריהן האטת ההתפתחות העתידה.

לעומת זאת אקספורט התוצרת התעשיתית עלה לגבי השנה שעברה: גדל המשלוח של התוצרת הכימית ותוצרת המתכת, אך ירד אקספורט מלבושים, תוצרת עור וסבון.

המצב בשוק העבודה החמיר. נוסף לכל הסיבות שמנינו לעיל, פעלה הפעם גם ההפסקה הרגילה במושבות בין הקטיף לבין עונת העבודה החדשה. בערים גדל מספר מחוסרי העבודה בבנין. בתל־אביב רשומים למעלה מאלפיים מחוסרי עבודה, שם יותר מחצים פועלי בנין הם. בחיפה מבין למעלה מאלף מחוסרי העבודה הרשומים 60 אחוז הם פועלי בנין.

הקלה רבה במצב של מחוסרי העבודה יכולות להביא עבודות צבוריות

גדולות. בבנין תחנת החשמל החדשה מחוסרי העבודה הרשומים — 60 אחוז הם פועלי בנין.

אך נקודת הכובד להקלת המצב בתל־אביב תשמש התחלת עבודות הביוב, בנין בתי הספר, סלילת הכבישים. הממשלה אישרה הלואה בסך של מיליון לירה למען עירית תל־אביב. היום הוסרו כבר המכשולים להתחלת העבודות, לולא ההזנחה מצד הרוב הריאקציוני של עירית תל־אביב.

תוכננו כבר גם עבודות גדולות להרחבת נמל תל־אביב. לו התחילו בכל העבודות הנ״ל, היו מעסיקים בהן יותר מ־1000 מחוסרי עבודה. החוגים הבורגניים בתל־אביב מתמהמים לגייס את ההון הדרוש באמתלא של המצב המדיני הרופף.

בחיפה התחילו בבנין בית חולים ממשלתי שמחצית עובדיו פועלים יהודים. בירושלים מקיל על המצב בשוק העבודה בנין בית החולים האוני־ברסיטאי על הר הצופים ובנין אפ״ק.

חמור יותר המצב בכפר. חזון העבודה העברית במאה אחוז בחסדם של האכרים, אשר בלבם התעורר, כביכול, רגש האחווה הלאומית הולך ועובר. במושבות הולך ורב מחדש מספר הפועלים הערבים. בדרך של הטפה להכרתו היהודית של האכר אין כל תקווה לעקור את יחסו האויב לפועל היהודי המאורגן. העונה שעברה, שגרמה להפסדים רבים לפרדסנים חזקה את התנגדותם להעסקת פועלים יהודים ולו במחיר הירוד של 20—17 גרוש ליום. לבם הפעם לפועל הערבי הזול בשכר יומי של 10 — 8 גרוש.

קרוב ל־3000 מחוסרי עבודה רשומים מתבטלים היום במושבות. ביולי מתחיל כבר עיבוד הפרדסים, אך הסיכויים להחדרת הפועל היהודי חלשים הם. בשנה שעברה פעל שוט החרם הערבי ושוט טעמי הבטחון. אז פתחו הפרדסנים בלית ברירה את שערי הפרדסים בפני הפועל היהודי. אך השנה נשתנה המצב וביד הפרדסן נתונה כבר הברירה. במספרים של מחוסרי העבודה שנקבנו לעיל נכללו רק מחוסרי העבודה שנרשמו בלשכות העבודה של ההסתדרות הכללית. מובן, שהמספר הכללי של מחוסרי העבודה החלקיים עולה בהרבה על המספרים הנתונים.

הסיבה העיקרית למשבר העובר כיום על המשק בארץ היא ההחנקה הפושעת של העליה, וכתוצאה מזאת גם הקטנת אימפורט ההון לרגלי המצב המדיני המסובך. את המכה הקשה ביותר ספגו אותם ענפי המשק, שבנו את תכניותיהם על העליה המתמדת במשך השנים הקרובות. אם תוסרנה אותן הסיבות המדיניות שגרמו למשבר, ישנם סיכויים להתגברות מהירה

על המשבר. אך אם המשבר המדיני יימשך והעליה לא תתחדש, תעמוד על הפרק שאלת שינוי יסודי במבנה הכלכלי של הישוב היהודי בארץ.

„דרך הפועל" 9.7.1937

ההתקפה על ההסתדרות מתגברת
הכנה „מדעית" למלחמה בזכות הארגון

ב„הבוקר", כלי מבטאה של „האזרחות" הלוחמת בארץ, נתפרסמה בזמן האחרון שורת מאמרים נרחבת בשאלות עבודה ויחסי עבודה בתעשיה שלנו. כותב המאמרים — ד"ר אבניאל, כיום מזכיר התאחדות בעלי התעשיה, ולפנים משתתף קבוע בעתונות הריביזיוניסטית. ואמנם, אין לומר שהד"ר אבניאל מתכחש למוצאו. הוא יודע לצרף את המועיל עם הנעים ועושה שתי שליחויות בבת אחת: את שליחותם של בעלי־התעשיה מזה, ואת שליחותם של „השוברים" מהמחנה הפאשיסטי מצד שני.

מאמריו של ד"ר אבניאל עוסקים בשורה ארוכה של שאלות הקשורות ביחסי עבודה ומעבידים, לשכות עבודה שכר, שביתות וכו'. המחבר אינו מסתפק באמירה בעלמא. הוא יודע יפה, כי תורתו אינה חדשה. העתונות הבורגנית מזה שנים אינה פוסקת מלהתריע על הצרות שגורמת להם ההס־תדרות. החל מ„דואר היום" לפנים, דרך „חזית העם" הריביזיוניסטי לשעבר ו„המשקיף" היום, עד „הארץ" ו„הבוקר" והדומים להם, ידוע הפזמון וידועים המחברים. אלא מה? ההתקפות ההן על מלחמת הפועל לקיומו האנושי, עם כל רציפותן, לא היה בהן משום קבע של שיטה. והד"ר אבניאל כיון שראה את מעשי קודמיו במלאכה זאת ולא היה בהם לא מן המומחיות ולא מן הכוח המוכיח, שינס את מתניו למעשה רב: להוציא את מלחמת בעלי התעשיה למען רווחים ושלטון מכלל הגנה על הענין הפרטי של בעלי הרכוש, ולשוות לה אופי של מלחמה בעד „הישוב" והמשק הלאומי שלנו. מכאן ואילך יהיה לכם ענין ב„מדע", ב„מספרים", ב„תיאוריה"!

כי הזמן דחוק הוא; ימי מלחמה, ימים של לחץ כלכלי ופוליטי, ויש לנצל את ההזדמנות, כדי להסיג אחור, אחת ולתמיד, את ציבור הפועלים, לשלול מהם את מקור כוחם, ולהעמיד את ארגונם כצר ואויב לתעשיה

הארץ־ישראלית, שמצוה להרחיקו ולהעמיד במקומו את „האישיות החזקה", שתדע את אשר לפניה.

ובכן לא התקפה בודדת על עמדה זו או אחרת אלא „חשבון כולל", מקיף, עם ההסתדרות.

מנין להם למעבידים בארץ ישראל ולשליחיהם העוז הזה להתחיל כעת, דווקא כעת, במלחמה נועזה כזאת? גם זה איננו מתמיה. אף על פי שהחוגים „האזרחיים" שלנו מתהדרים בכך, שאין הם מקבלים השראה מבחוץ, הדבר ברור למדי: קוסם להם „העולם הגדול". סבורים הם, שאפשר יהיה להעביר לארץ־ישראל את יחסי הכוחות, שבכמה ארצות חוץ, עם נצחונותיו של הפאשיזם, כדי שייהנו אף הם מ„טוב" התקופה. לפני 6—7 שנים עוד נשבו רוחות אחרות באויר העולם. אמנם ביקרו את ההסתדרות לא מעט, מזמן לזמן לא נמנעו גם מסילוף עובדות ומבדיות בעלמא, ובכל זאת נזהרו מלהתגרות התגרות מתמדת. ודאי פעל כאן לא במעט כוחו של ציבור הפועלים כקונה של תוצרתם, שכדאי היה להתחשב בו. עכשיו נראה להם, שאפשר כבר לבלי להתחשב בציבור העובד, וביחוד מאותה שעה, שהוכרזה המלחמה בציבור הפועלים מטעם האחות הזקנה של התאחדות בעלי התעשיה — התאחדות האכרים.

קנאת מזכירים גם היא אינה דבר קטן. — יש ל„התאחדות האכרים" מזכיר עושה גדולות, ויש מזכיר להתאחדות בעלי התעשיה. למה יגרע ערכו? וביחוד, כשמי יודע, אולי אפשר יהיה בכל זאת להשיג מה שחלם הלב במשך שנים כה רבות וקצרה היד לבצעו?

ויצויין הדבר: בשעה מרה זו, כאשר סביב שבו עלינו להכרית את סיכויי עליתנו והתישבותנו בארץ, עם פרסומי חוקות העליה וגזירת הקר־קעות, לא ראתה הבורגנות היהודית בארץ־ישראל מעשה חשוב יותר לעצמה מאשר לסדר את חשבונה עם הפועל העברי, אשר יודעת היא גם יודעת, כי הוא יסוד היסודות גם לבנינה היא. ושורת מאמריו של ה' אבניאל צריכה לשמש ביסוס „תיאוריטי" לכך.

המסקנה הכללית ממאמרי ד"ר אבניאל מזדהה עם אותה מימרא שמסר ה' פ. רוטנברג בישיבת הועד הלאומי „בשם אישיות אנגלית חשובה": כי ארץ־ישראל אינה קרקע נוח לרכוש, בגלל כוחה של ההסתדרות, כלומר של ציבור הפועלים המאורגן. ממאמר למאמר משתדל הכותב להוכיח, כמה כבול הוא בעל הרכוש בארצנו, וקושר אגב כך מספד מר על „הקפיטליסטים המסכנים", שלאחר שהצילו את הונם מפולין האנטישמית או מגרמניה

הנאצית, נקלעו כאן ב„שבי״ ההסתדרות האדירה, שאינה מרשה להם להרים ראש.

„איש המדע״ אינו חוסך עמל ומגייס לצורך שליחותו הגדולה נימוקים „בעלי משקל״, חומר מספרי, ואף האקלים הארץ־ישראלי נרתם למרכבתו, ואפילו נחשלותה של הסביבה עם כוח העבודה הזול שלה.

אמנם אין חדשות בכל אלה. למי לא ידוע, שקשה אקלימה של ארץ־ישראל ושחדירת אנשים אירופיים לסביבה נחשלת עם עבודה זולה מעוררת בעיה חשובה ומסובכת של הסתגלות למציאות החדשה, המתבטאת בעיקר במלחמת ההתחרות של העבודה המקומית הזולה? מראשית קיומה של ההסתדרות הצבענו אנחנו פועלי־ציון על האשליה האוטופית של הכיוון השליט בהסתדרות, שכאילו אפשר להסתפק בהגנה על כוחות העבודה העולים מבחוץ, מבלי לעשות בד בבד עם זאת את כל ההתאמצויות לארגון הפועלים המקומיים הערבים, הזולים והבלתי־מאורגנים, להחליש ולבטל את ההתחרות המסוכנת לשני הצדדים גם יחד!

אולם עד כדי כך אין הד״ר אבניאל מרחיק לראות. בשאלה הזאת, שהיא שאלת יסוד גם לקיום התעשיה העברית, אינו נוגע כלל. אף אין זה מעניין את „התיאוריטיקן״ של הבורגנות אם ההסתדרות חייבת ללחום לשכר אנושי, לתנאים שאפשר לחיות בהם למען הפועל היהודי, ומה גם בנוגע להמוני העובדים הערבים. אך תחת זאת הוא יודע, כי אם הפועל היהודי לא יסתגל למציאות, אזי כל „הציונים הטובים והנאמנים״ ייאלצו לקיים חלוקה כזאת: את הלב ישאירו בציון ואת הכסף יוציאו לאמריקה או לארצות אחרות, כאשר קרה כבר לפי הודעתו, לא פעם בזמן האחרון.

מליץ ישרם של בעלי הרכוש שלנו לא הרגיש, כנראה, מה טיבה של תעודה זו שהוא מעיד על שולחיו. זהו, איפוא, ה„אידיאליזם״, זוהי „ציוניותם״ המפורסמת.

מה, איפוא, יש לעשות כדי להציל את ציונותם של בעלי־ההון הנתונה בסכנת חלוקה? ד״ר אבניאל יודע: יש לשבור את המונופולין של ההסתדרות על חלוקת העבודה, והנהגת „חלוקת עבודה צודקת״. ו„חלוקת עבודה צודקת״ זאת אומרת, פשוט מאד, לשכת עבודה נייטרלית, שבה ישבו במספר שוה ב״כ הפועלים ונותני העבודה, ועל גבם השלישי המכריע — ב״כ הועד הלאומי, ה„נייטרלי״. העיקר, ששלטונה של ההס־תדרות יישבר וייבטל בדרך זו „המונופולין״ שלו בחלוקת העבודה.

ד״ר אבניאל מדבר על כך גלויות:

„סוף דבר: המצב בו אנו נתונים, וכל התנאים האחרים, מכריזים

ואומרים שהגיעה השעה לרפא את נגע חלוקת העבודה האוכל בנו בכל פה. הישוב והשעה בשלים לכך — צריך רק שיבוא האדם החזק — ויקח את המכשלה הזאת תחת ידיו" („הבוקר", 12 פבר. ש. ז.).

ד"ר אבניאל מביע אפילו את בטחונו שההסתדרות לא תתעקש ביותר. הוא סומך על הזמן הקשה, המלחמה והסיכויים העומדים לפנינו, שיביאו את הפועל לידי כניעה. הרביזיוניסט מלפנים מעלים כאן ברוב דברים, דבר פשוט ביותר: הוא שואף בהסדר־העבודה החדש להשיג פאשיזציה של חיינו כדוגמת „העולם הגדול". חידוש על כל פנים אין בזה. מה איפוא יעשה איש כמוהו, כדי לעשות רושם? הוא ימצא איזו פצצה מרעישה, שתדהים לא רק את ה„חרשתן המדוכא", אלא את כל העולם כולו.

ואמנם ב„הבוקר" מיום 7 באפריל פירסם ד"ר אבניאל מאמר בכותרת סנסציונית: „בארץ־ישראל שובתים יותר מבכל מקום אחר בעולם". ובלוית בטריה שלמה של טבלאות עמוסות מספרים לרוב ממקורות רשמיים, ד"ר אבניאל בא עתה להוכיח, כי בכלל עומדת ארץ־ישראל בשורה הרא־שונה של המדינות ביחס למספר השביתות. „כאן שובתים פי 28 יותר מאשר בארצות הברית. ובכן, ארץ־ישראל — מרכז של מלחמת מעמדות האינטנסיבית ביותר בעולם.

ד"ר אבניאל מעמיד פנים, כאילו אמנם רק בהיסח הדעת באה לו התגלית: „מספרים אלה היו בשבילי גילוי מכאיב ומפתיע, לא יכולתי להאמין למראה עיני". אבל במעט עיון רואים מיד בכמה עמל וטורח עלה לו הדבר להרכיב את מספריו, כדי שיהיו מדהימים. ה„מכאוב" הוא קמו־פלאג' פשוט וזול! מה עשה? קודם כל לקח לו לגבי שביתות בארצות אחרות את מספרי הממשלות, ולגבי ארץ־ישראל את מספרי ההסתדרות! וקורא „הבוקר", שאינו „מומחה" בדברים כאלה, אינו חייב לדעת שיש בזה אחיזת עיניים. כי בשעה שהאגודות המקצועיות מביאות בחשבון את כל השביתות בלי יוצא מן הכלל (ואף כאלה הנמשכות רק שעתיים), אין הממשלות רושמות אלא את השביתות הגדולות בלבד (של 10 פועלים לפחות). ברור איפוא שהחשבון של ד"ר אבניאל מסולף כבר ממקורותיו. שנית עשה הד"ר אבניאל חשבון שאינו אומר כלום: כי אי אפשר לציין רק מספר של שביתות מבלי לעמוד על אורך השביתות, ודווקא בחשבון זה ארץ־ישראל היא לא במקום הראשון אלא במקום ה־13.

אך מה איכפת למזכיר התאחדות בעלי התעשיה הוכחה מספרית מזוייפת? הרי העיקר היה לפתוח בהתקפה על ארגון הפועלים, להרעיש בזעקת סכנה! ואם הדבר הזה הושג, היה הדבר כדאי.

ד״ר גרשון גרשוני

מסתבר שאנו עומדים בפני ליכוד חדש של כוחות הבורגנות נגד ציבור הפועלים. האכרים מזה ובעלי התעשיה מזה נותנים ידם לתכניות השבירה של „הנשיא״, שעדיין לא יצאו בגלוי לאור עולם, אבל ההתאבקות מסביבן נמשכת. ציבור הפועלים חייב לעמוד על המשמר. טועים בעלי התעשיה, אם הם סבורים, שאפשר יהיה להכריח אותנו לויתור על הארגון, בכוח של לחץ מבחוץ. יזכרו נא, כי לא פחות משהפועל זקוק לעבודה זקוקים הם לפועל כקונה וכעובד. לכוח עבודתם ולמומחיותם של חברי ההסתדרות לא ימצאו תמורה בחבר מפירי שביתה הבטלים בששים. ואל יבטחו ביותר בעזרת הפשרנים שבתוך ציבור הפועלים. גם חברי מפא״י הולכים ומתפכחים מדרך החולשה והנסיגות. ואם תפרוץ המלחמה אין ספק מי יהיה המפסיד!

„דרך הפועל״, 22.4.1940

אין קאַמף פאַר באָדן

באָדן־פּאָליטיק און קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל און דער יידישער אַרבעטער*)

קאַפּיטל איינס

אין אָנהויב פון יידישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל

אין אָנפאַנגס־פּעריאָד פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, וואָס איז ענג פאַרבונדן מיט דער פּערזאָן פון ד"ר טעאָדאָר הערצל, דעם גרינדער פון פּאָליטישן ציוניזם (1897—1904), איז די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע נישט געווען ביכולת אויפצונעמען, און אָ פּשיטא שוין צו פאַרווירקלעכן, קאָנקרעטע פּלענער פון פּראַקטישער טעטיקייט אין ארץ־ישראל. די באַוועגונג וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר איר ציל צו שאַפן אַ נאַציאָנאַלע היים פאַרן יידישן פאָלק אין ארץ־ישראל, האָט נאָך נישט אַוועקגעשטעלט פאַר זיך אַלע קאָנקרעטע נויטן און באַדערפענישן פונעם לאַנד גופא, די פאָרמען פון יידישער קאָלאָניזאַציע דאָרט, די פראַגן פון באָדן־איינקויף און פינאַנסירונג — בקיצור, אַלץ, מיט וואָס עס איז פאַרבונדן יעדע פּראַקטישע קאָלאָניזאַציע־אַרבעט. פּאָליטישער ציוניזם האָט באַדייט צו יענער צייט וואָס שטאַרקער און קלאָרער פאָרקלאַמירן די פאָדערונג פון די גערודפטע, פון אומעטום אַרויסגעשטויסענע און צעזייטע יידישע מאַסן, אויפן רעכט פון אַן אינטערנאַציאָנאַל געזיכערטער היים פאַרן יידישן פאָלק אין ארץ־ישראל.

ביים סוף פון נײַנצענטן און אָנפאַנג צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, מיט 40—50 יאָר צוריק, האָט מען אוודאי נישט געקאָנט פאָרויסזען, אַז די יידישע לאַגע וועט אַמאָל קאָנען ווערן אַזאַ, ווי זי איז היינטיקן טאָג. אין

*) דערשינען ווי אַ בראָשור אין תל־אביב אין אַפּריל 1940, פאַרלאַג „נייע קולטור".

דער תקופה פון פאַשיזם און פונאַנדערגעבליטן ראַסן־האַס, ווען נישט נאָר יידישע רעכט ווערן באַגרענעצט און יידישע מאַסן ווערן אַרויסגעשטויסן פון זייערע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס, שטייט אין דירעקטער געפאַר זייער עצם פיזישע עקזיסטענץ אין די לענדער פון ברוטאַלן פאַשיזם, ביי דער דראָונג, אַז אויך אין אַנדערע לענדער פון אייראָפּע זאָל פאָרקומען אַ צוגעאיילטער פּראָצעס פון ארויסשטויסונג, מיט דער איינציק־פאַרבליבענער מעגלעכקייט — צו אַנטלויפן, איבערלאָזנדיק האָב און גוטס, וווהין די אויגן וועלן טראָגן. עס האָט זיך געדוכט, אַז שוין דעמאָלט האָבן די ליידן פון די יידישע מאַסן דערגרייכט זייער העכסטן, לעצטן גראַד.

דער גרויסער זעקס־מיליאָניקער יידישער קיבוץ אין צאַרישן רוסלאַנד איז נאָך נישט געקומען צו זיך נאָך דער פּאָגראָם־כוואַליע פון די 80־ער יאָרן און דעם שאַרפן אַנטיסעמיטישן קורס, וואָס האָט פון זיי אָוועקגערויבט אַ ריי עקאָנאָמישע פּאָזיציעס און דערפירט צום גירוש פון די דערפער. די יידישע מאַסן אין אַמאָליקן עסטרייך, בפרט אין גאַליציע און בוקאָווינע, זענען געשטאַנען אונטערן שטאַרקסטן דרוק פונעם נאַציאָנאַלן קאָנקורענץ־קאַמף אין יענע לענדער, וואָס האָט געצילט און פאַרשטאַרקט די אַרויס־שטויסונג פון דעם יידישן עלעמענט פון זיינע אַלטע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס. דער יידישער קיבוץ אין דער פּאָליטיש און קולטורעל אָפּגעשטאַנענער רו־מעניע, האָט געלעבט כמעט אין אַ פּערמאַנענטער פּאָגראָם־אַטמאָספער. בכלל, איז אין די אָפּגעשטאַנענע אַגראַר־לענדער פון גאַנץ מזרח־אייראָפּע אין יענער צייט פאָרגעקומען דער ערשטער, און דעריבער אַזוי שאַרפער און פיינלעכער, עטאַפּ פון אַ בהדרגהדיקן קאַפּיטאַליזירונגס־פּראָצעס. מיט דער אַנטשטייונג פון אַ מאָדערנער אינדוסטריע, פון גרויסע פאַבריקן און אונטער־פיינלעכער, עטאַפּ פון אַ בהדרגהדיקן קאַפּיטאַליזירונגס־פּראָצעס. מיט דער קאָנקורענץ פון אַ נייער, דאָרפישער, אַרבעטס־קראַפט, וועלכע איז געווען אי ביליקער אי פיזיש שטאַרקער, און דערצו איז זי נאָך געשטיצט געוואָרן דורך דער אַנטיסעמיטישער און רעאַקציאָנערער געזעצגעבונג. אין רעזולטאַט פון דעם דאָזיקן צוזאַמענשטויס האָט דער שוואַכער יידישער צד געמוזט זוכן נייע וועגן און אויסוועגן.

אָבער אויך אין די לענדער פון מערב־אייראָפּע, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס די דעמאָקראַטיזירונג פונעם פּאָליטישן סיסטעם האָט באַשענקט יידן מיט בירגערלעכער גלייכבאַרעכטיקונג, האָבן זיך באַוויזן די ערשטע שטויסן פון אַנטיסעמיטישער רעאַקציע: דער דרייפוס־פּראָצעס אין פראַנקרייך, די אַנטיסעמיטישע כוואַליע אין דייטשלאַנד און אין עסטרייך. די טרעגער פון

אַנטיסעמיטיזם זענען געווען פאַרשיידענע: די קליינבירגערלעכע שיכטן, וועלכע ווערן צעריבן אין גאַנג פון דער גרויס־קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג, און די רעשטלעך פון דעם אַלט־פּריצישן שיכט, וועלכע האָבן אין דעם יידישן קאַפּיטאַליסט און סוחר אין מערב־אייראָפּע געזען דעם סימבאָל פון מאָדערנעם קאַפּיטאַליזם, וואָס צעשמעטערט די לעצטע פעסטונגען פון דער פעאָדאַלער אָרדנונג.

די דאָזיקע דערשיינונג האָבן געמוזט אויפטרייסלען די אַסימילירטע יידישע באַפעלקערונג אין מערב־אייראָפּע. צוערשט רופט זיך אָפּ דער עמפינדלעכסטער טייל אירער — די אינטעליגענץ. דערצויגן אויף גלייכבאַרעכטיקונג און אייראָפּעישער קולטור, האָבן זיי גראַד אויפן סאַמע שפּיץ פון זיכערקייט, עקאָנאָמישער קראַפט און השפעה אין דער פּאָליטיק, ליטעראַטור און קונסט, אינסטינקטיוו דערשפּירט די ערשטע, אַז די גרויסע הערלעכע געביידע פון בירגערלעכער גלייכבאַרעכטיקונג, אַלס בירגער און מענטשן, אָבער דערפאַר מיט אַ פאַרווישטן נאַציאָנאַלן פּרצוף — שטייט אין סכנה אומצופאַלן. ד״ר הערצל איז געווען דער בולטסטער פאַרטרעטער פון די שטימונגען, וועלכע האָבן צו יענער צייט אַרומגעכאַפּט קליינע, אָבער דערפאַר די פילבאַרסטע, טיילן פון דער אַסימילירטער מערב־אייראָפּעישער יידישער אינטעליגענץ.

די ברענענדיקע נויט, באַזונדערס פון די אַרויסגעשטויסענע יידישע מאַסן אין מזרח־אייראָפּע, האָט פאַרלאַנגט אַ תּיכפדיקן ענטפער. דער ענטפער איז טאַקע באַלד געקומען, ווי פון זיך אַליין, אין דער געשטאַלט פון אַ גרויסער, סטיכישער עמיגראַציע פון הונדערטער טויזנטער יידן קיין אַמעריקע. טעראָריזירט דורך פּאָגראָמען און אַנטיסעמיטישע געזעצן, אַרויסגעוואָרפן פון אַלט איינגעפונדעוועטע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס, הילפלאָז און מאָכטלאָז פאַר די געפאַרן פון דעם מאָרגן אין דער אַלטער היים, האָבן גרויסע יידישע מאַסן פון מזרח־אייראָפּע אינסטינקטיוו זיך גענומען צום וואַנדער־שטעקן און אָנגעהויבן מאַסנוויז, בהלהדיק, נישט אָרגאַניזירט, אויסצוּוואַנדערן אין דער נייער וועלט, דער עיקר קיין צפון־אַמעריקע, און אין אַ באַדייטנד קלענערער מאָס אויך קיין אַרגענטינע — אין געביטן, ווו דער יונגער קאַפּיטאַליזם האָט זיך געגויטיקט אין ביליקע אַרבעטס־הענט, וואָס די אויסגעוואָרצלטע מאַסן פון מזרח־אייראָפּע האָבן געליפערט בשפע.

אין דער זעלבער צייט האָט אין מזרח־אייראָפּע זיך אָפּגעשפּילט אַ גרויסער פּאָליטישער פּראָצעס, וואָס האָט געהאַט גאָר אַ טיפע ווירקונג

אויף דעם יידישן מאַסן־לעבן. אייראָפּע האָט דעמאָלט איבערגעלעבט די בלי־צייט פון נאַציאָנאַלער באַפרייונגס־באַוועגונג פון קליינע אונטערדריקטע פעלקער. ווי יעדע געזעלשאַפטלעכע באַוועגונג, וואָס גייט אַרויס פון די טיפע סאָציאַל־עקאָנאָמישע סיבות, האָט אויך די נאַציאָנאַלע באַפרייונגס־באַוועגונג פון די אונטערדריקטע פעלקער צו יענער צייט געטראָגן אַ דעמאָ־קראַטישן און צוגלייך רעוואָלוציאָניזירנדיקן כאַראַקטער. אַזעלכע פעלקער ווי די פּאָליאַקן, טשעכן, קראָאַטן, אוקראַינער און אַנדערע, זענען צו יענער צייט מיט זייערע נאַציאָנאַלע פאָדערונגען עלול געווען צו צעטרייסלען אַזעלכע גרויסע מאָנאַרכיעס, ווי רוסלאַנד און עסטרייך־אונגאַרן. אַלע רעוואָלוציאָנערע און פּראָגרעסיווע כוחות אין יענער צייט, און אין דער ערשטער ריי די אינטערנאַציאָנאַלע אַרבעטער־באַוועגונג, האָבן אויס־געשטרעקט די האַנט צו הילף די דאָזיקע שטרעבונגען פון די אונטערדריקטע פעלקער. די אידעע פון נאַציאָנאַלער רעוואָלוציע האָט זיך אַנטוויקלט פּאַראַ־לעל, און אין אַ סך פאַלן צונויפגעפלאָכטן מיט די סאָציאַלע קאַמפן פון דעם צומייסטן געדריקטן קלאַס אין דער בירגערלעכער געזעלשאַפט — דעם פּראָלעטאַריאַט. די דאָזיקע נאַציאָנאַלע באַוועגונגען האָבן נישט אין אַ קליינער מאָס באַאיינפלוסט די ציוניסטישע באַוועגונג. שוין ד״ר פּינסקער, דער פּאָרגייער פון פּאָליטישן ציוניזם, אין זיין „אויטאָעמאַנסיפּאַציע״ (1882), ווי שפּעטער ד״ר הערצל אין זיינע ווערק, ווי „יודענשטאַאַט״ און „אַלט־ניי־לאַנד״, און אין זיין פּאָליטישער טעטיקייט נאָך דער גרינדונג פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע (1897), זענען גלייכצייטיק אַרויסגעגאַנגען פון דעם אַנאַליז פון דער יידישערווירקלעכקייט צו יענער צייט. זיי זענען דערביי ניט ווייניקער דערמונטערט געוואָרן דורך די נאַציאָנאַל־רעוואָלו־ציאָנערע באַוועגונגען אין דעם דעמאָלטיקן פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן אין אייראָפּע.

די פּאָליטישע קאָנצעפּציע הערצלס און צוגלייך פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אַלס גאַנצער, איז באַשטאַנען אין דער שטרעבונג צו שאַפן צוערשט די פּאָליטישע באַדינגונגען פאַר אַ יידישער מאַסן־איבערוואַנדערונג און קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל. די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט פון יענעם פּעריאָד איז געלייגט געוואָרן אויף דיפּלאָמאַטישע אַקציעס ביי פאַרשיידענע אייראָפּעישע רעגירונגען, כדי צו דערגרייכן וואָס געשווינדער דעם „טשאַר־טער״, ד. ה. אַ קאָנצעסיע פון טערקיי, די דעמאָלטיקע באַהערשערין פון ארץ־ישראל, וואָס זאָל דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע געבן גרויסע רעכט אויף באַדן, קאָלאָניזאַציע און פרייער איינוואַנדערונג אין לאַנד. אַלע

אינסטיטוציעס פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, די קאָלאָניאַל־באַנק און שפּעטער דער נאַציאָנאַל־פאָנד האָבן דערפאַר לכתחילה געטראָגן דעם כאַראַקטער פון אַ צוגרייטונג. קיין ברייטע פּראַקטישע טעטיקייט אין ארץ־ישראל גופא איז נישט אונטערגענומען געוואָרן, כל זמן עס וועלן נישט זיין דערגרייכט די פּאָליטישע רעכט פאַר אַ גרויס פּאַרמאַסטענער און אינטערנאַציאָנאַל געזיכערטער קאָלאָניזאַציע.

דער שווערער קריזיס אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, וואָס האָט געפירט צו דעם פּראָיעקט פון אוגאַנדאַ (1903), וואָס ענגלאַנד האָט פאָרגעלייגט הערצלען אַלס טעריטאָריע פאַר יידישער קאָלאָניזאַציע, האָט געבראַכט צו גרויסע קאָנפליקטן און אַרויסטריט פון די אַזוי גערופענע טעריטאָריאַליסטן, אַנהענגער פונעם אוגאַנדאַ־פּראָיעקט (7־טער קאָנגרעס, 1905). דאָס איז געווען דער דירעקטער רעזולטאַט פון די דורכגעפאַלענע דיפּלאָמאַטישע אַקציעס, פון דער אוממעגלעכקייט צו דערהאַלטן פון סולטאַן דעם „טשאַרטער" אויף ארץ־ישראל. דער פּאָליטישער ציוניזם האָט געמוזט זוכן אַ מאָמענטאַלן ענטפער אויף דער פאַרשאַרפטער יידישער נויט און בהלה, נאָך דעם קישינעווער פּאָגראָם (1903) און דער דורכגע־פאַלענער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע (6־1905). די ביז גאָר אויסגע־וואַקסענע יידישע מאַסן־עמיגראַציע קיין אַמעריקע האָט נישט אין מינדסטן געפירט צום גרויסן ציל פון דעם הערצלישן ציוניזם: צו שאַפן אַ טעריטאָריעלן יידישן צענטער, וועלכער זאָל אין לויף פון זיין אַנטוויקלונג זיין בכוח צו ענדערן די ריכטונגען פון דער כאַאָטישער עמיגראַציע, און אַריבערפירן זי אויף די וועגן פון טעריטאָריעלער קאָנצענטראַציע. די שוועריקייטן ביים זיכערן די פּאָליטישע פאַרבאַדינגונגען פאַר אַ ברייטער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל, האָבן דערפירט הערצלען און אַ טייל פון דער באַוועגונג צו זוכן אַן אַנדערע טעריטאָריע פאַר אַ צייטווייליקן „נאַכט־אַזיל".

אין רעזולטאַט פון דעם דאָזיקן געראַנגל צווישן דעם פּאָליטישן ציוניזם מיט דער באַוועגונג פון די רוסישע „חובבי־ציון", אַזוי גערופענע „פּראַקטישע ציוניסטן", וועמענס ציל איז געווען באַזעצן יידישע מאַסן א ו י ס ש ל י ס ל ע ך אין א"י און וועלכע האָט שוין געהאַט הינטער זיך אַ היפּש ביסל יאָרן פון פּראַקטישער קאָלאָניזאַציע־טעטיקייט אין לאַנד, — האָט דער פּאָליטישער ציוניזם, אַלס שיטה, אויף אַ סך יאָרן פאַרלוירן זיין אַקטועלע באַדייטונג. דעם אויבן־אָן פאַרנעמט די שטרעבונג צו טאָן ממשותדיקע אַרבעט אין ארץ־ישראל, ביי אַלע אומשטענדן און די גרעסטע שוועריקייטן.

דער קאַמף צווישן טעריטאָריאַליזם, אַלס דירעקטן יורש פון הערצלישן פּאָליטישן ציוניזם און דעם פּראַקטישן און פּרינציפּיעלן פּאַלעסטיניזם (ציוני־ציון), האָט אויך געפונען דעם שטאַרקסטן אָפּקלאַנג אין דער דעמאָלט נאָך יונגער און נישט קאָנסאָלידירטער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג אויף דער יידישער אַרבעטער־גאַס — פּ ו ע ל י ־ צ י ו ן. דער אוגאַנדאַ־פּראָיעקט און בכלל די ט ע ר י ט אָ ר י אַ ל י ס ט י ש ע קאָנצעפּציע האָט געפונען אָנהענגער ביי אַ גרעסערן טייל פון דער יונגער באַוועגונג. אין יאָר 1905, נאָכן 7־טן ציוניסטישן קאָנגרעס, בילדעט זיך די פּאַרטיי ס.־ס. („ציוניסטן־סאָציאַליסטן״, אונטער דער אָנפירונג פון ד״ר נחמן סירקין), וועלכע פאַרלאָזט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע און שליסט זיך אָן אָן זאַנגווילס נייער טעריטאָריאַליסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע (יט״א). עס ווערט טיפער דער תהום צווישן די טעריטאָריאַליסטישע און ארץ־ישראל־טרייע טיילן פון דער פועלי־ציון־באַוועגונג. און אין אָנהויב 1906, אויף דער גרינדונגס־קאָנפערענץ אין פּאָלטאַווע, ווערט קאָנסטיטואירט די י.ס.ד. אַרבעטער־פּאַרטיי פועלי־ציון אין רוסלאַנד. ב ע ר ב אָ ר אָ כ אָ ו ו, דער טעאָרעטיקער און גרינדער פון דער פּאַרטיי, איז געווען דער, וואָס האָט צו יענער צייט אויסגעטראָגן דעם שווערסטן קאַמף קעגן די סתם־טעריטאָריאַליסטישע טענדענצן פון ס.־ס. און פון דער אַזוי גערופענער גרופּע ״סיימיסטן״ (י. ס.), וועלכע האָבן די טעריטאָריאַליזירונג אָפּגעשטופּט אין דער ווייטער צוקונפט. אין זיין גרויסער אידעיִשער צוגרייטונגס־אַרבעט האָט באָראָכאָוו מיט דער גרעסטער עקשנות, איבערצייגונגס־קראַפט און היסטאָרישער ווייטזיכטיקייט פאַרלייגט די יסודות פון דער פועלי־ציוניסטישער אידעאָלאָגיע, ד. ה.: „ארץ־ישראל — אַלס די קאָנקרעטע טעריטאָריע פון דעם טעריטאָריאַליזירונגס־פּראָצעס אין דעם יידישן לעבן״. אין זיין בראָשור „וואָס ווילן די פועלי־ציון?״, האָט באָראָכאָוו אָמשאַרפסטן אויסגעדריקט די דאָזיקע פּרינציפּיעלע איינשטעלונג מיט די ווערטער:

„אָט די טעריטאָריע איז — פּאַלעסטינע און אויף איר קומט טאַקע סטיכיש פאָר אָן עקאָנאָמישע אויטאָנאָמיזירונג פון דעם יידישן געזעל־שאַפטלעכן לעבן. אויף אַזאַ אופן ווערט דער טעריטאָריאַליזם, אַלס די עקאָנאָמישע רעוואָלוציע אין דעם יידישן לעבן, פאַרווירקלעכט סטיכיש; און אויב אָט די דאָזיקע גראַנדיעזע איבערקערעניש וואָלט זיך געענטיקט אין קינסטלעכע פאַרבאַדינגונגען, וואָלט דער טעריטאָריאַליזם געווען די גרעסטע אוטאָפּיע, ווי ער בלייבט טאַקע אין דער וועלט־אָנשויונג פון די ס. ס. און די סיימיסטן. אין אונדזער פּראָגראַם ווערט דער טעריטאָריאַליזם

אַרויסגעשטעלט נישט בלויז אַלס אַ היסטאָרישער פאַרלאַנג, נאָר אויך אַלס אַ היסטאָרישער מוז, וועלכער וועט דורך זיך גופא פאַרווירקלעכט ווערן. פאַר אונדז איז עס נישט בלויז אַ פאָדערונג, נאָר אויך אַ וויסנשאַפט־לעכער פּראָגנאָז פון דער יידישער צוקונפט. כל־זמן ביי אונדז איז נישט געווען קיין קאָנקרעטע טעריטאָריע, כל־זמן מיר האָבן געהאַט צו טאָן מיט אַן אַבסטראַקטער טעריטאָריע, וועלכע שוועבט אין לופטן צווישן הימל און ערד, אַזוי לאַנג איז דער טעריטאָריאַליזם געבליבן בלויז אַ סוביעקטיווער פאַרלאַנג, און זיין פאַרווירקלעכונג איז געווען פאַרבונדן מיט אוואַנטורעס און מיט פּראָיעקטן־מאַכעריי. דער טעריטאָריאַליזם ווערט אַ היסטאָרישע נויטווענדיקייט נאָר פון יענעם מאָמענט אָן, ווען דער גענויער אַנאַליז פון די אָביעקטיווע טענדענצן פון דער יידישער עמיגראַציע ווייזט אונדז אָן אויף יענער קאָנקרעטער טעריטאָריע, ווו די יידישע איינוואַנדערונג וועט זיך סטיכיש קאָנצענטרירן".*)

דער באָראָכאָוויסטישער פּועלי־ציוניזם האָט אויפגעשטעלט און פאַר־פעסטיקט די פאַרבינדונג פון גרויסע טיילן פונעם יידישן פּראָלעטאַריאַט מיטן ציוניזם און מיטן אויפבוי־פּראָצעס אין ארץ־ישראל. ער האָט אַריינגעפירט אין דעם פּראָצעס דעם געדאַנק פון קלאַסן־קאַמף און זעלבּ־שטענדיקער אַרבעטער־טעטיקייט אין לאַנד, און משפיע געווען מיטן כוח פון זיינע אָרגאַניזאַציעס אין דער גאָרער וועלט — (1907 — די גרינדונג פונעם יידישן סאָציאַליסטישן וועלט־פאַרבאַנד פּועלי־ציון) — אויף דער אַנטוויקלונג פון די עקאָנאָמישע און סאָציאַלע פאַרהעלטענישן און אויף דער אַנטשטייונג און פאַרוואָרצלונג פון דעם יידישן אַרבעטער אין דעם יונגן ישוב אין לאַנד. און שוין די ערשטע שפּראָצונגען פון אַ יידישער אַרבעטערשאַפט אין לאַנד ווערן איינער פון די אַנטשיידנדיקע סטימולן אין דער פּראַקטישער קאָלאָניזאַציע־טעטיקייט פון דער ציוניסטישער אָרגאַני־זאַציע, וועלכע הויבט זיך אָן באַלד נאָכן געשווינדן אָפּלויף פונעם אוגאַנדאַ־שטורעם.

אין דער דאָזיקער נייער אַנטוויקלונג איז דער י י ד י ש ע ר נ אַ צ י אָ־נ אַ ל ־ פ אָ נ ד („הקרן הקיימת לישראל") איינער פון די וויכטיקסטע פאַקטאָרן.

ד י ג ר י נ ד ו נ ג פ ו ן ד ע ם נ אַ צ י אָ נ אַ ל ־ פ אָ נ ד איז פאַר־געקומען אין יאָר 1901 אויפן פינפטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין ב אַ ז ע ל

*) ב. באָראָכאָוו, שריפטן, באַנד 1, ז.ז. 2—101.

(שווייץ). דער פּראָיעקט וועגן אַ פּאָלקספאָנד, וועמענס אויפגאַבע עס זאָל זיין, צו קויפן באָדן אין ארץ־ישראל אַלס אייביק אייגנטום פון גאַנצן יידישן פאָלק, אָן דעם רעכט צו פאַרקויפן עס ווען עס איז, שטאַמט פון הערמאַן שאַפּירא, פּראָפעסאָר פון מאַטעמאַטיק אין היידלבערג (דייטשלאַנד). שוין צום ערשטן קאָנגרעס פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין באַזעל אין יאָר 1897 איז ער געקומען מיט זיין פאָרשלאַג וועגן דער גרינדונג פון אַזאַ פאָלקספאָנד, אָבער דער דאָזיקער דרייסטער פּלאַן איז אָנגענומען און באַשטעטיקט געוואָרן ערשט אין עטלעכע יאָר אַרום, אויפן פינפטן ציוניסטישן קאָנגרעס. צו דער פּראַקטישער אַרבעט אין ארץ־ישראל איז ער צוגעטראָטן מיט נאָך עטלעכע יאָר שפּעטער, ווען די ליניע פון דער ציוניסטישער טעטיקייט איז גרינטלעך געביטן געוואָרן.

קאַפּיטל צוויי

פּריוואַטע און פילאַנטראָפּישע קאָלאָניזאַציע

אין דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג זענען אידעען די וועגווייזער פאַר דער צוקונפט. זיי ווערן אָבער קיינמאָל נישט געבוירן אין אַן אַבסטראַקטן רוים, אָן אַ פאַרבינדונג מיט דער ממשותדיקייט פון דער סביבה און פון דער צייט, אין וועלכער זיי אַנטשטייען. זיי פאַרלייכטערן דעם גאַנג פון דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג נאָר אויף אַזויפיל, אויף וויפיל זיי וייזן אָן נאָך מיט אַ צייט פריער, איידער די אַנטשפּרעכנדע כוחות ווערן רייף פאַר אַן ענדערונג, די ריכטונג, אין וועלכער עס דאַרף זיך אַדורכרייסן דאָס נייע און פּראָגרעסיווע אין לעבן. אַזוי איז אויך די אידעע פון אַ יידישן פאָלקספאָנד אין ארץ־ישראל, וועלכער זאָל זיין דאָס אייגנטום פון גאַנצן פאָלק און האָבן צו זיין אויפקויפן באָדן און אַריבערפירן אים אין רשות פון כלל. זי איז געקומען אין רעזולטאַט פון קאָנקרעטע פאַר־העלטענישן, וואָס האָבן זיך צונויפגעלייגט באַלד ביים אָנהויב פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל אויף אַ זייער אייגנאַרטיקן אופן.

בעת דער פּאָליטישער ציוניזם איז אַרויס אין דער עפנטלעכקייט מיט זיין פּראָגראַם וועגן דער שאַפונג פון אַ יידישער נאַציאָנאַלער היים אין ארץ־ישראל, איז שוין אין לאַנד גופא אַ צייט לאַנג פאָרגעקומען אַ קאָלאָ־ניזאַציע־פּראָצעס אין, אמת, אַ קליינעם פאַרנעם. די גרויסע באַדייטונג פון דער דאָזיקער קאָלאָניזאַציע איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס דאָס איז

געווען דער ערשטער פּרווו צו באַזעצן יידישע איינוואַנדערער אין אַ לאַנד ווי ארץ־ישראל, וועמענס באַטירלעכע, עקאָנאָמישע און סאָציאַלע באַדינגונגען זענען געווען לחלוטין אַנדערע ווי אין דעם רוב לענדער, פון וואַנען די ערשטע קאָלאָניסטן זענען געקומען: רוסלאַנד, רומעניע, עסטרייך א.אַ.וו.

אין די 80—90־ער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט, בעת דער גרינדונג פון די ערשטע קאָלאָניעס אין ארץ־ישראל, איז דער יידישער ישוב אין לאַנד געווען קליין, אָרעם און אָפּגעשטאַנען. דער גרעסטער טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג איז געווען דער אַזוי גערופענער אַלטער ישוב, ד. ה. רעליגיעזע יידן (חלוקה־יידן), וואָס האָבן געלעבט פון רעגלמעסיקע נדבות, פון פרומע יידן אין דער וועלט. זיי האָבן זיך קאָנצענטרירט אין די אַלטע הייליקע שטעט, ירושלים, טבריה, צפת און חברון, און האָבן געלעבט פון דער חלוקה (פון די גדבות), און קליינעם האַנדל. אַ ביסל בעלי־מלאכות צווישן די ספרדישע און אַנדערע מזרח־יידן האָבן דערגאַנצט דאָס דאָזיקע געגוג טרויעריקע בילד. ארץ־ישראל אין יענע יאָרן האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט סאָציאַל און עקאָנאָמיש פּונקט אַזאַ גלות, ווי די איבעריקע לענדער מיט יידישע קיבוצים, מיט דעם איינציקן אונטערשיד, וואָס „גלות" אין הייליקן לאַנד איז געווען נאָך אָרעמער, הילפלאָזער און אָפּגעשטאַנענער ווי אַלע „גלותן" צוזאַמענגענומען.

די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג אין ארץ־ישראל האָט דעמאָלט געציילט אַרום 30.000 נפשות, כמעט גלייך אויף גלייך: אשכנזישע און ספרדישע יידן. דער קליינער יידישער ישוב איז מיט זיין עקאָנאָמישן פּרצוף און לעבנס־שטייגער אינגאַנצן געווען צוגעפּאַסט צו דער אַרומיקער אָפּגעשטאַנענער סביבה.

די אַראַבישע באַפעלקערונג אין לאַנד איז באַשטאַנען פון אַ דינעם שיכט רייכע באַדן־באַזיצער (עפענדיס), סוחרים, מיט אַ קליינער צאָל האַנט־ווערקער, אין די געציילטע פּאָר שטעט, אַנטקעגן אַ גרויסער מאַסע פעלאַכן און וואַנדערנדיקע בעדואינער אויף די ראַנדן פון מדבר. איבערן לאַנד איז געלעגן דער שטעמפּל פון אַן אָריענטאַלישער, פעאָדאַלער אין דורות־לאַנגן שלאָף פאַרזונקענער אָפּגעשטאַנענקייט. דער גרעסטער טייל באָדן איז געלעגן וויסט. אָמליקע פרוכטבאַרע טאָלן און בערג זענען געוואָרן באַדעקט מיט בלאָטעס און זאַמדן. דער אַראַבישער פויער — דער פעלאַך, איז אַ דאַנק דער באָדן־אָרדנונג, דעם שטייער־סיסטעם און דער ברוטאַלער טערקישער אַדמיניסטראַציע, געווען פאַרשקלאַפט דעם עפענדי, וועמענס ערד ער האָט באַאַרבעט אַלס אַרענדאַר. אָפטמאָל האָט ער נישט געקאָנט אַפילו צונויפ־

ברענגען דעם ארענדע־אפצאל פון זיין אפגעלאזענער, ארעמער באלעבאַ־טישקייט. דורכדעם איז ער נאך מער פארשולדיקט געווארן דעם עפענדי, וועלכער האט צו די פאכט־חובות צוגערעכנט גרויסע צינזן. אויך דער פויער, וואס האט יא פארמאגט אן אייגן שטיקל ערד, האט עס אפטמאל פארלוירן צום עפענדי־וווכער׳ער, ווען ער האט נישט געקאנט באצאלן די אויסגעוואקסענע חובות. אין משך פון יארהונדערטער האט געוועלטיקט די דאזיקע ארדנונג און ביסלעכווייז האט זיך אויסגעבילדעט אין לאנד א שיכט פון עטלעכע צענדליק רייכע משפחות, וועמען עס האט געהערט דער גרעסטער טייל פון באארבעטונגס־פעיקן באדן אין ארץ־ישראל. און אט אין אזא סביבה זענען עס אריינגעפאלן די ערשטע קאלאניסטן, אנטלאַ־פענע פון די בארימטע פאגראמען פון 1881 אין צארישן רוסלאנד; מייסטנס סטודענטן און אינטעליגענטן, האבן זיי זייער פארבינדונג א נאמען געגעבן „ב י ל ו״ („בית יעקב לכו ונלכה״). אין יאר 1882 האבן זיי געגרינדעט די ערשטע קאלאניע — ר א ש ו ן ל צ י ו ן. באלד נאכדעם האבן רומענישע יידן, אויך אנטלאפענע פון רדיפות, געגרינדעט די קאלאניעס ז כ ר ו ן י ע ק ב אין שומרון און ר א ש פ י נ ה אין גליל. אין יאר 1883 האבן עקזיסטירט 6 קאלאניעס מיט א באפעלקערונג פון 200 משפחות. איצט איז שווער זיך פארצושטעלן די גרויסע מאטערישן און ליידן פון די דאזיקע ערשטע קאלאניסטן אין דער לחלוטין פרעמדער סביבה, נאטור און אנדערן קלימאט, וואס מוז, ספעציעל ביים איראפעישן איינוואנדערער, שווערער און קרענק־לעכער מאכן דעם פראצעס פון צופאסונג. אבער אויך די אלע שוועריקייטן וואלט מען געקאנט גובר זיין. די עיקר שוועריקייט איז אבער באשטאנען אין דעם, וואס דער בילוישער עלעמענט, אדער די זעלבע רומענישע יידן זענען דורכאויס ווייט געווען פון לאנדווירטשאפט, סיי דורך זייער אפשטאמונג און סיי דורך דערציאונג און לעבנס־שטייגער אין די לענדער, פון וואנען זיי זענען געקומען. אין זייערע היימלענדער זענען זיי געווען דאס רוב סוחרים, סטודענטן, קליינשטעטלדיקע יידן, אן יעטוועדער קענטעניש פון לאנד־ארבעט. און דאס האט אויך באשטימט זייער גורל. די ערשטע עליה איז באלד פון אנהויב געווען א דורכפאל. די קאלאניעס האבן זיך באין אופן נישט געקענט שטעלן אויף אייגענע פיס. דער אידעאליסטישער עלעמענט פון די בילויצעס און די קליינשטעטלדיקע יידן, אנטלאפענע פון פאגראמען און פארפאלגונגען האבן זיך ארויסגעוויזן, נישט געקוקט אויף די גרעסטע קרבנות און ליידן, ווי שלעכטע פויערים אין ארץ־ישראל. זיי האבן אויך נישט געהאט פון וועמען צו לערנען. א חוץ דער לאנדווירטשאפט־שול אין

מ ק ו ה ־ י ש ר א ל, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן דורך דער פראַנצויזיש־יידישער „אַ ל י אַ נ ס" („כל ישראל חברים") אין יאָר 1878 — זענען קיין לאַנדווירטן־יידן נאָך נישט בנמצא געווען. אַראָפּלאָזן זיך צו דער מדרגה פון דעם אַראַבישן פעלאַך האָבן די קאָלאָניסטן נישט געקאָנט, אַזוי נידעריק איז דער פעלאַך געשטאַנען צו יענער צייט מיט זיין לעבנס־שטייגער און אַרבעטס־מעטאָדן. זיכער וואָלט דער דאָזיקער ערשטער פּרווו בכלל געווען אונטערגעגאַנגען, ווען כוחות פון דרויסן, פון אידעישן אָדער פילאַנטראָפּישן כאַראַקטער, וואָלטן נישט געהאַט אונטערגעשטעלט אַ פּלייצע. פון איין זייט זענען עס געווען די „ח ו ב ב י ־ צ י ו ן"־געזעלשאַפטן אין אַמאָליקן רוסלאַנד, רומעניע און גאַליציע (שפּעטער באַקאַנט אַלס „אָדעסער קאָמיטעט"), וואָס זענען געווען די פאָרלויפער פון דער פּראַקטישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל. די חובבי־ציון באַוועגונג איז רוסלאַנד איז אויפגעקומען נאָך די פּאָגראָמען פון די 80־ער יאָרן און דער וואַקסנדיקער נויט פון דער יידישער באַפעלקערונג. אַ טיפּישע באַוועגונג פון יידישן מיטל־קלאַס און אינטע־ליגענץ, האָט זי זיך אַוועקגעשטעלט אַלס ציל איבערצופירן קלענערע גרופּן יידן פון רוסלאַנד און אַנדערע מזרח־אייראָפּעישע לענדער קיין ארץ־ישראל און באַזעצן זיי דער עיקר אויף ערד־אַרבעט. די דאָזיקע געזעלשאַפט האָט אָבער געאַרבעט מיט קליינע מיטלען, אָן יעטוועדער דערפאַרונג און קענטע־נישן אויפן געביט פון קאָלאָניזאַציע און לאַנדווירטשאַפט, בפרט אין אַזאַ לאַנד, ווי ארץ־ישראל. ווייבאַלד אָבער עס איז געקומען דער ערשטער קריזיס אין די ניי־געגרינדעטע יידישע קאָלאָניעס, האָט דער „אָדעסער קאָמיטעט" צוזאַמען מיט די קאָלאָניסטן גופא זיך געמוזט ווענדן נאָך הילף צו פילאַנ־טראָפּן, יידישע נגידים אין דער וועלט. אַלס ערשטער און אויף אַ לאַנגער צייט אַלס איינציקער, האָט זיך אָפּגערופן דער באַראָן ע ד מ אָ נ ד ד ע ר אָ ט ש י ל ד אין פּאַריז, וועלכער האָט דורך אַ גרעסערער סובסידיע תיכף געהאָלפן ראַטעווען די קאָלאָניסטן, און פון דאַן אָן, אין משך פון לאַנגע יאָרן, אויסגעגעבן שווערע מיליאָנען פראַנקן אויף איינצוהאַלטן דאָס פּראַ־גנע און אויסברייטערן די יידישע קאָלאָניזאַציע אין לאַנד.

די פּאַראינטערעסירונג פון באַראָן ראָטשילד מיט דער יידישער קאָ־לאָניזאַציע אין ארץ־ישראל, איז זיכער נישט אַרויסגעגאַנגען פון אַן ענגן קלאַסן ־ א י נ ט ע ר ע ס פון דער גרויס־בורזשואַזיע, וועמענס טיפּישער רעפּרעזענטאַנט ער איז געווען. זי איז אָבער געווען באַדינגט דורך דעם כאַראַקטעריסטישן קלאַסן־צ ו ג אַ נ ג אירן. דער ריין פילאַנטראָפּישער צוגאַנג האָט כמעט אויסשליסלעך באַשטימט און אינספּירירט די דאָזיקע

הילפס־ און אויפבוי־אַרבעט, וועלכע איז דורכגעפירט געוואָרן מיט גרויסע קאַפּיטאַלן און אַ ספּעציעלער אַדמיניסטראַציע, וועלכע איז געשיקט געוואָרן קיין ארץ־ישראל, צו פאַרוואַלטן און אינסטרואירן די דאָרטיקע יידישע קאָלאָניעס.

די שוין עקזיסטירנדיקע קאָלאָניעס זענען רעאָרגאַניזירט געוואָרן. אויב פריער האָבן זיך די ערשטע קאָלאָניסטן געוואָרפן, לויטן מוסטער פון די היימלענדער, אויף תבואה־ווירטשאַפט, נישט נעמענדיק אין אַכט, צי דער באָדן פּאַסט צו דעם צי נישט, איז די שיטה פון באַראָנס אַדמיניסטראַציע געווען אַ לחלוטין אַנדערע, לויטן מוסטער פון דער פראַנ־צויזישער לאַנדווירטשאַפט. דער באַראָן איז אויסן געווען מער צופּאַסן די לאַנדווירטשאַפט צו דעם כאַראַקטער פון דעם קאָלאָניסט, צו זיין סוחריש־באַלעבאַטישער אָפּשטאַמונג, און האָט באַפוילן צו פאַרלאָזן די תבואה־ווירטשאַפט, וועלכע האָט טיי־ווי געבראַכט די קאָלאָניסטן צום ראַנד פון אונטערגאַנג, און פאַרפלאַנצן וויינגערטנער, וועמענס גערעטעניש די אַדמי־ניסטראַציע האָט אָפּגעקויפט פון די קאָלאָניסטן פאַר אַ קינסטלעך העכערן פרייז און געלאָזט באַאַרבעטן אויף ווײַן אין אייגענע קעלטערס, אין ראשון־לציון און אין זכרון־יעקב. אויף דעם יסוד האָט די אַדמיניסטראַציע פונעם באַראָן איינגעקויפט גרויסע שטחים ערד און געגרינדעט עטלעכע נייע קאָלאָניעס. אָבער די סובסידירטע ווירטשאַפט מיט קינסטלעך געהאַלטענע פרייזן האָט געבראַכט צו אַ ראַדיקאַלער ענדערונג אין דער לאַגע און אינעם כאַראַקטער פון די קאָלאָניסטן. בלויז דער פאַקט אַליין, וואָס די אַדמיניס־טראַציע האָט געצאָלט גוטע פרייזן, נישט האָבנדיק אין זינען קיין סוחרישע קאַלקולאַציע, האָט גורם געווען, אַז כמעט אַלע יידישע קאָלאָניעס האָבן זיך שנעל איבערגעוואָרפן אויף ווײַן־קולטור און אָפּגעלאָזן אַלע איבעריקע צווייגן פון לאַנדווירטשאַפט.

די דאָזיקע ענדערונג האָט גלייך געשטעלט די יידישע קאָלאָניסטן אין אַ פאַטאַלער אָפּהענגיקייט פון דער אַדמיניסטראַציע, וועלכע איז דורכדעם געוואָרן דער גאַנצער באַלעבאָס און דעה־זאָגער איבער די קאָלאָניסטן. דער קאָלאָניסט, ווידער, האָט פאַרלוירן יעטוועדע איניציאַטיוו און ענערגיע. זיין וווילשטאַנד איז נישט געוואַקסן אָרגאַניש מיטן וווקס פון זיין ווירט־שאַפט און מיטן סכום ארבעט, וואָס ער האָט אין איר אַריינגעלייגט. דער אָפּזאַץ פון זיין סחורה איז געווען פון פאָרויס געזיכערט, די פרייזן זענען געשטאַנען הויך. איז, אַנשטאָט צו באַאַרבעטן אַליין די ווירטשאַפט, האָט דער קאָלאָניסט זי געלאָזט באַאַרבעטן דורך ביליקער אַרבעטס־קראַפט פון די

אַרומיקע אַראַבישע פעלאַכן, און פאַר זיך אַליין האָט ער איבערגעלאָזט די פונקציע פון אַן אויפזעער און פאַרקויפער פון דעם פּראָדוקט. פון דעם אידעאַל פון אַ געזונטן פויערים־שטאַנד, וואָס לעבט פון אייגענער פּראַצע, האָט זיך אויסגעבילדעט אין די יידישע קאָלאָניעס אַ גאָר אַנדערער טיפּ: ביי זיך — אַ קליינער פּלאַנטאַטאָר, וואָס אַרבעט מיט פרעמדער ביליקער אַרבעטס־קראַפט; דרויסן, פאַר דער וועלט — אַ קעסט־קינד פון באַראָן ראָטשילד און זיינע מיליאָנען. דער דאָזיקער טיפּ קאָלאָניסט האָט זיך אַוועקגעשטעלט ווי די שרייענדיקסטע סתירה צו דעם אַלעם, וואָס מען האָט דערוואַרט פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל. די קאָלאָניעס ווערן אויסגעהוילט פון זייער לכתחילהדיקן אינהאַלט און ציל. עס האָט געהאַלטן אין אויפקומען אַ נייער קלאַס פּריצים, וואָס לעבט פון די רווחים פון זיין ווירטשאַפט, וועלכע איז גיכער אַן אונטערנעמונג אָדער אַ מסחר, איידער לאַנדווירטשאַפט! די בולטסטע דורכויס פּעסימיסטישע שילדערונג פון דעם דאָזיקן צושטאַנד האָט געגעבן נישט קיין אַנדערער, ווי א ח ד ה ע ם, דער באַדייטנדיקסטער פאָרשטייער פון חובבי ציון, און שאַרפסטער קריטיקער פון דעם באַראָנס קאָלאָניזאַציע־מעטאָדן אין לאַנד.

פּאַראַלעל איז געגאַנגען אַ פּראָצעס פון אויסברייטערן דעם יידישן באָדן־איינקויף און דאָס גרינדן פון נייע קאָלאָניעס. צוגלייך מיטן באַראָן האָבן איינגעקויפט באָדן די חובבי־ציון־געזעלשאַפטן פון רוסלאַנד, רומעניע, גאַליציע און אַנדערע חברות, וואָס האָבן זיך געגרינדעט אין אַ גרויסער צאָל יענע יאָרן. אין יאָר 1900 זענען שוין געווען 22 קאָלאָניעס מיט אַ באַפעלקערונג פון 5000 נפשות, 10% פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג אין לאַנד, מיט אַ באָדן־באַזיץ פון 218.000 דונאַם. ביי דער דאָזיקער סיטואַציע און אין דעם זעלבן יאָר 1900 איז פאָרגעקומען אין די יידישע קאָלאָניעס אַ נייע גרויסע ענדערונג: דער באַראָן ראָטשילד האָט זיך צוריקגעצויגן פון דער דירעקטער פאַרוואַלטונג און אויסהאַלטונג פון די דורך אים געשאַפענע קאָלאָניעס. די אָנפירונג האָט ער איבערגעגעבן דער ייק"א (יידישע קאָלאָניזאַציע־געזעלשאַפט), וואָס האָט פריער געאַרבעט בלויז אין אַרגענטינע און וועלכע פירט אַריין נייע קאָלאָניזאַציע־מעטאָדן. אַ טייל פון די פאַרפלאַנצטע וויינגערטנער ווערן אָראָפּגעריסן. דעם באַראָנס וויינקעלערס צאָלן שוין נישט מער די הויכע פרייזן פון אַמאָל. די קאָלאָניסטן פּרוּוון מיט אַ געוויסער הילף פון דעם זעלבן באַראָן צו אָרגאַניזירן אייגענע פאַרקויף־קאָאָפּעראַטיוון. ייק"א אַנטוויקלט נישט ווייטער די אַלטע פאָרם פון וויינגערטנעריי. להיפוך, זי אונטערשטיצט דעם איבערגאַנג צו אַנדערע פּרוכט־

קולטורן, ווי מאַנדלען און אַליוון. די נייע קאָלאָניעס ווערן שוין געגרינדעט אויף אַן אַנדער יסוד, דער קאָלאָניסט באַקומט דעם באָדן און די אויסשטאַטונג פון זיין באַלעבאַטישקייט, אָבער ער באַאַרבעט אים אַלס פּאַכטער און צאָלט אויס ביסלעכווייז דער ייק״א דעם ווערט פון באָדן און אינוועסטירטן קאַפּיטאַל. די קאָלאָניעס אין צפון פון לאַנד אין גליל, זענען גלייך באַזירט געוואָרן אויף תבואה־ווירטשאַפט, ווייל דער באָדן האָט נישט געפּאַסט פאַר אַנדערע קולטורן. אָבער אויך אין די דאָזיקע נייע פּונקטן זענען די קאָלאָניסטן געשטיצט געוואָרן דורכן באַראָן. די ערד־חלקים פון די קאָלאָניסטן זענען געווען אַזוי גרויס, אַז זיי האָבן עס נישט געקאָנט אַליין באַאַרבעטן *), פלעגן טאַקע יידישע קאָלאָניסטן אָפט אָפּגעבן אין אַרענדע שטחים ערד די אַרומיקע אַראַבישע פעלאַכן, פאַר אַ באַשטימטן פּאַכט־צינז.

אַנהויב פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, נאָכדעם ווען די יידישע קאָלאָניזאַציע האָט געהאַט הינטער זיך אַ דערפאַרונג פון צוויי צענדליק יאָר, איז שוין מעגלעך געווען אונטערצופירן אַ סך־הכל, וואָס זאָל קאָנען געבן אַן ענטפער אויף דער פראַגע וועגן דער צוקונפט פון דעם קאָלאָניזאַציע־ווערק בכלל. די אידעאַליסטישע „בילו״־קאָלאָניזאַציע איז גאָר שנעל פאַרשרומפּן געוואָרן, נישט געקוקט אויף דער מסירת־נפש פון די דאָזיקע ליידנספולע און קרבנות־גרייטע פיאָנערן אויף דעם הייסן באָדן פון ארץ־ישראל. די תקופה פון באַראָן ראָטשילדס אַדמיניסטראַציע האָט פון די קאָלאָניסטן געמאַכט קליינע באַלעבאַטים, וואָס אַרבעטן מיט ביליקער אַרבעטס־קראַפט און ווערן אויסגעהאַלטן אויפן חשבון פון גביר. יידישע קאָלאָניעס זענען געוואָרן טיפּיש יידישע קליין־שטעטלעך. אויך די תקופה פון ייק״א (שפּעטער אומגעוואַנדלט אין פּיק״א — פּאַלעסטינער יידישע קאָלאָניזאַציע־געזעלשאַפט), האָט, נישט קוקנדיק אויף די גרויסע שטחים באָדן און געלט־אינוועסטיציעס, נישט אויפגעשטעלט קיין געזונטן יידישן פּ ו י ע ר י ם־קלאַס אין לאַנד. דער צוגעקליבענער עלעמענט איז דאַסמאָל שוין רעקרוטירט געוואָרן פון מענטשן מיט אַ געוויסער לאַנדווירטשאַפט־לעכער דערפאַרונג, ער איז אָבער נישט געווען בכוח אַליין צו באַאַרבעטן דעם באָדן. גרויסע שטחים אין גליל האָבן געפּוסטעוועט. ביידע אויבנדער־מאָנטע פאָרמען פון קאָלאָניזאַציע האָבן נישט געלייזט דאָס פּראָבלעם, וואָס

*) אין יבנאל אין גליל, דורכשניטלעך צו 300 דונאָם באָדן, אין יסוד־המעלה פון 600 ביז 900 דונאָם (באַריכט פון דער פּועלי־ציון פּאַלעסטינע־קאָמיסיע, יפו 1920).

איז דער עיקר באַשטאַנען אין דער אַ ל י י ן ־ אַ ר ב ע ט פון קאָלאָניסט. בעת די ציוניסטישע באַוועגונג האָט אָנגעהויבן שטעלן די ערשטע טריט פון פּראַקטישער אַרבעט אויפן האַרטן באָדן פון ארץ־ישראל, איז דאָס פּראָבלעם קרענקלעך אויסגעוואַקסן צו דער מדרגה פון ד ע ר עיקר־פּראַגע פונעם גאַנצן קאָלאָניזאַציע־ווערק אין לאַנד.

די קאָלאָניזאַציע האָט נאָך אַלץ נישט געפונען די פּאַסנדע פאָרם אין דער לאַנדווירטשאַפט, צו פאַרוואָרצלען יידישע לופט־מענטשן אין ערד־אַרבעט, נאָר, פאַרקערט גאָר, אויסגעהאָדעוועט אַ שיכט פון נייע באַלעבאַטים, וואָס עקספּלואַטירן פרעמדע אַרבעטס־קראַפט און זעען אין דער ווירטשאַפט אַן ענין פון מסחר, וואָס מען קען מאָרגן פאַרקויפן, אויב עס וועט זיך לוינען. דער נאָכוווקס פון די קאָלאָניסטן, דער יונגער דור, האָט זיך נישט געהאַלטן אין די קאָלאָניעס און אין דער גרעסטער מערהייט עמיגרירט פון לאַנד, אין אַנדערע קאָלאָניזאַציע־לענדער.

יידישע אַרבעטער, וועלכע האָבן זיך צום ערשטן מאָל באַוויזן אין לאַנד, אין אָנהויב פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, האָבן אומזיסט געזוכט אַן אַר־בעטס־פּלאַץ אין די אַלטע קאָלאָניעס. זיי זענען פאַר זיי, אויסער איינציקע אויסנאַמען, געווען פאַרמאַכט אויף זיבן שלעסער. די שטעט זענען נאָך דעמאָלט געווען ווייניק אַנטוויקלט און נישט געקענט געבן קיין אָנשפּאַר די אָנקומענדיקע אַרבעטער־עלעמענטן. עס האָט זיך געשטעלט די האַרבע פּראַגע: וווהין? וווהין פירט דער דאָזיקער וועג? צו וואָס טויגן די אַלע קרבנות און גרויסע מיטלען, ווען זיי ברענגען נישט צום אַוועקגעשטעלטן ציל: צו פּראָדוקטיוויזירן יידישע מאַסן אין ארץ־ישראל דורך לאַנדווירט־שאַפטלעכער אַרבעט און דאָס אַריינדרינגען פון יידישער אַרבעט אין אַלע צווייגן פון דער לאַנדווירטשאַפט. עס האָט געהאַלטן דערביי, אַז די אָנגע־הויבענע קליינע יידישע איינוואַנדערונג זאָל אינגאַנצן אָפּגעשטעלט ווערן. דער יידישער פאָלקסמענטש, דער יידישער אַרבעטער האָט ביי אַזאַ אופן פון קאָלאָניזאַציע, נישט געהאַט קיין פּלאַץ פאַר זיך. די קליינע אַמאָליקע קעסטקינדער, וואָס האָבן מיט גביריש געלט און ביליקער אַרבעט געשאַפן פאַרמעגנס פאַר זיך, ווי נאָר זיי האָבן זיך געשטעלט אויף די פיס — איז זייער ערשטע אַרבעט געווען צו פאַריאָגן דעם יידישן אַרבעטער פון דער קאָלאָניע, נישט דערלאָזן אים זיך צו פאַרפעסטיקן. אויף אַלע זייַנע באַמי־אונגען באַקומט דער אַרבעטער נאָר איין „פּראַקטישן" ענטפער: אַראָפּלאָזן דעם אַרבעטסלוין ביז צו דער מדרגה פון אַראַבישן פעלאַך. אָבער דער אמתער באַטייט דערפון וואָלט געווען פאַר דעם אָנקומענדיקן יידישן אַרבע־

טער פשוט פערמאַנענטער הונגער, פיזישע דעגענעראַציע.

אַזוי איז אַ גרויסע אידעאַליסטישע התחלה, צוליב פאַלשע מעטאָדן און צוגאַנג, געוואָרן דער היפוך פון דעם, צו וואָס מען האָט לכתחילה געשטרעבט.

קאַפּיטל דריי

ערשטע שריט פון דער אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע און דער נאַציאָנאַל־פאָנד ביז איבער דער וועלט־מלחמה

דער פּראָצעס פון יידישער אימיגראַציע קיין ארץ־ישראל איז צוליב די באַזונדערע באַדינגונגען פון לאַנד געווען מסוגל צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון יידישע וואַנדערונגען, צו פירן צו דער אויסבילדונג פון אַן עקאָנאָמיש־גאַנצן, טעריטאָריאַל־קאָנצענטרירטן ישוב. צום ערשטן מאָל זענען יידישע אַרבעטס־מענטשן און פאָלקס־איינוואַנדערער אָנגעקומען אין אַ לאַנד, וווּ מ׳האָט נישט באַדאַרפט זיך צופּאַסן צו אַ שוין עקזיסטירנדיקער אָרדנונג און צו אַווירטשאַפט, וואָס איז כמעט אינגאַנצן אויסגעפילט דורך אַנדערע; נאָר פאַרקערט, ווו יעדער צווייג און יעדע עקאָנאָמישע פונקציע האָט געמוזט פון דאָס ניי באַשאַפן ווערן.*) אויב אין אַמעריקע אָדער

---

*) ב. באָראָכאָוו זאָגט וועגן דעם: „די ווירטשאַפט פון יענעם לאַנד, וווּהין די יידן וועלן אימיגרירן, איז נישט קיין גרויס־קאַפּיטאַליסטישע און נישט קיין ברייט־לאַנדווירטשאַפטלעכע, אַן איבערגאַנג־ווירטשאַפט. אַהין וועלן די יידן עמיגרירן אַליין, אָפּגעזונדערט פונעם אַלגעמיינעם עמיגראַציע־שטראָם. דאָס וועט זיין אַ לאַנד, וווּ פאַר אַנדערע פעלקער וועלן די עקאָנאָמישע מעלות אָפּגעשוואַכט ווערן דורך פאַרשידענע אומבאַקוועמלעכקייטן. דאָס דאָזיקע לאַנד וועט זיין דאָס א י י נ צ י ק ע צוגענגלעכע פאַר יידן, און פון אַלע לענדער, וואָס זענען צוטענגלעך פאַר די אימיגראַנטן פון אַנדערע פעלקער, וועט עס ליגן אויף דער ליניע פון גרעסטן ווידערשטאַנד; דאָס וועט זיין אַ לאַנד מיט אַ נידעריקער קולטורעל־פּאָליטישער אַנטוויקלונגס־שטופע; דאָס וועט זיין אַ לאַנד, וווּ גרויס־קאַפּיטאַל וועט, צוליב דער הינטערשטעליקייט פונעם פּאָליטישן לעבן, שווערלעך געפינען פאַר זיך אַ

אַרגענטינע איז די יידישע אימיגראַציע געווען ביכולת בלויז אַריינצודרינגען אין פאַרבליבענע שפּאַלטן פון האַנטווערק, פאַבריקאַציע, האַנדל, פּאַרמיט־לעריי און פעדלעריי, אַנטוויקלענדיק בלויז אויף אַ טעכניש העכערן שטאַפּל די זעלבע באַשעפטיקונגען, וואָס זיי האָבן געהאַט אין די אַלטע היימען. האָט די יידישע איינוואַנדערונג קיין ארץ־ישראל געטראָגן אין זיך די קראַפט, דעם ווילן און די אָביעקטיווע מעגלעכקייטן אויסצובערייטערן און איבערצוואַנדערשן די עקאָנאָמישע סטרוקטור פון די איינגעוואַנדערטע. יידישע אימיגראַנצן זענען געוואָרן פּיאָנערן פון אינדוסטריע און מאָדערנעם האַנטווערק. זיי האָבן אַנטוויקלט נייע, פאַרפולקאָמטע פ א ר מ ע ן פון האַנדל — אָבער אַלץ נאָר אין צווייגן, וואָס האָבן געהאַט אַ טראַדיציע אין די יידישע פרנסות אין די אַלטע היימען. בנוגע לאַנדווירטשאַפט האָט געמוזט פאָרקומען ממש אַ רעוואָלוציאָניזירנדיקער פּראָצעס, כדי פון אַ נישט־צוגעפּאַסטן שטאָטישן עלעמענט, מענטשן אָן אַ פאַך איבערהויפּט, פון אַן אינטעליגענטיש־באַלעבאַטישער יוגנט — זאָלן ווערן יידישע לאַנד־ווירטן.

אויך לגבי ארץ־ישראל האָבן די פּערספּעקטיוון לכתחילה, נאָך די שווערע ערשטע דערפאַרונגען אין דער לאַנדווירטשאַפט, אין פלוג אויסגעזען זייער שוואַרץ. אַ ריי פראַגן האָט זיך געשטעלט פון זיך אַליין: וואָס פאַר אַ ווערט האָבן די פאַר טויזנט יידישע פּריוואַטע קאָלאָניסטן, וואָס באַאַרבעטן נישט אַליין דעם באָדן, נאָר האַנדלען בלויז מיט זיין גערעטעניש? צי קענען די דאָזיקע קאָלאָניעס דינען פאַר אַ שטיץ־פונקט דעם אַנקומענדיקן אַרבעטער און אומבאַמיטלטן פאָלקס־מענטש? צי דראָט נישט די געפאַר, אַז דער באָדן, וואָס געפינט זיך אין די הענט פון די דאָזיקע קאָלאָניסטן, זאָל מיט דער צייט ווערן פונקט אַזאַ אָביעקט פון מסחר, ווי דער וויין, די מאַראַנצן, אָדער די מאַנדלען; אפשר וועט עס גאָר לוינען דעם קאָלאָניסט צו פאַרקויפן פאַר אַ העכערן פּרייז? צו וואָס קען פירן אַ קאָלאָניזאַציע־פּראָצעס, וועלכער בילדעט אויס אַ דינעם שיכט פּלאַנטאַטאָרס, וואָס אַרבעט מיט ביליקער אַרבעטסקראַפט פון די אַרומיקע פעלאַכן? לגבי ארץ־ישראל מוז דאָך

פאַרווענדונג, און דער קליינער און מיטעלער קאַפּיטאַל וועלן געפינען אַ מאַרק פאַר זייערע פּראָדוקטן אי אין לאַנד גופא, אי אין די שכנותדיקע געגנטן.

ד אָ ס ל אַ נ ד פ ו ן ד ע ר ז י ך ס ט י כ י ש ק אָ נ צ ע נ ט ר י ר נ ־ ד ע ר י י ד י ש ע ר א י מ י ג ר אַ צ י ע װ ע ט ז י י ן פּ אַ ל ע ס ט י נ ע ״.

(„אונזער פּלאַטפאָרם״, שריפטן ב. 1, זייט 7—266).

גילטן, פונקט ווי פאַר יעדן אַנדער לאַנד, דער כלל, אַז דער נאַציאָנאַלער כאַראַקטער פון אַ לאַנד ווערט אומעטום באַשטימט פון י ע נ ע ם פאָלק, וואָס אַרבעט ממשותדיק אויפן באָדן, אַפילו דאַן, ווען די אויבערשטע שיכט באָדן־באַזיצער געהערט צו אַן אַנדער נאַציאָנאַליטעט! אויף די אַלע פראַגן האָט געקענט קומען נאָר איין ענטפער: אָט דער וועג פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע איז אַ פאַלשער דורך און דורך! עס מוזן געפונען ווערן נייע וועגן און מיטלען, צו פאַרמיידן די דאָזיקע געפאַרן. דער פריוואַטער קאַפּיטאַל, אָדער דער פילאַנטראָפּישער, וואָס איז אַריבער אין פריוואַטע הענט, איז נישט מסוגל צו אַנטוויקלען קיין ברייטע קאָלאָניזאַציע, אַ פאַרוואָרצלטע אין באָדן און געבויטע אויף אייגענער אַרבעט.

די דאָזיקע פראַגע האָט זיך אַוועקגעשטעלט פאַר דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע באַלד ווי זי האָט נאָר אָנגעהויבן שטעלן די ערשטע טריט אויפן געביט פון קאָלאָניזאַציע. פונעם טיפן עקאָנאָמישן און געזעלשאַפטלעכן קריזיס, אין וועלכן די יידישע קאָלאָניזאַציע אין לאַנד צו יענער צייט, איז געזונקען, האָט געקאָנט פירן בלויז איין וועג: אַז די געזעלשאַפטלעכע איניציאַטיוו און אַרבעט זאָל גובר זיין דעם פּריוואַט־קאַפּיטאַליסטישן אינטערעס. עס האָט זיך געפאָדערט אַ נייער צוגאַנג צו דער פראַגע פון א י י ג נ ט ו ם א ו י פ ן ב א ָ ד ן א ו ן פ ו ן י י ד י ש ע ר א ַ ר ב ע ט א י ן ד ע ר ל אַ נ ד ו ו י ר ט ש אַ פ ט, איינעם פון די עיקרדיקסטע געביטן אינעם יידישן קאָלאָניזאַציע־ווערק אין ארץ־ישראל.

אין יאָר 1908, בעת די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט געגרינדעט איר ערשטן פּאַלעסטינע־אַמט אין לאַנד און צוגעטראָטן צו דער פּראַקטישער אַרבעט, האָט זי געהאַט פאַר זיך אַלס פאַרבילד די יידישע קאָלאָניזאַציע אין משך פון קרוב דרייסיק יאָר. נישט געקוקט אויף אַלע אויסגערעכנטע נעגאַטיווע זייטן פון דער פריערדיקער קאָלאָניזאַציע, האָט זי פונדעסטוועגן מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ גרויסן פּאָזיטיוון פאַרמעגן פון דערפאַרונג און אַ לערע פאַר דער וויטערדיקער אַרבעט.

אין לאַנד גופא איז צוגעקומען אַ נייער עלעמענט. דאָס איז געווען די צ ו ו י י ט ע ע ל י ה. אַן איינוואַנדערונג, וועלכע איז אָנגעקומען אין לאַנד נאָך דעם דורכפאַל פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע אין די יאָרן 1904־5, און נאָך די שוידערלעכע פּאָגראָמען אויף דער יידישער באַפעלקע־רונג, וואָס זענען פאָרגעקומען מיט דעם נצחון פון דער צאַרישער רעאַקציע.

יונגע מענטשן, סטודענטן און אַרבעטער, באַטייליקטע אין דער רעוואָ־לוציאָנערער באַוועגונג פון די יידישע אַרבעטער אין רוסלאַנד, קעמפער

אין דער יידישער זעלבסטשוץ, יוגנט, וואָס האָט געזוכט נייע וועגן — האָבן געבראַכט מיט זיך גרויסן אידעאַליזם און דעם סאָציאַליסטישן פּאַטאָס פון דער אַלטער היים. די ערשטע אָרגאַניזירטע גרופּע, מיט וועלכער עס עפנט זיך די צווייטע עליה, איז באַשטאַנען פון פּועלי־ציון פון האָמעל. זי איז אָנגעקומען אין לאַנד נאָך אין יאָר 1904. זייער ציל איז געווען — ווערן יידישע אַרבעטער אין ארץ־ישראל, פּיאָנערן פונעם יידישן אַרבעטער־קלאַס. צוגלייך דערמיט האָט זיך אָנגעהויבן די איינוואַנדערונג פון אַן אידעאַליסטישער, נישט סאָציאַליסטישער, אָבער צו אַרבעט שטרע־בנדיקער יוגנט, וואָס האָט געפונען איר אויסדרוק אין דער אַרבעטס־פּאַרטיי „הפּועל־הצעיר״. מיט גרויס התלהבות און גלויבן האָבן זיך די נייע איינוואַנדערער געוואָרפן צו אַרבעט אין די קאָלאָניעס, פּאַרווירקלעכן זייער אידעאַל און אַריינדרינגען אין דער לאַנדווירטשאַפט. עס איז נישט געווען דער קרבן, אויף וועלכן זיי זאָלן נישט זיין גרייט. אָבער די יידישע קאָלאָניסטן, מיט קליינע אויסנאַמען, האָבן זיי באַגעגנט מיט פּאַרדרוס, שנאה און קעגנערשאַפט. נאָר אַ קליינער טייל פון דער דאָזיקער עליה האָט געפונען פּלאַץ אַלס אַרבעטער אין די פּריוואַטע קאָלאָניעס, און אויך דאָס, ביי די שווערסטע באַדינגונגען און נידעריקסטע לוינען. פאַר דעם יידישן קאָלאָניסט זענען זיי בכלל געווען אַ מין אָנשיקעניש און ביי דער ערשטער געלעגנהייט האָבן זיי זיך באַמיט ווידער צו פאַרבייטן זיי מיט דעם אַראַבישן פעלאַך, וועלכער האָט געהאַט פאַרשידענע „מעלות״: ראשית, האָט ער געקענט לעבן פאַר פּרוטות, האָבנדיק אין דער נאָענט זיין דאָרף מיט דעם ביסל ווירטשאַפט, און וואָס איז נישט ווינציקער חשוב: זיי האָבן נישט געוווּסט פון דעם מין קלאַסן־קאַמף, שטרייקן, פאָדערן העכערע לוינען און אויך נישט געפאָדערט קיין מענטשלעכע באַציאונג און באַהאַנדלונג, אַלץ זאַכן, פאַר וועלכע די קאָלאָניסטן האָבן געהאַט גרויס פּחד.

עס איז געווען די גרינדונגס־צייט פון דער פּועלי־ציון־פּאַרטיי אין לאַנד (1907), וועלכע האָט זיך, אַלס ערשטע געשטעלט די אויפגאַבע צו פירן דעם קאַמף מיט די קאָלאָניסטן פאַר מענטשלעכע אַרבעטס־באַדינ־גונגען. די ביז אַהער צעוואָרפענע און נישט־אָרגאַניזירטע יחידים־אַרבעטער האָבן צובאַקומען דאָס וויכטיקסטע געווער אין זייער קאַמף — די פּאָליטישע פּאַרטיי, וועלכע האָט זיך באַמיט פון די ערשטע טריט אירע צו אָרגאַניזירן דעם ווידערשטאַנד קעגן דעם באָיקאָט פון יידישן אַרבעטער און זיין אַרויס־שטויסונג פון די קאָלאָניעס. אָבער עס האָבן זיך אויך געשטעלט ווייטערע פראַגן. דער יידישער אַרבעטער האָט לאַנג נישט געקענט פאַרבלייבן אין

דער קאָלאָניע, ווען ער האָט אפילו יאָ באַקומען אַרבעט. דער נידעריקער לוין און דער סעזאָן־כאַראַקטער פון דער אַרבעט, וואָס האָט געצוווּנגען אַ האַלב יאָר אַרומצוגיין אַרבעטסלאָז, האָט בכלל פאַר אים פאַרשטעלט יעטוועדע פּערספּעקטיוו אויף אַנטוויקלונג, איינוואָרצלונג אין דער קאָלאָניע, אויף אַ פאַמיליע־לעבן א.אַ.וו. אויסערגעוויינלעך שאַרף איז אויך געשטאַנען די וווינונגס־פּראַגע, אין די קאָלאָניעס. צוליב דעם פּריוואַטן באָדן־באַזיץ און געוואַלדיקער שטייגערונג פון באָדן־פּרייזן, ביי די אַנגעצויגענע באַציאונגען מיט די קאָלאָניסטן, האָט דער יידישער אַרבעטער אין די קאָלאָניעס נישט געהאַט פשוט קיין מעגלעכקייט צו דינגען פאַר זיך אַ ווינקל.*)

די דאָזיקע דערשיינונגען האָבן זיך געלייגט ווי אַ שווערע משא אויף די נייע אַרבעטער און זייער לעבנס־שטייגער. עס האָט זיך געשטעלט די פראַגע, וואָס צו טאָן מיט הונדערטער פרישע אַרבעטער־כוחות, וואָס זענען צוגעקומען אין לאַנד? ווי אַזוי פאַרבינדט מען זיי מיטן באָדן, בעת די עקזיסטירנדיקע פּריוואַטע קאָלאָניזאַציע וויל זיי נישט אויפנעמען אָדער נעמט זיי אויף דעמאָלט, ווען זיי זענען מסכים זיך אַראָפּצולאָזן צום נידעריקן לעבנס־שטייגער פון אַן אַראַבישן פעלאַך?

דער ניי־געגרינדעטער פּאַלעסטינע־אַמט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וועלכער האָט דעמאָלט רעפּרעזענטירט אויך דעם נאַציאָנאַל־פאָנד, האָט באַלד פון זיינע ערשטע טריט זיך אָנגעשטויסן אויף דער דאָזיקער פראַגע. די ציוניסטישע באַוועגונג האָט זיך שוין ביסלעכווייז דערנענטערט צום געדאַנק פון פּראַקטישער אַרבעט אין ארץ־ישראל, נישט וואַרטנדיק, אַז די פּאָליטישע פאַרבאַדינגונגען זאָלן געזיכערט ווערן אין פאָראויס. דער נאַציאָנאַל־פאָנד האָט ביזן יאָר 1908, אין משך פון זיין 6־יעריקער עקזיסטענץ, זיך פאַרנומען בלויז מיט זאַמלען געלט צווישן די יידישע קבוצים אין דער וועלט. אנשטאָט די פּראָיעקטירטע 200.000 פונט, וועלכע מען האָט געדאַרפט דערגרייכן לויטן באַשלוס פון קאָנגרעס, איידער מען טרעט צו איינצוקויפן באָדן, האָט מען זיך געמוזט באַנוגענען מיט אַ פיל באַשיידענער סומע פון 70.000 פונט.

אַלס אויפגאַבע פון נאַציאָנאַל־פאָנד איז לכתחילה געווען באַשטימט

*) געווען פאַלן, ווו די קאָלאָניסטן האָבן פאַרבאָטן יידישע אַרבעטער צו דינגען וווינונגען אין דער קאָלאָניע און געצוווּנגען זיי צו וווינען אין אוממענטשלעכסטע באַדינגונגען מחוץ דער קאָלאָניע.

בלויז איינצוקויפן באַדן פאַרן אייגנטום פון פאָלק און איבערגעבן אים צו יידישע לאַנדווירטן אויפן יסוד פון ירושה־פּאַכט. אָבער דער נאַציאָנאַל־פאָנד האָט דאַן נישט געקאָנט זיך האַלטן אין די גרענעצן פון זיין אייגנט־לעכער אויפגאַבע. דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע האָבן געפעלט די נויטיקע אָרגאַנען פאַר פּראַקטישער קאָלאָניזאַציע־אַרבעט. עס זענען אויך נישט געווען בנמצא קיין ספּעציעלע פאָנדן צו פינאַנסירן דאָס באַזעצן לאַנדווירטן אויפן באָדן, אויסשטאַטן זיי מיט מכשירים, געביידעס, לעבעדיקן אינווענטאַר, גראָבן ברונימער א.אַ.וו. דערפאַר האָט דער נאַציאָנאַל־פאָנד אין דעם ערשטן פּעריאָד פון זיין אַרבעט, וואָס האָט, אגב, געדויערט ביז איבער דער וועלט־מלחמה (1920), געמוזט אָנגיין אַלס דער איינציקער אָרגאַן, וואָס פאַרנעמט זיך אַ חוץ מיטן באָדן־איינקויף אויך מיט פּראַקטישער קאָלאָניזאַציע־טעטיקייט. זיינע ערשטע אויפטוען זענען באַשטאַנען אין איינקויפן קלענערע שטחים אין פאַרשידענע טיילן פון לאַנד. צוליב אומדער־פאַרנקייט און מאַנגל אין מיטלען זענען די קניות געווען צופעליקע און וויניק געלונגענע. אָבער אַפילו פאַר די דאָזיקע שטחים האָט דער נאַציאָנאַל־פאָנד נישט געקענט געפינען קיין בעלנים, וואָס זאָלן מסכים זיין, זיך צו באַזעצן אַלס יחידים־לאַנדווירטן. שוין דעמאָלט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס איז וויניק אויסצוטיילן אַ שטיק ערד פאַר אַ קאָלאָניסט, בפרט נאָך אין ארץ־ישראל, ווו יעדעס שטיק לאַנד האָט געמוזט צוערשט גוט צוגעגרייט ווערן, ביז עס האָט געקאָנט איבערגעגעבן ווערן דעם קאָלאָניסט. דער באָדן האָט געמוזט אָפט אויסגעטריקנט ווערן פון זומפּן, אַנדערע באַדנס האָבן געמוזט קינסטלעך באַוואַסערט ווערן, אָפּגערייניקט פון שטיינער, פאַרצעלירט, באַמיסטיקט א.אַ.וו. צום געקויפטן שטח האָט מען באַדאַרפט פאַרלייגן וועגן. אויסערדעם האָט דער באָדן אין לאַנד פאַרמאָגט נאָך איין גרויסע פּלאָג — ער איז געווען אומבאַשיצט און נאַקעט, ד.ה. עס האָבן געפעלט וועלדער, אויף צו פאַרהאַלטן דאָס דורכדרינגען פון זאַמד־דיונעס פונעם ים צו, אָדער דאָס אַראָפּשווענקען פון דער ערד־שיכט דורך ווינטן און רעגנס אין בערג־געגנטן. אַזעלכע אַרבעטן פירט אַדורך אומעטום די מלוכה. די יידישע קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל האָט אָבער די דאָזיקע שטיצע מצד דער טערקישער מלוכה נישט געקאָנט האָבן. די ערשטע קאָלאָניסטן, וואָס זענען באַזעצט געוואָרן אויף אַ נישט־צוגעגרייטן באָדן האָבן דערפאַר באַצאָלט זייער טייער. אַ סך קרבנות פון לעבן און געזונט האָט געקאָסט די מאַלאַריע אַליין, אַ קראַנקהייט, וואָס קומט פון זומפּיקן באָדן.

דאָס צווייטע גרויסע פּראָבלעם איז געווען די צוגרייטונג פון פּאַסיקן

מענטשן־מאַטעריאַל פאַר לאַנדווירטשאַפט, אויסבילדן נייע ווירטשאַפטס־פאָרמען און פרווון איינפירן נייע באָדן־קולטורן. די דערפאַרונג פון דער אַלטער קאָלאָניזאַציע האָט באַוויזן בולט די געפאַר פון אַ לאַנדווירטשאַפט, וואָס איז געבויט בלויז אויף איין קולטור, תבואה, צי וויינגערטנער אָדער פּרדסים אַליין. די אַלטע קאָלאָניעס האָבן נישט געקענט דערציען אַ נייעם לאַנדווירטשאַפטלעך־אַקטיוון דור, מחמת די עצם אַרבעט פון דעם קאָלאָניסט איז גאָר געווען אויפזעערײַ און האַנדל. פאַר דער יוגנט איז נישט געבליבן וואָס צו טאָן אין די קאָלאָניעס. עס זענען געבליבן בלויז די עלטערע קאָלאָניסטן און טויזנטער אַראַבישע פעלאַכן, אַלס געדונגענע אַרבעטער, וואָס פלעגן באַאַרבעטן די פּרדסים און די תבואה־פעלדער. די צאָל יידישע אַרבעטער אין די קאָלאָניעס האָט ערשט אין יאָר 1911 דערגרייכט אינגאַנצן ביז אַ 600 מאַן. די צאָל אַראַבישע אַרבעטער איז דערגאַנגען ביז עטלעכע טויזנט.

דער נאַציאָנאַל־פאָנד, צוזאַמען מיט דעם פּאַלעסטינע־אַמט, האָבן דעם זעלבן יאָר 1908 געעפנט אַ לאַנדווירטשאַפטלעכע פערמע אין כּנרת אין עמק הירדן. דער הויפּט־ציל פון דער דאָזיקער פערמע איז געווען צוגרייטן און אויסבילדן אַרבעטער און אינסטרוקטאָרן, וועלכע זאָלן זיין פעיק אָנצופירן מיט אַ לאַנדווירטשאַפטלעכער אונטערנעמונג.

באַלד דערויף איז געגרינדעט געוואָרן די פערמע אין בן־שמן אויף צוגרייטן די אַרבעטער פאַר וואַלד־פלאַנצונגען, אין שייכות מיטן פּראָיעקטירטן הערצל־וואַלד. צוליב דעם זעלבן צוועק איז אויך געגרינדעט געוואָרן (1909), די לאַנדווירטשאַפטלעכע פערמע אין חולדה — ביידע אין יהודה. אַ חוץ לאַנדווירטשאַפטלעכער אויסבילדונג האָבן די דאָזיקע פערמעס אויך געהאַט דעם ציל אויסצופּרווון נייע פאָרמען אין דער לאַנדווירטשאַפט. נאָכן דורכפאַל פון דער אויסשליסלעכער פלאַנצונגס־ווירטשאַפט אין די אַלטע קאָלאָניעס און פון דער תבואה־ווירטשאַפט — אין גליל — איז מען צוגעטראָטן צום ערשטן מאָל בויען אַ געמישטע ווירטשאַפט פון גרינסן, פלאַנצונגען, תבואה, און מילך־ווירטשאַפט אינאיינעם. דאָס איז דאָן נאָך געווען אַ פרווו. די שפּעטערדיקע אַנטוויקלונג פון דער ארץ־ישראלדיקער לאַנדווירטשאַפט האָט באַוויזן, אַז די דאָזיקע געמישטע פאָרם איז צום מייסטנס צוגעפאַסט צו די באַדינגונגען פונעם לאַנד.

די דאָזיקע פערמעס זענען, אמת, געווען מער לעראַנשטאַלטן איידער ווירטשאַפטלעכע אונטערנעמונגען. און דערפאַר האָבן זיי געמוזט אויסגעהאַלטן ווערן דורך די ציוניסטישע אינסטיטוציעס און קודם כּל דורך דעם נאַציאָנאַל־

פאַנד. מיט דער צייט האָבן זיי אַרויסגעגעבן גוטע פּאַכלייט, וואָס אַ טייל פון זיי האָט געפונען אַרבעט ביי פלאַנצונגען אין די פּריוואַטע קאָלאָניעס; דער גרעסטער טייל אָבער האָט געשאַפן דעם קערן פאַר דער שפּעטער פונאַנדער־געוואַקסענער לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָאָפּעראַציע אין דער פאָרם פון אַרבעטער־קאָלעקטיוון, באַקאַנט אונטערן נאָמען קבוצות.

דגניה ביים ים כנרת (1909) איז געווען די ערשטע קבוצה. שפּעטער איז צוגעקומען מרחביה אין עמק־יזרעאל, אַ קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניע לויטן פּלאַן פון פּראָפ. אָפּענהיימער, מיט אַ באַשטימטן אַדמיניסטראַטאָר. אָפּענהיימערס פּלאַן איז אָבער דורכגעפאַלן און די אַרבעטער האָבן אַליין איבערגענומען די פירונג פון דער ווירטשאַפט. אויך די ייק״א־פּערמע סעדזשערא אין גליל האָט מיטגעמאַכט די דאָזיקע אַנטוויקלונג. די קבוצות האָבן שוין געבילדעט אַ העכערן שטאַפּל אין דער אַנטוויקלונג פון דעם לאַנד־אַרבעטער. נישט מער שילער, וואָס לערנען זיך און ווערן אויסגעהאַלטן דורכן נאַציאָנאַל־פאַנד, נאָר אַ קבוצה, אַ קאָלעקטיוו פון אַרבעטער, וועלכע נעמען איבער דעם באָדן מיט דעם נויטיקן אינווענטאַר און פירן די ווירטשאַפט זעלבשטענדיק, ביי דער פולער גלייכקייט אין דער פאַרטיילונג פונעם ריווח פאַר אַלע חברים אין דער קבוצה. דאָס לעבן איז אַוועקגעשטעלט אויף יסודות פון אַ קאָמונע. דער נישט־אויסגעגעבענער טייל פון די רווחים גייט אויף צו פאַרגרעסערן און פאַרבעסערן די ווירטשאַפט. די דאָזיקע קאָאָפּעראַטיווע פאָרם האָט זיך אַרויסגעוויזן צומייסטן צוגעפּאַסט פאַר דעם פּיאָנער־פּעריאָד פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע, און פאַר דער הויכער קולטור־מדרגה און אידעיִשער איינשטעלונג פון דער נייער אַרבעטער־איינוואַנדערונג. די זעלבשטענדיקייט פון דער אַרבעט, די אייגענע אחריות פאַר דער ווירטשאַפט, די אומאָפּהענגיקייט אין אינערלעכער לעבנס־איינאָרדנונג — דאָס זענען געווען די צוציִאונגס־מאָמענטן, וואָס האָבן געלאָקט דעם ניי־איינגעוואַנדערטן יידישן אינטעליגענט און אַרבעטער זיך צו אָרגאַניזירן אין דער פאָרם פון אַ קבוצה און איינוואָרצלען זיך אין דער לאַנדווירטשאַפט.

דער נאַציאָנאַל־פאָנד האָט אין דעם דאָזיקן פּראָצעס געשפּילט אַ ביז גאָר וויכטיקע און אַנטשיידענע ראָל. צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין לאַנד איז געלונגען צובינדן מענטשן צום באָדן אַלס געזונטע ערד־אַרבעטער און זיי אויסבילדן צו דער לאַנדווירטשאַפט־לעכער אַרבעט. מיט דער גרינדונג פון די לער־פּערמעס און נאָכדעם די קבוצות האָט זיך אויך אויסגעברייטערט די יידישע קאָלאָניזאַציע איבער

נייע, ביז אַהער נישט־קאָלאָניזירטע שטחים. די נייע אַרבעטס־פאָרם האָט אויך דערמעגלעכט צו מאַכן פּרווון מיט נייע צווייגן און פאָרמען אין דער לאַנדווירטשאַפט. שוין אין דעם דאָזיקן אָנפאַנג איז געלעגן פאַרבאָרגן דאָס קערנדל פון אַ באַשטימטער רעגולירטער קאָלאָניזאַציע, וואָס האָט אין זינען אינטערעסן פון כלל און נישט בלויז פּריוואַטע רווחים ווי ביי די אַלטע קאָלאָניסטן.

די אייגנטלעכע אַרבעט פון נאַציאָנאַל־פאָנד — דאָס איינקויפן און צוגרייטן דעם באָדן פאַר קאָלאָניזאַציע האָט, צוליב די אויבנדערמאָנטע סיבות, נאָך נישט געקאָנט זיין די איינציקע. פון אָנהויב פון זיין טעטיקייט אין יאָר 1908, ביזן אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה אין יאָר 1914, האָט דער נאַציאָנאַל־פאָנד איינגעקויפט אינגאַנצן 16.380 דונאַם באָדן, וואָס האָט דעמאָלט אויסגעמאַכט בלויז 4 פּראָצענט פון גאַנצן יידישן באָדן־באַזיץ (418.000 דונאַם).

דער נאַציאָנאַל־פאָנד איז געווען געצוווּנגען איבערצונעמען די אויפגאַבן פון אַ קאָלאָניזאַציע־געזעלשאַפט און פירן אַ פאַרשידנאַרטיקע טעטיקייט. אַ חוץ די לערפערמעס און די אַרבעטער־קבוצות האָט דער נאַציאָנאַל־פאָנד געשאַפן אַ ספּעציעלן היי זערבוי־פאָנד, מיט דעם ציל אויסצובויען ספּעציעלע קוואַרטאַלן פאַר לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער ביי די קאָלאָניעס. אַ באַזונדערע אויפגאַבע איז אויך געווען — גרינדן ספּעציעלע שכונות פאַר די תימנער יידן, וועלכע זענען אין די יאָרן 1911—1914, אין אַ צאָל ביז 1500, געבראַכט געוואָרן פון ווייטן תימן מיט דער באַזונדערער כוונה, צו שאַפן פון זיי אַ מער צוגעפּאַסטן אַרבעטער־עלעמענט פאַר די פּריוואַטע קאָלאָניעס. אונטער דעם איינפלוס פון פּועלי־ציון איז אויך געשאַפן געוואָרן אַ ספּעציעלער קאָאָפּעראַטיווער פאָנד (1909), וועמענס פאַרוואַלטונג איז געווען געטיילט צווישן פאַרטרעטער פון נ. פ. און פון די אַרבעטער, מיטן צוועק צו געבן קרעדיטן די אַרבעטער־קאָאָפּעראַטיוון. אומעטום, אין די אַלע אַרבעטן, איז אָפּגעהיט געוואָרן דער עיקר־פּרינציפּ פון נאַציאָנאַל־פאָנד, אַז דער באָדן בלייבט דאָס אייגנטום פונעם כלל און קען נאָר געגעבן ווערן אין דער פאָרם פון ירושה־פאַכט.

אַ גרויסן שטורעם האָט דעריבער צו יענער צייט אַרויסגערופן דער פאַקט, וואָס דער נאַציאָנאַל־פאָנד האָט געגעבן אַ פערטל מיליאָן פראַנק אַ הלוואה פאַר אַ גרופּע יפוער יידן, אויף איינצוקויפן באָדן פאַר אַ נייעם קוואַרטאַל ביי יפו — דאָס היינטיקע תל־אביב (1909), דווקא אויף יסודות פון פּריוואַט־אייגנטום. דער נאַציאָנאַל־פאָנד האָט בלויז באַקומען עטלעכע

קליינע פּלעצער אין דעם פּראָיעקטירטן נייעם קוואַרטאַל. אויף איינעם פון די פּלעצער איז אויסגעבויט געוואָרן די געביידע פון דער ערשטער יידישער גימנאַזיע „הרצליה”. דאָס זעלבע איז געשען אין חיפה, ווו דער נאַציאָנאַל־פאָנד האָט געגעבן אַ הלוואה אויף איינצוקויפן באָדן פאַר אַ נייעם קוואַרטאַל — היינטיקער הדר־הכרמל (דער יידישער טייל פון חיפה). אויך דאָ איז באָדן געקויפט געוואָרן פאַרן פּריוואַטן באַזיץ, אַ חוץ דעם פּלאַץ, אויף וועלכן עס איז אויסגעבויט געוואָרן דער חיפער טעכניקום. די דאָזיקע הילף פונעם נאַציאָנאַל־פאָנד פאַר פּריוואַטע הויז־באַזיצער האָט פאַרשטענדלעך אַרויס־גערופן גרויס פאַרביטערונג מצד דער אַרבעטערשאַפט. די פּועלי־ציון פּאַרטיי האָט זיך דאַן געווענדט מיט אַ שאַרפן פּראָטעסט קעגן די דאָזיקע אָפּעראַציעס, און די א״ידיקע פּועלי־ציון האָבן דורך די דעלעגאַטן אויפן ציוניסטישן קאָנגרעס געפאָדערט אַ גרעסערן קאָנטראָל איבער דער טעטיקייט פון דעם פּאַלעסטינע־אַמט און ספּעציעל געפאָדערט אָפּצוהיטן, אַז עס זאָלן מער נישט געמאַכט ווערן קיין אָפּווייכונגען פון דעם גרונט־פּרינציפּ פונעם נאַציאָנאַל־פאָנד. אין אָנבליק פון דער גרויסער מאָדערנער שטאָט תל־אביב און דעם פּרעכטיקן הדר־הכרמל אין חיפה, מיט אַ באַפעלקערונג פון איבער 200.000 נפשות, געדענקט מען זעלטן, אַז די דאָזיקע ביידע שטעט האָבן זיך געגרינדעט מיט דער הילף פון געקליבענע פּרוטות פון יידישן פאָלק אין דער גאַנצער וועלט. די גענעראַל־פאַרזאַמלונג פונעם נאַציאָנאַל־פאָנד אין יאָר 1914, האָט אין שייכות מיט די דאָזיקע אָפּעראַציעס באַשלאָסן, אַז פון די געלטער פונעם פאָנד זאָל געגעבן ווערן קרעדיט נאָר אַזעלכע אונטער־נעמונגען, ווו דער באָדן וועט געהערן צום כלל און נישט צום יחיד.

פון דעם גאַנצן סכום פון קרוב 200 טויזנט פונט, וועלכן דער נאַציאָנאַל־פאָנד האָט אויסגעגעבן אין ארץ־ישראל ביזן סוף פון דער מלחמה, זענען בלויז אַ 19 פּראָצענט געגאַנגען אויף איינקויפן באָדן ממש; די רעשט מיטלען זענען פאַרנוצט געוואָרן אויף אויסהאַלטן די לאַנדווירטשאַפטלעכע פירמעס, פאַר באַוועלדערונג, הייזער־בוי, הלוואות א.אַ.וו.

די וועלט־מלחמה האָט מיטאַמאָל איבערגעהאַקט די אָנגעהויבענע אַנט־וויקלונג פון דער נייער פאָרם פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע און פון דער אַרבעט פונעם נאַציאָנאַל־פאָנד. מען האָט זיך באַמיט בלויז איינצוהאַלטן מיט אַלע מיטלען דאָס פאַראַנענע. און דורך אַ ברייטער פינאַנסיעלער אונטערשטיצונג מצד דעם נאַציאָנאַל פאָנד איז די יונגע קבוצות און אַנדערע פּונקטן געלונגען אויסצוהאַלטן דעם שטורעם פון דער וועלט־מלחמה.

נישט קוקנדיק אָבער אויף די אויסערגעוויינלעך שווערע באַדינגונגען

אין דער צייט פון דער וועלט־מלחמה, באַזונדערס, ווען אין לאַנד האָט געהערשט הונגער אין פולסטן זין פון וואָרט און עס זענען אָנגעגאַנגען שווערע רעפּרעסיעס מצד דער טערקישער מיליטערישער מאַכט קעגן דער יידישער באַפעלקערונג, מיט צוואַנגס־עוואַקואַציעס, אַרעסטן, פאַרשיקונגען, וואָס האָבן באַזונדערס שווער געטראָפן די אַרבעטערשאַפט — איז דאָך די לאַנדווירטשאַפטלעכע זידלונגס־טעטיקייט פאַרגעקומען ווייטער. דווקא אין דער צייט פון דער מלחמה האָבן יידישע אַרבעטער איבערגענומען באַדן פון יק״א און געגרינדעט זידלונגען אין ווייטן גליל. אַזוי זענען אַנטשטאַנען כפר גלעדי, תל־חי, אילת־השחר, מחניים. עס איז געווען אַ דרייסטער פּרווו צו שטעלן אַ פוס אין איינעם פון די ווייטסטע און אָפּגעלאָזנסטע ווינקלען פון לאַנד. אין גליל האָבן צו יענער צייט עקזיסטירט בלויז געציילטע אַלטע קאָלאָניעס, ווי ראש פינה, מתולה, משמר הירדן, דעם עלעמענט פאַר די דאָזיקע נייע פּונקטן האָט געגעבן דער „השומר״, די יידישע וועכטער־אָרגאַניזאַציע, געגרינדעט אין יאָר 1907, וועלכע איז געשטאַנען אונטער דער גאָענטסטער השפּעה פון פּועלי־ציון. דער „השומר״ האָט אין משך פון יאָרן מיט העלדישקייט פאַרטיידיקט די יידישע קאָלאָניעס קעגן אָנפאַלן און רויב. אַ טייל פון די שומרים האָט מלחמה־צייט באַשלאָסן איבערגיין אויף לאַנדווירטשאַפט. זייערע ערשטע געצעלטן האָבן זיי פאַרלייגט טאַקע אין ווייטן, ווילדן צפון. אַ חוץ יק״א און דעם פּאַלעסטינע־אַמט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע האָט אין דער דאָזיקער אויסערגעוויינלעך וויכטיקער התחלה פון אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע אין גליל געהאָלפן אויך דער „פּאַלעסטינע־אַרבעטער־פאָנד״ (קפּא״י). דער דאָזיקער פאָנד, געגרינדעט אויף דער צווייטער וועלט־קאָנפערענץ פון פּועלי־ציון אין יאָר 1909, האָט אָנגעהויבן זיין פּראַקטישע אַרבעט אין יאָר 1912 דורכן גרינדן דעם אַרבעטס־סעקרעטאַריאַט אין יפו. דורך הילף פאַר אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, דורך גרינדונג פון שטאַטישע קאָאָפּעראַטיוון, שטיצע פאַר אַרבעטסלאָזע און אַרבעטס־פאַרמיטלונג, האָט דער פּ. אַ. פּ. געהאָלפן לייגן די יסודות פאַר אַ ריי אַרבעטער־פּאָזיציעס, וואָס זענען אויסגעוואַקסן אין דער היינטיקער צייט צו די וויכטיקסטע פאַקטאָרן פון יידישן אַרבעטער־ווערק אין לאַנד.

מיט דער וועלט־מלחמה ווערט אָפּגעשלאָסן די ערשטע תקופה פון דער אַרבעט פונעם נאַציאָנאַל־פאָנד, צוגלייך אויך אַ תקופה פון יידישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל בכלל. די אידעע פון אַ פאָלקספאָנד, וועלכער זאָל איינקויפן באָדן אין רשות פון כלל, איז געווען נאָר אַ טייל פון אַ פיל

גרעסערער אידעע פון אָנפירן אַ גרויסן קאָלאָניזאַציע־פּראָצעס נישט פונעם שטאַנדפּונקט פון יהיד, פון זיינע פּריוואַטע עגאָאיסטישע אינטערעסן, נאָר אין די אינטערעסן פון דעם גאַנצן קאָלעקטיוו. נאָך צענדליקער יאָרן פון עקספּערימענטן און זוכעגישן, פון שטיצע און געראַנגל, איז דאָס פּראָבלעם געשטאַנען בולטער, ווי ווען עס איז: אָדער ארץ־ישראל וועט ווערן בלויז און אויסשליסלעך אַן אינוועסטיציע־פּלאַץ פאַר פּריוואַטע קאַפּיטאַלן, וואָס זוכן פאַר זיך גוטע רווחים, אָדער אין לאַנד וועט פאַרקומען אַן אַלזייטיקער פּראָצעס פון איבעראַנדערשן די סאָציאַלע סטרוקטור פון די איינגעוואַנדערטע יידישע מאַסן. דאָס לעצטע האָט פאַרלאַנגט די אויסבילדונג פון אַ שיכט אַרבעטס־מענטשן אין שטאָט און אין דאָרף, וואָס זאָל אַריינדרינגען אין אַלע ווירטשאַפטס־צווייגן, וועלכע זענען ביז אַהער געווען פרעמד פאַר יידן בכלל. די פילאַנטראָפּישע קאָלאָניזאַציע, די אַרבעט פון חובבי־ציון, די באַמיאונגען פון באַראָן ראָטשילד און פון ייק״א, האָבן געגעבן זייער ענטפער: די אַנטשטייאונג פון אַ פּלאַנטאַטאָריש־באַלעבאַטישן שיכט, וואָס אַרבעט מיט ביליקער אַרטיקער אַרבעטס־קראַפט. די ערשטע אַרבעטס־תקופה פונעם נאַציאָנאַל־פאָנד האָט שוין פאַראויסגעזאָגט זיין תשובה: די אַנטשטייונג פון אַ יידישן אַרבעטער־קלאַס אין לוין־אַרבעט און אין קאָלעקטיוועער ווירטשאַפט אויפן נאַציאָנאַלן באָדן. די אויסברייטערונג פון דער איינוואַנדערונג און דערמעגלעכונג פון איינוואָרצלונג אויפן באָדן און ביי דער אַרבעט — און נאָר ד ע ר ענטפער איז אין הסכם מיטן רעאַליזירונגס־פּראָצעס פון ציוניזם — האָט אין די באַדינגונגען פון לאַנד געקאָנט געמאַכט ווערן נאָר מיט דער הילף פון נאַציאָנאַלן און געזעלשאַפטלעכן קאַפּיטאַל, דורך אַרויפלייגן אויף דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע די פונקציעס פון צוגרייטונג פון מענטשן־מאַטעריאַל און פון דעם באָדן פאַר אַ ברייטער לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָלאָניזאַציע.

קאַפּיטל פיר

דער מאַנדאַט און די באָדן־פּאָליטיק אין לאַנד

די וועלט מלחמה (1914—18), וואָס האָט אויפגעטרייסלט די גאַנצע וועלט, פאַרניכטעט מלוכות און איבערגעביטן טיף די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע כוחות־פאַרהעלטענישן, האָט אויך אויסגעברייטערט באַדייטנד

די פערספעקטיוון און מעגלעכקייטן פאַר דער קאָלאָניזאַציע פון יידן אין ארץ־ישראל. אַ יאָר פאַרן סוף פון דער מלחמה (2־טער נאָוועמבער 1917) איז געגעבן געוואָרן די באַלפור דעקלאַראַציע, אין וועלכער די ענגלישע רעגירונג האָט צוגעזאָגט צו העלפן אויפשטעלן אַ „נאציאָנאַלע היים״ פאַרן יידישן פאָלק אין ארץ־ישראל. ד׳ער טערקישער רעזשים איז געפאַלן. ארץ־ישראל איז פאַרנומען געוואָרן דורכן ענגלישן מיליטער. און אין יאָר 1922 האָט דער פעלקערבונד ענדגילטיק איבערגעגעבן ענגלאַנד דעם מאַנדאַט איבערן לאַנד, כדי דאָרט זאָל אויפגעשטעלט ווערן די יידישע נאַציאָנאַלע היים.

די דעקלאַראַציע און דער מאַנדאַט האָבן אין משך פון יאָרן באַגייס־טערט גרויסע טיילן פון יידישן פאָלק און אַרויסגערופן ביי זיי האָפענונגען און גלויבן. היינט צו טאָג שטייען מיר שוין פאַר דער ליקווידירונג פון דעם סיסטעם, וואָס איז דעמאָלט געשאַפן געוואָרן (דאָס „ווייסבוך״ פון מאַי 1939).

די אַלע גרויסע בשורות זענען, פאַרשטענדלעך, נישט אויפגענומען געוואָרן איינהייטלעך. אויך נישט פון די אַלע, וועמענס אידעאַל איז פאַר־בונדן מיט דער אויפריכטונג פון אַ יידישן צענטער אין ארץ־ישראל. בעת איין טייל האָט געלייגט די עיקר־האָפענונג אויף דעם מאַנדאַט אין די הענט פון ענגלאַנד, האָט ווידער דער רעוואָלוציאָנערער־סאָציאַליסטישער טייל פון דעם יידישן אַרבעטער־קלאַס, אויפגענומען די אָריענטאַציע אויפן פאַרמאַרש פון סאָציאַליזם אין דער וועלט, וואָס האָט זיך אָנגעצייכנט אין דער גרויסער רוסישער רעוואָלוציע פון 1917 און אין דער רעוואָלוציאָ־נערער יוירונג אין אַנדערע לענדער און דערין געזען די גאַראַנטיע אויך פאַרן סאָציאַליסטישן אויפבוי פון יידישן טעריטאָריאַלן צענטער אין ארץ־ישראל. אַלגעמיין איז אָבער געווען די אָנערקענונג, אַז עס איז געקומען די צייט אַרויסצופירן דעם קאָלאָניזאַציע־פּראָצעס פון זיינע ענגע ראַמען אויף אַ ברייטן שליאַך, און אָרגאַניזירן די ברייטסטע איינוואַנדערונג פון יידישע מאַסן. די גרונט פאַרשידענע אָפשאַצונג פון דער תקופה, און פון דעם עצם־מאַנדאַט, זיינע כוונות און מעגלעכקייטן, וואָס האָט אין דער קאָנסעקווענץ דערפירט צו אַ שאַרפער שיידונג אין די רייען פון דעם פּראָלעטאַרישן ציוניזם (שפּאַלטונג פון פועלי־ציון וועלט־פאַרבאַנד אין יאָר 1920), האָט נישט פאַרמינערט די זיכערקייט, אַז דער רעאַליזירונגס־ פּראָ־צעס פון ציוניזם האָט באַקומען אַ גרויסן שטויס פאָראויס און עס קענען דורכגעפירט ווערן גרויסע קאָלאָניזאַציע־פּראָיעקטן, צו קאָנצענטרירן אין

דער מאַקסימאַל קירצסטער צייט גרויסע מאַסן יידישע איינוואַנדערער אין לאַנד.

אָבער ביטער איז געווען די אַנטוישונג פון אַלע, וואָס האָבן געלייגט מאַקסימאַלע האָפענונגען אויף דעם נייעם רעזשים. אַלע גרויסע פּראָיעקטן צו באַזעצן לאַנדווירטשאַפטלעך פיל טויזנטער יידישע משפחות, זענען ביים אָנהייב פונעם מאַנדאַט־רעזשים געווען געבויט אויף דעם, אַז די מאַנדאַט־רעגירונג וועט אויספירן אירע פייערלעכע פאַרפליכטונגען, און טאַקע ממשותדיק צוהעלפן דער איינוואַנדערונג און באַזעצונג פון די יידן אין ארץ־ישראל. די פאַר הונדערט טויזנט דונאַם באָדן, וואָס זענען אויפגעקויפט געוואָר'ן אין משך פון פערציק יאָר צייט דורך פילאַנטראָפּישן און פּריוואַטן און נאָר אין דער קלענסטער מאָס דורכן נאַציאָנאַלן קאַפּיטאַל, האָבן דאָך נישט געקענט געבן דעם געהעריקן יסוד פאַר אַ גרויסער קאָלאָניזאַציע־אַרבעט. נישט דורך קליינע שטחים, און דערצו פאַר אַ טייערן אָפּטמאַל ספּעקולאַטיוון פּרייז, האָט געקענט צוגעשטעלט ווערן דער נויטיקער באָדן פאַר אַ ברייטער קאָלאָניזאַציע־אַרבעט. דאָס האָט געקאָנט געבן נאָר די מאַנדאַט־מאַכט פון די פרייע מלוכה־באָדנס און דורך אַן אַגראַר־רעפאָרם. די נאַציאָנאַלע פאָנדן און ציוניסטישע אינסטיטוציעס האָבן יאָ געקאָנט פאַרזאָגן די קאָלאָניסטן מיט פינאַנסיעלע מיטלען אויף איינצואָרדנען זייער ווירטשאַפט, אויף צוגרייטן דעם באָדן, ד. ה. ברענגען אים אין אַ צושטאַנד, וואָס זאָל דערמעגלעכן גלייך צוטרעטן צו דער לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרבעט. עס האָט אָבער פּאַסירט אַנדערש. די מאַנדאַט־רעגירונג האָט באַלד פון אָנהויב נישט אַריינגענומען אין איר טעטיקייט דאָס צוטיילן באָדן פאַר יידישער קאָלאָניזאַציע. דאָס האָט לכתחילה אָוועקגעשטעלט די יידישע קאָלאָניזאַציע און דעם פּראָצעס פון טעריטאָריאַליזירונג אין גאַנץ באַגרענעצטע ראַמען. ממילא איז געהאַמעוועט, פאַרהאַלטן און פאַרלענגערט געוואָרן די אויסברייטערונג פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע. יעדע קאָלאָניזאַציע פאָדערט אויסער באָדן אויך אַ געהעריקן מענטשן־מאַטעריאַל און די מעגלעכקייט פון איינוואַנדערונג. שוין אין יאָר 1922 האָט די רעגירונג איינגעפירט דאָס סיסטעם פון איינוואַנדערונג אויפן יסוד פון סערטיפיקאַטן („ווייסבוך" 1922), ווען עס האָבן קוואָטע זאָל באַשטימט ווערן לויט דער ווירטשאַפטלעכער אויפנאַם־פעיקייט פונעם לאַנד. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע איז דערמיט געשטעלט געוואָרן אין דער עיקר־פּראָגע — באָדן און איינוואַנדערונג — אין גראַד פאַרקערטע באַדינגונגען פון די, וואָס מען האָט דערוואַרט פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע און דעם מאַנדאַט.

דער מאַנדאַט האָט בפירוש פאָרגעזען, אַז „די אַדמיניסטראַציע פון ארץ־ישראל דאַרף מיט אַלע מעגלעכקייטן פאַרגרינגערן די איינוואַנדערונג פון די יידן און שטיצן זייער קאָנצענטרירטע באַזעצונג אויפן באָדן". דאָס דאַרף פאָרקומען אויף אַלע יענע באָדנס, וואָס קענען פריי געמאַכט ווערן צו דעם צוועק און די, וועלכע געהערן דער רעגירונג אָדער ליגן נישט־באַאַרבעט בכלל. די מאַנדאַט־רעגירונג איז מחויב צו דערמעגלעכן אַ קאָנצענטרירטע קאָלאָניזאַציע אויף די באָדנס, וועלכע קענען אָן אַ שאָדן פאַר די ביז־איצטיקע באַזיצער, אויסגעטיילט ווערן פאַר נייע קאָלאָניסטן, דער עיקר, דורך איינפירן נייע פאָרמען אין דער באַאַרבעטונג פון באָדן, לויטן סיסטעם פון אַן אינטענסיווערווירטשאַפט (באַוואַסערונג, געמישטע פאָרם או"ו). אַנשטאָט הונדערטער דונאַמס וועלכע ווערן באַאַרבעט דורך איין משפחה לויטן אַלטמאָדישן סיסטעם, זאָל די זעלבע משפחה פון אַראַבישן לאַנדווירט קענען אויסקומען בעסער און גרינגער אויף אַ קלענערן שטח באָדן. קיין איינציקע פון די דאָזיקע אויפגאַבן, באַשטימטע אין מאַנדאַט, האָט די רעגירונג אין משך פון אַלע יאָרן נישט אויסגעפירט.

די באַציונג פון דער רעגירונג צו דער באָדן־פראַגע פאַר יידישער קאָלאָניזאַציע, האָט אומגעהויער פאַרשווערט דאָס דאָזיקע פראָבלעם, וואָס גייט נישט אַראָפּ פון סדר־היום אין לעבן פון לאַנד. די פראַגע פון באָדן איז נישט נאָר אין ארץ־ישראל, נאָר אויך אין די איבעריקע לענדער פון נאָענטן מזרח, אַ זייער פאַרפלאָנטערטער קנויל. אַנדערש איז, ווען מען נעמט אָן, אַז די ביז איצטיקע באָדן־פאַרהעלטנישן לאָזן זיך נישט ענדערן און אַנדערש שטעלט זיך די פראַגע פון באָדן ווען מען גייט צו צו איר מיט אַן אַנדער מאָס: וואָס עס קען אַלץ אויפגעטאָן ווערן, און ממילא, וואָס פאַר אַ באַפעלקערונג עס וואָלט געקענט ציען חיונה פון באָדן, אויב די ביז איצטיקע אַגראַר־פאַרהעלטנישן זאָלן געענדערט ווערן. אומזיניק איז די טענה, אַז ארץ־ישראל איז באַזעצט, אַז עס פעלט אויס באָדן פאַר נייע איינוואַנדערער, ווי עס האָבן געפרווט פאַרשטעלן די לאַגע אי די מאַנדאַט־רעגירונג דורך אירע אַנצאָליקע קאָמיסיעס (שאָו און סימפּסאָן א. א.), אי די אַנטי־ציוניסטישע „צער־בעלי־חיים־יקעס", וואָס האָבן זיך כלומרשט אָנגענומען די קריוודע פון דעם „באַגזלטן" אַראַבישן פעלאַך.

דער אַ ל ג ע מ י י נ ע ר ש ט ח פון ארץ־ישראל איז איבער 26 מיליאָן דונאַם, דערפון — אין געביט פון באר־שבע (וואָס איז צומייסטנס מדבר און נאָך דערצו ווייניק אויסגעפאָרשט) 12 מיט אַ האַלבן מיליאָן דונאַם. דער איבעריקער באָדן — 13 מיט אַ האַלבן מיליאָן דונאַם, פאַרטיילט זיך, לויט

דער רעגירונג, אויף קרוב 8 מיליאָן דונאַם, פּאַסיקע פאַר לאַנדווירטשאַפט, און אַן ערך 5 מיט אַ האַלבן מיליאָן דונאַם באַדן, וואָס ווערט באַצייכנט אַלס נישט פּאַסיק. אין דעם דאָזיקן נישט־פּאַסיקן באָדן זענען טאָקע פאַראַן טיילן, וואָס קומען נישט אין באַטראַכט פאַר קאָלאָניזאַציע. עס איז דורכאויס נישט ריכטיק, אַז דער גאַנצער באָדן איז נישט פּאַסיק פאַר לאַנדווירטשאַפט. אַזוי, למשל, ווערן אַהער צוגערעכנט מצד דער רעגירונג זומפּן אויף אַ שטח פון 100 טויזנט דונאַם. פאַר דער רעגירונג באַדייט עס „טויטער" באָדן, אָבער גראָד די יידישע קאָלאָניזאַציע האָט באַוויזן, אַז אַזאַ מין „טויטער" באָדן קען גרייליך לעבעדיק ווערן. עס איז גענוג צו דערמאָנען, אַז היינט צו טאָג פיגורירט נאָך אין דעם חשבון פון זומפּיקן באָדן דער גאַנצער שטח פון עמק חפר(וואַדי חווארית), אַ באָדן, וועלכער איז אויס־געטריקנט געוואָרן און היינט געפינען זיך דאָרט בליענדע יידישע קאָלאָניעס מיט אַ לאַנדווירטשאַפטלעכער באַפעלקערונג פון איבער 2000 נפשות.

דער יידישער באָדן־באַזיץ באַטרעפט איצט קרוב 1.500.000 דונאַם, דאָס איז ביי 5% פון דעם גאַנצן שטח פון ארץ־ישראל, און אויב מען זאָל אַראָפּרעכענען דעם געביט פון באר־שבע מאַכט עס אויס ביי 9,3%. די יידישע באַפעלקערונג אין ארץ־ישראל באַטרעפט אין דער זעלבער צייט ביי 32% פון דער אַלגעמיינער צאָל באַפעלקערונג (470.000 יידן אויף איבער 1.350.000 אַלגעמיינע באַפעלקערונג פון לאַנד).

פון דעם סכום יידישן באָדן דאַרף מען אַראָפּרעכענען קודם כל 110.000 דונאַם שטאָטישן באָדן און 100.000 דונאַם, וואָס זענען באַקומען געוואָרן אַלס קאָנצעסיעס פון דער רעגירונג. פון די איבערגעבליבענע איבער 1.200.000 דונאַם זענען 22% נישט פּאַסיק פאַר לאַנדווירטשאַפט, אַזוי, אַז דער פאַקטישער באַשטאַנד פון יידישן באָדן, וועלכער איז צוגעפּאַסט פאַר לאַנדווירטשאַפט, קען גערעכנט ווערן אויף אַן ערך 1.000.000 דונאַם. מיט דעם ווערט נאָך מער פאַרקלענערט דער פּראָצעס פון יידישן טייל אין דעם באַאַרבעטונגס־פעיקן באָדן אין לאַנד. פון דעם דאָזיקן באָדן געהערן איבער 50% (452.000 דונאַם) צום לכתחילה נישט באַאַרבעטן באָדן (זומפּן, פאַר־וואַרלאָזטע שטחים). דער דאָזיקער באָדן איז אַוודאי קיינמאָל נישט געווען באַזעצט דורך אַראַבישער דאָרפישער באַפעלקערונג. די מכלומרשטע „אַרויס־שטויסונג" פון דעם אַראַבישן פעלאַך ווערט נאָך בולטער, ווען מען פאַר־גלייכט די פריערדיקע באַפעלקערונג מיט דער צוגעקומענער יידישער אויף דעם זעלבן שטח באָדן.

	דונאַם באָדן	פּריערד. באַפעל־ קערונג (נפשות)	יידי. באַפעל.
1. עמק חפר (וואדי חווארית)	30.718	850	2.000
2. נהלל־ראַיאָן (עמק יזרעאל)	20.006	173	787
3. נורים־ראַיאָן „ „	36.903	224	2.072
4. אבו־שושה (משמר העמק)	6.806	63	867
5. פּרדס חנה	16.702	50	1.020

ווי ס'איז צו זען פון די עטלעכע געבראַכטע ציפערן, איז נאָך דער אויסטריקענונג פונעם באָדן און נאָך אָן אינטענסיווער באַאַרבעטונג געלונגען צו פאַרגרעסערן די צאָל באַפעלקערונג אויף איין און דעם זעלבן שטח באָדן דורכשניטלעך אויף 10 מאָל אַזויפיל אין ערטער, וועלכע האָבן געהאַט אַ פּריערדיקע אַראַבישע באַפעלקערונג. אַ פּשיטא שוין די גרויסע שטחים, וועלכע זענען בכלל נישט געווען באַזעצט און זענען געלעגן פּוסט און וויסט אין משך פון דורות. די געזונט־מאַכונג פון דעם באָדן און די איינפירונג פון מאָדערנע ווירטשאַפטס־מעטאָדן האָט אויך דערמעגלעכט אַ באַדייטנדע פאַרקלענערונג פונעם שטח, וואָס איז נויטיק אויף אויסצוהאַלטן אַ משפחה אין דער לאַנדווירטשאַפט. אַזוי, למשל, אויף דעם באָדן, וועלכער געפינט זיך אין רחובות האָט דער דורכשניטלעכער אויסהאַלטונגס־שטח פאַר אַ פעלאַך באַטראָפן 61 דונאַם, אין יאָר 1929 איז דער שטח אַראָפּ ביז 11 דונאַם אויף אַ משפחה. אויף דעם זעלבן באָדן, ווו עס געפינט זיך היינט נהלל זענען פריער נויטיק געווען 115 דונאַם, אָנטקעגן אין יאָר 1930 — 40 און אין יאָר 1935 — נאָר 25 דונאַם. אין דעם מזרח־טייל פון עמק־יזרעאל זענען געווען נויטיק פאַרן קויפן דעם באָדן דורך יידן 164 דונאַם פאַר אַ פעלאַכישער משפחה, אין יאָר 1930 — 29 און אין יאָר 1935 נאָר 18 דונאַם. די דאָזיקע פאַקטן רעדן אַליין פאַר זיך.

איינע פון די פאַרשפּרייטסטע לעגענדעס וועגן דער אַגראַר־פראַגע אין ארץ־ישראל איז די באַהויפּטונג, אַז אין רעזולטאַט פון די יידישע באָדן־קניות, ווערט דער אַראַבישער פעלאַך אַראָפּגעטריבן פונעם באָדן. איז טאַקע נישט איבעריק אָנצווייזן, אַז פון דעם באָדן, וואָס איז געקויפט געוואָרן דורך דער „חברת הכשרת הישוב״ (אַ געזעלשאַפט פאַר ערד־קניות אונטער דעם קאָנטראָל פון דער יידישער אַגענץ), אין משך פון

די יאָרן 1910—1935, וועלכע נעמען אַרום 512.000 דונאַם, ד. ה. ביי 40% פון יידישן באָדן־באַזיץ, זענען 88,7% געקויפט געוואָרן ביי גרויסע ערד־באַזיצער און נאָר 11,3% — פון פעלאַכן, וועלכע האָבן פאַרקויפט אַ טייל פון זייער באַזיץ, כדי צו פאַרבעסערן זייער ווירטשאַפט אין דעם איבער־געבליבענעם טייל.

מען האָט אָפטמאָל געטענהט, אַז דער באָדן, וואָס איז פאַרקויפט געוואָרן דורך די גרויסע באָדן־באַזיצער, האָט געקאָנט באַפעלקערט ווערן דורך די פעלאַכן, אַלס פאַכטער. בכלל אין דער פראַגע פון אַראָפּזעצן פעלאַכן פון באָדן האָט זיך געפירט סיי אין לאַנד און סיי אין אויסלאַנד אַ ווילדע העצע. איז טאַקע כדאי פעסטצושטעלן, אַז אַלע באַמיאונגען פון דער רעגירונג, צו געפינען אַ שטיצע פאַר איר פּאָליטיק אין דער דאָזיקער טענה, האָבן זיך געענדיקט מיט אַ פולשטענדיקן דורכפאַל. די רעגירונג האָט גערופן די אַלע, וואָס האַלטן, אַז זיי זענען באַוואָלט געוואָרן ביים באָדן־איינקויף דורך יידן, זיי זאָלן זיך מעלדן. אין רעזולטאַט האָט די רעגירונג אַליין געקאָנט פעסטשטעלן בלויז 664 אַזעלכע פאָדערונגען. זי האָט פאַרגעלייגט די דאָזיקע באַוואָלטע באָדן אין אַן אַנדער געגנט, און געוואָלט זיך פאַרפליכטן אויסצובויען זיי הייזער און באַזאָרגן מיטן נויטיקן אינווענטאַר, דערויף האָבן זיך געמאָלדן בלויז 43 פון די, וואָס האָבן אָנגעגעבן תביעות. און אפילו פון די 664 פאַלן, ווי עס איז פעסט־געשטעלט געוואָרן, זענען 437 משפחות געבליבן אויפן אָרט און פאַרנעמען זיך ווייטער מיט לאַנדווירטשאַפט. עס איז נאָך נישט געווען קיין שום קאָלאָניזאַציע אין דער וועלט, ווו דער פריערדיקער שיכט באָדן־באַזיצער און באַאַרבעטער זענען אַזוי מינימאַל געטראָפן געוואָרן, ווי דווקא דורך דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל.

די אויבנגעבראַכטע עטלעכע פאַקטן און ביישפּילן באַווייזן נישט נאָר דעם פאַרנעם פון דער כלומרשטער „עקספּראָפּריאַציע” פון דער אַראַ־בישער דאָרפישער באַפעלקערונג, נאָר אויך די גרויסע שקרים־געביידע, וועלכע איז אויפגעשטעלט געוואָרן אין שייכות מיט דעם יידישן באָדן־איינקויף, און בפרט מיט דעם באָדן־איינקויף פונעם נאַציאָנאַל־פאָנד.

אין ארץ־ישראל איז פאַראַן אַ באַזונדער קאַטעגאָריע באָדן, וואָס געהערט צו דער רעגירונג (דזשיפטליק). וואָלט געווען פאַרשטענדלעך, ווען די זעלבע רעגירונג, וועלכע דאגהט כלומרשט אַזוי פאַר דער לאַגע פון אַראַבישע פויער, זאָל אויסטיילן דעם פעלאַך די נויטיקע שטחים ערד פון איר אייגענעם באַזיץ, בפרט נאָך, אַז דער דאָזיקער רעגירונגס־באָדן

ליגט פאַרלאָזן און ווערט דורך קיינעם נישט באַארבעט. דער באָדן, וואָס געהערט צו דער רעגירונג נעמט אַרום קרוב אַ מיליאָן דונאַם, און פון זיי — 760.000 דונאַם באַארבעטונגס־פעיקע. אין משך פון דער גאַנצער צייט האָט די מאַנדאַט־רעגירונג אָפּגעגעבן אין רשות פון די יידן אַ שטח באָדן פון 82.000 דונאַם, דערפון 75% נישט באַארבעטונגס־פעיקער באָדן און בלויז 24% לאַנדווירט. באָדן, ד. ה. 17.000 דונאַם (אויסער דער קאָנצעסיע פון חולה), וואָס מאַכט אויס איבער 2% פונעם גאַנצן רעגירונגס־באָדן, וואָס איז באַארבעטונגס־פעיק. אַנטקעגן האָבן אַראַבער באַקומען 350.000 דונאַם פונעם באַארבעטונגס־פעיקן רעגירונגס־באָדן, ד. ה. 20 מאָל אַזויפיל, וויפיל עס האָבן באַקומען די יידן. דער בעסטער באַווייז פאַר דער דאָזיקער פּאָליטיק פון דער רעגירונג איז דער פאַל מיט דעם באָדן פון בית־שאן, איינער פון די בעסטע באָדנס אין לאַנד, רייך אין וואַסער און צוגעפּאַסט פאַר אינטענסיווער לאַנדווירטשאַפט. אַנשטאָט דער באַשטימטער גאַרמע פון 150 דונאַם פאַר אַ משפחה, אַ גאַרמע, וואָס איז גלייך דעם שטח פאַר אַ משפחה אויף אַ וואַסערלאָזן באָדן, האָבן איינצלנע משפחות באַקומען פאַר דעם מיני־מאַלסטן פּרייז פון 1—2 פונט חלקים צו 500, 1000 און נאָך מער דונאַמס באָדן. עס האָבן דעם באָדן באַקומען רייכע עפענדישע משפחות, אפילו אַזעלכע, וואָס וווינען אויסער א״י, נישט זעלטן אין דער הויך פון 3000, 5000 און מער דונאַם, ס׳פּאַסירט אויך, אַז די רעגירונג שענקט אַוועק ריזיקע שטחים פון איבער 10.000 דונאַם צו איינצלנע עפענדישע משפחות. אַנשטאָט צו לייזן דאָס פּראָבלעם פון באָדן־דחקות ביי די אָרעמע פעלאַכן, בילדעט די רעגירונג אויס אַ נייעם שיכט פון גרויסע גרונד־באַזיצער. מען פאַרשפּאָרט צו דערמאָנען, אַז די יידן האָבן אַזעלכע „מתנות״ קיינמאָל נישט באַקומען.

אין דער ווירקלעך פאַרעקומענער פאַרבעסערונג פון דער לאַגע פון אַ גרויסן טייל אַראַבישע פעלאַכן, האָט די פּאָליטיק פון דער רעגירונג געהאַט דעם מינדסטן חלק. דאָס פּראָבלעם באַשטייט פאַקטיש נישט אין דעם איינקויף פון באָדן מצד די יידן, נאָר קודם כל אין די אינווייניקסטע פאַרהעלטענישן פון דער אַראַבישער אַגראַר־ווירטשאַפט גופא. די אייגנט־לעכע סיבה פון דער שוועריקייט באַשטייט דערין, וואָס דער באָדן, וועלכן עס באַזיצן קרוב צו 90.000 פעלאַכישע משפחות, איז פונקט אַזוי גרויס, ווי דער שטח באָדן, וואָס געפינט זיך אין די הענט פון אַ קליינער גרופּע עפענדיס, בסך־הכל עטלעכע הונדערט משפחות. דער קאָנצענטראַציע־פּראָצעס פונעם באָדן אין די הענט פון די עפענדיס האָט נישט נאָר

פאַראַרעמט דעם פעלאַך, נאָר אויך געמאַכט אים פאַר אַ לעבנסלענגלעכן קנעכט ביים עפענדי. 30% פון אַראַבישן דאָרפישן ישוב זענען געצוווּנגען צו פאַכטן באָדן ביים עפענדי. דער פעלאַך קען, ביי די פרימיטיווע פאָרמען פון זיין ווירטשאַפט, נישט אויפברענגען דעם פאַכט־אָפּצאָל און די שטייערן פון דער רעגירונג. פון יאָר צו יאָר וואַקסט זיין חוב לגבי דעם עפענדי, אַזוי אַז ער קען זיך פון אים קיינמאָל נישט אויסצאָלן. אָבער אויך דער פעלאַך, וועלכער זיצט אויף אייגענעם באָדן, פאַלט אונטער דער לאַסט פון די צינזן, וועלכע פלעגן דערגיין ביז 30 און 40 פראָצענט יערלעך, פון דעם געלט, וואָס ער איז געצוווּנגען צו אַנטלייען ביי דעם זעלבן עפענדי. אויף אַזאַ אופן גייט אַריבער דער פעלאַכישער באָדן, צוליב די חובות און צינזן, אין רשות פון דעם עפענדי, וועלכער איז באָדן־באַזיצער און פראָצענטניק דערצו.

דאָס אַגראַר־פּראָבלעם אין ארץ־ישראל באַשטייט דעריבער נישט אין די 5% באָדן, וואָס זענען אָפּגעקויפט געוואָרן דורך יידן, פון וועלכן דריי־פערטל זענען געווען נישט באַאַרבעט, נאָר אין דעם ס אָ צ י אַ ל ן ב ו י פ ו ן אַ ר אַ ב י ש ן ד אָ ר ף. דער שליסל צו דער דאָזיקער פראַגע ליגט קודם כל אין אַן אַ ג ר אַ ר ־ ר ע פ אָ ר ם, וועלכע זאָל ליקווידירן דעם גרויסן באָדן־באַזיץ און מאַכן דעם פעלאַך פאַרן פרייען באַזיצער פון זיין באָדן.

אַזאַ רעפאָרם וואָלט געמוזט אַרומנעמען נישט נאָר די פראַגע פון באָדן־טייל פאַר די אַראַבישע פעלאַכן, נאָר גלייכצייטיק אויך פאַרענטפערן די נישט וויינִיקער וויכטיקע פראַגע פון באַפרייונג פון אַלטע חובות, וועלכע לאַסטן אויף דער פעלאַכישער ווירטשאַפט. דער ביישפּיל פון דעם „דזשיפטליק״־באָדן אַרום בית־שאן, וועלכער איז ברייטלעך געגעבן געוואָרן צו רייכע עפענדיס און אָרעמע פעלאַכישע און בעדואינישע משפחות, איז אַ געהעריקע אילוסטראַציע פאַרן אַלטן כלל, אַז מיט צוטיילן באָדן אַליין, ווערט נאָך די לאַגע פונעם פויער נישט פאַרבעסערט. די נייע באַזיצער פון בית־שאנער חלקים ערד, זענען געווען געצוווּנגען גאָר שנעל פטור צו ווערן פון דער דאָזיקער „מתנה״ און פאַרקויפן זייער חלק דעם רייכן עפענדי און פראָצענטניק. צו אַן אַגראַר־רעפאָרם געהערט נישט נאָר באָדן, נאָר אויך גרויסע מיטלען מצד דער רעגירונג, כדי מעגלעך צו מאַכן די רענטאַבלע באַווירטשאַפטונג פון דעם באָדן. 100 ביז 150 דונאַם וואַסער־רייכן באָדן, וואָס ווערן אַוועקגעגעבן דעם פעלאַך, ווערן פאַר אים אַ קללה אַנשטאָט אַ ברכה, ווען ער שטייט מיט ליידיקע

הענט און האָט נישט מיט וואָס אָנצוהויבן די אַרבעט. דאָס, וואָס די רעגירונג האָט אָנגערופן „פאַרטיידיקונג פון דעם פעלאַך און פאַכטער״, איז אין דער אמתן געווען נאָר אַ מיטל צו באַרייכערן דעם קלאַס פון עפענדיס און פון דער אַנדערער זייט, אַ זעלטענער אויסרייד, צו פאַרשטעלן די אמתע כוונה, דורך דער כלומרשטער „פאַרטיידיקונג פון די רעכט פונעם פעלאַך״, צו באַגרענעצן און כמעט אוממעגלעך מאַכן דעם וווּקס פון יידישן קאָלאָניזאַציע־ווערק.

דאָס באָדן־פּראָבלעם אין ארץ־ישראל, וואָס האָט שטענדיק געהאַט מער „דעה־זאָגערס״ פון נאָענט און פון ווייט, איידער ממשותדיקע העלפערס, פאָדערט אַן אַנטשיידענעם קער אין דער אַגראַר־סטרוקטור פונעם לאַנד: ליקווידאַציע פון גרויסן באָדן־באַזיץ, באַפרייונג פון דער פעלאַכישערווירטשאַפט פון דער חובות־לאַסט און איבערגאַנג פון אַ גרויסן טייל פון דער לאַנדווירטשאַפט צו אינטענסיווע באַאַרבעטונגס־פאָרמען. נאָר דורך דעם קען דערמעגלעכט ווערן די אויפריכטונג פון דער עקזיסטירנדיקער אַראַבישער באַפעלקערונג אין דאָרף און די שאַפונג פון אַ גרויסן באָדן־רעזערוו פאַר דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין לאַנד. אָבער ביז צו דער לייזונג פון דעם פּראָבלעם, וועלכע איז נאָך אַפילו נישט אָנגעשניטן געוואָרן ביז איצט, האָט דער יידישער נאַציאָנאַל־פאָנד געמוזט אַרבעטן אין די באַגרענעצטע ראַמען פון דערווירקלעכקייט, אויסנוצן די מעגלעכקייטן, וואָס זענען נאָך איבערגעבליבן, און גובר זיין שוועריקייטן פון דער געזעצגעבונג, וועלכע זענען געוואָרן אַלץ עפּטער און שווערער.

קאַפּיטל פינף

גרונט־הנחות פונעם נאַציאָנאַל־פאָנד

די נאָכמלחמהדיקע באַדינגונגען מיט די גרויסע פּערספּעקטיוון אויף אַ באַלדיקער מאַסן־אײַנוואַנדערונג און ברייטער קאָלאָניזאַציע, האָבן אויך אַוועקגעשטעלט די פראַגע פון באָדן פאַר דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין אַן אַנדער ליכט, ווי פאַר דער מלחמה. די גאַנצע פאַרמלחמהדיקע אַנט־וויקלונג סיי לגבי דעם איינקויף פון באָדן, סיי אין דער פּראַקטישער קאָלאָניזאַציע, איז אויסגעקומען קליין לגבי די אויפגאַבן פון דער ציוניס־

טישער באַוועגונג באַלדביים אָנהויב פון דעם מאַנדאַט־פּעריאָד. אויבן איז אָנגעוויזן געוואָרן, ווי אַזוי די באָדן־פּאָליטיק פון דער מאַנדאַט־רעגירונג האָט פאַרענגט דעם אומפאַנג און די גרויס פון דער קאָלאָניזאַציע־אַרבעט. נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע און דער באַשטעטיקונג פונעם מאַנדאַט, מיט זיין עיקר־אויפגאַבע צו פאַר'לייכטערן די שאַפונג פון אַ יידישער נאַציאָנאַלער היים, האָט זיך די קאָלאָניזאַציע־אַרבעט אָנגעשטויסן אויף דער האַרבער פראַגע — ווו נעמט מען באָדן, דעם גרונט־יסוד פאַר דער פאַרוואָרצלונג פון די איינגעוואַנדערטע יידישע מאַסן אין לאַנד? די גרויסע האָפנונגען זענען צוריק רעדוצירט געוואָרן צו דעם אַלטן פאַרנעם פון די פאַרמלחמהדיקע טערקישע צייטן. אַוודאי האָט מען נישט געקענט בויען די נאַציאָנאַלע היים אויף די פאַר צענדליק טויזנט דונאַם, וועלכע די רעגירונג האָט געשטעלט אין רשות פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע און ווידער האָט מען געמוזט אַרויפגיין אויף די אַלטע וועגן פון שאַפן באָדן און פאַרגרעסערן די באַזע פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע דורך איינקויפן פרייע, נישט באַאַרבעטע שטחים ביי פּריוואַטע אַראַבישע גרונט־באַזיצער.

די פאַרמלחמהדיקע תקופה מיט איר טעמפּ פון אַרבעט האָט נישט געקענט גילטן פאַר דער נייער צייט, אָבער זי איז געווען אַ גרויסער קוואַל פון דערפאַרונג און לערע אויפן געביט פון קאָלאָניזאַציע און באָדן־איינקויף. דער דורכפאַל פון דער פילאַנטראָפּישער קאָלאָניזאַציע פון באַראָן ראָטשילד און ייק״א, די לאַגע אין די אַלטע יידישע קאָלאָניעס, די נייגונג פון פּריוואַטן קאַפּיטאַל צו גיין אין די שטעט אָדער אין די פּרוכט־ווירטשאַפטן (פּר־דסים און ווייַנגערטנעריי), וועלכע ברענגען באַלדיקע רווחים, די כמעט אינגאַנצן אויסגעשלאָסענע מעגלעכקייט צו פאַרוואָרצלען דעם אַרבעטער און נישט־באַמיטלטן איינוואַנדערער אין דער לאַנדווירט־שאַפט בכלל, הן צוליב די הויכע פּרייזן פון באָדן, הן צוליבן מאַנגל אין מיטלען אויף געזונט צו מאַכן דעם וויסטן און זומפּיקן באָדן, וועלכער איז מייסטנס געוואָרן אָנגעבאָטן ביים איינקויף — די אַלע מאָמענטן האָבן באַלד נאָך דער מלחמה אַרויסגערוקט אין פאָדערגרונט די נויטווענדיקייט אַריינצוברענגען נייע פאָרמען אין דער אַרבעט געבויט אויף נייע יסודות.

דער נאַציאָנאַל־פאָנד, נישט געקוקט אויף זיינע אומבאַדייטנדע דער־גרייכונגען פון פאַר דער מלחמה, איז אַ דאַנק זיינע גרונט־הנחות, געוואָרן דער צענטער פון אַ נייער באָדן־פּאָליטיק פון דער ציוניסטישער אָרגאַני־זאַציע. די קאָנפערענץ פון נאַציאָנאַל־פאָנד אין לאָנדאָן אין יאָר 1920 האָט

פֿאַרמולירט קלאָר און דייטלעך דעם אויפֿגאַבן־קרייז פֿון דער אַרבעט פֿונעם נאַציאָנאַל־פֿאָנד. ער איז דערקלערט געוואָרן אַלס דער טרעגער פֿון דער ציוניסטישער באָדן־פּאָליטיק אין לאַנד. אויף אים איז אַרויפֿגעלייגט געוואָרן די איין און איינציקע אויפֿגאַבע, איינצוקויפֿן און געזונט צו מאַכן דעם באָדן, וואָס ווערט דערוואָרבן אין רשות פֿון כלל. פֿאַר דער מלחמה האָט דער נאַציאָנאַל־פֿאָנד געאַרבעט אַלזייטיק, אויפֿן גאַנצן געביט פֿון קאָלאָניזאַציע: ער האָט זיך געמוזט אָפּגעבן מיט איינקויפֿן באָדן, צוגרייטן אים פֿאַר לאַנדווירטשאַפֿטלעכער אַרבעט, אָבער גלייכצייטיק אויך באַזאָרגן די מיטלען פֿאַר דער באַזעצונג פֿון דעם קאָלאָניסט אויף דעם באָדן. מיט דער גרינדונג פֿון קרן־היסוד — דעם צענטראַלן פֿאָנד פֿאַר קאָלאָניזאַציע־אַרבעט (1920), האָט דער נאַציאָנאַל־פֿאָנד באַקומען די מעגלעכקייט צו קאָנצענטרירן זיך אויף זיין אייגנטלעכן געביט — איינקויף פֿון באָדן, און צוגרייטן אים פֿאַר דער פּראַקטישער קאָלאָניזאַציע־אַרבעט. די דאָזיקע פֿאַרטיילונג פֿון די פֿונקציעס פֿון די ביידע צענטראַלע פֿאָנדן פֿאַר דער נאַציאָנאַלער קאָלאָניזאַציע האָט געגעבן אַ שטאַרקן שטויס פֿאָראויס סיי דער פֿאַרגרעסערונג פֿון יידישן באָדן־באַזיץ און סיי דער אויסברייטערונג פֿון דער יידישער קאָלאָניזאַציע לגבי דער צאָל לאַנדווירטשאַפֿטלעכע פּונקטן און זייער אויפֿנעם־פֿעיקייט פֿאַר נייע איינוואַנדערער.

די גרונט־הנחה פֿונעם נאַציאָנאַל־פֿאָנד און זיין אַרבעט איז געווען, אַז עס טאָרן נישט איבערגעחזרט ווערן די פֿעלערן פֿון דער אַמאָליקער קאָלאָניזאַציע, ווו פֿון אַ ריין פֿילאַנטראָפּישן הילפֿסווערק איז אויפֿגעקומען אַ שיכט פּלאַנטאַטאָרן, פֿאַר וועלכע ארץ־ישראל איז געווען בלויז אַ לאַנד, ווו דער קאַפּיטאַל גיט גוטע רווחים. די אויסבילדונג פֿון אַזאַ שיכט, ווי מיר האָבן עס שוין געזען, איז עלול געווען צו באַגרענעצן די יידישע איינוואַנדערונג אויף בערך קליינע גרופּן פּריוואַטע קאַפּיטאַליסטן, בעת דער ציוניזם שטרעבט צו פֿאַרענטפֿערן די ברענענדע נויט פֿון די יידישע מאַסן דורך דער שאַפֿונג פֿון אַ טעריטאָריאַלן צענטער פֿאַר אַלע יענע פֿאָלקסטיילן, וואָס ווערן אַרויסגעשטויסן פֿון זייערע אַלטע ווינקלענדער. דער דאָזיקער פּראָצעס קען אָבער אַנדערש נישט אויסגעפֿירט ווערן, ווי נאָר דורך פּלאַנמעסיקער קאָלאָניזאַציע פֿונעם לאַנד. דאָס וואָלט דערמעגלעכט נישט בלויז צו ראַטעווען איינצלנע עקזיסטענצן, נאָר דורך דער ענדערונג פֿון דער עקאָנאָמישער סטרוקטור, דורך אויסבילדונג פֿון נייע אַרבעטס־געביטן, און דער עיקר טאַקע דורך דער לאַנדווירטשאַפֿט, — צו שאַפֿן אַ נאָרמאַלע באַזע פֿון אַ טעריטאָריאַל פֿאָלק. דאָס באַדייט קודם

כל צושטעלן פרייען פּאַסיקן באָדן פאַר די באַדערפעניִשן פון אַ ברייטער קאָלאָניזאַציע.

מיט דער באָדן־פראַגע איז געווען פאַרבונדן דער אָנהויב פון קאָלאָני־זאַציע אויך אין אַנדערע לענדער, ווי צפון און דרום־אַמעריקע, דרום־אַפריקע, אויסטראַליע א. אנד. אָבער דאָרט איז זי געלייזט געוואָרן אויף אַ פיל גרינגערן אופן: די איינוואַנדערער אַליין האָבן געקאָנט פאַרנעמען פרייע שטחים, וועלכע זענען געלעגן גרייט און פריי פאַר יעדן; אָדער די מלוכה, וואָס האָט זיך שפּעטער אַנטוויקלט, האָט אָוועקגעשענקט פרייע באָדנס צו די אַלע, וועלכע האָבן געוואָלט זיך באַזעצן און באַשעפטיקן מיט לאַנדווירטשאַפט. די דאָזיקע פּראָצעסן זענען נישט אומעטום דורכ־געגאַנגען גלאַטיק. אין אַ סך נייע קאָלאָניעס האָבן די קאָלאָניסטן אָפטמאָל אָנשטאָט צו פאַראַקערן וויסטע באָדנס, געוואָרפן אַן אויג אויף די שוין באַאַרבעטע שטחים פון דער אייגעבוירענער באַפעלקערונג. די קאָלאָניאַל־געשיכטע האָט צו דערציילן אַ סך פאַלן, ווו די ווייסע קאָלאָניסטן האָבן מיט שווערד און פייער אויסגעראָטן און פאַרניכטעט די אָרטיקע באַפעלקע־רונג, פאַרכאַפּנדיק זייערע קולטיווירטע באָדנס. קיין איינע פון די אַלע פאַרמען האָט, פאַרשטענדלעך, נישט געקענט און וועט נישט קומען אין באַטראַכט ביי דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל. די מאַנדאַט־רעגירונג, ווי מיר האָבן געזען, האָט לכתחילה נישט געוואָלט שטעלן אין רשות פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע די פרייע שטחים אין לאַנד, און די איבעריקע באָדנס, הגם זיי זענען געווען אומבאַזעצט, האָבן געהערט צו גרויסע אַראַבישע גרונט־באַזיצער. גרויסע שטחים, מיט פאַרמעלע באַלע־באַטים, זענען געווען זומפּן אָדער באַדעקט מיט שטיינער און פעלזן. די אויפגאַבע פונעם נאַציאָנאַל־פאָנד באַלד נאָך דער מלחמה איז דורך די אַלע מניעות געוואָרן קלאָר און איינציק — איינקויפן באָדן ביי די שווערס־טע באַדינגונגען און געגוג הויכע פרייזן און שטעלן עס אין רשות פון דער נאַציאָנאַלער קאָלאָניזאַציע.

פון צוויי אויסגאַנגס־פונקטן האָט זיך אויסגעפורעמט פון זיך אַליין דער מהות פון דער אַרבעט פונעם נאַציאָנאַל־פאָנד: צו פאַרבייטן די מלוכה אין איר גרונט־פונקציע אין יעדן קאָלאָניזאַציע־פּראָצעס אַלס צו־שטעלערין פון פרייען באָדן און פאַרבייטן גלייכצייטיק דעם פּריוואַטן קאַ־פּיטאַל אין די ערטער, ווו דאָס איינקויפן און צוגרייטן דעם באָדן האָט נישט געקענט ברענגען קיין שום רווחים אין דער ערשטער צייט. דער פּיאָנער־כאַראַקטער פון דער אַרבעט פונעם נ. פ. איז באַלד פון אָנהויב

פעסטגעשטעלט געוואָרן, אָבער אַמבולטסטן איז ער געקומען צום אויסדרוק, ווען עס איז אויסגערונען געוואָרן די אילוזיע, אַז די „נאַציאָנאַלע היים״ וועט געבויט ווערן מיט דער ממשותדיקער הילף פון דער מאַנדאַט־מאַכט.

פון די דאָזיקע ביידע אויסגאַנגס־פּונקטן איז ווייטער געקומען די פעסטשטעלונג פון די גרונט־פּרינציפּן פון דעם נאַציאָנאַל־פאָנד: דער באָדן, וואָס ווערט איינגעקויפט דורך אים קען קיינמאָל נישט ווערן דאָס אייגנטום פון יחידים, נאָר עס געהערט אויף אייביק דעם פאָלק אַלס גאַנצן און אויפן באָדן, וואָס ווערט דורך דעם נאַציאָנאַל־פאָנד אויסגעטיילט פאַר קאָלאָניזאַציע — קען די אַרבעט געפירט ווערן נאָר דורך דעם קאָלאָניסט און זיין משפחה, אָן דער הילף פון געדונגענער אַרבעטס־קראַפט. אויב דער ערשטער פּרינציפּ איז אַ ריין נאַציאָנאַלער און האָט פאַר אַ ציל אָפּ־צוהיטן דעם יידישן באָדן פאַר מעגלעכן פאַרלוסט דורך ספּעקולאַציע און האַנדל, איז שוין דער צווייטער פּרינציפּ אַ ריין סאָציאַלער. דורך אים וועט לכתחילה אויסגעשלאָסן ווערן די מעגלעכקייט פאַר דער אויסבילדונג פון אַ קלאַס רייכע באָדן־באַזיצער, וואָס אַרבעטן מיט דער הילף פון געדונגענע אַרבעטער. דער באָדן פונעם נאַציאָנאַל־פאָנד קאָן באַאַרבעט ווערן נאָר דורך מענטשן, וואָס לעבן פון זייער אייגענער פּראַצע. דורכדעם ווערט דער נאַציאָנאַל־פאָנד פאַרוואַנדלט אויך פאַקטיש אין אַן אינסטרומענט פון קאָלאָניזאַציע־פּאָליטיק פאַר די ברייטסטע שיכטן אומבאַמיטלטע אַרבעטס־מענטשן. ער דערמעגלעכט די באַזעצונג אויפן לאַנד פון איינוואַנדערער, וועמענס איינציקער פאַרמעגן איז די אַרבעטס־קראַפט. עס וואָלט אָבער פאַלש געווען צו מיינען, אַז דער דאָזיקער סאָציאַלער פּרינציפּ פונעם נאַציאָנאַל־פאָנד איז געקומען אין רעזולטאַט פון אַ לכתחילהדיקן סאָציאַלן צוגאַנג. נישט איבערצייגטע סאָציאַל־רעפאָרמער און סאָציאַליסטן האָבן באַשטימט דעם כאַראַקטער פונעם נאַציאָנאַל־פאָנד. אין די באַדינגונגען פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל, ווו ט׳האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ וואָס ברייטערער אין צאָל און שטחים קאָלאָניזאַציע, דווקא אין ערטער, ווו דעם פּריוואַטן קאַפּיטאַל לוינט זיך נישט צו גיין — האָט די דאָזיקע אויפגאַבע געקאָנט אויסגעפירט ווערן נאָר דורך דעם חלוצישן און אַרבעטער־עלעמענט, קיין אַנדערער שיכט איינוואַנדערער האָט נישט גע־קאָנט קומען אין באַטראַכט. דאָס אַרויפגיין אויף פאַרוואָרפענע פּונקטן פון לאַנד, די שווערע קרבנותפולע אַרבעט פון צוגרייטן דעם באָדן, טריקענען די זומפּן און אויסראָטן די מאַלאַריע, איז געוואָרן דער מאָנאָפּאָל פון דער אַרבעטערשאַפט. די נאַציאָנאַלע כוונה פון בירגערלעכן ציוניזם האָט זיך

אַזוי פאַרוואַנדלט, במילא, אין א סאָציאַלער דעראָבערונג פון די חלוצישע און אַרבעטער־מאַסן. דער פּרינציפּ פון זעלבסט־אַרבעט האָט אי געמוזט פירן צו דער פּאַקטישער איבערוואָג פון דעם אַרבעטער־עלעמענט אין דער קאָלאָניזאַציע, אי צו דער אָנערקענונג פון ק א ל א נ י ז א צ י ע־פ א ר מ ע ן, וואָס זענען, אַ דאַנק דער איבערוויגנדער ראָל פון די אַרבעטער־קאָלאָניסטן, געגאַנגען אין דער ריכטונג פון קאָלעקטיווער ווירטשאַפט, ווי קבוצות און קיבוצים מיט אַ פּראַקטיש קאָמוניסטישן לעבנס־שטייגער. הגם דאָס לעצטע האָט נישט געקאָנט שטאַרק געפעלן דעם ציוניסטישן בירגערטום.

די זאָרג פונעם נאַציאָנאַל־פאָנד און זיינע אָנפירער פאַר דער דער־האַלטונג פונעם באָדן, וואָס ווערט איינגעקויפט פאַר געלטער, געזאַמלטע דורכן גאַנצן פאָלק, און מיר גלויבן, אַז ד ע ר ד א ז י ק ע ר מ א ט י ו ו איז געווען דער אַנטשיידנדסטער, האָט אין זיין קאָנסעקווענץ געמוזט פירן צו דעם, אַז די אַרבעטנדע שיכטן זאָלן ווערן דער הויפּט־באַשטאַנד פון די קאָלאָניסטן אויפן נאַציאָנאַלן באָדן. דער פּרעזידענט פונעם נאַציאָנאַל־פאָנד. מ. א ו ס י ש ק י ן, האָט נאָך אין יאָר 1929 צוגעגעבן אין אַ רעדע, אַז:

„היינט ברענגען מיר אַלע קרבנות פאַר דער אויסלייזונג פונעם לאַנד, אָבער אויב מיר וועלן איבערגעבן דעם דאָזיקן באָדן אין די הענט פון פּריוואַטע מענטשן — און זיי און זייערע קינדער וועלן זיין די איינציקע באַלעבאַטים אויפן באָדן — צי האָבן מיר וועלכע עס איז גאַראַנטיע, אַז די דאָזיקע ערד וועט לעולם בלייבן אין די הענט פון יידן?

„פון וואַנען זאָל איך שעפּן די זיכערקייט, אַז נאָך דעם גוטן ציוניסט, וועלכער גיט אָפּ אויף אונדזערע אויגן זיין נשמה און זיין פאַרמעגן פאַר דער אויסלייזונג פון באָדן, זאָל נישט קומען אַן אייניקל און אור־אייניקל, וועלכן עס וועט זיין באַקוועמער צו פאַרקויפן זיין באָדן אַ נישט־יידן און ער אַליין וועט זיך אויפהויבן און אַוועקגיין אין אַן אַנדער אָרט?

„דער אידעאַליזם, וואָס מיר זעען היינט ביי די חלוצים פון עמק יזרעאל, איז געווען אויך ביי די ערשטע קאָלאָניסטן אין גדרה, פּתח־תקוה א. א. וו. — און אָט זענען דורך נאָר אַ פּאָר צענדליק יאָר און מיר זעען, אַז אויף זייערע באָדנס זענען באַשעפטיקט אין אַ גרויסער צאָל נישט־יידישע אַר־בעטער. דאָס באַווייזט, אַז נישט די מענטשן זענען שולדיק, נאָר די פאָרם פון דער קאָלאָניזאַציע". *)

---

*) „דבר", נומ' 1089, 1929.

אזוי איז דער פּרינציפּ פון זעלבסטאַרבעט געוואָרן נישט נאָר אַ פאָדערונג פון דער אַרבעטערשאַפט, נאָר, פון אַן אַנדערן שטאַנדפּונקט אַרויס, אויך די איינשטעלונג פון בירגערלעכן ציוניזם. נישט אַלעמאָל און אומעטום האָט מען אָפּגעהיט דעם דאָזיקן פּרינציפּ. זעלבסטאַרבעט אויפן באָדן פונעם נאַציאָנאַל־פאָנד איז פול און גאַנץ דורכגעפירט געוואָרן נאָר דאָרט, ווו דער באָדן ווערט באַאַרבעט דורך אַרבעטער־קאָלאָניסטן. און מערקווירדיק, ווערט נאָר דער באָדן איבערגעגעבן אין די הענט פון מיטל־שטאַנד, דאַן ווערט גלייך געבוירן די סתירה צווישן דעם פּרינציפּ פון זעלבסטאַרבעט און דערווירקלעכקייט. די אָנפירער פונעם פאָנד מוזן עס אַליין מודה זיין, הגם זיי זוכן אויס פאַרשידענע מילדערנדע סיבות. אָפּנים עס איז שווער צו באַקעמפן דורך די בעסטע פּרינציפּן די נאַטור פון אַ קלאַס, וועמענס גאַנצער מהות איז קעגן דעם פּרינציפּ פון זעלבסטאַרבעט. וואָס גרעסער עס ווערט דער אָנטייל פון בירגערלעכע עלעמענטן אין דער פאַרטיילונג פונעם נאַציאָנאַלן באָדן, אַלץ מער וואַקסט די צאָל דורכברוכן מצד די דאָזיקע קאָלאָניסטן קעגן פּרינציפּ פון זעלבסטאַרבעט. היינט קען מען שוין געפינען געדונגענע אַרבעטער אין אַ סך ווירטשאַפטן פונעם מיטלשטאַנד אויך אויפן באָדן פונעם נאַציאָנאַל־פאָנד.

דאָס בעסטע מיטל אויף אָפּצוהיטן דעם דאָזיקן וויכטיקן תנאי ביים צוטיילן נאַציאָנאַלן באָדן אויף קאָלאָניזאַציע, איז די מ י נ י מ אַ ל ע נ אָ ר מ ע פ ו ן ש ט ח, וואָס ווערט געגעבן אַן איינצלנער משפחה, אין אַזאַ גרויס, אַז דער שטח זאָל קענען באַאַרבעט ווערן דורך אייגענער אַרבעטס־קראַפט. דער דאָזיקער מינימום שטח איז נישט באַשטימט אויף שטענדיק. ער ענ־דערט זיך סיי לויט דער קוואַליטעט פונעם באָדן, און דער מעגלעכקייש פון אינטענסיווער ווירטשאַפט דורך באַוואַסערונג. ער ווערט באַשטימט אויך לויט דעם, וואָס פאַר אַ כאַראַקטער עס טראָגט די ווירטשאַפט. ברויט־פעלדער פאַרלאַנגען אַ גרעסערן שטח, אָנטקעגן געמישטע פאַרמען מיט באַוואַסערונג (גרינסן, פּרוכטן, מילך־ווירטשאַפט) קאָנען זיך באַגיין מיט אַ באַדייטנד קלענערן שטח. דער נאַציאָנאַל־פאָנד האַלט פאַר זיך דאָס רעכט צו פאַרקלענערן דעם שטח פון באָדן פאַר אַ משפחה ביי יעדער ענ־דערונג אין דער פאָרם פון ווירטשאַפט און ביים איבערגאַנג צו אינטענ־סיווערע מעטאָדן. דורך דער פעסטשטעלונג פון מינימאַלן שטח פאַר אַ משפחה, לויט איר אייגענער אַרבעטקראַפט, ווערט אויסגעמיטן באַלד פון אָנהויב די מעגלעכקייט פון אויסבילדן קליינע פּריצים, וואָס אַרבעטן מיט פרעמדער אַרבעטקראַפט. די טרויעריקע דערפאַרונג פון די אַמאָליקע

קאָלאָניסטן, וואָס פלעגן באַקומען אין די הונדערטער דונאַם באָדן און אָוועקגעבן טיילן אין פּאַכט — קען אויפן באָדן פון נאַציאָנאַל־פאָנד, אַ דאַנק דעם דאָזיקן תנאי, קיינמאָל נישט אויפקומען.

די באַוועגלעכקייט פונעם מינימום־באָדן, לויט דעם שטאַנד פון לאַנד־ווירטשאַפטלעכער טעכניק און פאַרבעסערונגען אין באָדן, דערמעגלעכט אויך צו באַזעצן נייע קאָלאָניסטן אויף די אַזוי אָרום באַפרייטע שטחים ערד. דאָס גיט אַ מעגלעכקייט נישט נאָר צו פאַרגרעסערן די צאָל פון די, וואָס קענען זיך באַזעצן אויפן באָדן, נאָר עס איז אויך אַ דאַמבע קעגן דער אומגלייכקייט צווישן די קאָלאָניסטן.

עס איז פאַראַן בלויז איין מין אייגנטום אויפן באָדן פונעם נאַציאָנאַל־פאָנד — דאָס אייגנטום פון כלל, פון דער געזעלשאַפט, וועמענס פאַרטרעטער עס איז דער נאַציאָנאַל־פאָנד. די סטאַטוטן פונעם נאַציאָנאַל־פאָנד זעען נישט פאָר אין קיין שום פאַל דאָס רעכט צו פאַרקויפן באָדן, וואָס געהערט צום כלל. דער באָדן ווערט געגעבן די קאָלאָניסטן צו נישט באַגרענעצטער באַנוצונג אין דער פאָרם פון ירושה־פאַכט אָדער ירושה־בוי־פאַכט, ווען עס האַנדלט זיך וועגן שטאָטישע בוי־פּלעצער. דער נאַציאָנאַל־פאָנד שליסט מיט יעדן, וואָס באַזעצט זיך אויף זיין באָדן, אַ פאַכט־אָפּמאַך אויף 49 יאָר, מיט דעם פאָררעכט אויף ווייטערע 49 יאָר. דעם פּעכטער־קאָלאָניסט ווערט פאַרזיכערט דאָס רעכט פריי צו באַנוצן זיך מיטן באָדן לויט זיין איינזען, מיט דעם ווייטערדיקן רעכט איבערצוגעבן דאָס פאַכט־רעכט זיינע יורשים. די איינציקע באַגרענעצונג איז, אַז דער באָדן־טייל טאָר נישט צעפּיצלט ווערן לויט דער צאָל יורשים. אין פאַל עס איז פאַראַן מער ווי איין יורש — זעט דער אָפּמאַך פאָר, די מעגלעכקייט אויסצוצאָלן אַנטשעדיקונג די איבעריקע יורשים. דער נאַציאָנאַל־פאָנד באַקומט נאָר אַ קליינעם יערלעכן פאַכט־אָפּצאָל אין דער הויך פון 1—2 פּראָצענט באָדן־ווערט אויפן לאַנד און 4 פּראָצענט פון שטאָטישן באָדן. דער אָפּצאָל קען אין באַשטימטע תקופות (אַלע 10 יאָר אין שטאָט, יעדע 25 יאָר אין דאָרף) געענדערט ווערן לויט אַ נייער אָפּשאַצונג פונעם הכנסה־ווערט פון באָדן אין דער לאַנד־ווירטשאַפט אָדער פונעם בנין, וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן אין שטאָט. די דאָזיקע באַשטימונג איז גרייליך אויפן פּלאַץ אין אַ לאַנד פון אַן אויפקומענדער ווירטשאַפט, ווי ס'איז ארץ־ישראל. שוין נישט רעדנדיק וועגן בוי־פּלעצער אין די שטעט, וועלכע האָבן אין עטלעכע יאָר דערגרייכט ממש פאַנטאַסטיש הויכע פּרייזן. אַפילו אין דער לאַנדווירטשאַפט איז ביי דער סיסטעמאַטישער פאַרפולקאָמונג פון דער ווירטשאַפט, איינפירונג פון

נייע פלאַנצונגען (ספּעציעל מאַראַנצן און אַנדערע פּירות אויף עקספּאָרט), באַוואָסערונג און אינטענסיווע פאָרמען פון דער ווירטשאַפט — אוממעגלעך צו בלייבן שטענדיק ביי דער ווערט־אָפּשאַצונג פונעם באָדן.

לויט די אויבנדערמאָנטע תקנות, ספּעציעל לויט דעם פאַקט־אָפּמאַך, קען זיך די אַרבעט פונעם נאַציאָנאַל־פאָנד זיכער גלייכן צו די מאָדערנסטע אינסטיטוציעס פון אַגראַר־פּאָליטיק אין יענע לענדער ווו דער פּרינציפּ פון ירושה־פּאַכט איז איינגעפירט ביים צוטיילן מלוכהשן באָדן פאַר קאָלאָניזאַציע און הייזערבוי. די דאָזיקע באַשטימונגען געבן די מעגלעכקייט צו באַזעצן אין דער לאַנדווירטשאַפט אומבאַמיטלטע קאָלאָניסטן פון דער אַרבעטערשאַפט און חלוצישע עלעמענטן, זיי פאַרהיטן גלייכצייטיק, דורך דעם פּרינציפּ פון זעלבסטאַרבעט די מעגלעכקייט אויסצובילדן באַלעבאַטישע שיכטן אויפן באָדן.

אין דער פּראַקטישער טעטיקייט פונעם נאַציאָנאַל־פאָנד זענען אָבער נישט אַלעמאָל געהעריק אָפּגעהיט געוואָרן די אַלע תקנות, אין די שטעט, ווו דער נאַציאָנאַל־פאָנד פאַרמאָגט ווערטפולע שטחים באָדן, זענען די פּלעצער געשטיגן אין זייער ווערט צען־ און מער־פאַכיק. די גרויסע בהלה אויף שטאָטישע בויפּלעצער האָט אַריינגעצויגן אויך אַ טייל באַזיצער פון הייזער אויפן באָדן פונעם נאַציאָנאַל־פאָנד. עס זענען אויפגעשטעלט געוואָרן גרויסע הייזער מיט דירות און ביוראָען צום פאַרדינגען. דער ווערט פון אַזאַ פּלאַץ האָט זיך במילא אויסגעגלייכט מיט דעם אַרום הערשנדן פּרייז. דאָס פאַכטרעכט אויפן באָדן פונעם נאַציאָנאַל־פאָנד פלעגט אין טייל פאַלן פאַרקויפט ווערן פּונקט ווי אַ פּריוואַטער קנין. דאָס זעלבע האָט אויך פּאַסירט מיט לאַנדווירטשאַפטלעכע באָדנס נאָענט צו די גרויסע שטעט, וועלכע זענען, אַ דאַנק דעם שנעלן וווּקס פון די שטעט, איבער נאַכט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שטאָטישע בויפּלעצער, מיט דעם גאַנצן געווינס, וואָס קומט פון דעם אַרויס. אין די יאָרן פון גרויסן אויפשווונג און איינוואַנדערונג (1933—1935), אין די שטאָטישע קוואַרטאַלן פון תל־אביב און חיפה. אַזעלכע דערשיינונגען איז טאַקע שווער צו באַקעמפן אויפן וועג פון יורידישע סאַנקציעס. זיי קענען אָבער אויסגעמיטן ווערן, ווען בויפּלעצער פונעם נאַציאָנאַל־פאָנד אין די שטעט וועלן נישט פאַרגעבן ווערן צו יחידים מיט ספּעקולאַטיווע נייגונגען, נאָר פאַר הייזער־קאָאָפּעראַטיוון, שכונות־עובדים, ווו דער איינצלנער מיטגליד פון אַזאַ קאָאָפּעראַטיוו האָט נישט קיין אייגנטום־רעכט אויפן באָדן פון די הייזער. אויף דעם דאָזיקן וועג גייט טאַקע איצט די פּראַקטיק פונעם נאַציאָנאַל־פאָנד.

די אַלע אויבנאָנגעוויזענע גרונט־הנחות אין דער אַרבעט פונעם נאַציאָ־נאַל־פאָנד ביים פאַרטיילן דעם באָדן פאַר קאָלאָניזאַציע, אָדער הייזערבוי און אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען אין שטאָטישע ראַיאָנען, גיבן דאָס בילד פון אַ גרויסן ווערק, אין וועמענס יסוד עס ליגן די פּראָגרעסיווע אידעען פון באָדן־פּאָליטיק אין אַ קאָלאָניזאַציע־לאַנד, ווי א״י ביי דער עקזיסטירנ־דיקער געזעלשאַפט־אָרדנונג *). דאָס דאָזיקע בילד לערגט אָבער דערצו נאָך אַ וויכטיקע זאַך: אַז יורידישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע תקנות, מעגן זיי זיין די בעסטע און פּראָגרעסיווסטע ווערן נישט איינגעהאַלטן אין לעבן, בעת זיי טרעפן זיך אָן מיט אינטערעסן פון פאַרשידענע סאָציאַלע שיכטן אין דער געזעלשאַפט. כמעט אַלע דורכבּרוכן אין די תקנות פונעם נאַציאָנאַל־פאָנד, ווי מיר האָבן געזען, קומען פאַר דעמאָלט, ווען די פּראַקטיק ביים

*) דער נ.־פ. מיט זיין פּראָגרעסיווער באָדן־פּאָליטיק אין יידישן ישוב אין א״י, און זיין אַרבעט אויפן געביט פון ראַציאָנעלן באָדן־איינקויף, האָט געשטויסן דעם קאָלאָניסט צום איבערגאַנג אויף אינטענסיווע פאָרמען פון דערווירטשאַפט, ער האָט אויך געגעבן די אָנרעגונג פאַר דער געשטאַלטונג פון דער צוקונפטיקער באָדן־פּאָליטיק אין לאַנד בכלל. די געשיכטע מיט דער קאָנצעסיע אין חולה, וואָס איז נאָך לאַנגדויערנדע אונטער־האַנדלונגען מיט סירישע קאָנצעסיאָנערן, וועלכע האָבן יאָרן לאַנג פאַר־וואַרלאָזט דעם באָדן, אַריבער אין יידישע הענט, איז דער בעסטער באַוויז פאַר דעם.

די קאָנצעסיע, וואָס איז דערהאַלטן געוואָרן, פאַרנעמט אַ שטח פון קרוב 57 טויזנט דונאַם. דער דאָזיקער באָדן, אין זיין גרעסטן טייל, איז זומפּיק און פול מיט מאַלאַריע־באַצילן. די אָרטיקע אַראַבישע באַפעלקערונג איז קליין און אָרעם. מיט דער אויסטריקענונג פונעם באָדן, און דער אינ־טענסיווירונג פון די ווירטשאַפטס־פאָרמען, שאַפן זיך דאָרט מעגלעכקייטן פאַר עקזיסטענץ פון אַ צענפאַכיק גרעסערער לאַנדווירטשאַפטלעכער באַפעלקערונג.

דער פאַקט, אַז די קאָנצעסיע פון חולה איז איבערגענומען געוואָרן דורך יידן מיטן תנאי, אַז נאָכן געזונט מאַכן פונעם באָדן, זאָלן פון אים אויסגעטיילט ווערן ביז 15 טויזנט דונאַם פאַר די אָרטיקע אַראַבער — אילוסטרירט בולט די פּערספּעקטיוון, וואָס עפענען זיך פאַר דער יידישער באָדן־פּאָליטיק אין לאַנד בכלל, און גלייכצייטיק פאַר אַ פּראָגרעסיווער אַנטוויקלונג פון דער פעלאַכישער באַפעלקערונג.

פאַרטיילן נאַציאָנאַלן באָדן טרעפט זיך אָן מיט בירגערלעכע עלעמענטן. דאַקעגן האָט די יאָרנלאַנגע דערפאַרונג קלאָר געמאַכט, אַז נאָר די אַר־בעטנדע שיכטן אַליין זענען מסוגל אָנצונעמען די תקנות און זיי פּאַקטיש דורכפירן אין לעבן. מעג טאַקע דער נאַציאָנאַל־פאָנד זיין באַשטימט פאַר אַלע קלאַסן און שיכטן פונעם פאָלק, זיין כאַראַקטער און מהות וועלן קענען איינגעהאַלטן ווערן נאָר דאַן, ווען די קאָלאָניזאַציע וועט איינהאַלטן דעם פּרצוף, וואָס עס האָט איר געגעבן די אַרבעטערשאַפט אין ארץ־ישראל.

קאַפּיטל זעקס

דער אויפטו

די לאָנדאָנער קאָנפערענץ האָט אַרויפגעלייגט אויפן נאַציאָנאַל־פאָנד די גרויסע אויפגאַבע צו ווערן דער טרעגער פון דער נאַציאָנאַלער באָדן־פּאָליטיק אין לאַנד. די פאַרמלחמהדיקע קאָלאָניזאַציע האָט שוין באַוויזן, אַז דער באָדן־איינקויף אין ארץ־ישראל מוז זיין צענטראַליזירט, כדי נישט צו דערלאָזן, אָדער, לכל לפּחות, שטאַרק צו באַגרענעצן, אַ קינסטלעכע, דורך פּריוואַטער ספּעקולאַציע באַשטימטע, אויפשרויפונג פון באָדן־פּרייזן. די ביטערע ווירקלעכקייט און, דער עיקר, דער שאַרפער מאַנגל אין מיטלען האָבן דעם נאַציאָנאַל־פאָנד נישט דערמעגלעכט צו קאָנצענטרירן די באָדן־אָפּעראַציעס אין לאַנד און משפּיע זיין אויף די באָדן־פּרייזן. פאַרקערט, ער איז אַליין געבליבן שטאַרק אונטערגעוואָרפן די געזעצן פון פרייען האַנדל מיטן באָדן און דער ספּעקולאַטיווער שטייגערונג פון די פּרייזן. נאָך דער מלחמה זענען אויפגעקומען פּראָיעקטן וועגן נאַציאָנאַליזאַציע פונעם באָדן אין ארץ־ישראל פאַר די באַדערפענישן פון דער קאָלאָניזאַציע. דער עיקר זענען זיי געקומען מצד דער אַרבעטערשאַפט, וועלכע איז באַלד נאָך דער מלחמה נאָכגעגאַנגען פאַרשידענע אילוזיעס בנוגע דער נאָענטער צוקונפט. צווישן זיי, די כאַראַקטעריסטישע פאָדערונג קאָנצענטרירן אַלע באָדן־קניות אין די הענט פונעם נ. פ., אין דער האָפענונג, אַז די יידישע בור־זשואַזיע וועט דערויף געבן די נויטיקע גרויסע קאַפּיטאַלן. (דער פּלאַן פון ד״ר נ. סירקין). די לאָנדאָנער קאָנפערענץ האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ קאָמפּראָמיס. די פאָדערונג, ס׳זאָל אויסגעשלאָסן ווערן, אַפילו פאַרבאָטן ווערן, דער איינקויף פון באָדן דורכן פּריוואַטן קאַפּיטאַל, איז אָפּגעוואָרפן

געוואָרן. די אָנהענגער פון פּריוואַטן באָדן־איינקויף האָבן געהאַלטן, אַז דער פּריוואַטער קאַפּיטאַל האָט נאָך אויפּצוטאָן אַ גרויסע אַרבעט ביים באָדן־איינקויף אין ארץ־ישראל. פון די 418.000 דונאַם, וועלכע האָבן געהערט צו יידן ביים סוף פון דער מלחמה, האָט דער ג. פּ. פאַרמאָגט קוים 4 פּראָצענט. מיט אַזאַ פאַרמאָגן איז געווען שווער צו גלויבן, אַז דער נאַציאָנאַל־פאָנד זאָל זיין בכוח צו פאַרגרעסערן דעם יידישן באָדן־באַזיץ, אויך ביי די נייע באַדינגונגען. די גרויסע האָפענונגען אויפן פּריוואַטן קאַפּיטאַל, אַז ער וועט איינקויפן באָדן אין די גרויסע שטחים באַלד ביים אָנהויב פונעם נייעם קאָלאָניזאַציע־פּעריאָד, זענען נישט מקוים געוואָרן. פּריוואַטע קאַפּיטאַליסטן האָבן זיך נישט געאיילט איבערצופירן זייערע קאַפּיטאַלן פון אויסלאַנד. און ווען יידישע קאַפּיטאַליסטן האָבן יאָ אָנגעהויבן צו קומען אין לאַנד, איז זייער ערשטע דאגה נישט געווען איינצוקויפן באָדן פאַר אַ ברייטער פאָלקס־קאָלאָניזאַציע, אין וויסטע, פאַרוואָרפענע געגענטן. דער „נאַציאָנאַלער באַוווסטזין" האָט אויך דאָ אָפּגעטראָטן זיין אָרט דעם איינפאַכן מסחר־אינטערעס. פּריוואַטער קאַפּיטאַל האָט איינגעקויפט גערן שטאָטישע פּלעצער אָדער באָדן, צוגעפּאַסט פאַר פּרדסים. אַזעלכע קניות האָבן צוגעזאָגט אַ באַלדיקן גרויסן ריוח, זיי גיבן אויך אַ מעגלעכקייט, קינסטלעך צו הויבן די באָדן־פּרייזן. בויפּלעצער אין די שטעט אָדער פּרדסים־באָדן ווערן ביי פּריוואַטע קאַפּיטאַליסטן פונקט אַזאַ סחורה ווי יעדע אַנדערע. מיט אַזאַ סחורה ווערט געהאַנדלט. זי גייט איבער פון האַנט צו האַנט און האָט אַ טבע צו שטייגן אין ווערט ביים איבערגאַנג פון איין ספּעקולאַנטישער האַנט צו אַ צווייטער. ביי אַזאַ סאָרט „הילף" האָט נישט געקאָנט, פאַרשטייט זיך, זיין קיין רייד וועגן שאַפן באָדן פאַר דער נאַציאָ־נאַלער קאָלאָניזאַציע. די אויפגאַבע האָט געקענט אויספירן אויסשליסלעך דער נאַציאָנאַלער קאַפּיטאַל און טיילוויז ייק"א, הגם די לעצטע פירט אַריבער מיט דער צייט דעם אויסגעטיילטן באָדן אין פּריוואַטן באַזיץ פון די קאָלאָניסטן.

די וויטערדיקע טאַבעלע באַווייזט די אַנטוויקלונג פון באָדן־קניות פון פּריוואַטן און נאַציאָנאַלן קאַפּיטאַל אין ארץ־ישראל אין די נאָכמלחמה־דיקע יאָרן. *)

*) ד"ר א. גרנובסקי — „מדיניות קרקעית עברית בא"י, ז. 108.

יידישע באָדן־קניות

(אין דונאַם)

יאָר	בכלל	דערפון: פריוואַטע איינ־שליסלעך ייק״א	דערפון: דורך דעם נאַציאָנאַל־פאָנד	נ.־פ.־קניות לגבי יידישע בכלל (אין %)
1921	90.785	47.764	43.021	47,4
1922 1923	56.852	31.416	25.436	44,7
1924	44.765	4.540	40.225	89,9
1925	101.131	68.041	33.090	32,7
1926	38.978	25.234	13.744	35,3
1927	18.995	216	18.779	98,9
1928	21.515	16.082	5.433	25,3
1929	64.517	4.968	59.549	92,3
1930	19.365	2.378	16.987	87,7
1931	18.583	8.605	9.978	53,7
1932	18.895	10.590	8.305	44,0
1933	36.992	4.621	32.371	87,5
1934	62.114	49.539	12.575	20,2
1935	72.905	56.381	16.524	22,7
1936	18.146	4.985	13.161	72,5
ס״ה	684.538	335.360	349.178	51,0

די טאַבעלע ווייזט אין אַ בולטער פאָרם, אין וואָס פאַר אַ צייטן פאַר־גרעסערט זיך דער אַנטייל פונעם פריוואַטן קאַפּיטאַל ביים באָדן־איינקויף. אין די יאָרן 1925־26, בעת דער גרויסער איינוואַנדערונג און גוטער עקאָ־נאָמישער לאַגע, וואַקסט דער אַנטייל פון פריוואַטן קאַפּיטאַל. דאָס זעלבע אויך אין דער „פּראָספּעריטי״־צייט פון 1934 — 1935. אין אַזעלכע יאָרן רעדוצירט זיך דער אַנטייל פונעם נאַציאָנאַל־פאָנד ביז אַ מינימום. די סיבה פון דעם איז אויבנאויף: דער נאַציאָנאַל־פאָנד מיט זיין געזעלשאַפטלעכן קאַפּיטאַל קען פשוט נישט אָניאָגן די ספּעקולאַטיווע פרייזן אויף באָדן,

וועלכע ווערן דיקטירט אין לאַנד דורך דעם בהלהדיקן איינקויף און דורך אַ שטאַרקן קאָנקורענץ־קאַמף פון פּריוואַטן קאַפּיטאַל. אין אַזעלכע יאָרן ווערט יעדעס שטיקל לאַנד פאַרמסחרט. די פּרייזן פאַר באָדן פון דער ערגסטער קוואַליטעט ווערן געטריבן אין אַ פאַנטאַסטישער הויך, שטחים ערד ווערן געקויפט אָן אַ סדר און אַ פּלאַן. די זעלבע שטחים, געקויפטע ביי אַראַבער, ווערן דערנאָך איבערפאַרקויפט עטלעכע מאָל דורך באָדן־ספּעקו־לאַנטן, ביז דער שטח ווערט ענדלעך פאַרפּלאַנצט אָדער פאַרבויט. ספּעציעל אַנטוויקלט זיך דער דאָזיקער באָדן־פיבער אין די שטעט, ווו די שטאַרקע איינוואַנדערונג פאַרלאַנגט אַ תיכפדיקע פאַרגרעסערונג פון דער צאָל דירות פאַר נייע עולים. אַלץ לעבט אינעם פּסיכאָז, אַז מאָרגן קען שוין זיין צו שפּעט, דערפאַר מוז מען נאָך היינט איינקויפן און צאָלן דעם ווילדסטן פּרייז. אָט אַזעלכער איז געווען דער צושטייער פון פּריוואַטן קאַפּיטאַל אין דער פאַרגרעסערונג פון יידישן באָדן־באַזיץ אין לאַנד. דערפאַר ציט זיך דער פּריוואַטער קאַפּיטאַל שנעל צוריק אין יאָרן פון קריזיס און פּאָליטישער שפּאַנונג. אַזוי אין יאָר 1927, מיט דעם קריזיס פון דער „פערטער עליה", אין 1929 און 1930 אין רעזולטאַט פון די בלוטיקע געשעענישן. אַמבולטסטן זענען אָבער ציפערן פאַר די לעצטע 2 יאָר פון דער „פּראָספּעריטי" — 1934 און 1935. אין די יאָרן פאַלט דער אָנטייל פונעם נאַציאָנאַל־פאָנד ביז 20% פון אַלע באָדן־קניות, אָבער שוין אין 1936, נאָכן אויסברוך פון אַראַבישן טעראָר, שטייגט דער אָנטייל פונעם נאַציאָנאַל־פאָנד ביז 72,5%. פאַר די לעצטע דריי יאָר געשעענישן (פון אַפּריל 1936 ביז אַפּריל 1939) האָט דער נאַציאָנאַל־פאָנד איינגעקויפט, נישט געקוקט אויף די אומגינס־טיקסטע באַדינגונגען און ביים הערשנדן טעראָר — 87.500 דונאַם באָדן, וואָס עס מאַכט אויס 80% פון אַלע יידישע באָדן־קניות פאַר די דערמאָנטע דריי בלוטיקע יאָרן.

אָנגעהויבן פון יאָר 1921 געהערט איבער אַ העלפט באָדן (51%), וועלכער איז אַריבער דורך איינקויף אין יידישן באַזיץ, צום נאַציאָנאַל־פאָנד.

דער אַ ל ג ע מ י י נ ע ר ש ט ח ב אָ ד ן, וואָס געהערט דעם נאַציאָנאַל־פאָנד האָט אויסגעמאַכט אין אַפּריל 1939 454.517 דונאַם; פון דעם דאָזיקן סכום איז 93,3% לאַנדווירטשאַפטלעכער באָדן און בלויז 6,7% שטאָ־טישער. דער אָנטייל פון נאַציאָנאַל־פאָנד־באָדן אין דעם אַלגעמיינעם יידישן באָדן־באַזיץ איז געשטיגן פון 4% אין יאָר 1920 ביז איבער אַ דריטל (34%) פון אַלגעמיינעם יידישן באָדן־באַזיץ. די דאָזיקע ציפערן באַווייזן

דעם גרויסן וווקס פון נאַציאָנאַלן באָדן־באַזיץ אין משך פון די לעצטע 18 יאָר. אָוודאי זענען די דאָזיקע ציפערן געווגוג קליין לגבי דעם אַלגעמיינעם שטח פונעם לאַנד, וואָס איז פּאַסיק פאַר לאַנדווירטשאַפט. דער באָדן־באַזיץ פונעם נ. פ. איז אויך גענוג קליין לגבי די מעגלעכקייטן צו קויפן באָדן, וואָס זענען געווען, בפרט נאָך, אַז באָדן־קניות ווערן שווערער פון יאָר צו יאָר. בעת די פּרייזן פאַר באָדן זענען אין דער צייט פון אָנהויב פון קאָלאָניזאַציע ביז דער מלחמה געשטיגן אויף 200%, האָט דער וווקס פון די פּרייזן נאָך דער מלחמה, ביז 1936, אויסגעמאַכט 550%, ד.ה. אַ שטייגערונג פון 5 מיט אַ האַלב מאָל אַזויפיל אין משך פון 16 יאָר. די פּאָליטישע שוועריקייטן און באַגרענעצונגען מצד דער רעגירונג און די שעדלעכע ווירקונג פון די באָדן־ספּעקולאַציעס מצד דעם פּריוואַטן קאַפּיטאַל האָבן ענגער געמאַכט די גרענעצן פאַר דער טעטיקייט פונעם נאַציאָנאַל־פאָנד. גרויסע געפאַרן אויף דעם געביט לויערן אין דער צוקונפט, אָבער אויך די התחלה, וועלכע איז געמאַכט געוואָרן אין די שווערסטע באַדינגונגען האָט אַ פונדאַמענטאַלן ווערט אין דעם אויסבוי און וווקס פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין לאַנד.

דער פּ י אָ נ ע ר י ש ע ר כאַראַקטער פון דער טעטיקייט פונעם נאַציאָנאַל־פאָנד ווערט נאָך דייטלעכער, בעת מען באַטראַכט, אין וועלכע געגנטן דער נאַציאָנאַל־פאָנד קויפט איין דעם באָדן. די געאָגראַפישע פאַרטיילונג פון נאַציאָנאַלן באָדן־באַזיץ באַווייזט, אַז אַלס עיקר־אויפגאַבע האָט זיך דער נאַציאָנאַל־פאָנד געשטעלט, איינצוקויפן באָדן אין אַזעלכע געגנטן, ווו דער פּריוואַטער קאַפּיטאַל האָט נישט קיין שום אינטערעס צו גיין. דער נאַציאָנאַל־פאָנד שטרעבט קודם כל איינצוקויפן קאָנצענטרירטע שטחים, וועלכע זאָלן מעגלעך מאַכן די ראַציאָנאַלע קאָלאָניזאַציע פון די נייע פונקטן און זייער זיכערקייט פאַר איבערפאַלן.

די ערשטע קניות פונעם נאַציאָנאַל־פאָנד באַלד נאָך דער מלחמה זענען געווען אין ע מ ק י ז ר ע א ל, וואָס האָט מיט זיך דאַן פאָרגעשטעלט אַ וויסטן זומפּיקן באָדן פול מיט מאַלאַריע. עס איז נאָר אַריבער אַ קורצע צייט, און דער דאָזיקער טאָל איז געוואָרן אַ בליענדער שטח פון לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָלאָניזאַציע מיט אַזעלכע ישובים ווי עין חרוד, תל־יוסף, בית־אלפא. דאָס זעלבע איז אויך געווען מיט ע מ ק ח פ ר (וואדי חווארית), ביים ברעג פון ים, ווו דער באָדן, אַ פאַרלאָזענער אין משך פון דורות, איז אויסגעטריקנט געוואָרן פון זומפּן. היינט איז דער באָדן פון עמק חפר איינער פון די פּרוכטבאַרסטע אין לאַנד. ער איז

צוגעפּאַסט פּאַר פּלאַנצונגען און אינטענסיווער ווירטשאַפט און באַדעקט מיט אַ ריי נייע פּונקטן. אויף די זאַמד־דיונעס פון עמק זבולון, ביי חיפה, וואָס זענען געלעגן וויסט און נישט באַזעצט, ווערט געשאַפן אַ ראַיאָן פון ביישטאַטישער קאָלאָניזאַציע פאַר וווינונגס־הייזער און אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען. אין דער גאָר לעצטער צייט וואַרפט זיך אַריבער דער נאַציאָנאַל־פאָנד אין אַ געגנט, וווּ די יידישע קאָלאָניזאַציע האָט נאָך נישט געשטעלט קיין פוס. דאָס איז דער ראַיאָן פון בית־שאן, רייך מיט וואַסער, אָבער אויסערגעוויינלעך פאַרלאָזט. די לעצטנס געגרינדעטע פּונקטן, ווי טירת צבי, מעוז, בית יוסף, געפינען זיך אין דער דאָזיקער געגנט. די סאַמע לעצטע באַמיִונגען גייען אויף פאַרגרעסערן דעם באָדן־באַזיץ אין גליל העליון, וועלכער איז יאָרנלאַנג געלעגן אָן אַ זייט פון דעם ברייטן שליאַך פון יידישער קאָלאָניזאַציע. אין דער דאָזיקער כמעט ווילדער געגנט ווערן פאַרלייגט נייע פּונקטן חניתה און דפנה — די צוויי גרענעץ־פּונקטן אין מערב און מזרח פונעם גליל העליון, זענען די ערשטע שפּראָצן פון אַ גרויסער אַרבעט ביים פאַרלייגן יידישע ישובים אין דעם וויטן גליל. אין משך פון די לעצטע עטלעכע יאָר אַליין, האָט דער נאַציאָנאַל־פאָנד איינגעקויפט קרוב צו 33.000 דונאַם באָדן אין גליל העליון. ביי 80% פון דעם באָדן־באַזיץ פון דעם נאַציאָנאַל־פאָנד געפינען זיך אין די אויסגערעכנטע קאָנצענטרירטע שטחים באָדן. נאָך איז די דאָזיקע פּיאָנער־אַרבעט נישט פאַרענדיקט. פּאָליטישע און קאָלאָניזאַציע־מאָטיוון וועלן נאָך אַ היפּשע צייט פאַרלאַנגען די אינטענסיווע אַרבעט פונעם נאַציאָנאַל־פאָנד אינעם צפון־טייל פון לאַנד.

דעם גרעסטן טייל אין די יידישע באָדנס האָט דער נאַציאָנאַל־פאָנד אין עמק יזרעאל און עמק הירדן, די וויכטיקסטע צענטערן פון געמישטער לאַנדווירטשאַפט, וועלכע איז געשאַפן געוואָרן הויפּטזעכלעך מיט דער הילף פון נאַציאָנאַלן קאַפּיטאַל. אין די דאָזיקע געגענטן דערגרייכט דער אַנטייל פון נאַציאָנאַל־פאָנד־באָדן ביז 67%—73%. אַנטקעגן דעם פאַלט דער אַנטייל אין שרון, וועלכער האָט זיך אַנטוויקלט הויפּטזעכלעך דורכן פּריוואַטן קאַפּיטאַל, ביז 36%, און נאָך קלענער איז זיין טייל אין יהודה — 19%, און אין שומרון 12%, ווו דער גרעסטער טייל באָדן געהערט דער פּיק״אַ.

דער וויכטיקסטער געביט אין דער טעטיקייט פונעם נאַציאָנאַל־פאָנד — דער באָדן־איינקויף, האָט טאַקע איינגעשלונגען דעם ווייט גרעסטן טייל פון זיינע אויסגאַבן. ביזן יאָר 1921 האָט דער נאַציאָנאַל־פאָנד

אויסגעגעבן אויף באַדן־איינקויף סך־הכל 53.000 פונט. פאַר דער צייט פון 1921—1936 האָט ער אינוועסטירט אין באָדן־קניות קרוב צו 3 מיליאָן פונט.

דער נאַציאָנאַל־פאָנד האָט זיך אָבער נישט געקענט באַגרענעצן בלויז מיטן איינקויף פונעם באָדן. אויבן איז שוין אָנגעוויזן געוואָרן, אַז דער ווייט גרעסטער טייל איינגעקויפטער באָדן איז לחלוטין נישט געווען צוגעפּאַסט פאַר לאַנדווירטשאַפט. ער איז באַשטאַנען פון זומפּן אָדער פאַרלאָזענעם שטייניקן באָדן. דער צוועק, וועלכן עס האָט זיך געשטעלט דער נאַציאָנאַל־פאָנד — צושטעלן אַ באַאַרבעטונגס־פעיקן באָדן פאַר צוועקן פון לאַנדווירטשאַפט, וואָלט קיינמאָל נישט געקענט דערפילט ווערן, ווען עס ווערט נישט, גלייך נאָכן איינקויף, געמאַכט אַ גרויסע אַרבעט פאַר געזונט־מאַכונג פונעם באָדן. דערצו געהערט די אויסטריקענונג פון די זומפּן, דורכפירונג פון קאַנאַלן אויף אָפּצוציען דאָס וואַסער, אָפּרייניקונג פונעם באָדן פון שטיינער, באַזייטיקונג פון פעלזן א.אַ.וו. איבער 250.000 דונאַם פונעם נאַציאָנאַל־פאָנד־באָדן האָבן זיך גענויטיקט אין אַזאַ אַרבעט. אָבער אויסער דעם האָבן אין באַשטימטע ערטער געמוזט דורכגעפירט ווערן אויך אַזעלכע אַרבעטן, ווי דער בוי פון וועגן, טיפער אַקער, אויסברענען ווילדע גרעזער און בוימער, אויס־גלייכן זאַמדיקן באָדן א.אַ.וו. די דאָזיקע אַרבעט האָט איינגעשלונגען איבער 150.000 פונט. אָבער אויך דער צוגעגרייטער באָדן האָט נאָך נישט געקענט זיין באַאַרבעטונגס־פעיק. אויף גרויסע שטחים איז קיין וואַסער פאַר ווירטשאַפטלעכע צוועקן נישט געווען בנמצא. דער נאַציאָנאַל־פאָנד האָט דאַן געמוזט, צוגלייך מיט אַלע איבעריקע אַרבעטן, פאַרנעמען זיך מיט אויסגעפינען נייע וואַסער־קוואַלן, דורך טיפן גראָבן אין באָדן און אינסטאַלירונג פון וואַסער־רערן פאַר דער באַוואַסערונג פון די פעלדער. ביזן יאָר 1929 איז עס געווען די אויסשליסלעכע אַרבעט פונעם נאַציאָנאַל־פאָנד, שפּעטער האָט זיך מיט דעם פאַרנומען דער קרן־היסוד. אָבער אויך אין די ווייטערדיקע יאָרן האָט די דאָזיקע אַרבעט נישט אויפגעהערט. ביזן יאָר 1929 זענען די אויסגאַבן אויף באַוואַסערונג געשטיגן ביז 84.000 פונט (אין 41 פּונקטן) און פון יאָר 1929 ביזן סוף 1936 — 47.000 פונט (אין נאָך 22 פּונקטן). אויסערדעם באַטייליקט זיך דער נאַציאָנאַל־פאָנד אויך אין די לעצטנס ספּעציעל געגרינדעטע וואַסער פאַרזאָרגונגס־געזעלשאַפטן פאַר לאַנדווירטשאַפטלעכע צוועקן.

דאָס אויסגעפינען נייע וואַסער־קוואַלן אין דער ערד איז נאָך אין

ארץ־ישראל ביים סאַמע אַנהויב. עס איז איבעריק אָנצווייזן אויף דער געוואַלדיקער באַדייטונג פון דער דאָזיקער אַרבעט, וועלכע דערמעגלעכט דעם איבערגאַנג צו אינטענסיווע פאָרמען אין דער לאַנדווירטשאַפט, דער עיקר לגבי פלאַנצונגען און געמישטע ווירטשאַפטן. רייכע וואַסער־קוואַלן ברייטערן אויס די אויפנעם־פעיקייט פון דער לאַנדווירטשאַפט, ווייל באַוואַסערטער באַדן פאָדערט אַ קלענערן שטח פאַר יעדער באַזעצטער משפחה. דערביי איז כאַראַקטעריסטיש, אַז פון 388 טיפע גראַבונגען אין לאַנד זענען 372 געמאַכט געוואָרן דורך יידן, בלויז 16 דורך נישט־יידן. אויך דאָס באַווייזט, ווי אינטענסיוו עס זענען די אַרבעטס־מעטאָדן פון דער יידישער לאַנדווירטשאַפט, אַ דאַנק דעם מאַנגל און יקרות פון באָדן.

אַ וויכטיק קאַפּיטל אין דער אַרבעט פונעם נאַציאָנאַל־פאָנד איז די באַוואַלדונג פון שטחים ערד, וועלכע זענען נישט צוגעפּאַסט פאַר לאַנדווירטשאַפט. צוליב דעם, וואָס די אַמאָליקע וועלדער זענען, ביז אויף ווינציקע רעשטלעך, אויסגעהאַקט געוואָרן, איז די באַדייטונג פון נייע וואַלד־פלאַנצונגען באַזונדערס גרויס. אי זיי קאָנען פאַרלייכטערן די שווערע קלימאַטישע באַדינגונגען, אי זיי זענען אַ שוצוואַל קעגן דער אויסברייטערונג פון זאַמד־דיונעס, וואָס ווערן אָנגעטראָגן דורך דעם ים. די לאַנדשאַפט אין א״י, וואָס איז אַזוי גרוי און אָרעם אין גרינסן, ווערט דורך דעם באַרייכערט און פאַרשענערט. ס׳איז גענוג אָנצווייזן ווי די וואַלד־פלאַנצונגען פון יידישן נאַציאָנאַל־פאָנד ביי גניגר אויפן וועג חיפה־נצרת האָבן געביטן דעם אויסזען פון דער גאַנצער סביבה. דאָס זעט מען אויך אומעטום, וווּ דער נאַציאָנאַל־פאָנד האָט אונטערגענומען די דאָזיקע אַרבעט. די באַוואַלדערונגס־אַרבעט מצד דעם נאַציאָנאַל־פאָנד פירט זיך כמעט פון סאַמע אָנהויב פון זיין טעטיקייט. ביז אַהער זענען פאַרפלאַנצט געוואָרן איבער 2 מיליאָן ביימער אויף אַ שטח פון קרוב 11.000 דונאַם, דאָס באַטרעפט 18,9% פון דעם גאַנצן וואַלד־שטח אין לאַנד — 58.000 דונאַם, פון וועלכע דער רעגירונג געהערט 20.000 דונאַם — 34,5%. די אַרבעט ביי דער באַוואַלדונג האָט אַ גענוג גרויסן באַטייט פאַר יענע יונגע לאַנדווירטשאַפטלעכע פונקטן, וועלכע באַזעצן זיך אין דער נאָענט און שעפּן פון איר אַ טייל פון דער הכנסה.

די אייגנטלעכע גרויסע באַדייטונג פון נאַציאָנאַל־פאָנד־באָדן ווערט ערשט רעכט קלאָר, ווען מען באַטראַכט די פאַרנוצונג פון דעם באָדן פונעם נאַציאָנאַל־פאָנד. דערפון איז דאָך אָפּהענגיק דער פאַרנעם און די גרויס פון דער אויפגעטאָענער אַרבעט פון נאַציאָנאַל־פאָנד.

ווי שוין פריִער אָנגעוויזן זענען 93% נאַציאָנאַל־פאָנד־באָדן באַשטימט פאַר לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָלאָניזאַציע און בלויז איבער 6% פאַר שטאָ־טישע ישובים. פוןביידע אַוועקגעשטעלטע עיקר־צילן פון נאַציאָנאַל־פאָנד: שאַפונג פון אומזיסטן באָדן פאַר אַ פאָלקס־קאָלאָניזאַציע אין דאָרף און פאַר הייזערבוי אין שטאָט, האָט די ווירקלעכקייט צעשטערט די האָ־פנונג, אַז אין די באַדינגונגען פון קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט וועט זיך איינגעבן מיט דער הילף פון געזעלשאַפטלעכן קאַפּיטאַל גובר צו זיין די באָדן־ספּעקולאַציע. אַוודאי איז עס געווען גרינגער דורכצופירן ביים אָנהויב פון דער קאָלאָניזאַציע, אָבער ביים שנעלן וווּקס פון ישוב נאָך דער מלחמה, ביי די באַגרענעצטע מיטלען פון נאַציאָנאַל־פאָנד און ביים מאַנגל פון אַ געהעריקער געזעצגעבונג, איז געווען איבער די כוחות פון דעם נאַציאָנאַל־פאָנד צו ווערן אַ ווירקלעכע דאַמבע קעגן דער אומגעצוימטער ספּקולאַציע פון פריוואַטן קאַפּיטאַל. עס איז געווען מער ווי אוטאָפּיש צו טראַכטן, אַז בלויז מיט אַזעלכע מיטלען וועט מען קענען לייזן די באָדן־פראַגע. בפרט אין די שטעט, און פאַרטרייבן דעם פּריוואַטן באָדן־האַנדל מיט זיינע שעד־לעכע רעזולטאַטן. די באַדייטונג פון נאַציאָנאַל־פאָנד־באָדן פאַר דער דאָר־פישער קאָלאָניזאַציע ווערט דעריבער נאָך גרעסער, ווען מען פאַרגלייכט זי מיטן עפעקט פון זיין טעטיקייט לגבי שטאָטישן און ביישטאָטישן באָדן.

וואָס פאַר אַ פּלאַץ פאַרנעמט דער נאַציאָנאַל־פאָנד אין דער קאָלאָני־זאַציע פון לאַנד? פון 245 יידישע לאַנדווירטשאַפטלעכע ישובים אין לאַנד, געפינען זיך 139, אָדער 57% אויפן באָדן פון נאַציאָנאַל־פאָנד. נאָך קלאָרער איז עס צו זען פון דעם פאָלגנדן פאַרגלייך

		יאָר	צאָל יידישע דערפער בכלל	פון זיי אויפן באָדן פון נ.־פ.	פּראָצענט
.1	סוף	1914	44	7	16%
.2	〃	1927	110	43	39%
.3	〃	1937	219	123	56%
.4	〃	1939	245	139	57%

פון נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה אָן זענען צוגעקומען 201 נייע דאָרפישע יידישע פּונקטן, פון זיי 132 אויפן באָדן פון נאַציאָנאַל־פאָנד. אַ חוץ דער אויבנדערמאָנטער צאָל דאָרפישע ישובים, געפינען זיך אויפן באָדן

פון נ. פ. העכער 50 אַרבעטער־לאַגערן אין די יידישע קאָלאָניעס, 10 דאָר־פישע אַרבעטער־שכונות, 8 פערמעס און לאַנדווירטשאַפטלעכע שולן, 2 לאַנדווירטשאַפטלעכע עקספּערימענטאַל־סטאַנציעס. אין שטאָט און ביישטאָ־טישע געגנטן געפינען זיך 16 פאַרשטעט און קוואַרטאַלן אויפן באָדן פון נ. פ., אויסערדעם נאָך ביי 45 אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען (אין ספּע־ציעלן ראַיאָן פון עמק־זבולון ביי חיפה). דער ישוב אויפן באָדן פון נ. פ. ציילט שוין איצט 56.000 נפשות אין שטאָט. פון דער צאָל 11.000 לאַנד־ווירטשאַפטלעכע משפחות אין דעם יידישן ישוב געפינען זיך 7.000 אויפן באָדן פון נ. פ., ד. ה. 60%. אין די דריי לעצטע יאָר פון די בלוטיקע געשעענישן אין ארץ־ישראל, זענען געגרינדעט געוואָרן 48 נייע לאַנד־ווירטשאַפטלעכע פונקטן, פון זיי — 36 אויפן באָדן פון נ. פ.

דעם אַנטייל פון נ.־פ.־באָדן אין דער יידישער לאַנדווירטשאַפט ווייזן אויך די ציפערן פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער פּראָדוקציע פון די ישובים אויפן נ.־פ.־באָדן. אין פאַרגלייך מיט דער אַלגעמיינער לאַנדווירט־שאַפטלעכער פּראָדוקציע פון דעם יידישן ישוב

1. מאַראַנצן	12%
2. פּרוכט ־ בוימער	23%
3. תבואות	52%
4. פאַשע	66%
5. גרינסן	62%
6. מילך ־ ווירטשאַפט	60%
7. אייער	63%
8. עופות	51%
9. ראַסאָווע בהמות	61%

פון די ציפערן זעט מען, אַז אין אַלע יענע צווייגן, וואָס באַשטימען דעם כאַראַקטער פון דער יידישער לאַנדווירטשאַפט אין ארץ־ישראל, אַ חוץ דעם צווייג פון אָראַנזשן און אַנדערע פּלאַנטאַציעס, וואָס געפינען זיך דער עיקר אין פּריוואַט־קאַפּיטאַליסטישע הענט, פאַרנעמט דעם אויבנאָן די לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקציע אויפן באָדן פונעם נאַציאָנאַל־פאָנד. די וויכטיקייט פון דעם דאָזיקן פאַקט ווערט נאָך בולטער, ווען מען נעמט אין באַטראַכט, אַז די דעצידירנדע שטעלונג פון דער לאַנדווירטשאַפט אויפן נ.־פ.־באָדן געפינט זיך דווקא אין צווייגן, וואָס זענען באַשטימט פאַרן

אינערלעכן מאַרק פון דעם ישוב, און נישט ווי מאַראַנצן און וויין, וועלכע ווערן פּראָדוצירט פאַרן עקספּאָרט קיין אויסלאַנד.

דער פּרינציפּ פון זעלבסטאַרבעט אויפן באָדן פון נאַציאָנאַל־פאָנד, האָט אויך גורם געווען דערצו, אַז יעדע משפחה, וואָס פאַרנעמט זיך מיט לאַנדאַרבעט אויף די שטחים פון נאַציאָנאַל־פאָנד, באַקומט אַזאַ חלק, וואָס זי קען אַליין באַארבעטן. דער שטח ענדערט זיך לויט דער וואַסער־רייכקייט און קוואַליטעט פון דעם באָדן, עס ווערן צוגעטיילט שטחים פון 150 דונאַם פאַר תבואה־ווירטשאַפט, אָבער וואָס מער דער באָדן פאַרמאָגט וואַסער און דערמעגלעכט אַן אינטענסיווע ווירטשאַפט, אַלץ קלענער ווערט דער שטח, ביז ער דערגייט אין די געגנטן פון ים־ברעג ביז 15—17 דונאַם אויף אַ משפחה. יעדע אינטענסיווירונג פון באָדן פירט צו דער פאַרקלענערונג פון דעם שטח, וואָס ווערט באַשטימט פאַר דער לאַנדווירטשאַפטלעכער משפחה. דאָס האָט דערמעגלעכט, אַז אַנשטאָט 36 נפשות וואָס זענען געזעסן אויף 1000 דונאַם נאַציאָנאַל־פאָנד־באָדן אין יאָר 1917, און 41 נפשות אין יאָר 1927, זענען שוין אין יאָר 1936 געזעסן אויף 1000 דונאַם 90 נפשות. די פאַרבעסערונג פונעם באָדן און די איינפירונג פון נייע ווירטשאַפטס־פאָרמען דורך באַוואַסערונג און בייטן פון לאַנדווירטשאַפטלעכע קולטורן, פירט צו דער פאַרגרעסערונג פון דער באַפעלקערונג אויף דעם זעלבן שטח באָדן.

די גרעסטע באַדייטונג האָט אָבער דער נאַציאָנאַל־פאָנד־באָדן פאַר דער אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע אין לאַנד. די גרינדער פון דעם נאַציאָנאַל־פאָנד האָבן זיך אַוודאי נישט פאַרגעשטעלט, אַז דער באָדן, וואָס ווערט איינגעקויפט צום נוצן פאַרן גאַנצן פאָלק, אָן אונטערשייד פון קלאַס און גרופּע, זאָל ווערן דער יסוד, דער עיקר פאַר אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע. די קיבוצישע באַוועגונג און די אַרבעטער־זידלונגען (מושבי עובדים) זענען כמעט אַלע, מיט קליינע אויסנאַמען, געשאַפן געוואָרן אויפן באָדן פון נאַציאָנאַל־פאָנד און מיט דער הילף פון נאַציאָנאַלן קאַפּיטאַל. דער פּרינציפּ פון זעלבסטאַרבעט אויפן באָדן פון נאַציאָנאַל־פאָנד האָט געבראַכט צו דעם, אַז דער דאָזיקער באָדן האָט געקענט אויסגענוצט ווערן הויפּטזעכלעך דורך אַרבעטער־קאָלאָניסטן. פון 120 לאַנדווירטשאַפטלעכע פּונקטן אין יאָר 1937 אויפן באָדן פון נאַציאָנאַל־פאָנד זענען גאַנצע 102 אַרבעטער־ ווירטשאַפטן (58 קיבוצים און קבוצות און 44 מושבי עובדים). נאָר 18 פּונקטן זענען באַזעצט דורך דעם מיטלשטאַנד. לויט די ציפערן פון 1937, האָבן די דאָזיקע פּונקטן פון אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע געציילט איבער 15.000 אַרבעטער, אָדער 24.000 נפשות, אויב מען זאָל צורעכענען צו דער דאָזיקער צאָל

אויך די איינוווינערשאַפט פון די אַרבעטער־קוואַרטאַלן ביי די פּריוואַטע קאָלאָניעס, ווען מיר באַקומען דאָס אמתע בילד וועגן דעם אַנטייל פון דער אַרבעטערשאַפט אין דער אויסנוצונג פון די באָדנס פון נאַציאָנאַל־פאָנד, אין אַלע אירע פאָרמען.

דער דאָזיקער אַ ר ב ע ט ע ר ־ כ אַ ר אַ ק ט ע ר פ ו ן ד ע ר ל אַ נ ד ־ ו ו י ר ט ש אַ פ ט אויפן באָדן פון נאַציאָנאַל־פאָנד רופט, פאַרשטייט זיך, אַרויס אומצופרידנקייט אין בירגערלעכע קרייזן. עס איז אויך פאַרשטענדלעך דער פאַרדרוס, וואָס די יעניקע, וועלכע רעדן אַזוי הויך וועגן אַלגעמיין־נאַציאָנאַלן כאַראַקטער פון נאַציאָנאַל־פאָנד, מוזן אין דערווירקלעכקייט באַזעצן די באָדנס פון נאַציאָנאַל־פאָנד מיט אַרבעטער־עלעמענטן. דער מיטלשטאַנד גייט ווייניק אויפן לאַנד, און הגם דער באָדן פון נאַציאָנאַל־פאָנד שטייט פאַר זיי פריי גישט ווינציקער, ווי פאַר די אַרבעטער, איז עס דאָך אַ פאַקט, אַז נאָר אַרבעטער, אָרגאַניזירטע אין קבוצות אָדער מושבים, קענען דורכפירן די גרונט־פּרינציפּן פון נאַציאָנאַל־פאָנד. דער בעסטער באַווייז דערצו זענען די נייע 54 פּונקטן, געשאַפענע פאַר די לעצטע יאָרן אין די ווייטסטע געגנטן פון לאַנד. דער פּיאָנער־כאַראַקטער פון דער דאָזי־קער קאָלאָניזאַציע האָט פון זיך אַליין אויסגעשלאָסן, אַז אַנדערע עלעמענטן חוץ אַרבעטער זאָלן זיין ביכולת צו גיין אויפן שווערן וועג פון פאַרלייגן נייע פּונקטן אין אַזאַ בית־שאן, אין גליל העליון און אין נגב. די חלוצישע טאַט האָט פאַרלאַנגט אמתע חלוצים פון דעם נייעם לעבן אין ארץ־ישראל.

דער כוח פון טאַט און קרבנות־גרייטקייט פון דער אַרבעטערשאַפט האָט אין לעבן אַנגעפילט גאָר מיט אַן אַנדער אינהאַלט אַלע, לכתחילה אויפ־געשטעלטע, טעאָריעס און פּלענער וועגן אַלגעמיינעם פאָלקספאָנד. יידישע אַרבעטער, וואָס לעבן פון אייגענער פאַרצע, זענען געוואָרן פאַקטיש די טרעגער און פאַרווירקלעכער פון דעם נאַציאָנאַל־פאָנד־געדאַנק, וואָס איז מיט פיר צענדליק יאָר צוריק אויפגעקומען אין גייסט פון נאַציאָנאַלער אחדות, און אַרויפגעדריקט אויף אים זייער אייגענעם סאָציאַלן שטעמפּל.

די ארץ־ישראלדיקע ווירקלעכקייט און די פּראַקטיק פון נאַציאָנאַל־פאָנד האָט צוגעגעבן דער דאָזיקער אינסטיטוציע דעם פאָלקסטימלעכן כאַראַקטער לגבי דער ז אַ מ ל ו נ ג פ ו ן מ י ט ל ע ן אין דער גאָרער וועלט. אין אונטערשייד פון אַנדערע נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס, קומען די הכנסות פונעם נאַציאָנאַל־פאָנד מייסטנס פון קליינע באַשטייערונגען פון די ברייט־סטע שיכטן פון פאָלק. דורך פּרוטות, געזאַמלטע פון טויזנטער זאַמלער אין אַלע יידישע ישובים אין דער וועלט, דורך דער טראַדיציאָנעלער

נאַציאָנאַל־פאָנד־פושקע, דורך בלימלטעג, באַזאַרן, מאַרקעס — ווערט געשאַפן דער גרויסער סכום פון אַן ערך אַ האַלבן מיליאָן פונט אַ יאָר. עס האָבן זיך אין דער לעצטער צייט אויך אַנטוויקלט נייע פאָרמען פון גרעסערע באַשטייערונגען. דאָס זענען סומעס, פאַרשריבענע פאַרן נאַציאָנאַל־פאָנד לויט צוואות און דעפּאָזיטן פון לעבעדיקע, נאָך וועמענס טויט דער קאַפּיטאַל גייט אַריבער אין רשות פון נאַציאָנאַל־פאָנד. עס פאַרגרעסערן זיך אויך די הכנסות פון די פּאַכט־געלטער פון דעם נאַציאָנאַל־פאָנד־באָדן, באַזונדערס פון די שטאָטישע שטחים.

דער גאַנצער מהות פון נאַציאָנאַל־פאָנד, זיין גרויסע באַדייטונג פאַר דער אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל באַשטימען צוגלייך די באַציאונג פון יידישן אַרבעטער און יוגנט צו זיין אַרבעט, ווי זייערס אַן אייגענע זאַך. דער ס אָ צ י אַ ל ע ר ו ו ע ר ט און א י נ ה אַ ל ט פון דער דאָזיקער נאַציאָנאַלער אינסטיטוציע זענען משפיע, אַז יידישע אַרבעטער און יוגנט אומעטום, אין אַלע לענדער מיט יידישע ישובים, זאָלן דורך זייער זעלבסשטענדיקער פּראָלעטאַרישער פּראָפּאַגאַנדע, העלפן פאַרשטאַרקן און אויסבויען די אַרבעט פאַרן נאַציאָנאַל־פאָנד, וואָרום דערמיט העלפן זיי זייערע קלאַסן־ברידער — די אַרבעטער־חלוצים אין ארץ־ישראל אין זייער קאַמף פאַר דער רעאַליזירונג פון יידישן אַרבעטער־צענטער אין ארץ־ישראל.

קאַפּיטל זיבן

דער יידישער אַרבעטער און דער נאַציאָנאַל־פאָנד

די באָדן־פראַגע אין ארץ־ישראל איז פון אָנהויב אָן געווען דאָס אַנטשיידנסטע פּראָבלעם פון דעם יידישן קאָלאָניזאַציע־פּראָצעס אין לאַנד. די געשיכטע פון אַלע ביזהעריקע קאָלאָניזאַציעס אין דער וועלט ווייס נישט פון אַזאַ אייגנאַרטיקן פאַל, אַז אין משך פון עטלעכע צענדליק יאָר זאָל זיך איינגעבן דער אויפבוי און איינוואָרצלונג פון אַ צענטער פאַר אייראָפּעישער איינוואַנדערונג ביי אַזעלכע באַדינגונגען, ווי אין ארץ־ישראל. קיין איינציקער פון די פאַקטאָרן, וואָס זענען געשטאַנען אין רשות פון אַלע ביזאיצטיקע קאָלאָניזאַציעס אין דער וועלט, איז נישט געווען בנמצא אין דעם לאַנד פון יידישער טעריטאָריאַליזירונג. נישט קיין פרייער, אומבאַזעצטער באָדן בשפע, נישט קיין אונטערדריקונג און עקספּראָפּריאירונג פון דער איינגעבוירענער באַפעלקערונג. נישט קיין אונטערשטיצונג פון דער רעגי־

רונג, נאָר, פאַרקערט, באַגרענעצונגען און שטערונגען פון אַלע זייטן! ממילא האָט דער גאַנצער קאָלאָניזאַציע־פּראָצעס באַקומען אַ גאַנץ אַנדער ריכטונג. אָן באָדן פאַר לאַנדווירטשאַפט און באַזעצונג וואָלט די איינוואַנדערונג פון אייראָפּעישע יידן בלויז באַטייט די פאַרשטאַרקונג פון קאַפּיטאַליזאַציע אין א״י און שכנותדיקע אַראַבישע לענדער. אויך פאַר אַזאַ איינוואַנדערונג איז דאָ פאַראַן אַ באַדייטנד אָרט און בפרט אין די לענדער פון נאָענטן מזרח. אין אַזאַ מין פּראָצעס וואָלט אָבער די יידישע איינוואַנדערונג אויסגעפירט די זעלבע שליחות, ווי מיט הונדערטער יאָרן צוריק אין אַ דורכאויס אַנדערער תקופה, בעתן גירוש פון יידן פון דייטשלאַנד און זייער איבערוואַנדערונג קיין פוילן, ליטע און רייסן. אין דער דאָזיקער איבערוואַנדערונג האָבן די יידן אַריינגעבראַכט פאָרמען פון האַנדל, קרעדיט און טיילווייז מלאכות, וועלכע זענען ביז דאַן געווען אומבאַקאַנט אין יענע לענדער, און האָבן צו יענער צייט באַטייט אַ שריט פאָרויס אין דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פון מזרח־אייראָפּע. די דאָזיקע דערגענצונג פון אַן עקזיסטירנדיקער עקאָנאָמישער סטרוקטור פון אַ לאַנד מיט נייע צוגאָב־שטאַפּלען האָט געשאַפן דעם אייגנאַרטיקן מצב פון דער יידישער באַפעלקערונג, צו ווערן די אויספירער פון גאַנץ באַשטימטע און באַגרעצטע עקאָנאָמישע פונקציעס. יעדעס מאָל, ווען די סאָציאַלע און עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג פון די איינוואַנדערונגס־לענדער פלעגט אַרויסברענגען נייע שיכטן און קלאַסן פון דער אָרטיקער נישט־יידישער באַפעלקערונג, פעיקע צו פאַרבייטן דעם יידישן עלעמענט, פלעגט זיך אָנהייבן די אַרויסשטויסונג פון דער יידישער באַפעלקערונג מיט די פאַרשידנסטע מאָטיווירונגען: רעליגיעזע, נאַציאָנאַלע, עקאָנאָמישע.

מיר שטייען היינט אין סאַמע מיטן פון אַזאַ גרויזאַמער אַרויסשטויסונג און פאַרניכטונג אין האַרצן פון אייראָפּע. די גרויסער וואַנדער־באַוועגונג אין די לענדער מעבר לים האָבן געראַטעוועט מיליאָנען יידישע עקזיסטענצן, לאָזנדיק אָבער אָפן די געפאַרן אין די נייע איינוואַנדערונגס־לענדער.

דער ציוניזם, וואָס איז אַלס געזעלשאַפטלעכע באַוועגונג אַ רעזולטאַט פון די דאָזיקע דערשיינונגען פון יידישן מאַסן־לעבן איז דעריבער אויסן, נישט נאָר ראַטעווען די איינצלנע, די יחידים פון פאָלק, נאָר אויפן שפּיץ פון זיינע שטרעבונגען האָט ער אַוועקגעשטעלט די פראַגן וועגן דער פולסטער איבעראַנדערשונג פון יידישן לעבן, דורך שאַפן אַ טעריטאָריאַל קאָנצענטרירטן ישוב אין ארץ־ישראל אויף נאָרמאַליזירטע עקאָנאָמישע יסודות. אַזוי איז דער ציוניזם, אַלס פאָלקס־באַוועגונג, פאַרבונדן נישט מיט

בלויזער רעטונגס־ און הילפס־אַרבעט פאַר געדרודפטע און אַרויסגעשטויסענע יידישע מאַסן, נאָר דער עיקר מיט אַ פּלאַנמעסיקער שאַפונג פון אַ טעריטאָריאַלן צענטער. אַ פאָלק, וואָס האָט דורות־לאַנג געלעבט צווישן אַנדערע פעלקער אויף אומנאָרמאַלע יסודות, מוז באַקומען אַ באַזע אונטער זיך. דעריבער איז די לאַנדווירטשאַפט געוואָרן אַן עיקר־פאַקטאָר אין דעם עקאָנאָמישן איבערבוי, און דורך פאַרוואָרצלונג אין באָדן און אויסשפּרייטונג איבערן לאַנד איז זי אויך געוואָרן דער סימבאָל פונעם גאַנצן טעריטאָריאַליזירונגס־פּראָצעס אין ארץ־ישראל.

אויף צוויי וועגן איז מעגלעך געווען דאָס אַריינדרינגען פון דער יידישער אימיגראַציע קיין ארץ־ישראל. איינער אַ גרינגער, שוין לאַנג באַקאַנטער: דער וועג פון פּריוואַטע קאַפּיטאַל־אינוועסטיציעס אין אינדוסטריע און פּרדסים. אויף דעם וועג איז שוין געגאַנגען די ערשטע יידישע קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל. ער איז געוואָרן דער אידעאַל פון אַלע יענע, וואָס זעען דעם אידעאַל אין מיטלשטאַנד און פּריוואַטער איניציאַטיוו. אויף דעם וועג קאָן די ציוניסטישע באַוועגונג גאָר גרינג פאַרוואַנדלט ווערן אין אַן אַסעקוראַציע־געזעלשאַפט פאַרן יידישן קאַפּיטאַל און בירגערטום. אין תוך איז דאָס אויך די ליקווידאַציע פונעם ציוניזם.

דער צווייטער וועג איז דער שווערער. ער איז אויסן איינצוואָרצלען אין לאַנד גרויסע מאַסן, וואָס קומען אָן מיטלען און זענען פעיק צולייגן צום אויפבוי פונעם לאַנד בלויז זייער אַרבעטס־קראַפט און גרויסן אידעאַליזם. דאָס איז דער וועג פון פּראָלעטאַרישן ציוניזם, פון חלוצישער זעלבסטפאַרווירקלערונג און קרבנות־גרייטקייט ביים אויפשטעלן אַ צענטער. געבויט אויף נייע יסודות. פאַר די דאָזיקע מאַסן איינוואַנדערער באַטייט קאָלאָניזאַציע נישט רווחים, נאָר דאָס אויסבילדן אַן אַרבעטס־פאָלק, פאַרוואָרצלט אין דער לאַנדווירטשאַפט און אין דער פאַבריק.

דער נאַציאָנאַל־פאָנד שטייט אָביעקטיוו אין דינסט פון די אַלע, וואָס גייען מיטן צווייטן וועג. זיין עיקר־אַרבעט ביים אויפקויפן באָדן אין רשות פונעם פאָלק און אַלס אייגנטום פונעם פאָלק און איבערגעבן אים אין די הענט פון די, וואָס אַרבעטן אַליין, איז געוואָרן אַ פאַקטאָר, אָן וועלכן די אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע אין לאַנד וואָלט געווען ביי די געגעבענע באַדינגונגען אַן אוממעגלעכקייט. די אומדענקבאַר שווערע אַרבעט פון איינקויפן און אויסנוצן פרייען פאַרוואָרלאָזטן באָדן, פון טריקענען זומפּן, פון באַוואַסערונג און באַוואַלדונג, פון איינפירן אינטענסיווע פאָרמען אין דער לאַנדווירטשאַפט, וואָס דערמעגלעכן אַן אַלץ גרעסערע אויפנעם־פעיקייט

פאַר נייע עולים־קאָלאָניסטן, די גרינדונג פון אַרבעטער־קוואַרטאַלן אין די פּריוואַטע קאָלאָניעס און אינדוסטריע־ראַיאָנען, די הילף פאַר געזעלשאַפט־לעכע נוצלעכע בנינים אין די שטעט, דורך צושטעלן זיי אומזיסטן באָדן — די דאָזיקע גרויסע אַרבעט וואָלט געווען אוממעגלעך אָן דער עקזיסטענץ פונעם נאַציאָנאַל־פאָנד. ער וואָלט אָבער אויך, פון דער אַנדערער זייט, אוממעגלעך געווען אָן דעם יידישן אַרבעטס־מענטש, אָן דער חלוצישער יוגנט, וועלכע זענען און בלייבן די אויספירער פון די דאָזיקע אַרבעטן און בילדן סאָציאַל און פּסיכאָלאָגיש דעם נאַטירלעכן עלעמענט פאַר קאָלאָ־ניזאַציע אויפן נאַציאָנאַלן באָדן. נישט באַשטימונגען פון אויבן, נאָר דאָס לעבן אַליין האָט צוגעבראַכט צום פּיאָנערישן באָדן דעם אַרבעטער־פּיאָנער.

דער נאַציאָנאַל־פאָנד שטעלט מיט זיך פאָר אַ פאָלקס־אינס־טיטוציע אין פולן זין פונעם וואָרט, ווען מען נעמט אין אַכט, אַז בוכשטעבלעך אַלע קרייזן און שיכטן פון פאָלק גיבן זייער באַשטייערונג לטובת דעם נאַציאָנאַל־פאָנד. אוודאי שטעלט זיך דאָ די פראַגע, פאַרוואָס גיט די יידישע בורזשואַזיע געלט פאַרן נאַציאָנאַל־פאָנד, בעת זי קען עס נישט אויסנוצן פאַר זיך אַליין? — אין דעם געזעלשאַפטלעכן קאַמף האָט יעדער קלאַס זיין סאָציאַלן חשבון. און ווייל דער נאַציאָנאַל־פאָנד איז טאַקע דער פּיאָנער פון אַריינדרינגען אין ווייטע אומבאַזעצטע טיילן פונעם לאַנד, וווּ דער פּריוואַט־קאַפּיטאַל האָט נאָך נישט דערוויל קיין מעגלעכקייט פון באַלדיקן פּראָפיט, האָט די אַרבעט אַ גרויסן ווערט אויך פאַרן יידישן ביר־גערטום. עס שאַפן זיך פאַרלייכטערנדע באַדינגונגען פאַר אַ שפּעטערדיקער בירגערלעכער קאָלאָניזאַציע, עס שאַפן זיך באַדינגונגען אויסצובילדן פרישע ישובים מיט האַנדל און פאַבריקאַציע אויפן גרונט פון אַ ניי־אַנטשטאַנענעם לאַנדווירטשאַפטלעכן הינטערלאַנד. דערוויל טוט אָפּ דער נאַציאָנאַל־פאָנד אַ גרויסע אַרבעט פון מלוכהשן כאַראַקטער. נאָך אים וועט זיכער קומען דער פּריוואַטער סוחר און פּלאַנטאַטאָר און דאָס אַלץ אויסנוצן פאַר זיינע אינטערעסן. דאָס איז דער קלאַסן־צוגאַנג פון דעם יידישן בירגערטום. נאַטירלעך זענען פאַראַן פאַרשטייער פון בירגערטום, וואָס העלפן דעם נאַציאָנאַל־פאָנד צוליב נאַציאָנאַלע און פילאַנטראָפּישע סענטימענטן. אָבער דער צוגאַנג פון דעם בירגערטום אַלס קלאַס ווערט דורך דעם נישט געביטן.

פון דער אַנדערער זייט איז אויך דער צוגאַנג פון גרויסע טיילן פון דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטערשאַפט און ספּעציעל פון דער חלוצישער יוגנט צו די אַנגערירטע פראַגן נישט געווען פריי פון פעלערן און אילוזיעס. די ערשטע נאָכמלחמה־יאָרן, ווי מיר האָבן עס שוין געזען, האָבן געשאַפן

אַ פּלאַץ פאַר אַן אייגנאַרטיקן אוטאַפּיסטישן צוגאַנג צו אַ גאַנצער ריי פּראָגן פון ארץ־ישׂראלדיקן אויפבוי־ווערק. די נייע צייט נאָך דער מלחמה און רעוואָלוציע האָט צוגעזאָגט דעם רוב יידישע אַרבעטער נישט נאָר נאַציאָנאַלע אויסלייזונג, נאָר אויך באַלדיקן אויפבוי פון אַ נייער סאָציאַלער געזעלשאַפט. מען האָט געגלויבט נישט נאָר אין אַ דורכאויסיקער נאַציאָנאַליזאַציע פון באָדן דורכן נאַציאָנאַל־פאָנד, נאָר אויך אין דער מעגלעכקייט אויפצובויען אַ קאָאָפּעראַטיווע אינדוסטריע און אַפילו שטאָטישע ישובים מיט דער הילף פון נאַציאָנאַלן קאַפּיטאַל. און ארץ־ישׂראל האָט מיט אָט דער דאָזיקער אויפפאַסונג געזאָלט געבויט ווערן אַלס סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט, נישט געקוקט אויף דער אַרומיקער קאַפּיטאַליסטישער ווירקלעכקייט. דאָס איז געווען די שיטה פונעם אַזוי גערופענעם **קאָנסטרוקטיוון סאָציאַליזם**, וואָס האָט יאָרן לאַנג באַהערשט די מוחות פון דעם רוב יידישע אַרבעטער אין ארץ־ישׂראל. דער דאָזיקער גלויבן אין קאָלאָניזאַציע און אויפבוי פונעם לאַנד אויף נייע קאָאָפּעראַטיווע יסודות האָט אין זיין קאָנסעקווענץ אויסגעשלאָסן דעם קלאַסן־קאַמף און זיינע באַגלייט־דערשיינונגען. עס האָט געמיינט, פאַרמאַכן די אויגן און נישט וועלן זען דעם פאַקט, אַז אויך אין ארץ־ישׂראל קומען אַריין גלייכצייטיק צוויי אַנטאַגאָניסטישע עלעמענטן — פּריוואַטער קאַפּיטאַל און אַרבעטס־קראַפט, וואָס וועלן אין דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פונעם לאַנד מוזן קומען צום צוזאַמענשטויס. אַנשטאָט צו זען דעם יידישן קאַפּיטאַליסט מיט זיין נאַטירלעכער פּראָפיט־וכערײַ, האָט מען יאָרנלאַנג געוואָלט זיך און אַנדערע איינרעדן, אַז דער דאָזיקער פּריוואַטער קאַפּיטאַליסט וועט אין ארץ־ישׂראל נישט דערגיין צו קיין גרעסערן באַטייט אָדער פאַרלירן זיינע קלאַסן־אייגנשאַפטן. די שפּעטערדיקע גרויסע קאַמפן צווישן אַרבעט און קאַפּיטאַל אין לאַנד: דער קאַמף פאַרן אַרבעטס־פּלאַץ אין די פּרדסים, פאַרן לוין און פאַר אַרבעטער־רעכט, די אויפשטעלונג פון געלע שטרייקברעכערישע אָרגאַניזאַציעס מצד דעם בירגערטום, האָבן צעשטערט דעם דאָזיקן אוטאָפּיסטישן געדאַנקען־גאַנג.

היינט צו טאָג שטייט שוין נישט די פּראַגע פון „קאָנסטרוקטיוון סאָציאַליזם״ביים אויפבוי פון לאַנד. די ווירקלעכקייט פון ארץ־ישׂראלדיקן לעבן האָט אים באַזייטיקט גיכער, ווי די גרויסע ויכוחים וואָס האָבן זיך געפירט אין די רייען פון דער ארץ־ישׂראלדיקער יידישער אַרבעטערשאַפט.

באַפרייט פון דעם אוטאָפּיזם, טאָר אָבער די אַרבעטערשאַפט באַין אופן נישט פאַרלייקענען די גרויסע פּאָזיטיווע אויפטועז, ספּעציעל פונעם נ.־פּ.:

די פֿאַרשטאַרקונג פון אַרבעטער־פּאָזיציעס אין דער לאַנדווירטשאַפט, אַלס איינעם פון די וויכטיקסטע טיילן פון דער עקאָנאָמיק פון לאַנד. עס ווערט אויסגעבילדעט אַ דאַרפישע באַפעלקערונג, וואָס איז לכתחילה געבונדן מיטן אַרבעטער אין שטאָט. צוזאַמען בילדן זיי די שטאַרקסטע שוצוואַנט קעגן אַנגריפן פונעם בירגערטום. גישט די אַרבעטער האָבן „אָקופּירט" דעם נאַציאָנאַל־פאָנד־באָדן און אַרויסגעיאָגט עמעצן אַנדערש, נאָר דער נאַציאָנאַלער באָדן, צוגלייך מיט אַנדערע אינסטיטוציעס פון נאַציאָנאַלן כאַראַקטער, זענען אַן אָביעקט פון קאַמף, ווי אַלץ אין דער היינטיקער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג. דערפאַר איז אויך די אַנטשיידונג איבער דעם, ווער עס וועט „אָקופּירן" דעם נאַציאָנאַלן באָדן, געבונדן מיט אַלע קאַמפן, וואָס שפּילן זיך אָפּ אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. מען קען עס נישט אָפּרייסן איינס פון אַנדערן. עס קען נישט הערשן קיין האַרמאָניע אין דער פראַגע פון נאַציאָנאַלן באָדן, בעת עס גייט אַן אַ קאַמף וועגן דער אָנפירונג פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אַלס גאַנצע.

די יידישע אַרבעטערשאַפט קען דעריבער מיטן פולן רעכט באַטראַכטן דעם נאַציאָנאַלן־פאָנד אַלס אַ גאָר אַ וויכטיקן כלי־זין אין קאַמף פאַר דעם אַרט, וואָס זי דאַרף פאַרנעמען אין דעם אויפבוי פון ארץ־ישראל. זי גיט איר באַשטייערונג פאַר דער אויסלייזונג פון באָדן, זי גיט אויך די מענטשן, וואָס גרייטן צו דעם באָדן און באַזעצן זיך אויף אים.

די פּועלי־ציון־באַוועגונג איז געשטאַנען ביים סאַמע אָנפאַנג פון דער אַרבעט פונעם נ. פ. אין א״י. אין לויף פון איר ווייטער־דיקער אַנטוויקלונג האָט זי קיינמאָל גישט באַטראַכט דעם נאַציאָנאַל־פאָנד אַלס אַן אָפּגעריסענע זאַך פון דער גאַנצער ציוניסטישער באַוועגונג און אירע אינסטיטוציעס. אין די יאָרן, ווען די פּועלי־ציון־באַוועגונג האָט זיך נישט באַטייליקט אין ציוניסטישן קאָנגרעס און אָרגאַניזאַציע, האָט זי קיינמאָל נישט באַקעמפט דעם נאַציאָנאַל־פאָנד אַלס אַזעלכן. פאַרקערט, זי האָט תמיד איינגעזען די וויכטיקייט זיינע פאַר דער קאָלאָניזאַציע אין לאַנד. זי האָט אָבער באַקעמפט די סאָציאַלע אילוזיעס, וואָס מען האָט מיט אים פאַרבונדן. די באַציונג פון פּועלי־ציון צום נאַציאָנאַל־פאָנד און זיין אַרבעט איז געווען אַרויסגעדרונגען פון איר נישט־באַטייליקונג אין די אַרבעטן פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע בכלל.

דער באַשלוס פון דער 10־טער וועלט־קאָנפערענץ, אין יאָר 1937 אין תל־אביב, ווידער אַריינצוטרעטן אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, האָט ממילא באַזייטיקט די שטערונג, וואָס האָט אָפּגעהאַלטן

די לינקע פועלי־ציון־פאַרטייען אין דער וועלט צו באַטייליקן זיך אין דער אַרבעט פאַר דעם יידישן נאַציאָנאַל־פאָנד. די אחריות פאַרן גורל פון דעם לאַנד און פונעם אַרבעטער־קלאַס אינעם ציוניזם, די זיכערונג פון זיין אָרט און כוח אינעם ישוב ביי נייע געענדערטע באַדינגונגען אין לאַנד און אין דער וועלט, די טאָגטעגלעכע אינטערעסן פון גרויסע מאַסן יידישע אַרבעטער אין ארץ־ישראל און יידישע אַרבעטס־מענטשן אין דער גאַרער וועלט, די אחריות, וואָס האָט געפירט פּועלי־ציון צו דער באַנייטער באַ־טייליקונג אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע — הייסט מיט טיפסטן אינטערעס און גרעסטער ענערגיע העלפן דעם נאַציאָנאַל־פאָנד אין זיין אַרבעט, און אויפקלערן פאַר דער יידישער אַרבעטערשאַפט זיין ראָל און די אויפגאַבן, וואָס שטייען פאַר אים אין דעם היסטאָרישן וועג פון דעם יידישן אַרבעטער אין ארץ־ישראל.

אין קאַמף פאַרן יידישן סאָציאַליסטישן ארץ־ישראל איז דער יידישער נאַציאָנאַל־פאָנד אַ פּאָזיציע און אַ געווער, וואָס מוז אָפּגעהיט און אויסגעבויט ווערן לטובת דער יידישער אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע. עס איז אַ ברייט פעלד פון אַרבעט, באַזונדער פאַר דער יוגנט און איר באַוועגונג. געבונדן מיטן טאָגטעגלעכן פּאָליטישן געראַנגל פאַר דער פאַרווירקלעכונג פונעם טעריי־טאָריאַלן צענטער אין ארץ־ישראל. און צוגלייך מיט דער אַקטיווער אַרבעט פאַר דער שטאַרקונג פונעם פאָנד און זיינע מיטלען, וועט די פּועלי־ציון־באַוועגונג אומעטום שטיין אויף דער וואַך, אַז די גרונט־פּרינציפּן פונעם נאַציאָנאַל־פאָנד, די גאַראַנטיע פאַר זיין פּראָגרעסיוון און סאָציאַלן כאַראַק־טער, זאָלן אויך ווייטער דינען אַלס אָנהאַלט פאַר דער אויסברייטערונג פון דער יידישער אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל.

די ארץ־ישראל־ווירטשאַפט אין די נייע מלחמה־פּאַרהעלטענישן

די ענדערונגען, וואָס די איצטיקע מלחמה האָט שוין אַריינגעבראַכט אין דער עקאָנאָמישער סטרוקטור פון ארץ־ישראל זענען פון אַזאַ מאָס, וואָס קיינער האָט פון פריער זיך נישט געקענט פאָרשטעלן. ס'איז אפשר (אַ חוץ אַמעריקע און ריין קאָלאָניאַלע געביטן פון דער וועלט) דאָס איינציקע אָרט אין אייראָפּע און אין לענדער פון דער אייראָפּעישער פּעריפעריע, צו וועלכער עס געהערט ארץ־ישראל, ווו די ווירטשאַפט האָט נישט נאָר געמוזט צופּאַסן זיך צו נייע מלחמה־פּאַרהעלטענישן, נאָר אין אַ זייער גרויסער מאָס ענדערן די ריכטונג פון איר אַנטוויקלונג.

אין אייראָפּע איז שוין מיט יאָרן פאַר דעם אויסברוך פון דער מלחמה אָנגעגאַנגען דער פּראָצעס פון איבערפירן בהדרגהדיק די ווירטשאַפט אויף יסודות צוגעפּאַסט פאַר באַפרידיקן די באַדערפענישן פון אַ מאָדערנער מלחמה. באַזונדערס אין די פאַשיסטישע לענדער איז דער פּוסק אחרון אין עקאָנאָמישע פראַגעס שוין פון לאַנג געוואָרן דער אינטערעס פון דער קומענדיקער מלחמה־פירונג, דער עיקר אין דער פּלאַנמעסיקער אויסנוצונג פון פאַראַנענע רוישטאָפן און אַרבעט־קראַפט און אַ שטרענגער רעגולירונג פון דעם אימפּאָרט. די שטרעבונג צו שטאַרקן דעם מלחמה־פּאָטענציאַל האָט געמוזט פירן נישט בלויז איינצושטעלן אַ קאָנטראָל מצד דער רעגירונג אויפן גאַנג פון דער ווירטשאַפט, נאָר טאַקע גורם זיין צו אַ פאַקטישער פאַרשטאַטלעכונג פון די אַלע טיילן פון דער ווירטשאַפט, וואָס זענען נייטיק פאַר דער מלחמה. און וואָס קען היינט נישט צוגערעכנט ווערן צו אָט דער נויטווענדיקייט?

די ביזאַהעריקע ווייטקייט פון די אוממיטלבאַרע מלחמה־אָפּעראַציע־געביטן האָט געקענט ביי מאַנכע שאַפן די אילוזיע, אַז מ'קען אויסמיידן דאָ אין לאַנד געוויסע פּראָצעסן, וואָס זענען פאַרבונדן מיט דעם מלחמה־רעזשים פון דער ווירטשאַפט. איז טאַקע דאָס ערשטע יאָר אַריבער אָן דעם, אַז ס'זאָל אָנרירן דעם געוויינלעכן גאַנג פון עקאָנאָמישן לעבן אין אַ וועזנטלעכער מאָס. די מעגלעכקייט פון אַ פאַרבינדונג מיט דער וועלט

דורך דעם מיטללענדישן ים האָט אויפגעהאַלטן דעם פון שלום־צייטן איינ־געשטעלטן האַנדלס־באַלאַנס, דער עיקר אין זיין אימפּאָרט־טייל. דער כמעט פרייער אַריינפיר פון סחורות, הן פאַבריקאַטן און הן דערנערונגס־פּראָדוקטן פון איין זייט און די אומבאַדייטנדיקע אויסנוצונג פון דער פרייער אַרבעט־קראַפט, דער פאַראַנענער אין לאַנד — האָבן אַמבולטסטן באַוויזן, אַז די אייזערנע געזעצן פון דער מלחמה־ווירטשאַפט זענען נאָך דאָ אין לאַנד נישט אַריין אין קראַפט.

האָט טאַקע די געענדערטע סיטואַציע פאַר דעם לעצטן האַלב־יאָר געפונען דאָ אַ מצב פון אַ זעלטענער זאָרגלאָזיקייט און פאַרנאַכלעסיקונג אויף די לעבנס־וויכטיקע געביטן פון באַוואָרענען זיך מיט נויטיקע פּראָ־דוקטן און איבערשטעלן די ווירטשאַפט אויף נייע יסודות.

צוויי עיקר־געביטן פון דער עקאָנאָמיק זענען מיט אַמאָל אַרויסגעריסן געוואָרן פון אונדזער ווירקלעכקייט: די בוי־אַרבעט און די פּרדסים־ווירטשאַפט. צוויי געביטן, וואָס האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט די זיילן פון דער יידישער עקאָנאָמיק אין ארץ־ישראל. דאָס אָפּשטעלן דעם עקספּאָרט פון מאַראַנצן האָט אַריינגעבראַכט אַן אומגעהויערע איבערקערעניש אין די קאָלאָניעס, ווו העכער 15 טויזנט אַרבעטער, באַשעפטיקטע אין דער פּרדסים־ווירטשאַפט, זענען מיטאַמאָל געבליבן אָן יעטוועדער אויסזיכט אויף אַרבעט. מיט דעם צווייג זענען אָבער געווען פאַרבונדן אויך די פאַרטן, וועלכע האָבן באַשעפטיקט עטלעכע טויזנט אַרבעטער און אין אַ גרויסער מאָס דער טראַנספּאָרט־צווייג, וועלכער האָט באַדינט די פּרדסים־ווירטשאַפט.

די באַגרענעצונג פון אימפּאָרט פון בוי־מאַטעריאַלן און די אומזיכער־קייט פון דער מלחמה־צייט האָבן אויך פאַרשמעלערט ביז גאָר די פּריוואַטע בוי־טעטיקייט. דער באַשעפטיקונגס־גראַד פון די אַרבעטער ביים הייזער־בוי אין די שטעט איז געפאַלן כמעט ביז נול. ס׳איז אַ צווייג, וועלכער איז דערוויל כמעט גענצלעך אָפּגעשטאָרבן. ס׳איז גענוג אַ בליק צו געבן אין דער איצטיקער „געאָגראַפישער״ פאַרטיילונג פון די אַרבעטער אין די בוי־פאַראייניגן אין תל־אביב, ירושלים און אז. וו., כדי צו זען, ווי גרויס ס׳איז געוואָרן דער צעשפּרייטונגס־קרייז פון די אַרבעטער, וואָס האָבן זיך ביז אַהער קאָנצענטרירט אין די גרויסע שטעט ביי פּריוואַטער בוי־אַרבעט.

צוזאַמען אָבער מיט דער פאַרערגערונג פון דער לאַגע פון די באַ־שעפטיקטע אין די עיקרדיקע צווייגן פון דער ווירטשאַפט און דעם וווקס

פון דער אַרבעטסלאָזיקייט אין די שטעט און די קאָלאָניעס, האָט באַדייטנדיק געמוזט אויך פאַרערגערט ווערן די לאַגע פון די מיטלשטאַנד־עלעמענטן, הן קלענערע פּרדסנים, הן סוחרים און פאַרמיטלער אין עקספּאָרט־און אימפּאָרט־געביטן.

אַ פּאָר ציפערן קענען באַלייכטן די אויבנדערמאָנטע פאַקטן:

דער אימפּאָרט אין דער צווייטער העלפט פון 1940 האָט אויסגעמאַכט בערך 3,5 מיליאָן פונט אַנשטאָט 6,6 מיליאָן אין דער צווייטער העלפט פון 1939.

דער שטח פון בנינים אָנגעהויבענע אין תל־אביב אין די חדשים יאַנואַר — סעפּטעמבער 1940 איז געווען 36.187 קוו.־מעטער לגבי 96.286 קוו.־מעטער אין די זעלבע חדשים פון יאָר 1939. אָבער אויך די ציפערן ביים פאַרטיילן לויט חדשים באַווייזן, אַז אין די חדשים יוני—סעפּטעמבער 1940, ד. ה. באַלד נאָכן אַריינטריט פון איטאַליע אין דער מלחמה — האָט כמעט אינגאַנצן זיך אָפּגעשטעלט די בוי־אַרבעט.

פאַרשטענדלעך, אַז די שוועריקייטן אין אימפּאָרט פון סחורות און דער מאַנגל, וואָס עס פילט זיך אין אַ ריי דערנערונג־פּראָדוקטן אויפן וועלט־מאַרק, האָבן געמוזט ברענגען צו דעם שנעלן וווקס פון די פּרייזן און פון דעם יקרות אין לאַנד.

ס'איז געגנוג אָנצוווייזן, אַז בלויז פון יולי ביז דעצעמבער 1940 איז דער אינדעקס פון לעבנס־סטאַנדאַרט געשטיגן פון 116,4 ביז 130,4. צו דעם קומען אָבער צו אין אַ גאַר גרויסער מאָס די „ספּעציעלע" סיבות פון יקרות, וועלכע האָבן שוין מיט דער לאַגע אויפן וועלט־מאַרק און מיט אימפּאָרט־שוועריקייטן ווייניק צו טאָן. דאָס איז די אומגעצוימטע ספּעקולאַציע, וועלכע האָט זיך צעשפּרייט אין ישוב און וועמען ס'קען נאָך אַלץ נישט בייקומען די רעגלאַמענטאַציע מצד דער רעגירונג. דער מאַנגל אין געזעלשאַפטלעכן דרוק און סיסטעמאַטישן קאַמף קעגן דער ספּעקולאַציע האָט געבראַכט צו דעם, אַז קליינע גרופּקעס נוצן אויס די מלחמה, כדי רייך צו ווערן אויפן חשבון פון דער מאַסנוויט.

די מלחמה גופא האָט זיך דערנענטערט צו ארץ־ישראל און צוזאַמען מיט איר זענען אַנטשטאַנען נייע מעגלעכקייטן פאַר דערווירטשאַפט פון לאַנד, כדי כאָטש טיילווייז צו פאַרשטאָפּן דעם בלויז, וואָס האָט זיך געשאַפן מיטן אַרויספאַל פון דער פּרדסים־ווירטשאַפט און בוי־אַרבעט. דאָס זענען צוערשט די גרויסע עפנטלעכע אַרבעטן פון דער רעגירונג און פון דער מיליטערישער אַדמיניסטראַציע. צוליב פאַרשטענדלעכע סיבות קען נישט

אַרויסגעבראַכט ווערן דער גאַנצער פּאַרנעם פון די דאָזיקע אַרבעטן. אָבער אַ פאַקט איז, אַז אַ סך טויזנטער יידישע אַרבעטער אין שטאָט און אין די קאָלאָניעס האָבן באַקומען אַרבעט אין פאַרשידענע פונקטן פון לאַנד. אַוודאי זענען די דאָזיקע אַרבעטן גאָר אַ נויטמיטל. זיי האָבן נישט געלייזט די גאַנצע אַרבעטסלאָזיקייט פון די שטעט און מושבות און חוץ דעם האָבן זיי אַרויסגעבראַכט ביז גאָר אַ שווערע לאַגע פאַר דעם אַרבעטער גופא צוליב דער נויטיקייט צו אַרבעטן ווייט פון איינגעזעסענעם אָרט. אויך די פראַגע פון אויסהאַלטונג און פון די לוינען אין די דאָזיקע אַרבעטן האָט געבראַכט צו אַ שאַרפער פאַרביטערונג פון די אַרבעטבאַדינגונגען. דער שאַרפער ויכוח אַרום „סולל בונה" אין דער לעצטער צייט איז אַ בולטער אויסדרוק פון אָט דער פאַרביטערונג.

ס'איז אייגנטלעך פאַראַן נאָר איין סעקטאָר אין דער ווירטשאַפט, וועלכער האָט זיך, דווקא אין שייכות מיט דער מלחמה, אַנטוויקלט. דאָס איז די אינדוסטריע. אויך אויף דעם געביט האָט די מלחמה אַריינגעבראַכט גרויסע שינויים. נישט אַלע אינדוסטריע־צווייגן האָבן געקענט האָבן אַ באַדייטונג פאַר דער מלחמה־ווירטשאַפט. אָבער וואָס עס כאַראַקטעריזירט די לאַגע אין דער אינדוסטריע איז: 1) די נויטיקייט צו באַזאָרגן דעם אינערלעכן מאַרק, הגם שטאַרק באַגרענעצטן צוליב דער אָפּגעשוואַכטער קויף־קראַפט פון דער באַפעלקערונג און 2) דאָס דאַרפן אויסאַרבעטן גאַנצע אינדוסטריעלע פּראָדוקטן ווי אויך דערגענצונגס־ און רעזערוו־טיילן פאַר די באַדערפענישן פון דער מלחמה. אַזוי האָט זיך די מעטאַל־אינדוסטריע געמוזט איבערשטעלן אויף פּראָדוצירן נייע אַרטיקלען, וועלכע די צייט האָט גורם געווען. אויך טיילן פון דער טעקסטיל, לעבנסמיטל, כעמישער און פאַרמאַצעווטישע אינדוסטריעס אַרבעטן פאַר די באַדערפענישן פון דער מיליטערישער אַדמיניסטראַציע. אין משך פון 1940 האָט די אינדוסטריע גענומען פרישע אַרבעטס־קרעפטן, וואָס מאַכן אויס 10 ביז 15 פּראָצענט פון דער צאָל אינדוסטריע־אַרבעטער.

אין משך פון צווייטן האַלב־יאָר 1940 איז דער באַשעפטיקונגס־גראַד פון אינדוסטריע־אַרבעטער געשטיגן אויף אַן ערך 25 פּראָצענט. דער אינדעקס פון באַשעפטיקונגס־גראַד פון אינדוסטריע־אַרבעטער האָט אויסגעמאַכט אין יולי 97,9, בעת אין נאָוועמבער 1940 איז ער שוין געשטיגן ביז 122,1. אַוודאי זענען די מעגלעכקייטן אויך דאָ באַגרענעצט. פאַראַן שוועריקייטן פון אימפּאָרט פון רוישטאָפן און האַלב־פאַבריקאַטן צוליב די באַגרענעצטע טראַנספּאָרט־מעגלעכקייטן. אָבער אויך די קליינע מעגלעכ־

קיטן אין דער מלחמה־צייט צו ענדערן די טעכנישע אויסשטאַטונג פון די פאַבריקן שאַפן די נאַטירלעכע גרענעץ פאַר דעם וווּקס פון דער אינדוסטריע.

גראָד אין די איצטיקע שווערע טעג האָט די ווירטשאַפט אין יידישן סעקטאָר נישט די געהעריקע אָנפירונג. גראָד איצט האָבן זיך אַרויסגע־וויזן די שוואַכע צוגרייטונג פון דער יידישער אַגענץ, כדי צו קענען באַווירקן און צוהעלפן דעם גאַנג פון דעם עקאָנאָמישן לעבן. אַפילו אין דער לאַנדווירטשאַפט, וואָס האָט איצט אַזאַ גרויסע באַדייטונג, פאַר דער פאַרזאָרגונג פון לאַנד, און ווו די מעגלעכקייטן פון וווּקס זענען גרויסע, איז נישטאָ דער פאַרנעם פון דער אַרבעט. ד״ר רופּין האָט גראָד די טעג אין דער בודזשעט־קאָמיסיע פון דער אַגענץ איבערגעגעבן די טרויעריקע ציפערן פון 10 טויזנט פונט אינגאַנצן, וועלכע קענען פאַקטיש באַשטימט ווערן פאַר דער קאָנסאָלידירונג פון די עקזיסטירנדיקע לאַנדווירטשאַפט־לעכע פּונקטן. ס׳איז אַ חוזק־סומע לגבי די 1,5 מיליאָן פונט, וועלכע זענען נויטיק פאַר דעם אויפבוי פון די 104 פּונקטן, געשאַפענע פאַר די לעצטע 10 יאָר. ס׳איז נאָר אַ קליינער פּרט אין דעם אַלגעמיינעם בילד, אָבער ער מאַכט בולט די אָפּהענגיקייט און הילפלאָזיקייט, וועלכע הערשט גראָד איצט אין דער אַגענץ. יעדע מלחמה, און אַ פּשיטא די היינ־טיקע, ברענגט צו אַ פולשטענדיקער איבערקערעניש אין דער ווירטשאַפט.

ס׳איז אַ געפאַר, אַז אין די מלחמה־יאָרן זאָל געשטאַרקט ווערן גראָד דער כוח, וואָס האָט קיינמאָל נישט געוואָלט אָנערקענען דעם ציוניסטישן מאָמענט אין דער אַרבעט. די נייע זייטיקע קוועלן פון אַרבעט, ביי דער שוואַכקייט פון נאַציאָנאַלן סעקטאָר וועלן שפּעטער מיט דער צייט קאָנ־סאָלידירן אים אי ווירטשאַפטלעך אי צוזאַמען מיט אַן אַנטי־סאָציאַלער און בפירוש אַרבעטער־פייַנטלעכער איינשטעלונג, אויסהאָדעווען פאַר אַ פאַקטאָר, וואָס וועט זיך ווענדן קעגן די שטרעבונגען פון די ברייטע שיכטן אין יידישן ישוב פון לאַנד.

„נייוועלט״, 28.2.1941

ד״ר גרשון גרשוני

די יידישע אינדוסטריע היינט און איר צוקונפט

פאַר די פיר יאָר מלחמה האָט די יידישע אינדוסטריע אין לאַנד דורכגעמאַכט דעם שווערן פּראָצעס פון אַריינפּאַסן זיך אין די נייע מלחמה־באַדינגונגען. נישט מיט איין מאָל איז געקומען די דאָזיקע אַריינפּאַסונג. בעצם איז אונדזער אינדוסטריע געווען לויט איר כאַראַקטער און בוי ווינציק וואָס צוגעפּאַסט צו די גרונט פאַרשידענע פאָדערונגען פון דער מלחמה־ווירטשאַפט. חוץ אייניקע גרעסערע אונטערנעמונגען, ווי צעמענט, קאַלי און פאַרשידענע פּירות־קאָנסערוון, איז דער גרעסטער טייל פון דער אינדוסטריע געווען איינגעשטעלט אויף באַארבעטן האַלב־פאַבריקאַטן, וועלכע פלעגן אימפּאָרטירט ווערן קיין ארץ־ישראל. מיטן מאָמענט, ווען עס האָט זיך אָפּגעשלאָסן דער צופיר פון די רוי־מאַטעריאַלן, איז די אינדוסטריע אַוועקגעשטעלט געוואָרן פאַר דער זייער האַרבער שאלה פון איר ווייטער־דיקער עצם עקזיסטענץ.

צוויי זענען געווען די גרונט־פאַקטאָרן, וואָס האָבן געגעבן דעם שטויס נישט בלויז איינצוהאַלטן די אינדוסטריע, נאָר צוגלייך צו איר אַנטוויקלונג און וווקס דווקא אין די מלחמה־יאָרן: צוערשט, דער עצם פאַקט, וואָס צוליב די מלחמה־אָפּעראַציעס אין מיטללענדישן ים האָט זיך דער עקספּאָרט פון סחורות פון אינדוסטריעל אַנטוויקלטע לענדער אָפּגעשטעלט און דורך דעם באַשאַפן נייע מעגלעכקייטן פאַר דעראָבערן און אויסברייטערן דעם אינערלעכן מאַרק. דער צווייטער פאַקטאָר איז געווען די גרויסע באַשטעלונגען פון דעם מיליטער אינעם נאָענטן מזרח, הן דירעקט צו דער פירונג פון דער מלחמה, הן פאַר די באַדערפענישן פון דעם מיליטער, וואָס האַלט זיך אויף אין לאַנד גופא און אין אַנדערע שכנותדיקע לענדער אינעם נאָענטן מזרח.

וואָס מער עס זענען אָפּגעשניטן געוואָרן די וועגן, וואָס האָבן געפירט צום נאָענטן מזרח, אַלץ מער איז געוואַקסן די חשיבות פון יעדער אינ־דוסטריעלער פּאָזיציע, וואָס האָט זיך געפונען אויף דער מאַפּע פון די גערוימיקע אָבער טעכניש אָפּגעשטאַנענע לענדער צווישן מצרים און איראַן. און ארץ־ישראל, דאָס קלענסטע פון די אַרומיקע לענדער, האָט אָבער פאַרמאָגט דעם רעלאַטיוו גרעסטן אינדוסטריעלן פּאָטענציאַל. אַזוי אַרום האָט זיך עס באַקומען, אַז וואָס פאַריתומטער עס איז געוואָרן ארץ־ישראל און אָפּגעשניטענער פון דער גרויסער וועלט, אַלץ מער איז געשטיגן איר באַדייטונג פאַר דעם מיליאָניקן מיליטער, וועמען דער גורל פון דער

מלחמה האָט אַריבערגעבראַכט צו די מזרח־ברעגעס פון מיטללענדישן ים.

די עצם מלחמה־קאָניונקטור פאַר דער אינדוסטריע הייבט זיך ערשט אָן פונעם צווייטן מלחמה־יאָר, נאָכן אַריינטריט פון איטאַליע אין קריג, און דערמיט, נאָכן אָפּשטעלן זיך פון טראַנספּאָרט איבערן מיטללענדישן ים.

די אויבנדערמאָנטע פאַקטאָרן האָבן געבראַכט דערצו, אַז מען זאָל אַלץ מער אויסנוצן דעם פּראָדוציר־אַפּאַראַט פון דער אינדוסטריע. אָבער די גרויסע שוועריקייטןביים צושטעלן די רוי־מאַטעריאַלן האָבן פאַרלאַנג־זאַמט דעם דאָזיקן פּראָצעס. אין יאָר 1940־41 ד. ה. אין צווייטן מלחמה־יאָר האָט נאָך דער אינדוסטריעלער אַפּאַראַט געאַרבעט בלויז אויף 50 פּראָצענט פון זיינע מעגלעכקייטן און אין איין שיכט. אָבער אויך דאַן האָבן די מיליטערישע באַשטעלונגען אויסגעמאַכט פיר מאָל אַזויפיל ווי אין יאָר 1940. אין יאָר 1942 האָבן שוין די באַשטעלונגען פון מיליטער אויסגעמאַכט איבער דריטהאַלבן מאָל ווי אין יאָר 1941 און 10 מאָל אַזוי פיל ווי אין יאָר 1940. היי־יאָר האָבן שוין די באַשטעלונגען אויסגעמאַכט איבער 30 פּראָצענט פון דער גאַנצער אינדוסטריעלער פּראָדוקציע אין לאַנד.

אין פאַרגאַנגענעם יאָר האָבן זיך אָבער אָנגעהויבן צו באַווייזן סימנים פון אַריבערטראָגן די מיליטערישע באַשטעלונגען אין אַנדערע לענדער. דער עיקר איז עס בולט געוואָרן אין מאָמענט, בעת די פאַרבינדעטע האָבן אָפּגעשטויסן די פיינטלעכע אַרמייען פון מצרים און פאַרנומען גאַנץ ליביע. און נאָך מער,בעת דער פראָנט האָט זיך נאָך וויטער אויסגעברייטערט און נאָכן פאַרנעמען אַלזשיר, טוניס און מאַראָקאָ איז ער בכלל פאַרשוווּנדן פונעם אַפריקאַנישן קאָנטינענט.

די דאָזיקע נייע ווענדונג אין דער פּאָליטיק פון מיליטערישע באַשטע־לונגען (אויך דאָ איז פאַראַן פּאָליטיק, און נישט שטענדיק דווקא ווירט־שאַפטלעכע פּאָליטיק!) האָט אָבער נישט געקענט איבעררהאַקן די פולע אַרבעט פון דער אינדוסטריע. געביטן ווי פאַרמאַצעווטיק, כעמישע פּראָ־דוקטן, פיין־מעכאַניק, אָפּטיק און אַפילו פרוכטן־קאָנסערוון — האָבן אַ שם אין דעם מלחמה־סעקטאָר און אַזעלכע באַשטעלונגען איז אָפּטמאָל שווער צו פאַרטיילן אין לענדער, וואָס פאַרמאָגן נישט אַזאַ גרויסן קאָנטינגענט מומחים, טעכניקער און וויסנשאַפטליט, ווי דווקא ארץ־ישראל.

פאַר דעם געברויך פון דער ציווילער באַפעלקערונג אין לאַנד און טיילוויז אויך פאַרן עקספּאָרט אין די אַרומיקע לענדער בלייבן נאָך גאַנצע 70 פּראָצענט פון דער פּראָדוקציע. פון אינערלעכן מאַרק זענען פאַר־שוווּנדן ביסלעכווייז אַלץ מער און מער סחורות, וועלכע פלעגן געבראַכט

ווערן פון אויסלאַנד. עס האָבן זיך געעפנט ברייטע מעגלעכקייטן פאַר באַזאָרגן דעם אינערלעכן באַדאַרף פון פּראָדוקטן אויך דאַן אַפילו, בעת די פראַגע פון פאַרזאָרגונג מיט רוי־שטאָפן איז געווען אַן אַ פאַרגלייך שווערער ווי פאַר די מיליטערישע באַשטעלונגען.

אין סך־הכל איז די צאָל אינדוסטריע־אַרבעטער פאַרטאָפּלט געוואָרן אין פאַרגלייך מיט פאַר דער מלחמה — דער אינדוסטריע־אַפּאַראַט ווערט אויסגענוצט אויף איבער 85 פּראָצענט פון זיין פּראָדוציר־פעיקייט.

דער אַלגעמיינער ווערט פון דער אינדוסטריע־פּראָדוקציע פאַרן לעצטן יאָר ווערט גערעכנט ביז 45 מיליאָן פונט אין פאַרגלייך מיט 9 מיליאָן פונט פאַר דעם אויסברוך פון דער מלחמה. אַוודאי מוז דאָ גענומען ווערן אין אַכט די שטייגערונג פון די פרייזן, אָבער אַפילו אַראָפּרעכנענדיק דעם יקרות וועט דער ווערט נאָך אַלץ זיין אויף 100 פּראָצענט גרעסער ווי פאַר דער מלחמה.

אין דער עצם סטרוקטור פון דער יידישער אינדוסטריע זענען פאַר־געקומען גרויסע שינויים. עס זענען אַנטשטאַנען אַ סך נייע פאַבריקן און עס האָבן זיך באַדייטנדיק אויסגעברייטערט און פאַרגרעסערט די עקזיס־טירנדיקע. אין דעם מעטאַל־צווייג איז פאַרלייגט געוואָרן דער יסוד פאַר פּראָדוצירן מאַשינען, מכשירים און אַרבעט־געצייג. אַ סך פון די נייע פאַבריקן האָבן שוין באַזאָרגט זייערע מאַשינען אין לאַנד גופא. די דיאַ־מאַנטן־אינדוסטריע, אַ נייער צווייג, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט ערשט די לעצטע יאָרן און באַשעפטיקט שוין היינט ביז 4000 אַרבעטער, באַזאָרגט זיך מיט מכשירים און מאַשינען פון היגער אויסאַרבעטונג. אין לאַנד ווערן שוין אויסגעאַרבעט אויך טעקסטיל־פאַרבן, שפּין־ און וועב־מאַשינען פאַר באַוול און קינסטלעכן זייד.

די אַנטוויקלונג דווקא פון די לעצטע מלחמה־יאָרן האָט באַוויזן די גרויסע חשיבות, אַ חוץ קאַפּיטאַל, אויך פון גוטער און געשולטער אַר־בעטס־קראַפט, אינטעליגענץ און טעכנישער באַהאַוונטקייט פאַר דער אַנט־וויקלונג פון נייע אינדוסטריע־צווייגן און פאַר דער פאַרפולקומונג פון די שוין פאַראַנענע.

☆

עס דויערט נאָך אַלץ די מלחמה־קאָניונקטור מיט די גרויסע מלחמה־רווחים פאַר די אונטערנעמער, און אין דער לופט טראָגן זיך שוין דאגות

פאַר דער צוקונפט. צי וועט די קאָניונקטור דויערן אויך נאָך דער מלחמה? עס וועלן דאָך אַראָפּפאַלן די 30 פּראָצענט מיליטער־באַשטעלונגען און דער אינערלעכער מאַרק וועט פאַרפלייצט ווערן מיט ביליקע אויסלענדישע סחורות. איז קלאָר, אַז מיר וועלן לאַנג דאַרפן וואַרטן נאָך דער מלחמה, ביז מען וועט אונדז פאַרשיטן מיט ביליקע סחורות. אַ סברא, אַז עס זענען נאָך פאַראַן לענדער רואינירטע און חרובע, וועלכע וועלן זיך נויטיקן פריִער פאַר אונדז אין סחורות. דער פּחד פאַר קאָנקורענץ? אָבער אויך אויף דעם געפינט מען עצות אין דעם פּראָדוציר־פּראָצעס, אין טעכנישע פאַרבעסערונגען, אין באַנייען מאַשינען און ראַציאָנאַליזאַציע פון אַרבעט און טעכניק. בפרט האָט די אינדוסטריע ביז היינט נישט קיין חובות און אין די בענק ליגן נישט קיין קליינע סכומים פון אָפּגעלייגטן קאַפּיטאַל פון אונטערנעמער, וואָס קענען גריילעך פאַרווענדט ווערן צו פאַרפולקומען דעם פּראָדוציר־אַפּאַראַט כדי צו מאַכן די ארץ־ישראלדיקע אינדוסטריע קאָנקורענץ־פעיִק אויך אין די געענדערטע באַדינגונגען פון נאָך דער מלחמה.

אָבער די דאגות פון די אונטערנעמער גייען אין אַלטן אויסגעטראָטענעם וועג: מען ווייס דאָך שוין, פון וואַנען עס קומט די צרה — פון אַרבעטס־לוין! קלאַפּט מען שוין טרעוואָגע, כדי, אַז עס וועט קומען די צייט, זאָל מען זיין צוגעגרייט צו דער געזונטונגס־אָפּעראַציע.

עס גייט דערווייל דער וויכוח וועגן דער גרויס פון הוצאות פאַר אַרבעט און פּראָדוקציע־פּראָצעס. זיי זענען גרויס. צו גרויס — זאָגן די אונטער־נעמער און זייערע פעדער־משרתים. ווייסן אָבער די אַרבעטער, און זיי שפּירן עס גאַנץ גוט, אַט די דאָזיקע „גרויס" פון די באַדינגונגען אינעם ווילד געוואָרענעם יקרות און קענען נישט מיטפּילן דעם צער און ווייטיק פון די פאַבריקאַנטן, צוליב דעם „משונהדיק הויכן לוין" — ווי עס וויל עס פאַרצייכענען די באַלעבאַטיש ריאַקציאָנערע פּרעסע.

הייסט עס — וועלן מיר נאָך שטיין דאָ אין אַ שווערן געראַנגל, ווי דער, וועלכער איז פאָרגעקומען באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה אין אייראָפּע: ווער וועט טראָגן די לאַסטן פון דער ראַציאָנאַליזאַציע — דער אַרבעטער, פון זיין מאָגערן לוין, אָדער דער פאַבריקאַנט פון זיינע פעטע רווחים? און ווייל די ראַציאָנאַליזאַציע וועט מוזן קומען פאַר יעדן פּרייז, איז קלאָר, אַז נישט עקספּערטן וועלן באַשטימען און נישט רעגי־

רונגס־קאָמיסיע, נאָר דאָס שוואַרצע טעגלעכע ברויט פון אַרבעטער־קאַמף קעגן די אונטערנעמער, אַזוי ווי אַלע מאָל און אומעטום.

„נייוועלט״, 15.10.1943

פאַרדינסטן און פאַרדינער פונעם מלחמה־פייער

די אַלע, וואָס האָבן אין משך פון יאָרן זיך געקרימט אויפן מאַרקסיזם און — ווער מיט רוגזה און ווער מיט אַ מאַך מיט דער האַנט — האָבן אים געהאַלטן פאַר אַן אַנשיקעניש פאַר דעם זיך אויפבויענדיקן יידישן ישוב אין ארץ־ישראל, די אַלע מעגן נאָך אַמאָל (צום וויפלטן מאָל!) נאָכקאָנטראָלירן זייער שמן־זיתדיקע „טעאָריעס״ לגבי קלאַסן און קלאַסן־פאַרהעלטענישן אין דער „אַלגעמיין נאַציאָנאַלער אידיליע״, וואָס זייער פאַנטאַזיע האָט זיי נאָכאַנאַנד געמאָלט.

אַ נס נאָר, וואָס די מאָדערנע ציוויליזאַציע האָט אויסגעפונען זעלטענע מיטלען פאַר „קאַמופליאַזש״ און דער פאַרקער אין די רוישיקע גאַסן ווערט נישט אָפּגעשטעלט. ס'גייען אַרום מענטשן אַהין און אַהער, די געשעפטן זענען אָפן און אַלץ איז כאילו בסדר. אָט זענען פולגעפּאַקט רעסטאָראַנען און קאַבאַרעטן, אָט שטראָמט נאָך דער עולם מאַסנווייז אין די קינאָס און טעאַטערס. אָט זוכט מען גוטע פאַכלייט מיט ליכט און באַלמעלאָכעס און פאַך־אַרבעטער פון מלבושים, פון שיך, פון טריקאָטאַזש און לעצטנס אויך פון מעבל און אינסטאַלאַציע זענען פאַרשאַטן מיט אַרבעט. מען אַרבעט ביז שפּעט אין דער נאַכט. ווער ס'פאַרמאָגט נאָר די פּאַפּירענע פונטן באַשטעלט נישט נאָר אויף אַ סעזאָן, נאָר אויף אַ גאַנצער „פּיאַטילעטקע״ — ווי מ'וואָלט זיך געגרייט צו אַ לאַנגדויערנדיקער רייזע צו די אייזיקע פעלדער פון צפון, וווהין עקספּעדיציעס באַוואָרגן זיך מיט עסן און קליי־דונג אויף יאָרן לאַנג.

די בירגערלעכע צייטונגען גיבן איבער, אַז קיין מאָל איז נאָך נישט געווען אַזאַ געלויף אין „טאַבו״, ווי גראָד די לעצטע חדשים. אַפילו אין די יאָרן פון פּראָספּעריטי איז נישט געווען אַזאַ טעמפּאָ פון אַרבעט אין די קאַנצעלאַריעס פון „טאַבו״, ווי גראָד איצט. ספּעקולאַנטן און מלחמה־גבירים קויפן הייזער ביי „אָפּגעשטאַנענע״ באַלעבאַטים. מען צאָלט ביז

גאָר טײַערע פּרײַזן, ווײַל דאָס געלט איז אָנגעקומען לײַכט און דער פאַר־לאַנג איז גאָר גרויס — אינוועסטירן די שווערע טויזנטער פונטן אין אומ־באַוועגלעכע גיטער, אין הײַזער און מגרשים, כדי דער שטורעם פון אינ־פלאַציע זאָל זיי נישט קענען צעטרײַבן אויף אַלע ווינטן.

און אָט אַ פּאָר ווײַטערדיקע „סימנים" פון דער צײַט, וואָס מיר לעבן איבער:

אין חודש סעפּטעמבער אַליין זענען געוואַקסן די פּקדונות אין די בענק אויף קרוב אַ מיליאָן פונט. דער אַלגעמיינער סכום פון זיי איז שוין דערגאַנגען ביז איבער 19 מיליאָן, וואָס מאַכט אויס מיט 5 מיליאָן מער ווי אין סעפּטעמבער פאַראַיאָרן.

די הכנסות פון דער רעגירונג זענען פאַר די לעצטע 7 חדשים געווען מיט איבער 300 טויזנט פונט מער ווי פאַראַיאָרן אין דער זעלבער צײַט, כאָטש אין די הכנסות פון פאַראַיאָרן זענען געווען 1 מיט אַ פערטל מיליאָן פונט אַלס אונטערשטיצונג פון לאָנדאָן. הײַ־יאָר האָבן די הכנסות פון דער רעגירונג געדעקט די סובסידיע מיט אַן עודף פון איבער 300 טויזנט פונט, און דאָס גראָד אין דער צײַט, בעת דער אימפּאָרט איז געפאַלן גאָר נידעריק אין די הויפּט־הכנסות פון דער רעגירונג — דער צאָל אויף אימפּאָרטירטע סחורות — איז במילא געפאַלן.

עס איז געפאַלן די צאָל אַרבעטסלאָזע. נאָך אין מערץ 1941 איז זייער צאָל געווען 7600, אין אויגוסט איז די צאָל שוין געפאַלן ביז קרוב 4000 און אין אָקטאָבער איז די צאָל אַרבעטסלאָזע — 2500, פון וועלכע 2200 זענען אין די שטעט און בלויז 300 אין די מושבות. און אַז מען נעמט אין אַכט, אַז צווישן די שטאָטישע אַרבעטסלאָזע איז אויך פאַראַן אַ היפּשער חלק פון „כראָנישע אַרבעטסלאָזע", אומפעיִקע פּאַקטיש צו אַ סך אַרבעטן, מענטשן, וואָס זענען האַלבע אינוואַלידן — וועט דער פאַרנעם פון דער אַרבעטסלאָזיקייט זײַן באַדײַטנדיק קלענער.

טויזנטער אַרבעטער און אַרבעטעריגס זענען באַשעפטיקט אין די מחנות, בײַ אַרבעטן פאַרן מיליטער בײַ דער באַדינונג פון מיליטערישע לאַגערן, בײַם פאַרזאָרגן די לאַגערן מיט פּראָדוקטן, קליידער, וועש, פאַכן וואָס זענען שטענדיק געשטאַנען אַמנידעריקסטן אין די שטעט, ווי משק־בית, וועשערייען, שליחות או״ו, זענען כמעט אַלע באַשעפטיקט און ס׳איז היינט געוואָרן אַ שווער פּראָבלעם, ווי אַזוי צו באַקומען צוגאָב־אַרבעטס־קראַפט אין די שוין עקזיסטירנדיקע אונטערנעמונגען פון די מינים אַרבעטן.

די אינדוסטריע אַרבעט שוין באַלד אין פולן גאַנג. דער פּראָצענט

פולע אַרבעט אין די פאַבריקן האָט זיך געהויבן פון 89.5 אין אויגוסט ביז 94 סוף סעפּטעמבער. און אין פאַכן, ווי מעטאַל, אינסטאַלאַציע, טעקסטיל, נאָדל, לעדער און דערנערונג איז דער פּראָצענט פול־באַשעפ־טיקטע דערגאַנגען ביז 100 פּראָצענט.

דער אינדעקס פון דער צאָל אַרבעטער, באַשעפטיקטע אין דער אינ־דוסטריע, איז געשטיגן פון 122 אין יולי 1941 ביז 148 אין אָקטאָבער היי־יאָר. דער אינדעקס פון אַרבעטס־טאָג אין דער אינדוסטריע איז גע־שטיגן פון 126 אין יולי ביז 159 אין אָקטאָבער היי־יאָר.

די אַרבעטן אין שייכות מיט מלחמה, נישט נאָר, וואָס זיי פאַרנעמען די אַרבעטס־קראַפט פון די שטעט און קאָלאָניעס, נאָר זיי האָבן געבראַכט אויך צום פאַרלאָזן די קיבוצים פון אַ גרעסערער צאָל חברים, וועלכע גייען אַריבער אין די שטעט, אין די מחנות, אין דער אינדוסטריע, מיט דער אויסרעכענונג זיך אָנצוואַרעמען אַ ביסל ביים גרויסן פייער פון מלחמה־קאָניונקטור אין דערווירטשאַפט.

דאָס איז איין זייט פון דער מטבע — דאָס רוישיקע און שרייענדיקע, דאָס זשעדנע נאָך פאַרדינסטן, לייכטע און גרויסע, דער גרויסער סעזאָן פון „גאָלדענע טעג״ פאַר כל־המינים ספּעקולאַנטן, פאַרמיטלערס, צושטע־לערס, פאַר אויפגעקומענע „מענטשן פון טאַט״ און פאַר איינגעפונדעוועטע אונטערנעמערס, פאַבריקאַנטן און סוחרים. זיי אַלע פאַרמאָגן עס דאָס פּיל־בּאַרסטע אויער צו דעם אַלעם, וואָס קומט פאָר אין דער וועלט און דער ערשטער אויפרייס פון יאַפּאַנישע באָמבעס אין די האַוואַי־אינזלען דער־גייט צו ערשט צו זיי — און פאַרריגלט נאָך שטאַרקער די שפּייכלערס און מאַכט פאַרשווינדן גרינוואַרג און אייער און ציט אַריין אין די גע־שעפטן מאַסן נייע קויפערס, וואָס צאָלן יעדן פּרייז פאַר אַלץ, וואָס קומט אין דער האַנט אַריין.

דאָס אַלץ — די דינע שיכט, פון מלחמה־געווינערס, וואָס טאַנצט היינט דעם שדים־טאַנץ איבער דער גרויסער הונדערטער טויזנטער קע־פּיקער מאַסע פון די, וואָס געפינען זיך אונטערן ראָד.

די צווייטע זייט פון דער מטבע ווייזט אונדז גאָר אַנדערע בילדער. ווו האָבן זיך אַהינגעטאָן די „שיינע מידות״ פון די „נאַציאָנאַלע״ יידן, וואָס שלום און פאַרשטענדעניש פאַר זיי איז געווען דער ערשטער געבאָט פון די אַלע פּריידיקער פון אונדזער „היימישן סאָציאַליזם״, וואָס זעען נישט קיין קלאַסן און קיין קלאַסן־אינטערעסן און וואָס גלויבן, אַז קלאַסן־קאַמף איז די גרעסטע פּורעניות, וועלכע קען נאָר טרעפן דעם ישוב?

ס׳שטייגט דער יקרות אומאויפהערלעך. דער „קאַזיאַנער״ אינדעקס איז שוין דערגאַנגען אין נאָוועמבער ביז 156,2, אָבער דער אינדעקס פון לעבנס־מיטלען איז אין נאָוועמבער שוין געשטיגן ביז 172,3. אַ פאַ־מיליע, וועלכע האָט באַדאַרפט האָבן אויף איר קיום אין אויגוסט 1939 10,5 פונט אַ חודש, דאַרף היינט, לויט די מומחים פון דער סוכנות קענען אויסקומען מיט 16,6 פונט אַ חודש; ד. ה. אַ העכערונג פון גאַנצע 60 פּראָצענט לויט דעם אָפיציעלן אינדעקס. אָבער ווו איז היינט פאַראַן איין אונטערנעמונג, וואָס צאָלט די אַרבעטער 60 פּראָצענט הוספה צום לוין? די פּאַקטישע הוספה ביז איצט וואַקלט זיך צווישן 25 און 30 פּראָצענט און די העכערונג, וואָס ווערט געפלאַנט פאַר דעצעמבער איז ביז 35—40 פּראָצענט צום גרונט־לוין; דאָס באַדייט, אַז אין בעסטן פאַל פון באַקומען די הוספה, בלייבט די אַרבעטער־משפחה הינטערשטעליק מיטן אויסקום לגבי דעם אַלץ שטייגנדיקן יקרות.

ס׳אַמפּערן זיך איצט צוויי קאָמיסיעס פון מומחים: איינע — פון תל־אביב, די אַנדערע — פון ירושלים, וויפל ברויכט אַ מענטש קאַלאָריעס אַ טאָג, כדי צו דערהאַלטן זיין קיום — 2600 אָדער 2800? קומט דער קאָמיסאַר פאַר פאַרזאָרגונג, קאָלאָנעל העראָן, און זאָגט, אַז די איינוווינער פון ארץ־ישראל וועלן זיין גליקלעך, אויב זיי וועלן באַקומען אין קומענ־דיקן יאָר נישט 3000 קאַלאָריעס (דער מינימום פאַר אַ מענטש!), נאָר 2400 פאַר אַ דערוואַקסענעם און 2200 פאַר אַ קינד.

ווייל זעלטן ווער עס פאַראינטערעסירט זיך צו וויסן, אַז 50 פּראָצענט פון עלטערן, וואָס פאַרדינען ביז 8 פונט אַ חודש, זענען שוין אונטער־דערנערט, און אַז די תל־אביבער עיריה טיילט אויס ביליקע שפּייז־פּראָ־דוקטן צוויי מאָל אין חודש פאַר 1800 משפּחות, וואָס מאַכן־אויס 7000 נפשות, וואָס בלויז 35 פּראָצענט פון זיי זענען אַלטע לייט און אינוואַלידן; די איבעריקע געהערן צו „אַרבעטנדיקע״, וועלכע פאַרדינען ביז 5 פונט אַ חודש פאַר אַ משפּחה. אָבער צו די דאָזיקע דאַרפן פאַררעכנט ווערן אין דעם זעלבן תל־אביב 14.000 נפשות, וואָס באַקומען פאַרביליקטע שפּייז־פּראָדוקטן פון „משען״, אַ חוץ עטלעכע טויזנטער פון אַנדערע אָרגאַניזאַציעס. מען רעכנט, אַז אַ געוויסער טייל פון דער תל־אביבער באַפעלקערונג דאַרף שוין אָנקומען צו געזעלשאַפטלעכער הילף, און וויפל משפּחות שטיקן זיך און ציִען איין דעם פּאַסעק און מיידן נאָך דערווייל אויס אָנצוקומען צו געזעלשאַפטלעכער הילף.

אָרעמקייט און נויט ביי פולער באַשעפטיקונג, ביים מאַנגל פון פאַך־

אַרבעטער, נויט וואָס צעשפּרייט זיך מיט יעדן טאָג צווישן גרויסע מאַסן פון דער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג — דאָס א״ז די גרעסטע געפאַר און דאַרף זיין די גרעסטע מאָנונג פון די היינטיקע שטורמישע טעג.

אַ געזעלשאַפט, וואָס שפּילט זיך ביים פייער פון מלחמה־פאַרדינסטן און טאַנצט איבער גרויע מאַסן פון הונגעריקע פרויען, קינדער און אַר־בעט־מענטשן — די דאָזיקע געזעלשאַפט, וואָס געפינט נישט די מיני־מאַלסטע הילפס־גרייטקייט פאַרן געפאַלענעם, וועט מוזן באַצאָלן ווי אַנדערע אין דער בלוטיקער געשיכטע פון דער לעצטער תקופה.

„נייוועלט״, 26.12.1941

השביתות וההשבתות בישוב היהודי

(פרקים ממחקרו על השביתות וההשבתות שעדיין לא פורסם)

השביתות וההשבתות בשנים 1938—1921

(סיכום כללי)

ברישום קבוע של שביתות הפועלים הוחל רק לאחר מלחמת העולם הראשונה. יצוין פה, שהמספרים של שנות 1920—1919 אינם נותנים תמונה שלמה על המצב הכללי של הפועלים בתקופה זו. ארגון הפועלים טרם הוקם. הסתדרות העובדים נוסדה רק בסוף שנת 1920. כיון שהמספרים מציינים שביתות פועלים מאורגנים בלבד, הרי רחוקים הם מדיוק מינימלי. משום כך הונחה שנת 1921, השנה הראשונה לפעולת ההסתדרות, גם כשנה ראשונה לרישום השביתות הבאות בחשבון במחקר זה. מספר השביתות הכללי בתקופת 1931—1919 היה 363. עקב הסיבות הנ"ל פוחת מספר השביתות בתקופה האמורה ב־4 שביתות ומספרן הכללי בשנים 1931—1921 הוא 359. מספר זה כולל שביתות והשבתות, אם כי מספר ההשבתות בתקופה זו מצער. ברישום השביתות בהסתדרות לא הוציאו עד שנת 1931 את ההשבתות מתוך הסכום הכללי של השביתות *). רק מתחילת 1932 נמצאים ברישום השביתות מספרים מיוחדים על השבתות. עובדה זו פוגעת בדיוק, אולם אנו נאלצים לקחת זאת בחשבון, הואיל וברצוננו להסתמך על מקורות ההסתדרות, כשמקורות מוסמכים אחרים גם אינם.

המספר של 359 שביתות לתקופת 1931—1921, ז. א. ל־11 שנה, מהווה בממוצע 32.6 שביתה כל שנה. המספר הכללי של ימי האבטלה שנגרמו על ידי השביתות הוא 124.318 יום או 342.2 ימי אבטלה בממוצע לכל שביתה. מספר הפועלים שהשתתפו בשביתות אלו הוא 9070, או 25.2 בממוצע לכל שביתה.

*) להלן נשתמש לשנים 1931—1921 בביטוי „שביתות" ונכלל בתוכו גם השבתות.

המספר הכללי של 359 שביתות במשך 11 שנה אינו מתחלק באופן שוה לפי השנים. את תנודות השביתות בשנים אלה אפשר לראות על פי האינדכסים של הטבלא 1 הנותנת הסבר לא רק למספר השביתות, אלא גם למספר הפועלים השובתים ולימי האבטלה. בטבלא הנ"ל אנו מציינים את הנתונים של שנת 1921 כ־100, וכבר בשנת 1924 נראית עליית האינדכס של השביתות עד ל־511 וב־1925 עולה האינדכס עד למכסימום של 677. מתוך השנים 1928—1923 מצטיינות שתי השנים 1924 ו־1925 במספר השביתות הגבוה ביותר. היו אלו שנות עליה רחבה לפי קנה־מידה של הזמן ההוא, שנות גיאות ובנין ומשק שנמשך בקצב מהיר שלא היה כמוהו מתחילת התקופה החדשה אחרי המלחמה. בשנים אלו, שמציינים אותן בהתפתחות הישוב היהודי בארץ כתקופת העליה הרביעית, אנו רואים את מעמד הפועלים העברי בארץ מבצר ביצור ראשון את עמדותיו בתעשיה ובמלאכה בהתאם לתנאי הארץ המיוחדים ומבסס אותן מבחינה כלכלית וחברתית.

עם הרחבת המשק גדל גם ציבור הפועלים, פחת מספר מחוסרי עבודה. מתוך תקופת השנים 1928—1922 היה אחוז מחוסרי עבודה הנמוך ביותר בשנים 1925—1924 (5.9% בשנת 1924, 6.5% בשנת 1925, לעומת 9.3% בשנת 1923, 24.1% בשנת 1926 ו־26.0% בשנת 1927. אגב, נותנת השנה האחרונה את אחוז מחוסרי עבודה הגבוה ביותר מתוך כל 17 השנים האחרונות). אחרי שנות הגיאות של 1925—1924, המלווה מלחמה חריפה של הפועלים על תנאי עבודה משופרים, בא המשבר של 1928—1926 עם עליה מבהילה במספר מחוסרי עבודה. עובדה זו משפיעה על התפתחות השביתות. מספרן יורד מ־61 בשנת 1925 ל־21 בשנת 1926, 20 בשנת 1927 ו־22 בשנת 1928.

אותן הסיבות גרמו גם לתנודות אופייניות במספר הפועלים המשתתפים בשביתות. גם כאן בולטות השנים 1925—1924 במספרם הגבוה של המשתתפים. האינדכס (שנת 1921 — 100) של מספר הפועלים השובתים עולה מ־247 בשנת 1923 ל־680 בשנת 1924 ול־1132 בשנת 1925. וכבר בשנת 1926 יורד האינדכס עד 140 על מנת להתרומם קמעה עד 240 בשנת 1927 ו־375 בשנת 1928. אותן התופעות נראות גם בחלוקת ימי האבטלה לפי השנים, אם כי האינדכס אינו עולה גם בשנים 1925—1924 באותה המידה שעלה ביחס למספר הפועלים. עד למכסימום עולה האינדכס בשנת 1925 שהוא 882, יורד בשנת 1926 עד 234, בשנת 1927 ל־359 ויורד בשנת 1928 עד 113.

טבלא 1.

השביתות וההשבתות בישוב היהודי בארץ־ישראל
(1919 — 1931)

ש נ ה	מספר השביתות וההשבתות	מספר הפועלים	י מ י אבטלה	מספר חברי ההסתדרות	א י נ ד כ ס מספר השביתות וההשבתות	מספר הפועלים וההשבתות	י מ י אבטלה	מספר חברי ההסתדרות
1919	1	40	560					
1920	3	44	591					
1921	9	233	3.775	4.440	100	100	100	100
1922	9	200	2.017	5.400	100	85	53	122
1923	21	576	6.705	7.500	233	247	177	170
1924	46	1585	24.065	8.250	511	680	637	187
1925	61	2638	33.302	9.000	677	1132	882	204
1926	21	382	8.863	13.000	233	140	234	295
1927	20	562	13.469	15.000	222	240	359	340
1928	22	886	4.279	17.000	244	375	113	386
1929	45	679	8.773	18.000	500	291	232	409
1930	47	533	6.685	20.200	522	228	177	459
1931	58	697	12.385	21.000	644	341	330	477
ס״ה	363	1954	125.469					

טבלא 2.

השביתות בישוב היהודי בארץ־ישראל
(1932 — 1938)

שנה	מספר השביתות	מספר הפועלים	ימי אבטלה	מספר חברי ההסתדרות	אינדכס: מספר השביתות	מספר הפועלים השובתים	מספר ימי אבטלה	מספר חברי ההסתדרות
1932	38	873	7.198½	23.500	100	100	100	100
1933	44	1.804	14.290	26.600	115	206	198	113
1934	68	1.104	11.313	37.000	178	126	157	157
1935	69	1.625	17.090	52.000	181	186	237	221
1936	45	723	7.201	69.000	118	82	100	293
1937	82	4.085	12.605	78.000	215	467	175	331
1938	114	1.849	16.209	80.000	300	211	225	340
ס״ה	460	12.063	85.906½					

טבלא 3.

ההשבתות בישוב היהודי בארץ־ישראל
(1932 — 1938)

שנה	מספר ההשבתות	מספר הפועלים המושבתים	ימי אבטלה	מספר חברי ההסתדרות	אינדכס: מספר ההשבתות	אינדכס: מספר הפועלים המושבתים	אינדכס: מספר ימי אבטלה	אינדכס: מספר חברי ההסתדרות
1932	9	281	3.578	23.500	100	100	100	100
1933	5	79	1.010	26.600	55	28	28	113
1934	9	756	6.749	37.000	100	269	188	157
1935	6	349	1.379½	52.000	66	124	38	221
1936	4	30	544	69.000	44	10	15	293
1937	4	44	476	78.000	44	15	13	331
1938	5	487	2.251	80.000	55	173	62	340
ס"ה	42	2.026	15.987½					

בטבלא 1 צויינו הקווים הכלליים בהתפתחות השביתות. אנו מוצאים בה גם את המספרים על ריבוי חברי ההסתדרות בתקופה האמורה. כאן נראה הבדל רב בתנודות של התהליכים הללו. בו בזמן שמספר השביתות, מספר הפועלים השובתים ומספר ימי האבטלה נתונים להשפעת תהליכים כלכליים, מהווים המספרים של ריבוי חברי ההסתדרות תהליך עליה הדרגתי במשך כל שנות התקופה האמורה. האינדכס מתחיל ב־100 בשנת 1921 ועולה באופן שיטתי עד 477 בשנת 1931 מבלי לרדת אף באחת השנים. אפשר להגיד כי בכל הטבלא 1 מספר חברי ההסתדרות הוא היחיד שאינו תלוי באיזה שהוא גורם צדדי והנהו הנקודה היציבה היחידה בעליית האינ־דכס. המספר הכללי של חברי ההסתדרות שהיה 4,400 בשנת 1921, עלה ל־21,000 חברים בשנת 1931 (בלי נשי העובדים).

חטיבה מיוחדת מהוות השנים 1931—1929, כשנות מעבר מנקודת השפל של המשבר לגיאות הכלכלית החדשה שהחלה בשנת 1932. מספר השביתות עולה מ־22 בשנת 1928 ל־49 בשנת 1929, ל־47 בשנת 1930 ול־58 בשנת 1931. אינדכס השביתות מתקרב למעמדו בשנת 1925 (644 בשנת 1931 לעומת 677 בשנת 1925), אם כי ביחס לימי האבטלה שנגרמו על ידי השביתות וביחס למספר הפועלים השובתים אין האינדכס מראה על עליה כזו.

התקופה השניה המקיפה את 7 השנים האחרונות (1932—1928) עומדת במזל של התרחבות עצומה, הן מבחינת גודל הישוב ומעמד הפועלים, הן מבחינת הרחבת המשק. העליה הגדולה של השנים 1935—1933 גרמה להכפלת מספר האוכלוסיה היהודית ובמיוחד לעליה הגדולה במספר הפו־עלים המאורגנים. בשנת 1933 היה מספר חברי ההסתדרות 26,000, אולם כבר בתחילת 1936 עולה מספרם ל־69,000 חבר. שני מספרים אלה בלבד משמשים ביטוי מובהק לתהליך ההתרחבות העצומה של המשק והישוב העברי בתקופת השנים האמורה. אין להתפלא, איפוא, שמלחמת מעמד הפועלים היתה מכוונת — על אף ההישגים של השנים הקודמות — להגנת תנאי העבודה הקיימים מחד, ומאידך לפעולות תנופה בהתאם לשינויים הגדולים שחלו לא רק במבנה המשק, אלא אף בעליה שגדלה ובזרימת ההון שהיתה כרוכה בה, מה שהביא להעלאת רמת החיים הכללית בישוב.

השנים 1938—1932 מהוות חטיבה מסויימת שמקורה בהתפתחות הגבוהה יותר של הישוב היהודי בארץ ומשקו. הישוב חורג מתקופת הנחת היסודות הכלכליים והחברתיים. 11 השנים הקודמות, 1931—1921, היו מלוות תנודות גדולות בהתפתחות הישוב והמשק היהודי בארץ. את ריבוי האוכלוסיה היהודית — מ־82 אלף איש בשנת 1922 עד 170 אלף בשנת 1931 ליוה גידול

רב יותר של מעמד הפועלים ואירגונו. אינדכס גידול ההסתדרות עלה מ־100 בשנת 1921 ל־477 בשנת 1931, ז. א. עליה כמעט פי חמש.

התקופה הראשונה מצויינת גם בתופעות כלכליות וחברתיות האופייניות לתהליך ההתישבות בארץ־ישראל והחוזרות ונשנות בתולדות ההתישבות בעולם כולו. עולים חדשים, הבאים לארץ חדשה, השונה מארץ מוצאם במבנה הכלכלי והחברתי, זקוקים לזמן רב של התבצרות כשכבות חברתיות מסויימות. מתוך סיבות אלו מסתבר ההבדל הרב שבין התקופה השניה לבין השנים הקודמות. העליה גדלה אמנם, במיוחד בתקופה השניה, וכן התרחב המשק במידה כזו שאפשר לראות תקופה זאת כמניחה יסודות הישוב. אולם המספרים הגדולים של תקופת הגיאות בשטח העליה וממילא של ריבוי הישוב, בנין המשק בעיר ובכפר והקמת מפעלי תעשיה רבים — אין בכוחם להאפיל על העובדה, כי הזרם הגדול הזה של העליה בתקופה האחרונה מצא לפניו יסודות מוצקים שהונחו על ידי העליות הקודמות. תהליך זה בולט במיוחד במסגרת היחסים החברתיים.

יחסים אלו נתהוו עקב מציאותו של מעמד פועלים מאורגן במידה שקשה למצוא דוגמתו מבחינה יחסית אצל עמים אחרים. ומאידך עקב תהליך מקביל של זרימת הון פרטי לארץ, שבעליו חדורים אותן שאיפות, האופייניות לכל הון, החודר לארצות בלתי מפותחות: ניצול מכסימלי של התנאים המיוחדים בארץ ההגירה ובמיוחד את העבודה הזולה והבלתי מאורגנת. ברם, כאן בארץ הועמד ההון היהודי בפני הצורך להתחשב בגורמים לאומיים מיוחדים.

המספרים של השביתות בתקופה זו מראים לא בלבד את הגידול שחל בישוב ובמעמד הפועלים, אלא גם את הקצב המוגבר של המלחמה המעמדית.

השינוי שחל משנת 1932 באופן רישומן של השביתות וחלוקתן לפי שביתות והשבתות מאפשר הבהרה של אופי התנועה המעמדית, מבליט את חלקם של הפועלים המאורגנים בתנועה זו מחד ואת זה של המעבידים מאידך.

המספר הכללי של השביתות בתקופת 1932—1938 הוא 460 (טבלא 2). מכאן שבממוצע חלו בכל שנה 65.7 שביתה — לעומת 32.6 בתקופה הראשונה. מספר ימי אבטלה עולה ל־85906½ יום. על כל שביתה חלים בממוצע 182.4 ימי אבטלה. מספר הפועלים שהשתתפו בשביתות היה 12063 או בממוצע 26.2 פועל לכל שביתה.

בהשוואה למספרים המקבילים מהתקופה הראשונה (1921—1931) נראה כי המספר הממוצע של השביתות בכל שנה עלה כדי כפליים. שינוי רב חל בחריפות השביתות. 182.4 ימי האבטלה בממוצע לכל שביתה בתקופה

השניה לעומת 342.2 ימי אבטלה בתקופה הראשונה. לעומת זה לא חלו שינויים ניכרים במספר הממוצע של הפועלים השובתים של התקופה הראשונה והשניה.

את התנודות במספר השביתות אנו רואים מתוך האינדכסים של הטבלא הנ״ל. אינדכס מספר השביתות של שנת 1932 המקובל כ־100 עלה בשנת 1938 עד 300. בהשוואה עם האינדכס של התקופה הראשונה קטנות התנודות של מספר השביתות לפי השנים ביחס לאינדכס השביתות בתקופה השניה.

גם האינדכס של מספר הפועלים השובתים מראה על עליה מכסימלית עד 467 בשנת 1937 *). ביתר השנים מתנודד האינדכס בין 100 בשנת 1932 ו־211 בשנת 1938. אשר לימי האבטלה מראה האינדכס עליה קטנה. המכסימום הוא 237 בשנת 1935. התנודות מתחילות מ־100 בשנת 1932 עד 225 בשנת 1938. לעומת זה עולה אינדכס מספר חברי ההסתדרות, באופן שיטתי מ־100 בשנת 1932 עד 340 בשנת 1938 ז. א. שמספר חברי ההסתדרות גדל במשך 7 שנים פי שלושה וחצי.

המספרים הנ״ל, ביחוד ההשוואות עם התקופה הראשונה, מציינים ברורות את השינויים שחלו במשך הזמן בתנועת השביתות. התקופה השניה — על אף ריבוי השביתות ביחס לשנים הקודמות — מבליטה, לרגל הפחתת חריפות השביתות, התפתחות גדולה של הגורמים המעכבים את השביתות בכלל, או המביאים לקיצורן. עובדה זו אין מקורה במצב הכלכלי הטוב בלבד, שיש בו כדי להשפיע על המעבידים למניעת סכסוכים, אלא גם הודות לארגון הפועלים והנקיטה בצורות משופרות להסדרת יחסי העבודה כמו חוזים קולקטיביים וכו׳. אם התקופה הראשונה היתה תקופת הנחת היסודות לארגון הפועלים בארץ ומלחמה על תנאי עבודה מיני־מליים — הנה אופיינית התקופה השניה ביצוב יחסי המשק והיחסים החברתיים.

חלוקת 42 ההשבתות לפי השנים 1938—1932 (טבלא 3) אינה שווה. לפי מספר ההשבתות חל המספר הגדול ביותר (9) בשנת 1932. לעומת זאת אופייניים לשנת 1934 מספר ימי האבטלה הגדול ביותר (6749). ירידה גדולה באינטנסיביות ההשבתות ניכרת בשנים 1936 ו־1937, ז. א. בשנות המאורעות והמשבר הכלכלי. אולם שנת 1938 מראה על אף המצוקה הממושכת והמשבר בארץ עליה ניכרת באינטנסיביות ההשבתות.

*) המספר הגדול של הפועלים השובתים בשנה זו בא עקב שביתת פועלי הבנין בתל־אביב (2000 פועלים), שנמשכה רק יום אחד.

החלוקה לפי השנים היא מרובת תנודות ואינה מוכיחה על סימנים בולטים של עליה או ירידה. את התהליך המספרי של ההשבתות נוכל לקבוע לפי היקף ההשבתות וחריפותן, לפי המספרים הממוצעים של הפועלים שהושבתו ולפי ימי אבטלה בכל שנה ושנה.

השנה	מספר הפועלים השובתים הממוצע לכל השבתה	מספר ימי אבטלה הממוצעים לכל השבתה
1932	31.2	397.5
1933	15.8	202.0
1934	84.0	749.8
1935	58.1	229.8
1936	7.5	136.0
1937	11.0	119.0
1938	97.4	450.2

כפי שמראה הטבלא, אין החלוקה של מספר הפועלים הממוצע בהש־בתות שווה. מתוך שנות הגיאות חל המספר הגדול ביותר על שנת 1934 — 84 פועלים מושבתים בממוצע בכל השבתה. בשנת 1935 היה המספר אמנם קטן יותר (58.1), אולם המשבר הכלכלי התחיל ברבע האחרון של שנה זו. את המספרים הקטנים ביותר נותנות השנים 1936 ו־1937, ז. א. שנות המאורעות והמשבר הכלכלי הקשה. המספר הגדול ביותר חל על השנה האחרונה, שנת 1938 — 97.4 פועל, כי בשנת 1938 הקיפו ההשבתות מפעלים גדולים יותר. גם בחלוקה של המספרים הממוצעים של ימי אבטלה נראה תנודות לפי השנים. אולם גם במספרים אלה בולטת שנת 1934 עם 749.8 יום בממוצע. גם בחלוקה זו חלים על שנות המאורעות המספרים הקטנים ביותר ביחס לשנים הקודמות: 136 יום בשנת 1936; 119 יום בשנת 1937, השנה שבאה אחר כך, שנת 1938, מראה גם במקרה זה על עליה ניכרת ביחס לשנים הקודמות — עד 450.2 ימי בטלה בממוצע וזה למרות ששנת 1938 היתה כבר השנה השלישית למאורעות — ועל אף החרפת המשבר הכלכלי.

מתוך מספרי ההשוואה המובאים לעיל בולטת שנת 1934 כשנת גיאות טיפוסית לארץ עם עליית שכר העבודה, דבר שעלול היה להביא את המעבידים לנצל נשק ההשבתות על מנת לעצור בעד ההתקפה החזקה מדי של הפועלים. ברם, לחריפות בשנת 1938 אופי שונה לגמרי: על ידי נשק ההשבתות מנסים המעבידים להוריד את שכר העבודה או לצמצם הישגים סוציאליים אחרים, בנצלם במיוחד את המשבר הקשה ואת חוסר העבודה. ההשבתה מופיעה במקרה זה כאמצעי במלחמה על הטלת ההפסדים הכרוכים במשבר על שכם הפועלים, לתקן על ידי כך את הקלקולציה ולהעלות את הריווח של המפעל.

השביתות וההשבתות בשנות 1940—1939

תנועת השביתות בשנתיים האחרונות (1940—1939) עומדת בסימן המלחמה. אם כי הארץ לא היתה נתונה עד הזמן האחרון בתוך החזית ממש — השפיעו על משקה ותנאי חייה רוב הגורמים, הפועלים בכל הארצות הלוחמות. מבחינה זו מהוות השנים 1939 (בחלקה) ו־1940 — חטיבה מסויימת בתוך מסגרת היחסים החברתיים וביחוד ביחסי העבודה.

שאלות כאובות, שהביאו גם בימי שלום להחרפת הניגודים בין המע־בידים והעובדים, ערכן עולה בזמן חירום. הזעזועים הכלכליים משפיעים ביתר שאת על המצב החומרי של רוב הפועלים. התייקרות המיצרכים העיקריים, העלאת התשלומים בעד שיכון ושירותים, לחץ מוגבר של מסים, אף אלה שהוטלו מרצון ומתוך סולידריות לרגלי הגברת המצוקה בין פועלים — כל הגורמים הללו גוררים אחריהם התאזרות הפועלים להגן על האנטרסים החיוניים שלהם נגד נותני העבודה, המתנכרים דווקא בשעת חירום זו למצב הקשה, שנוצר עקב המלחמה.

השביתה מהווה גם בתנאים אלה, היוצאים מן הכלל, נשק מגן, שיש צורך לאחוז בו. ברור, שאינם חסרים, ואף מתגברים, הקולות מצד המע־בידים הדורשים לאסור על שביתות העלולות ביחוד בזמן מלחמה לפגוע במשק ומה גם כשברוב הארצות נעשה מאמץ רב להגברת הייצור. הנימוקים הללו עלולים לכתחילה לעשות רושם. ביחוד, כשמביאים בתור דוגמה את אנגליה עצמה, שבה הממשלה מתערבת בסכסוכי עבודה, הפורצים במפ־

עלים חיוניים לצרכי הגנה ואספקה ומונעת בהם את הפסקת העבודה, ואפילו איגודי הפועלים נותנים הבטחות לא להביא את הסכסוכים עד לידי שביתה.

„רציגות" הנימוקים האלו אפשר למדוד על פי העובדה, שבפומבי משתמשים המעבידים, או דובריהם, תמיד בקביעת העובדה הנ"ל, מבלי להוסיף, שבאותה אנגליה הוכרזה הנכונות של איגודי הפועלים למנוע שביתות, לאחר הבטחת הממשלה לא לנגוע בהישגים הסוציאליים היסודיים של הפועלים ולהתנגד להורדת רמת־חייהם כתוצאה מהתייקרות המיצרכים בזמן המלחמה. שכר־העבודה מבוסס כעת באנגליה על התנודות באינדכס יוקר־החיים. הוא יורד ועולה לפי התנודות של האינדכס.

בוויכוחים המתנהלים כעת בשאלת שכר־העבודה, תוספת־יוקר ובקשר עם זה בשאלת הצדקת השביתות בזמן המלחמה, חסר תמיד בהופעות המעבידים החלק השני של „עובדות אנגליה" *) מתעלמים מהעובדה, שבארצנו לא ניגשה עדיין הממשלה לסידור כלשהו של יחסי העבודה והיא דוגלת עדיין ב„אי־התערבות" מזהירה בכל השאלות הנוגעות להגנת הפועל ולרמת־חייו.

אם החיים הכלכליים, למרות מצב המלחמה, מתנהלים בצורה המאפשרת חופש גמור לספסר במיצרכים חיוניים, להעלות את המחירים על תוצרת התעשיה, מוכרח גם הפועל להשאיר לעצמו רשות להשתמש בנשק היחיד העומד לרשותו, לאחוז בנשק השביתה לשם הקלה כלשהי נגד „אי תשומת לב" מיוחדת במינה מצד המעבידים והסוחרים.

הסיכום הכללי של השביתות
בשנות 1940—1939

בשנות 40—1939 פרצו בישוב היהודי 210 שביתות. מהן 121 בשנת 1939 ו־89 בשנת 1940. בהשוואה עם השנים הקודמות היתה תנועת השביתות ומספר ימי האבטלה כדלקמן:

---

*) גם בשנתיים האחרונות (1940—1939) פרצו באנגליה שביתות וזה נוכח ההסכם בשאלת איסור השביתות. בשנת 1939 היו 940 שביתות עם 337,300 משתתפים ו־1,346,000 ימי אבטלה. בשנת 1940 — שהיא כולה שנת המלחמה פרצו 914 שביתות עם 300,500 פועלים ו־941,000 ימי אבטלה.

טבלא

השנה	מספר השביתות	מספר הפועלים השובתים	מס. ימי הבטלה	אינדכס			ממוצע פועלים לכל שביתה	ממוצע ימי הבטלה לכל שביתה
				מספר השביתות	מספר הפועלים	מס. ימי הבטלה		
1935	69	1.625	17.090	100.0	100.0	100.0	24	248
1936	45	723	7.201	65.2	44.5	42.1	16	160
1937	82	4.085	12.605	118.2	251.2	37.8	50	154
1938	114	1.849	16.209	165.2	113.8	94.8	16	142
1939	121	2.706	19.125	175.4	166.5	111.9	22	158
1940	89	3.234	24.361	129.0	199.0	142.5	36	472

תנודות האינדכס מראות, כי התפתחות השביתות, מחוץ לשנת 1936 — השנה הראשונה למאורעות בארץ, היתה בקו העליה. הפחתת מספר השבי־תות בשנת 1940, השנה הראשונה למלחמה, בולטת לגבי השנים הקודמות. גם ביחס לימי הבטלה, שהלכו לאיבוד עקב השביתות, אנו רואים גידול מתמיד. אפילו שנת המלחמה הראשונה, 1940, אינה מהווה יוצא מן הכלל, אלא להיפך, דווקא בשנה זו הגיע סמפר הימים המובטלים לשיאו מכל 6 השנים האחרונות, לרגל הסיבות המיוחדות הנובעות ממצב המלחמה, בעיקר מהשינויים שחלו עם התיקרות מיצרכי החיים.

הקווים הכלליים של תנועת השביתות בשנתיים האחרונות לא יהיו שלמים, אם לא נשווה את מספר ימי הבטלה הממוצע לכל שביתה במשך 6 השנים האחרונות. כפי שנראה מהמספרים הנ״ל היתה ירידה שיטתית במשך שנות 1936—38 במספר ימי עבודה שהלכו לאיבוד. שנת 1935, השנה האחרונה לגיאות הכלכלית בארץ מופיעה עם 248 ימי בטלה בממוצע לכל שביתה. מאז נופלים על כל שביתה פחות ימי אבטלה, בהגיעם ל־142 ימים בשנת 1938. העליה הקטנה שחלה בשנת 1939 (158 ימי אבטלה) אינה משנה בהרבה את התמונה הכללית. רק בשנת 1940 — השנה הרא־שונה, שהיא כולה במצב מלחמה, אנו רואים עליה ניכרת בממוצע של ימי אבטלה, המגיע ל־274 יום. בזה עבר הממוצע משנת המלחמה הרא־שונה על המכסימום של שנת 1935, שנת הגיאות האחרונה, אשר לפני התחלת המאורעות.

מספר הפועלים המוחלט, שהשתתפו בשביתות, נמצא בשנים האחרונות בסימן של עליה. בהשוואה עם שנת 1935 עלה האינדכס של מספר הפו־עלים השובתים עד 113.8 בשנת 1938 ועד 166.5 ו־199.0 בשנתיים האח־רונות. הממוצע של מספר הפועלים השובתים בשנות 1935—1938 הוא 2071 לעומת הממוצע של שנות 1939—1940 המגיע עד 2970. השנים 1936—1937 אינן באות בחשבון בהשוואה זו, בגלל העובדה ששנת 1936 היתה הראשונה למאורעות בארץ והמצב שנוצר עם זה השפיע הן על מספר השביתות שפרצו והן על מספר המשתתפים וימי האבטלה. שנת 1937 אי־אפשר לקחת בהשבון מחמת שביתה אחת של פועלי הבנין בתל־אביב שהקיפה עד 2000 פועלים ונמשכה יום אחד. זה משתקף גם במספרים הממוצעים של מספר הפועלים השובתים המראה עליה מתמדת בשנתיים האחרונות. והממוצע של שנת 1940 (36 פועלים) עולה ב־33% על זה של שנת 1935.

אוגוסט 1941

ד״ר גרשון גרשוני

די הסתדרות — אירע פּראָבלעמען הײַנט צו טאָג

די ספּעציפישקייט פון מדינת ישראל

איך וויל רעדן וועגן דער הסתדרות ווי זי שטעלט זיך פאַר אין אונדזערע טעג און וועגן מדינת ישראל אין איר ספּעציפישער לאַגע, אין וועלכער זי געפינט זיך נאָך די צוויי יאָר פון איר עקזיסטענץ. די ספּעציפישקייט פון אונדזער מדינה איז דאָס ספּעציפישע וואָס איז דעם יידישן פאָלק געבליבן ביז הײַנט צו טאָג. דאָס ספּעציפישע פון דער מדינה באַשטייט אין דעם וואָס זי בויט זיך אַ סך מער, אַ סך שנעלער און אַ סך גרעסער זינט איר אומאָפּהענגיקייט ווי אין משך פון 30—40 אָדער אפשר 50 יאָר פון יידישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ ישראל. אײַנוואַנדערונג און קאָלאָניזאַציע טראָגן אין זיך אַלע פּראָבלעמען וואָס האָבן עקזיסטירט אין משך פון צענדליקער יאָרן, פון דער אַנטשטייאונג פון דעם ציוניזם, פון דעם אָנפאַנג פון דער קאָלאָניזאַציע און פון דער גאַנצער טראַגעדיע וועלכע איז שוין מיט צענדליקער יאָרן צוריק געוועזן אַזוי בולט און וועלכע איז נאָך פאַרצענפאַכט געוואָרן אין אונדזער צײַט.

דערפאַר איז מדינת ישראל דער לעבעדיקסטער און אויסדרוקפולסטער סימבאָל פון דעם לעבן און דער לאַגע פון דעם יידישן פאָלק איצט אין דער וועלט. מיר האַלטן איצט אין דער מיט פון גרעסטן פּראָצעס וואָס עס קען פאָרקומען אין לעבן פון אַ פאָלק, דעם פּראָצעס פון איבער־וואַנדערן, פון איבערטראָגן גאַנצע טיילן פון אַ פאָלק אין זײַן אייגענער היים. דאָס לייגט אַרויף דעם שטעמפּל אויף דעם וואָס הייסט מדינת ישראל אין די נאָענטסטע יאָרן, און איך האָב מורא צו זאָגן, אויף אַ סך ווײַטערע יאָרן. דערפאַר איז מדינת ישראל אַן אייגנאַרטיקע מדינה, און אַלץ וואָס זי פאַרמאָגט, און אַלע פאַקטאָרן פון אַ מדינהשן, מלוכהשן לעבן און פון אַ לעבן פון אַ פאָלק, טראָגן אַ ספּעציפישן כאַראַקטער, אַ באַזונדערן כאַראַקטער וואָס טיילט אונדז אָפּ פון דער גאַנצער וועלט. און בעת מיר רעדן הײַנט וועגן דער הסתדרות, וואָלט געווען כדאי דאָס צו האָבן אין זינען.

די ספעציפישקייט פון דער הסתדרות

די הסתדרות איז נישט צו פאַרגלייכן מיט וועלכער עס איז אַנדערער אָרגאַניזאַציע אין דער וועלט; אַלע באַגריפן אין דער אַרבעטער־באַוועגונג און אַלע פאָרמען פון דער אַרבעטער־באַוועגונג קענען זיך נישט צופּאַסן צו דער אייגנאַרטיקער ראַם וואָס הייסט הסתדרות און וואָס פאַרנעמט לויט אונדזער אַלעמענס מיינונג דעם גרעסטן אָרט אין דעם אויפטו פון דעם מלוכהשן לעבן אין ארץ ישראל.

עס איז מיר אויסגעקומען היינט דורכצוקוקן אַ סטענאָגראַמע פון אַ רעדע פון אַ שליח פון דער הסתדרות מיט צוויי יאָר צוריק. דער חבר האָט דעמאָלט געוואָרנט — אויף אַ קאָנפערענץ ווי די היינטיקע — אַז עס איז מעגלעך, אַז מיט דער אַנטשטייאונג פון דער מדינה וועלן אַנטשטיין ספקות וועגן דער נוצלעכקייט אָדער נויטווענדיקייט פון דער הסתדרות. און ער האָט אויך פאָרויסגעזען, אַז סאָציאַל־פּאָליטישע פּראָצעסן אין לאַנד וועלן זיך פאַרשאַרפן מיט דעם אַנטשטיין פון דער מדינה. די וועלכע האָבן געלאָזן הסתדרות־חברים אויסטריקענען בלאָטעס און בויען ישובים אין די וויסטענישן אין דער צייט פאַר דער מדינה האָבן היינט אַן אַנדערן צוגאַנג. היינט זענען די אינטערעסן אַנדערע, מער קריסטאַליזירטע, מער בולטע.

דאָס ברענגט מיך צו דער הסתדרות אַלס אַ פאַקטאָר פון ווירטשאַפט־לעכן אויפבוי פון לאַנד. עס האָט לכתחילה נישט עקזיסטירט קיין שום אויסגעאַרבעטער פּלאַן פון יידישע אַרבעטער מיט 40 יאָר צוריק בשעת זיי זענען געקומען און זיי האָבן זיך געוואָלט אַריינרייסן אין די טויערן פון די ערשטע יידישע פּרדסים און מען האָט זיי פאַרטריבן ווייל מען האָט זיך נישט גענויטיקט אין זיי. די סטודענטן פון רוסלאַנד האָבן געוואָלט שאַפן אַ זאַך וואָס איז געווען אַזוי ווילד אין די אויגן פון די ערשטע יידישע קאָלאָניסטן. זיי האָבן געוואָלט שאַפן אַן אַרבעטערשאַפט, אַ מאָדערנע אַרבעטערשאַפט. זיי האָבן נישט געהאַט קיין אויסגעאַרבעטן פּלאַן, נאָר די ביטערע ווירקלעכקייט פון אַ קאָלאָניזאַציע וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן מיט פאַלשע וועגן האָט געצוווּנגען די הסתדרות אויסצו־בילדן פאַר זיך אַ באַזונדערן וועג. דער אַרבעטער איז געווען צו פאַר־איינזאַמט אין ארץ ישראל כדי ער זאָל זיך קענען פאַרלאָזן אויף אַנדערע. ער איז געווען טיילוויז טאָלערירט אָבער קיינמאָל האָט מען מיט אים נישט קאָאָפּערירט. די אַרבעטערשאַפט האָט געמוזט אָנגיין מיט אירע

באַזונדערע וועגן ווייל זי האָט נישט געהאַט אויף וועמען זיך צו פאַרלאָזן און ווייל זי האָט געוווסט, אַז איר אייגענע צוקונפט איז געווען אָפּהענגיק פון אייגענער ווירטשאַפטלעכער איניציאַטיוו. די הסתדרות איז געוואַקסן דערפאַר נישט נאָר אַלס טרייד־יוניאָן, נאָר זי איז געוואַקסן גלייכצייטיק ווי אַ גרויסע קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג. דאָס לעבן האָט געבראַכט צו דעם, אַז צוזאַמען מיטן וווקס און דער אָרגאַניזירונג פון דער אַרבעטער־שאַפט, איז די הסתדרות געוואָרן איינער פון די וויכטיקסטע ווירטשאַפט־לעכע פאַקטאָרן אין לאַנד. אָבער די הסתדרות־ווירטשאַפט האָט געטראָגן אַ בפירושן קאָאָפּעראַטיוון כאַראַקטער. ווער עס האָט געגלויבט, אַז די מדינה, אין וועלכער די אַרבעטער האָבן די גרעסטע השפעה, וועט קענען רעווידירן, וועט קענען פאַרקלענערן די דאָזיקע באַדייטונג פון דער הסתדרות, דער האָט אַ ביטערן טעות. מדינת ישראל, אין איר צווייט יאָר עקזיסטענץ, האָט באַוויזן בולט, אַז די ארץ ישראלדיקע ווירטשאַפט גייט אין צוויי גרויסע, ברייטע, פּאַראַלעלע וועגן — קאָאָפּעראַציע און פּריוואַטע איניציאַטיוו.

די הסתדרות אַלס קאָלאָניזאַציע־פאַקטאָר

איך האָב פאַר זיך דאָ אַ פּאָר ציפערן וועלכע וועלן אייך בולט אילוס־טרירן וואָס הייסט הסתדרות אַלס קאָלאָניזאַציע־פאַקטאָר אין לאַנד. אין משך פון פיר יאָר, פון 1945 ביז אָנפאַנג 1949, זענען געגרינדעט געוואָרן 110 לאַנדווירטשאַפטלעכע פּונקטן. זענען 80 פון זיי געווען ישובים פון דער הסתדרות. צווישן די אַנדערע 30 זענען געווען ישובים פון הפועל המזרחי, העובד הציוני, אגודת ישראל און אַפילו איין ישוב פון ביתר און איין ישוב פון חירות. איך האָב אַרייַנגענומען אַלעמען כדי צו געבן אייך אַ ביישפּיל וואָס הייסט הסתדרות אַלס קאָלאָניזאַציע־פאַקטאָר.

ביים היינטיקן טאָג איז דער פּראָבלעם פון התישבות אפשר נאָך שווערער ווי פריער, ווייל דאָס לאַנד איז נישט באַזעצט אינגאַנצן, ווייל מען מוז צוגרייטן קאַדרען פּונקט אַזוי ווי מען האָט זיי צוגעגרייט מיט דרייסיק יאָר צוריק, כדי צו פאַרנעמען פּאָזיציעס אין נגב, אויפשטעלן לאַנדווירטשאַפטלעכע ישובים דאָרט ווו אָדער עס איז גאָרנישט געווען קיין אַראַבישער ישוב, אָדער ווו עס איז יאָ געווען, נאָר די אַראַבער זענען אַנטלאָפן. ביי פאַרשידענע באַדינגונגען פון דער נאַטור, אָפטמאָל ביי

פאַרשידענע קלימאַטישע באַדינגונגען, מוז מען האָבן קאַדרען אויסגעהאַדעוועטע אַזוי ווי אין די צוואַנציקער יאָרן, בשעת די ערשטע חלוצים זענען אַראָפּ אין עמק יזרעאל. דערפאַר איז פאַרשטענדלעך פאַרוואָס די הסתדרות מוז פאַרבלייבן דער הויפּט־פאַקטאָר אין קאָלאָניזאַציע און פאַר וואָס די רעגירונג, ביי איר בעסטן ווילן צו קאָלאָניזירן דאָס לאַנד, קען דאָס נישט טאָן און וועט עס נישט טאָן אָן דעם וויכטיקסטן מענטשן־רעזערוואַר; ווייל די דאָזיקע קאַדרען זענען די איינציקע וועלכע זענען פעיק און וועלכע זענען מוכן און מזומן צו גיין באַזעצן נייע געביטן.

ישראל ווערט איצט געבויט פון אַ שטאַרקן קאָלאָניזאַציע־פאַקטאָר, וועלכער טראָגט אַ לחלוטין אַנדערן כאַראַקטער ווי אין אַלע אַנדערע לענדער. נישט קיין פויערים, נישט קיין קליינבירגערטום וואָס אַנטלויפט כדי צו ווערן פויערים, נאָר אַרבעטער וועלכע בויען אָריגינעלע פאָרמען פון צוזאַמענלעבן און אַרבעט, קאָלעקטיווער אַרבעט, קיבוצים, מושבי עובדים און מושבים שיתופיים, אַ נייע פאָרם וועלכע קען האָבן פיל דערפאָלג מיט דעם וואָס זי שאַפט אַ סינטעז צווישן דעם מושב עובדים און צווישן דעם קיבוץ.

כדי צו פאַרשטיין דעם טעמפּאָ מיט וועלכן דאָס ווערט געטאָן דאַרפט איר בלויז נעמען אין באַטראַכט די פאָלגנדיקע ציפערן: פון 1882 ביז דעם אַנטשטיין פון דער מדינה, זענען אויפגעשטעלט געוואָרן 350 לאַנדווירטשאַפטלעכע פונקטן. פון 15טן מאַי 1948, דעם טאָג פון דעם אַנטשטיין פון דער מדינה, ביז סוף 1949, זענען אויפגעשטעלט געוואָרן 135 נייע ישובים, און אין דעם יאָר 1950 ווערט געפּלאַנט אויפצושטעלן 150 נייע ישובים. דערפון וועט איר פאַרשטיין וואָס די הסתדרות באַטייט אין היינטיקן טאָג אַלס דער צושטעלער פון אויסגעשולטע אַרבעטער.

דער מאַנגל אין חלוצישן עלעמענט

די קאַדרען קומען הויפּטזעכלעך פון דער נייער עליה. אָפּטמאָל גייען זיי אַרויף אויף דעם באָדן נישט האָבנדיק קיין אַנונג וועגן דער אַרבעט, און די הסתדרות גיט זיי די אינסטרוקטאָרן און די געזעלשאַפטלעכע דערציונג וועלכע איז נויטיק פאַר אַ קאָלעקטיווער פאָרם פון ווירטשאַפט. און ביי דער געלעגנהייט וויל איך דערמאָנען דעם פּראָבלעם וואָס מאַטערט איצטער אַממערסטן די הסתדרות. דאָס איז די פראַגע פון דעם כאַראַקטער

פון דער עליה, די פראַגע פון פרצוף פון דעם ישוב אין די נאָענטסטע יאָרן.

היינט צו טאָג איז זייער שווער צו געפינען אַ גוט צונויפגעשטעלטן גרעין (קערן), אַ גרופּע פון גרינדער, פאַר אַ קיבוץ. איבערנאַכט קען מען נישט שאַפן קיין חלוצישע באַוועגונג. אין אַמעריקע איז עס דערווייל בלויז אַן עקספּערימענט, און מען קען נאָך נישט וויסן ווי אַזוי עס וועט אויסזען דער דאָזיקער עקספּערימענט אין יאָרן אַרום. דערווייל איז פאַראַן אַ מאַנגל אין אַן אָרגאַניזירטן, דערצויגענעם חלוצישן עלעמענט. און פאַראַן אויך דער פּחד, צי וועלן אָט די הונדערטער טויזנטער וועלכע קומען אַריין, אָט אַזוי ווי זיי קומען אַריין, אָט אַזוי קאַטאַסטראָפאַל, אָט אַזוי בהלהדיק ווי זיי קומען אַריין לעצטנס, צי וועלן זיי קענען בילדן מיט זיך דעם עלעמענט וועלכער זאָל זיין פעיק צו גיין אין דער לאַנדווירט־שאַפט. פון איבער 350 טויזנט עולים וועלכע זענען אַנגעקומען אין לאַנד, זענען 60 טויזנט נפשות איבערגעגאַנגען אויף לאַנדווירטשאַפט. האָבן מיר זיך געפרייט. אָבער ווי אַזוי זענען זיי אַריבער? נישט ווי אַמאָל איז אַרויפגעגאַנגען אויפן באָדן אַ גוטער, געשולטער גרעין; מען האָט זיי געדאַרפט געבן מלמדים, וועלכע זאָלן זיי לערנען יעדע קלייניקייט פון ערשטן טאָג אָן און זיי האָבן איבערגענומען אַפילו טיילווייז פאַרטיקע ווירטשאַפטן, פאַרלאָזענע אַראַבישע דערפער. דאָס הייסט ביי אונדז מושב עולים. מושב עולים איז נישט מושב עובדים. מושב עולים איז אַזאַ איבערגאַנגס־פאָרם, אַ שנעל אויפגעבויטער לאַנדווירטשאַפטלעכער פּונקט, וואָס איז מער אַן אַבסאָרבירונגס־פּונקט פאַר די נייע עולים אָדער אַ ספּעציפישע לאַנדווירטשאַפט.

די החלוץ־באַוועגונג, דער קוואַל וואָס איז אויסגעטריקנט געוואָרן אין אַזוי פיל לענדער, קען נישט קאָמפּענסירט ווערן אַפילו מיט טויזנטער מאָביליזירטע מענטשן וועלכע וועלן אַוועקגיין אויף לאַנדווירטשאַפט. עס קען נאָר קאָמפּענסירט ווערן מיט די עלעמענטן וועלכע זענען אַדורכ־געגאַנגען אַ גוטע חלוצישע שולע.

די הסתדרות־איניציאַטיוו אין דער שטאָט

אויב אין דער לאַנדווירטשאַפט איז דער אַרבעטער געשטאַנען פאַר אַ פּוסטן חלל ווו קיינער האָט נישט געוואָלט אַריינשטעקן זיין פוס, האָט די שטאָט זיך אַנטוויקלט שנעלער און זי האָט זיך אַנטוויקלט אויף דעם

ריין קאַפּיטאַליסטישן וועג פון שטאַטישער ציוויליזאַציע. און דער יידישער אַרבעטער איז אין דעם פּרט שוין געשטאַנען פאַר פאַרטיקע פאַרמען וועלכע ער האָט נישט געקענט ענדערן און ער איז אפשר נישט געווען פאַראינטערעסירט צו ענדערן. העכער פון אַלעם איז געווען דער געדאַנק צו זען וואָס מער יידן זאָלן קומען און וואָס שנעלער זיי זאָלן זיך קענען עטאַבלירן אין לאַנד. אָבער ווידער אַמאָל האָט זיך די הסתדרות אָנגעשטויסן אויף אַ מאַנגל אין איניציאַטיוו, אָדער אויף איניציאַטיוו וואָס האָט נישט געקענט אַנטשפּרעכן די באַדינגונגען און די באַדערפעניש.

די הסתדרות האָט קיינמאָל נישט געשטערט דעם פּריוואַטן קאַפּיטאַל. די הסתדרות איז שטענדיק געווען פאַר דעם, אַז מען זאָל מאַכן פאַרלייכטערונגען פאַרן פּריוואַטן קאַפּיטאַל, אָבער די הסתדרות האָט נישט געקענט וואַרטן אויף פּריוואַטן קאַפּיטאַל, ווייל זי האָט געמוזט גיין פאָרויס, ווייל עס זענען געווען די וואָס האָבן געמאָנט ביי איר. אַט די הונדערטער טויזנטער אַרבעטער וועלכע געפינען זיך איצט אין ישראל קענען זיך נישט דערלויבן דעם לוקסוס פון זיצן אין די ביוראָס פון דער הסתדרות און וואַרטן ביז וואַנען דער פּריוואַטער קאַפּיטאַל וועט קומען. דערפאַר איז אַזוי פאַרשטענדלעך פאַרוואָס נישט קיין אַנדערע, נישט דער פאָנד אָדער יענער פאָנד, די גרופּע אָדער יענע גרופּע, נאָר די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע איז געווען און איז פאַראַנטוואָרטלעך, פּאַקטיש אַ סך מערער ווי די הונדערט־מיליאָנענדיקע פאָנדן, פאַר די צענדליקער טויזנטער הייזער וואָס מען בויט. די אמתע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער אַבסאָרבירונג פון דער עליה, הגם דאָס ווערט נישט געשריבן און ווערט נישט דעקלאַרירט, האָט די הסתדרות. דערפאַר איז די הסתדרותישע ווירטשאַפט היינט אַ ווירטשאַפט וואָס שטייט נישט אויף איין אָרט, נאָר גייט פאָרויס, וואַקסט פון טאָג צו טאָג, איז פול מיט אַקטיוויטעטן, פול מיט פּראָיעקטן און פול מיט איניציאַטיוו. צי איז דאָס ווייל זי וויל אימיצן פאַרטרייבן? ניין, ווייל קיינער קומט נישט, אָדער קומט אין אַן אומגענוגנדיקער מאָס אַזוי אַז זי מוז עס טאָן. אָבער אַז די הסתדרות טוט עס, בלייבט זי; זי טוט עס נישט צייטווייליק; עס בלייבט אַ קאָאָפּעראַטיוו.

מיט 10 יאָר צוריק, ווען איר זאָגט צו אַן ארץ ישראלדיקן אַרבעטער, אַז די הסתדרות וועט אַמאָל זיין אַ בעל־הבית פון „ווולקאַן" אָדער פון „פעניציאַ", אָדער פון „נשר" אָדער פון „שמן" — איך רוף דאָ אָן פּאָפּולערע און גרויסע פאַבריקן אין ישראל — וואָלט ער אייך מסתמא אויסגעלאַכט. אָבער דער פאַקט איז, אַז די הסתדרות איז געוואָרןביים היינ־

טיקן טאָג זייער אַן ערנסטער פּאַרטנער אין דעם וואָס מען רופט אַן גרויס־אינדוסטריע אין ישראל. און אַ פּאָר ביישפּילן וועלן אייך אילוס־טרירן ווי אַזוי די הסתדרות איז געוואָרן אַ גרויס־קאַפּיטאַליסט און אַ גרויס־אינדוסטריעלער.

אין ראשון לציון האָט זיך געראַנגלט פאַר קיום אַ גלאָז־פאַבריק; עס זענען געווען קריזיסן און עס האָבן זיך אַ פּאָר מאָל געביטן די בעלי־בתים. קיין אָפּזאַץ־מאַרק איז נישט געווען און די פּראָדוקציע איז געווען אַ שלעכטע און קאָנקורענץ פון אַנדערע לענדער איז געווען אַ געוואַלטיקע. דאָס איז נאָך געווען אין די יאָרן פאַר דער מלחמה און די גאַנצע אונ־טערנעמונג האָט געדאַרפט ביסלעכווייז אינגאַנצן ליקווידירט ווערן. זענען די אַרבעטער געקומען מיט אַ דערקלערונג, אַז די בעלי־בתים קענען זיך אָוועקפאָרן, אָבער זיי ווילן נישט פאַרלירן די דאָזיקע פּאָזיציע, וואָס באַשעפטיקט אַרום 300 מענטשן. און די דאָזיקע פאַבריק האָט זיך אָרגאַ־ניזירט אַלס קאָאָפּעראַטיוו און האָט געמוזט אָפּקויפן די פאַבריק. האָבן זיי זיך געווענדט צו די הסתדרותישע אינסטאַנצן און די הסתדרות האָט געקויפט די פאַבריק בשותפות מיט אַנדערע, און איצט גייט דאָס געשעפט גוט און די פאַבריק אַנטוויקלט זיך. מיט דעם וואָס די הסתדרות עפנט אַן אינדוסטריעלע אונטערנעמונג, פאַרזיכערט זי גלייכצייטיק דעם אָפּזאַץ־מאַרק. דאָס קומט פון אַ גרויסן סעקטאָר פון דער ישראלדיקער ווירט־שאַפט, פון דער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג, פון דער קיבוצישער באַווע־גונג, פון אַלעם וואָס איז פאַרבונדן מיט דער הסתדרות.

און אַז עס איז געשטאַנען אַ פּראָבלעם, אַז „שמן" זאָל אַריבער אין די הענט פון ענגלישן קאַפּיטאַל, איז דען געווען אַ פראַגע וועגן דעם, ווי אַזוי מען זאָל ראַטעווען די דאָזיקע פאַבריק? זי איז געראַטעוועט געוואָרן דערמיט וואָס דער „המשביר" איז אַריינגעגאַנגען דאָרטן אין שותפות מיט פּריוואַטן יידישן קאַפּיטאַל, און די השפעה האָט „המשביר", ד. ה., די הסתדרות. די הסתדרות קומט אַריין דאָרטן ווו אַ פּאָזיציע קען אונטערגיין פון זיך אַליין אָדער אַמאָל פון אַ בייזער כוונה, אויב ס'איז נאָך דאָ אויסלענדישער קאַפּיטאַל דערביי. די הסתדרות קען נישט פאַר־לירן אַ פאַבריק, צי עס לוינט, צי עס לוינט נישט. ס'איז אַן אַרבעטס־פּלאַץ, ס'איז אַ פּראָדוקט וועלכער ווערט אויסגעאַרבעט אין לאַנד און טאָר נישט אַריינגעפירט ווערן פון חוץ לארץ. פּריוואַטער קאַפּיטאַל קען עס יאָ איבערלאָזן.

דערפאַר איז פאַרשטענדלעך פאַרוואָס ס'איז ביים היינטיקן טאָג

נישטאָ קיין רייד, אַז דער קאָאָפּעראַטיווער סעקטאָר זאָל זיך באַשרענקן ווייל עס גייט זיין מאַיעסטעט, דער פּריוואַטער קאַפּיטאַל. קודם כל גייט ער נישט און אַז ער וועט קומען, וועלןביידע אַרבעטן זייט ביי זייט.

איצט האָט די הסתדרות געמוזט אויף זיך נעמען אַ נייע אויפגאַבע, אַ קאַמף פאַר ראַציאָנאַליזאַציע. די באַלעבאַטים האַלטן נישט דערפון; די איניציאַטיוו איז אַרויס פון דער הסתדרות און די הסתדרות האָט געשאַפן אומעטום אַזעלכע פּראָדוקציע־קאָמיטעטן, וועלכע האָבן איבער־גענומען די פונקציע פון פאַרבעסערן די פּראָדוקציע און פאַרבעסערן דעם מעכאַנישן פּראָצעס פון דער אויסאַרבעטונג פון פּראָדוקט.

אַזאַ פונקציע האָט קיינמאָל נישט געהאַט די אַרבעטערשאַפט אין אַנדערע לענדער. דאָ אין אַמעריקע איז עס אַוודאי אַ פרעמדע זאַך, אָבער ביי אונדז אין ישראל איז עס אַ נויטווענדיקייט. פּראָדוקציע איז ביי אונדז שטאַרק פאַרנאַכלעסיקט אין זין פון מעכאַנישער אויסשטאַטונג און פון אַרבעט־מעטאָדן. נישט קוקנדיק אויף גאַנץ נישקשהדיקע רווחים אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָבן די באַלעבאַטים ווייניק געטאָן אויפן דאָזיקן געביט כדי צו קענען קאָנקורירן מיט אויסלענדישן אימפּאָרט.

דער וווקס פון דער אינדוסטריע און אירע אויסזיכטן זענען אָפּהענגיק פון דעם צי וועט די אינדוסטריע מאָדערניזירט ווערן. די הסתדרות, וועלכע האָט אין זינען, אַז די פאַבריקן דאַרפן קענען קאָנקורירן אין די נאָענטסטע יאָרן מיט אויסלענדישן אימפּאָרט, איז פאַראינטערעסירט אַז דער דאָזיקער מאָדערניזירונגס־פּראָצעס זאָל פאָרקומען ווי אַמשנעלסטן און דער דרוק קומט טאַקע פון איר.

די גאַנצע פּראָדוקציע איז אָפּהענגיק פון דער אַרבעטערשאַפט אין אַן אַנדערן, זייער וויכטיקן זין — די שנעלע אויסבילדונג פון פאַך־אַרבעטער, איינע פון די וויכטיקסטע זאַכן מיט וועלכע די הסתדרות פאַר־נעמט זיך. די עליה וואָס קומט צו אונדז איז נישט אויסגעבילדעט פאַכ־מעניש און דערפאַר ווען איר לייענט איבער, אַז די הסתדרות האָט איצט 6 פאַכשולן רופט עס אַרויס ממש אַ געלעכטער. 6 שולן, אפילו ווען זיי האָבן טויזנט תלמידים, זענען אַ טראָפּן אין ים. פאַרוואָס? ווייל עס האַנדלט זיך איצט וועגן צענדליקער טויזנטער, וועלכע מען מוז אַמשנעלסטן געבן די עלעמענטאַרע באַגריפן פון פאַך־אויסבילדונג, בפרט נאָך אַז מיר האָבן נישט אַזאַ סיסטעם פון ספּעציאַליזירטער פּראָדוקציע ווי דאָ אין אַמעריקע. דאָ אין אַמעריקע דאַרף מען אָפט מאָל זיך אויסלערנען בלויז

איינע אָדער צוויי באַוועגונגען מיט דער האַנט כדי צו אַרבעטן ביי אַ טעקסטיל־מאַשין. ביי אונדז אָבער אין אַ פאַבריק מוז דער אַרבעטער זיין געשולט, און דאָס טוט איצט די הסתדרות. לויט מיין טיפסטער איבער־צייגונג טוט די הסתדרות ווינציק און טוט עס מיט אַ גרויסער פאַר־שפעטיקונג, נישט ווייל זי וויל נישט, נאָר ווייל זי קען נישט, ווייל זי האָט נישט די מעגלעכקייט. אָבער דאָס איז אַ פּראָבלעם וואָס מוז געלייזט ווערן וואָס שנעלער, ווייל ווי לאַנג קענען אויסהאַלטן מענטשן אָן אַ פאַך, ווי לאַנג קען מען זיי אויסהאַלטן ווי מען האַלט זיי איצט אויס אין די עולים־לאַגערן? אויסבילדן זיי איז דערפאַר געוואָרן איצט איינע פון די שלאָג־לאָזונגען פון דער הסתדרות.

דער געוואַלטיקער וווּקס — און די געפאַרן

און איצט נאָך איין וויכטיקער פּראָבלעם וואָס מאַטערט אונדז. די הסתדרות האָט געהאַט פאַר די לעצטע פיר יאָר אַ צוווּקס פון בערך 10 טויזנט מענטשן אַ יאָר. אין 1949 זענען אַריינגעגאַנגען איבער 60 טויזנט מענטשן מיט אַמאָל. אין יאָר 1950 קען איך אייך גאַראַנטירן, אַז מען קען דערגיין ביז 80 טויזנט. אַן אָרגאַניזאַציע וואָס באַשטייט פון 300 טויזנט חברים און חברות און נעמט אַריין במשך פון יאָר 60 אָדער 80 טויזנט, קען זיך זייער אַ סך ענדערן און קען באַקומען גאָר אַן אַנדער פּנים. נייע עולים וואָס זענען איצט געקומען פון דער שיף, וואָס קומען אַריין אין אַזוי פיל טויזנטער, זענען עלול אָפּצווישן דעם ספּעציפישן פּנים פון דער הסתדרות. זיי זענען אָן טראַדיציעס, ווייל זיי ווייסן קיין זאַך נישט. און דערפאַר איז געוואָרן פאַרשטענדלעך פאַרוואָס איינע פון די וויכטיקסטע פּראָבלעמען פון דער הסתדרות איז געוואָרן ווי אַזוי אויף שנעל צו דער־ציִען די דאָזיקע איראַקער און תימנער און מאַראָקאַנער יידן, וועלכע זענען געוואָרן איצטער חברים. עס לויערן גרויסע געפאַרן, די געפאַר פון צוויי סטאַנדאַרדן, פון צווייערליי סאָרטן אַרבעטער, טייערע און ביליקערע. ביליקע אַרבעטער, וואָס זענען גרייט צו גיין פאַר 80 פּיאַסטער, פאַר 90 פּיאַסטער, פאַר 70 פּיאַסטער, אַבי פטור צו ווערן פון דער מחנה, ווייל עס ווערט דערעסן אַרומצוגיין פוסט און פּאַסט. און מיר האָבן לעצטנס געהאַט פיינלעכע אינצידענטן. נישט די נאַאיווע תימנער וואָס זענען אַרויס־געשלעפּט געוואָרן פון ראש עין, כדי צו אַרבעטן אין די פּרדסים פאַר

ביליקער און פֿאַרנעמען דעם פּלאַץ פֿון אָרגאַניזירטע אַרבעטער האָבן אַ חשבון מיט דער הסתדרות, נאָר די וועלכע שטייען הינטער די דאָזיקע תימנער, זיי האָבן אַ חשבון מיט דער הסתדרות. און דעם חשבון האָבן זיי נישט פֿאַרגעסן נאָך פֿון אָנהויב פֿון די 30־ער יאָרן און זיי וועלן אים נישט פֿאַרגעסן. אַרבעטער פֿון פֿאַרשידענע ריכטונגען האָבן געגעבן קרבנות כדי צו פֿאַרטיידיקן די פּאָזיציעס פֿון דער הסתדרות, פֿון איינהייטלעכע לוינען, פֿון אָרגאַניזירטער אַרבעט. זיי וועלן איצט נישט דערלאָזן, אַז ס׳זאָל געשאַפֿן ווערן אַ פּראָלעטאַריאַט פֿון אַ צווייטער מדרגה. און אַזאַ געפֿאַר לויערט. ווייל די עליה איז זייער אַ שנעלע. און ווייל זי איז שנעל, איז אונדז שווער צו אַבסאָרבירן אויף אַן אָרגאַניזירטן אופֿן די נייע מענטשן. פֿאַרלירן זיי די געדולד און זוכן פּרנסה, אַ טאָג אַרבעט אַפֿילו פֿאַר סוב־סטאַנדאַרד לוינען. וואָס וועט אונדז געבן די דאָזיקע עליה, און וואָס וועט זיין דער פּרצוף פֿון דער הסתדרות, אויב אַן עליה פֿון אַזאַ כאַראַקטער וועט גיין אַלץ ווייטער און ווייטער און זיי וועלן זיך שפּאַרן אין דער הסתדרות ווייל זיי האָבן אַ געזונטן חוש און זיי ווייסן פֿאַרוואָס זיי גייען אין דער הסתדרות? ביז היינטיקן טאָג האָט מען נישט געפֿונען דעם רעצעפּט פֿון צוגיין צו אַ תימנער אָדער אַן איראַקער און מאַכן אים איבערנאַכט פֿאַר אַ גאַנצן באַוווסטזיניקן חבר פֿון דער הסתדרות. מען מוז אָנגיין מיט אַ געוואַלטיקער דערציונגס־אַרבעט און די דאָזיקע דערציונגס־אַרבעט קען נישט איבערגעלאָזן ווערן צו אַלגעמיינע אינסטי־טוציעס פֿון דער מדינה, וועלכע זענען נישט געניג, ווייל עס זענען איצט נישטאָ נאָך די מיטלען פֿאַר דעם. די הסתדרות מוז איבערנעמען די דאָזיקע אַרבעט צוליב אירע אייגענע אינטערעסן, צוליב די אינטערעסן פֿון אירע אייגענע חברים.

רעפֿעראַט אין ניו־יאָרק אויף דער קאָנפֿערענץ פֿון דער הסתדרות־קאַמפּיין, יוני 1950.

דמויות
גֿעשטאַלטן

דער אייגענער

צו דער געשטאַלט פון שכנאַ זאַגאַן

עס איז נאָך לאַנג נישט פאַרענדיקט דער לאַנגער הספד איבער צענדליקער און הונדערטער חברים, וואָס זענען געפאַלן ווי געטרייע קינדער פון פאָלק און קעמפער פון זיין אַרבעטער־קלאַס. אויף פאַרשידענע וועגן און אומוועגן — ביי לויפן פון נאַצישן טעראָר, אויף די פראָנטן, אין די ווייטע שניי־טונדרעס אין צפון, אין די לאַגערן פון פראַנקרייך און בעלגיע — דער בלוטיקער יידישער שליאַך, וואָס האָט זיך געצויגן פון איין עק וועלט ביזן צווייטן — ביי זיינע ברעגעס זענען זיי געפאַלן, צוגלייך מיט הונדערטער טויזנטער פון געפלאָגטן פאָלק — חברים פון דער פועלי־ציון־באַוועגונג.

די שפאַלטן פון דער צייטונג האָבן אויפגענומען די איוב־בשורות. נאָמען נאָך נאָמען, זענען אַרויף פאַר אונדזערע אויגן און פאַר אונדזער געדאַנק, און יעדער נאָמען האָט דערמאָנט אָן די טרייע געשטאַלטן פון געטאָ, איידער געטאָס זענען דורך די בלוטיקע חיות אויפגעשטעלט גע־וואָרן, וואָס זענען מיט אַ חלום וועגן אַ ליכטיקער צוקונפט געגאַנגען איבערן לעבן צוזאַמען מיט די ברויזנדיקע און שפּרודלדיקע מאַסן פון וואַרשעווער דזשיקע און סמאָטשע, פון לאָדזשער באַלוט און ביאַליסטאָ־קער כאַנייקעס...

די ערשטע ידיעות האָבן אויפגעציטערט. די שפּעטערע, אַז עס האָט זיך אָנגעהויבן דער בלוטיקער שטורעם, וואָס האָט אומגעבראַכט הונדער־טער טויזנטער און אפשר גאַנצע מיליאָנען, האָט מען שוין אויפגענומען מיט יענעם פאַרשטיינערטן יאוש, וואָס האָט אונדז אַלעמען אַרומגעקלאַ־מערט ביי דער גרויס פון חורבן און הריגה.

✡

אַז עס איז געקומען די ידיעה וועגן שכנא זאַגאַן — איז אָט די געפענטקייט, די פאַרשטיינערונג, פאַרשוווּנדן. שכנא איז געווען דער

קריסטאַליזיר־פּונקט פון אונדזער גרויסן ווייטיק אין די דאָזיקע מאוימדיקע טעג. מיר האָבן גערעדט הויך וועגן זיין העלדישן טויט, וועגן די לעצטע מינוטן פון אַ הייפל צעמאַטערטע און פאַרפייניקטע געשטאַלטן, וואָס האָבן אומגעקערט מיט זייער האַלטונג, קאַמף און טויט דעם כבוד די דריי מיט אַ האַלבן יאָר פון קנעכטישער דערשטיקונג, פון געדולדיקן ליידן, פון הונגער און פאַרפאַלגונגען פון מיליאָניקע מאַסן אין פוילן.

אָבער געטראַכט האָבן מיר בשעת מעשה (און אפשר איז עס דווקא אין די דאָזיקע טעג אַן אוממעגלעכקייט!) וועגן דער געשטאַלט שכנא, וואָס איז אונדז אַליין געווען באַקאַנט. ווייל אין אונדזערע רייען איז ער געווען, צווישן אונדז אַרומגעגאַנגען און מיט אונדז צוזאַמען געשפּאַנט איבער דעם ליידנס־וועג פונעם יידישן אַרבעטער.

און ווער ווייס נאָך אַזוי גוט ווי די, וואָס האָבן צענדליקער יאָרן געדינט דער באַוועגונג, דעם שווערן מאַרטירער־וועג פון איינעם, וועמענס גאַנצע עקזיסטענץ ביז צום לעצטן מאָמענט איז געווען איין לאַנגע אויס־פירונג פון אַ שווערער שליחות.

די באַוועגונג האָט זיך פון די ערשטע טעג אירע געשטעלט אין דינסט פון יידישן אַרבעטער־קלאַס און די דאָזיקע באַוועגונג האָט געקאַנט אויס־האָדעווען די, וואָס האָבן איר געדינט זייער גאַנץ לעבן.

דאָס לעבן זיינס איז געווען שטענדיק אין פּראָצעס פון באַוועגונג. שכנא האָט נישט פאַרמאָגט קיין פאַרענדיקטע פעריאָדן אין לעבן. ער האָט זיך קיינמאָל נישט געזעגנט מיט לענדער און קיינמאָל נישט איבערגעריסן מיט אַ באַשטימטער אַרבעט. אַזוי ווי זיין גאַנג, וואָס האָט קיינמאָל נישט אַקצענטירט דעם אָנהייב און דעם סוף, אַזוי אויך זיין גאַנץ וועזן און זיין טעטיקייט; עס איז געווען אַ פלוקטואירנדיקע רירעוודיקייט, וואָס האָט זיך פונאַנדערגעגאָסן געלאָסן, אָן רעש און אָן דער עמאָציאָנעלער פּרעמיע, וועלכע עס פאַרלאַנגען די מענטשן מיט איבערטריבענע אַמביציעס און מיט זעלבסט־פאַרליבטקייט.

מיר האָבן געהאַט די געלעגנהייט אויסצוהערן באַריכטן פון אַ סך חברים וועגן אָפּגעטאָענער אַרבעט. עס איז זיך אָבער שווער צו דער־מאָנען, אַז שכנא זאָל אַמאָל דערציילן וועגן אַ שליחות פון דער פאַרטיי מיט יענעם אויסערלעכן גלאַנץ און פּאָמפּע, און מיט אַרויסרוקן דעם אייגענעם איך, ווי עס קומט אויס אָפּט צו הערן פון אַנדערע. זיין אַרט באַריכטן איז געווען אַ זאַכלעכער, אַ לאָגישער, אַ דורכגעטראַכטער. ער אַליין איז כאילו בכלל נישט געווען ביי דעם ענין, און נאָר אַגב אורחאדיק

האָט מען זיך אָנגעשטויסן, אַז אין די אָביעקטיווע ראַמען האָט געשטעקט די מייסטער־האַנט פון איינעם, וואָס האָט געלערנט אין לעבן מער פון מענטשן און זייערע שוואַכקייטן, ווי פון שווערע ביכער.

אַז מען איז געגאַנגען צו שכנאען צו דערליידיקן אַן ענין, איז קלאָר געווען, אַז דאָ נייטיקן זיך גאָר אַנדערע מיטלען. עס האָט קיינמאָל נישט געקענט העלפן דער אופן פון רעדן, דאָס שיטן זאַמד אין די אויגן. די גרויסע לעבנס־קענטשאַפט האָט געוואָרנט פאַר דעם. שכנאען האָט מען באַדאַרפט איבערצייגן מיט רעאַלע זאַכן.

זיין גרעסטער לעבנס־פריינד איז טאַקע געווען דער חוש פאַרווירקלעכקייט און די שנאה צו אויפגעבלאָזענע חלומות און אילוזיעס. דערפאַר איז ער געווען אַזוי טאָלעראַנט און געדולדיק ביים אויסהערן די לאַנגע ריי שיינע רעדעס און האָט געוווסט צום סוף אַרויסצוכאַפּן דאָס יאָדערדיקע און לעבנס־פעיִקע און מיט דעם פאַרענדיקן דעם וויכוח.

אַלס נאָר־וואָס געקומענער קיין פוילן, בין איך צום ערשטן מאָל בייגעווען ביי אַ זיצונג פון אָנפירנדיקע חברים פון דער באַוועגונג. די פראַגע, וואָס איז באַהאַנדלט געוואָרן, האָט אַרויסגערופן זייער אַ סךליידנשאַפט און אַ זייטיקער צושויער האָט געזען פאַר זיך אַן אַרענע פון זיך באַקעמפנדיקע קעגנזעצלעכע מיינונגען, וועלכע זענען פאַרטראָטן געוואָרן מיט אַ סך פייער, פאַרביטערונג און טעמפּעראַמענט. דער איינציקער, וועלכער האָט זיך געהאַלטן רואיק, ווי אויסערהאַלב דער שלאַכט, איז געווען שכנא. אַזוי איז פאַרבליבן אויף לאַנגע יאָרן דער איינדרוק פון אים. אין אַ געשפּרעך נאָך דער זיצונג האָב איך אים אויסגעדריקט מיין שטוינונג איבער זיין האַלטונג. מיט אַ קלוגן שמייכל האָט ער מיר, געדענק איך, געגעבן דעם משל פון די „סטאַרן" אין טעאַטער, וואָס לעבן קיינמאָל נישט בשלום צווישן זיך. וואָלט דאָך, דער טעאַטער, זאָגט ער, לאַנג באַדאַרפט אונטערגיין. מוז דאָך זיין כאָטש איינער, וואָס איז נישט קיין „סטאַר", כדי הייסן אַרויפצוּצִיען דעם פאַרהאַנג און מעלדן, אַז די פאָרשטעלונג קומט ווייטער פאָר...

די דאָזיקע ראָל פון שכנא אַלס רעזשיסאָר פון דער באַוועגונג איז געקומען אַממייסטן צום אויסדרוק אין די קאַמפן, וועלכע זענען אויסגעבראָכן אין דער פאַרטיי און וועלכע האָבן דער פאַרטיי געקאָסט עטלעכע יאָר שווערן פאָליטישן און אָרגאַניזאַציאָנעלן קריזיס. אַ סך באַציִונגען קעגנזייטיקע, חברישע זענען דאַן איבערגעריסן געוואָרן, אַ סך בייז בלוט האָבן געקאָסט די עקשנות און פאַרביסנקייט פון ביידע ריוואַ־

ליזירנדיקע צדדים, וואָס האָבן געפּאַכטן און אָפּטמאָל פאַרגעסן וועגן דעם עיקר — דעם טרעגער פון דער אידעע פאַר וועלכער מען האָט געקעמפט. ווער עס האָט נישט געקענט אַריבערגיין איבער דעם אייגענעם איך, וועמען די גאווה און וועמען דער אייגענער פרעסטיזש און וועמען די בייזוויליקייט האָבן געשטערט איינצוהאַלטן די בריק, וואָס פאַרבינדט ביידע טיילן. אין די דאָזיקע שווערע צייטן פון דער פאַרטיי איז שכנא אויסגע־וואַקסן צו זיין פולער גרויס.

גראָד אין יענע טעג, בעת כמעט אַלץ איז שוין געלעגן האַפנונגסלאָז, איז מיר אויסגעקומען זיך צו טרעפן מיט שכנאען, ווייל ער איז געבליבן דער איינציקער פאַרבינדער. אין די דאָזיקע געשפּרעכן האָב איך געלערנט דעם מענטשן. די אויסערלעכע ווירקייט באַהויכט מיט דער לייכטער איראָניע האָט אים נישט פאַרלאָזן אויך דאַן, כאָטש דער קריזיס פון דער פאַרטיי האָט אים געטאָטשעט אפשר מער ווי אַן אַנדערן. דערפאַר האָט ער געהאַלטן די פאָרם און די ראַם, ווייל דער בליק האָט אים געטראָגן וויטער פון געגעבענעם מאָמענט. ווער עס האָט געפּאַכטעט מיט דער שפּאַלטונג — שכנא האָט דאַן שוין געטראַכט וועגן אַ צוריק־פאַראייניקטער באַוועגונג. „וועגן מאָרגן דאַרף מען שוין היינט טראַכטן, מאָרגן וועט זיין צו שפּעט״ — פלעגט ער מיט איינגעהאַלטנקייט זאָגן ביי די געשפּרעכן אין קליינעם קאַפע אויף לעשנאָ גאַס.

שכנאען האָט מען ליב געהאַט אין דער פאַרטיי. יאָרן האָט מען בכלל נישט געוווסט פאַרוואָס. אפשר איז איצט, נאָך זיין טויט, געקומען צום באַוווסטזיין דאָס וואָס איז געלעגן אין געפיל.

☆

ער איז געווען אייגנטלעך דער אויסגעפורעמטסטער טיפּ פון דער באַוועגונג. אָן אויסערלעכע אַמביציעס, האָט ער אָבער געהאַט איין גרויסע אינעווייניקסטע — די פאַרטיי. זיין גאַנצקייט האָט טאַקע געדרונגען פון דעם, וואָס ער האָט נישט געהאַט קיין בענקשאַפט נאָך אַנדערע פאָרמען, גרעסערע און ברייטערע, ווי די פאַרטיי. ער איז נישט געקומען פון אַ פרעמדער קולטור, באַאיינפלוסט פון דער ברייטער נישט־יידישער גאַס און איר פאַרנעם, און האָט זיך אַליין אין אונדזערע רייען נישט געשפּייזט מיט גרויסע פּלענער אָן אַ רוקנביין — דערפאַר איז ער געווען גאַנצער און פולער פאַר אַ סך פון זיינע חברים. די פאַרטיי האָט אינסטינקטיוו

געפילט, אַז ער איז שטענדיק אַן אייגענער און דערפאַר האָט מען אים ליב געהאַט.

אַזוי גרויס איז די אבידה פאַר דער פועלי־ציון־באַוועגונג און פאַר דעם יידישן אַרבעטער־קלאַס, אַז מען קאָן זיך דערמאָנען אָן אים, אַלס חבר, און מענטש, אַפילו אין די דאָזיקע טעג. אָט האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ ווײַלע אין געדאַנק די בלוטיקסטע פון אַלע פּראָצעסיעס אין דער מענטשלעכסטער געשיכטע, די לאַנגע ריי פון אונדזערע מאַרטירער און קדושים אומגעבראַכטע דורך די אויסגעהאָדעוועטע פון די „פּײַנע ביזנעס־לייט" פון דער בלוטיקער וועלט, נאַצישע מערדער. און פון דער דאָזיקער ריי שײַנט אַרויס די ליכטיקע געשטאַלט פון דעם, וואָס האָט מיט רויקע און זיכערע שריט געשפּאַנט פון קראָקעווער קוזמיר איבער געשלענגלטע וועגן און סטעזשקעס פון יידישן אַרבעטער ביז צו דער גרויסער בלוטיקער וואַנט פון וואַרשעווער געטאָ...

די טעג פון זײַן לעבן האָט ער אָפּגעגעבן זײַן פועלי־ציון־באַוועגונג. אין דער פינצטערער נאַכט פון בלוטיקן שטורעם איבערן פאָלק — איז ער דערהויבן געוואָרן צו די ליכטיקע געשטאַלטן אין דער מאַרטירער־געשיכטע פונעם יידישן אַרבעטער־פאָלק.

„נייוועלט", 17.6.1943

צום ערשטן יאָרצייט פון חבר יחזקאל גינטער

זונטיק, דעם 11־טן יוני 5 אַזייגער נאָכמיטאָג האָבן זיך אויפן בית־הקברות אין נחלת־יצחק פאַרזאַמלט אַ גרויסע צאָל חברים, צום ערשטן יאָרצייט און דער אַנטהילונג פון דער מצבה אויפן קבר פון פאַרשטאָר־בענעם חבר יחזקאל גינטער. חברים זענען געקומען פון רמת־גן, תל־אביב און נס־ציונה.

די אזכרה ווערט געעפנט מיטן געזאַנג פון דער פועלי־ציון־שבועה. חבר ניר, אין נאָמען פון צ. ק., רעדט וועגן דעם פאַרלוסט וואָס די פאַרטיי האָט געליטן דורכן טויט פון ח' יחזקאל. ער שילדערט דעם ערלעכן פועלי־ציון־קעמפער, וואָס האָט אַזוי טיף מיטגעלעבט מיט אַלע געשעענישן אין דער פאַרטיי און אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. „מיר האָבן פעסטער געשלאָסן די רייען צוליב דעם בלויז, וואָס דײַן טויט האָט איבערגעלאָזט, אָבער דײַן אָנדענק וועט אונדז שטענדיק בלײַבן געהיי־

ליקט און טייער״. ח׳ גבריאל, אין נאָמען פון דער רמת־גנער אָרגאַניזאַציע, ווו חבר יחזקאל האָט לעצטנס מיטגעאַרבעט, דערמאָנט די לעצטע טעג פון פאַרשטאָרבענעם חבר, וועלכער האָט נאָך אַפילו אין גסיסה־צושטאַנד נישט אויפגעהערט טראַכטן וועגן אַלעם און אַלץ, וואָס אין זיין פּאַרטיי קומט פאָר.

דאָס שוואַרצע טוך ווערט אַראָפּגענומען און עס אַנטהילט זיך דער שיינער הויכער שטיין מיט די ווערטער יחזקאל גינטער. מיט דעם געזאַנג פון „אינטערנאַציאָנאַל״ פאַרענדיקט זיך די באַשיידענע אָנדענק־פייערונג נאָך אַ טרייען, האַרציקן חבר און פריינד.

✡

זומער 1933. צופוסנס פון די קאַרפּאַטן. פון דער ווייט — מיט גרינס באַדעקטע בערג־מאַסיוון. אַ מחנה פון וואַרשעווער „שטערן״, חברים און יונגנטלעכע אויף אַ זומער־לאַגער אין ריטרא. געציילטע פרייע טעג, אַרויסגעריסענע פון דער שטיקנדער גרויסשטאָט.

מיר באָדן זיך אין דער זון אויף די לאַנקעס און בערגלעך פון דער ווייכער סאַנדזער לאַנדשאַפט. באַלד איז דער טאָג פאַרביי, גיך לויפט אַדורך די נאַכט.

אויף מאָרגן פרי — איבער צוואַנציק חברה קערן זיך אום פון אַן אויספלוג. אויך אין קריניץ, דעם באַרימטן קוראָרט מיט די גרויסע האָטעלן און מסוכן רייכע חולים, זענען זיי געווען. מיט באַגייסטערונג ממש דערציילן זיי וועגן אַ חבר, וואָס וווינט אין קריניץ און איז מכניס אורחים מיט אַזאַ ברייטער האַנט.

אין עטלעכע טעג אַרום לאָזט זיך אַרויס אַ צווייטער אויספלוג, ווידער קיין קריניץ. קריניץ איז שוין גאַרנישט אַזוי מסוכן טייער און אומצו־טריטלעך — מיר האָבן דאָך דאָרט אַ חבר...

דאָס איז כאַסקל. אָפּגעריסן זיך פון זיין היים, פון סאַנדז, מיט איר לאַנגיאָריקער פועלי־ציוניסטישער טראַדיציע, האָט ער געפרווווט בויען אַ לעבן אין פרעמדן רייכן קוראָרט. אַוודאי איז סאַנדז אינטימער, נענטער. אָבער נויט טרייבט. עס קומען אָן יאָרן פון שווערער אַרבעט אין קריניץ. אין צענטער גרויסע בנינים, מוזיק און טאַנץ, לוקסוס און זאָרגלאָזיקייט. זיין באַשיידענע היים אָן אַ זייט פון גרויסן טומל,ביים עק פון

שטאָט, אויף אַ שטויביקן דאָרפישן וועג, ביי דער גרענעץ, מיט פויערשע „לעמקישע" כאַטקעס.

צום צווייטן מאָל ביי אים צו גאַסט. מיר שפּאַצירן אין די שיינע שטעגן פון גרויסן קוראָרט־וואַלד.

— ווי לעבט איר דאָ, כאַסקל ?

ער איז אַזוי קאַרג אויף ווערטער, אַ וואָרט קומט פון אים אַרויס אַזוי מיושבדיק און פאַרזיכטיק.

— מען בויט אַ לעבן אויף זאַמד... — איז דער קורצער ענטפער.

מיר רעדן ביז שפּעט אין דער נאַכט וועגן ארץ־ישראל.

איך קום ערשט פון ארץ־ישראל. עס שטייען פאַר די אויגן די יונגע חלוצים, אָפּגעברענטע און אויסגעטריקנטע פון דער ברענענדיקער זון, אויף די בנינים אין שטעט און אין קבוצות.

כאַסקל וויל אָוועקוואַרפן די „אַלע גליקן" אין קריגיץ און אויסוואַנדערן.

עס פליט דורך אַ געדאַנק: — צי וועט ער אויסהאַלטן ? און נאָך אַ געדאַנק: — אפשר איז עס אַמאָל בלויז אַ שטימונג אַזאַ — הגם אַלץ אין דעם מענטשן איז — דורכגעטראַכטקייט, געזונטער רעאַליזם און טיף פאַרבאָרגענער, געפּרעסטער ,אָבער שטאַרקער ווילן.

אין אַ פּאָר חדשים אַרום באַקום איך אַ בריוו פון אים, ווו ער דערמאָנט מיך אָן אונדזער געשפּרעך. זיין באַשלוס איז פעסט און אומ־בויגזאַם. ער בעט מיך מיטהעלפן ביים רעאַליזירן זיין פּלאַן.

☆

אין עטלעכע יאָר אַרום זיך געטראָפן אין לאַנד. ער איז אַרבעטסלאָז. נאָך אַ מושבה. מיט אַ שווערער קראַנקייט.

ער איז נישט קיין יחיד אין זיין גורל. אָבער ווי אַנדערש ער רעדט. כאָטש די ליידן זענען די זעלבע, און אפשר שווערער פון אַנדערע, וואָס קענען ליידן אין דער הויך מיט טומל און געפילדער.

— איך ווייס, זאָגט ער, די דאָקטוירים זאָגן, אַז דער קלימאַט איז נישט פאַר מיר. מילא, גיי מאַך איבער פאַר יעדן אַ גאַנצן קלימאַט. וואָלט נאָך געווען אַ ביסל אַרבעט... אָט קומט ער אָפּנעמען געלט פאַר געציילטע פאַר טעג אַרבעט. די קאַסע איז ליידיק. עס זענען שוין פאַרביי אַנדערע פאַר אים מיט דער זעלבער פאָדערונג — און ווי אַנדערש ער רעדט און פאַרלאַנגט.

דער שטענדיקער שמייכל פון גרויסעליידן אַרויס. דאָס שאַרפע אויג אויף אַרומיקע מענטשן און מעשים, דער לייכטער סקעפּטיציזם צו אַלעם אין לעבן אויסגעבאָדן אין וואַרעמקייט און פליכט־געפיל.

אָט אַזאַ איז ער פון אונדז אַוועק אויף אייביק. און אָט פאַרוואָס דער זכרון פון אים איז אַזוי בולט און וואַך: פאַר די שטילע, איינגעהאַלטענע טריט אויף אַזאַ קורצן אָבער אכזריותדיקן שווערן לעבנסוועג.

☆

אויף שנעל דורכגעלאָפענע עטלעכע שטריכן פון אים ביים ערשטן יאָרצייט אויפן קבר אין נחלת־יצחק אַנשטאָט ווערטער, וואָס עס איז אַזוי שווער געווען צו זאָגן אין דער הויך איבער זיין קבר.

„נייוועלט", 16.6.1939

שפרה ווערבער

שטיל קלאַגן די גראָזן

ביים קבר פון גרשון גרשוני

אַ ברעטל אויפן בערגל זאַמד —
דיין נאָמען.
דאָ האָבן פאַרגליווערט
די כוואַליקע שטראָמען
פון דיין לעבן.
פאַרשטומט דיין קול
מיט די ריזלענדיקע ריישן
פון יידיש־ליטע
פון אַמאָל.

ווי אַ צעדערבוים,
אין קלעטער צו די שטערן —
צום חלום דעם גרינסטן, —
פלעגסטו נאָך העכער ווערן,
און בייגן זיך
צו אַ גרעזעלע —
אַ מינדסטן.

פאַרבליקט אין ווייטע האָריזאָנטן,
האָסטו געאָנט דעם פריען מאָרגן
פון דער וועלט,
און דיין שמייכל
אינעם סוד פאַרבאָרגן.

מיר גייען אַוועק — —
שטיל קלאָגן איצט די גראָזן,
פאַרגיב דאָס אָרעם בינטל בלומען,
וואָס מיר לאָזן...

אינהאַלט

זייט

משה ארם — גרשון גרשוני 5
יוסף באַנקאָווער — דער גייסטיקער אַריסטאָקראַט 8
ד"ר יעקב גרשוני — גרשון — מיין איינציקער ברודער 10
יעקב זרובבל — גרשון גרשוני 15
שמואל חורש — ד"ר גרשון גרשוני 20
יעקב מענדעלסאָן — אַ יאָר אָן גרשונין 22
נחום ניר — ג. גרשוני 24
ישראל סטאָלאַרסקי — גרשון גרשוני ווי איך האָב אים געקענט . 26
שמעון פינקל — שאר בשרי גרשוני 30
חיים פינקעלשטיין — דער מענטש איז געוואָרן פאַראַרעמט . . 33
מאיר קוטשינסקי — חבר גרשון גרשוני 37
עוזר שוואַרץ — ד"ר גרשון גרשוני 41

אויף אַלגעמיינע און יידישע טעמעס

שפּאַניע — אַ קער אין דער וועלט־פּאָליטיק 45
געגונג די געפערלעכע שפּיל ! 48
פראַנקרייכס וועגן 51
נאָכן גענעראַל־שטרייק אין פּאַריז 56
די בעלגישע אַרבעטערשאַפט אין קלעם 59
אויף פּוילן וויל האָבן איר אייגענעם „עסטרייך" 62
צו דער פראַגע פון מלחמה און אַרבעטער־קלאַס 65
ווי אַזוי איז דאָס געקומען ? 71
היטלערס „פעלקער־איבערוואַנדערונג" 75
היטלערס „נייער סדר" אין אייראָפּע 79
קאָנפערענץ פון דער ענגלישער לייבאָר־פּאַרטיי 83
דער צוזאַמענשטויס פון צוויי תקופות אין דער אַרבעטער־באַוועגונג 88
די יידן אין דער ראַטנפאַרבאַנדישער ווירקלעכקייט 92
דאָס יידן־פּראָבלעם אין ראַטנפאַרבאַנד נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע 97
מצוקת היהודים בפולין 101
לא לנצח משטר הגיטו בפולין 105

ארץ־ישראל פראָבלעמען

למלחמה בתכנית הקנטונים 109
לפני ההכרעה 112
די לאַגע אין ארץ־ישראל אין איר לעצטער פאַזע 117
דער יידישער פאַשיזם פאַרסמט דעם ישוב 121
די יידישע בורזשואַזיע בלייבט זיך טריי 125
טראַגישע אילוזיעס 129
המצב הכלכלי בארץ 132
ההתקפה על ההסתדרות מתגברת הכנה „מדעית" למלחמה בזכות הארגון אין קאַמף פאַר באַדן 136
באַדן־פּאָליטיק און קאָלאָניזאַציע אין א"י און דער יידישער אַרבעטער 141
די ארץ־ישראל־ווירטשאַפט אין די נייע מלחמה־פאַרהעלטנישן . . 205
די יידישע אינדוסטריע היינט און איר צוקונפט 210
פאַרדינסטן און פאַרדינער פונעם מלחמה־פייער 214
השביתות וההשבתות בישוב היהודי 219
די הסתדרות — אירע פּראָבלעמען היינט צו טאָג 232

געשטאַלטן

דער אייגענער — צו דער געשטאַלט פון שכנא זאַגאַן 245
צום ערשטן יאָרצייט פון חבר יחזקאל גינטער 249
שפרה ווערבער — שטיל קלאָגן די רויזן (ליד) 253